STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11040

GESHIKHTE FUN ALTERTUM

A. V. Mishulin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארײַנפיר.

§1. דאָס לעבנ פונ די אוראלטע מענטשנ.

די אוראלטע האָרדע.

דאָס לעבנ פונ מענטשנ אפ דער וועלט איז אופגעקומענ מיט א סאכ הונדערטער טויזנטער יאָרנ צוריק. די אוראלטע מענטשנ זײַנענ געווענ ווילדע אונ האָבנ געלעבט טשערעדעסווײַז, ווי די כײַעס. גרויסע גרופעסווײַז פלעגנ זיי ארומבלאָנקענ איבער דער וועלט אונ זוכנ דאָס ביסעלע שפּײַז. געמיינזאם פלעגנ זיי מאכנ פרימיטיוו געצײַג אונ באנוצנ זיכ מיט דעם.

די אוראלטע מענטשנ פלעגנ פארווענדנ א סאכ מי, קעדיי צו קריגנ שפּײַז. זיי האָבנ ניט געוווסט ניט פונ קיינ פיצוכט, ניט פונ קיינ ערדארבעט אונ אויכ ניט פונ איבערארבעטנ די באקומענע פראָדוקטנ. זיי האָבנ געמוזט זוכנ אונ פאָשעט אופזאמלענ דאָס אלצ, וואָס טויג צום עסנ.

אינ אָט דעם ערשטנ פעריאָד פונ זייער לעבנ האָבנ די מענטשנ ניט געהאט קיינ וווינונגענ, זיי האָבנ זיכ נאָכ ניט אויסגעלערנט צו בויענ. פלעגנ זיי וווינענ אינ די וועלדער, זיכ באהאלטנ אינ קוסטעס, פארקריכנ אינ טיפע היילנ. ארבעטס-געצײַג פלעגנ זיי מאכנ פונ שטיינער אונ פונ ביינער. געווענ איז עס פרימיטיוו געצײַג, שלעכט באארבעט, ניט קיינ געשלײַפטס. אָט דאָס ערשטע שטיינ-געצײַג, וואָס מענטשנ האָבנ זיכ אויסגעלערנט צו מאכנ, הייסט — געצײַג פונ דער „אלטער שטיינ-טקופע” (פאלעאָליט). מיט דעם דאָזיקנ געצײַג פלעגנ די מענטשנ גיינ אינ יאגד אפ ווילדע כײַעס אונ אויכ אויסגראָבנ שפּײַז-וואָרצלענ.



געצײַג פונ דער אלטער שטיינ-טקופע (פאלעאָליט).

מיט אזא פרימיטיוו געצײַג האָט מענ קיינ סאכ ניט געקאָנט אופטאָנ. האָט דעריבער אפ דעם מענטשנ שטענדיק געלויערט די געפאר פארצוקט צו ווערנ פונ רויב-כײַעס אָדער צו שטארבנ פונ הונגער. דער קאמפ פאר עקזיסטענצ האָט געצווונגענ די מענטשנ ארומצובלאָנקענ צוזאמענ, האָרדעסווײַז, געמיינזאמ זוכנ שפּײַז, צוקלײַבנ זיכ צײַטווײַליקע לאגערונגענ. אָט אזוי האָט אויסגעזענ דאָס לעבנ פונ דער אוראלטער האָרדע.



א צייכענונג פונ א ביזאָנ

(הייל-מאָלערײַ פונ דער פּאַלעאָליט-עפּאָכע).

שיוועט אונ שטאמ.

דאָס לעבנ פונ דעמ מענטשנ איז ניט געשטאַנענ אפ איינ אָרט. האַגאַמ זייער לאַנגזאַמ, דאָכ אָבער איז די אופגעקומענע מענטשלעכע געזעלשאַפט געגאַנגענ פאָרויס. דאָס לעבנ פונ די מענטשנ האָט גענומענ זיכ שנעלער צו אַנטוויקלענ דאַנ, ווענ זיי האָבנ זיכ אויסגעלערנט צו אויסנוצנ דאָס פײַער, וואָס זיי פלעגנ געפינענ בא די פײַער-שפײַענדיקע ווולקאַנענ אָדער בייס די וואַלד-סרייפּעס. שפּעטער זײַנענ מענטשנ דערגאַנגענ דערצו, וויאַזוי אַרויסצובאַקומענ פײַער דורכ רײַבנ האָלצ אָדער אַרויסשלאָגנ עס פונ קיזלשטיינ. די טעכניק האָט זיכ אופגעהויבנ אפ א נײַ שטאַפל. דער מענטש האָט אָנגעהויבנ גוט באַאַרבעטנ אונ אַרומשלײַפנ שטיינער אונ מאַכנ דערפונ מעסערס, דאָלעטעס, פײַלנ-שפּיצנ. דאָס פולקומערע שטיינ-געצײַג הייסט — געצײַג פונ דער „נײַער שטיינ-טקופע” (נעאָליט). גלײַכצײַטיק האָט דער מענטש דערפונדנ דעמ פײַל-אונ-בויגנ, ער איז דערגאַנגענ, ווי אויסצוקנעטנ געשיר פונ ליימ, אויסאַרבעטנ די פעל פונ כײַעס. אינײנעמ מיט דעמ אַרבעטס-געצײַג פלעגנ זיכ ענדערנ אויכ די מענטשנ, זייער אויפנ פונ באַקומענ לעבנס-מיטלענ. די מענטשנ הייבנ שוינ אָנ פאַרהיימישנ באַלעכאַימ, כאַפּנ פיש, עס הייבט זיכ אָנ די אורהאַלטע פיצוכט. אינ צוזאַמענהאַנג דערמיט מערקט זיכ אָנ דער אַריבערגאַנג צו אַנ אײַנגעזעסענעמ אַרט לעבנ. די וואַנדערנדיקע מענטשנ-האָרדעס הייבנ זיכ אָנ אָפּזונדערנ איינע פונ די אַנדערע אונ פאַרנעמענ באַשטימטע ערד-פּלעצער. אַזויאַרומ זײַנענ נאָכ צומ סאָפ פונ דער אַלטער שטיינ-טקופע אופגעקומענ שוואָטימ, דה. גרויסע פאַראייניקונגענ פונ מענטשנ-גרופּעס, וואָס געפינענ זיכ אינ קרויווישע באַציִונגענ. די שוואָטימ ווידער טיילנ זיכ אפ שטאַמענ. א שטאַמ איז באַשטאַנענ פונ א גרופּע מענטשנ, וואָס זײַנענ צווישנ זיכ לײַבלעכע קרויווימ. די שטאַמ-אָרגאַניזאַציע האָט זיכ ניט געפונענ אינ א פאַרגליווערטנ צושטאַנד, זי פלעגט זיכ אויכ קעסיידער אַנטוויקלענ אונ ענדערנ.

מוטער=שטאמ און פאָטער=שטאמ.

בא דער שטאמ-אָרדענונג האָט די הויפּט-ראָליע די ערשטע צײַט געשפּילט די פרוי. מיט א מאָטיגע גראָבט זי אופ די ערד, זי הייבט אָנ זייענ טווע, פארהיימישנ באלעכאַימ. אז דער מאנצבל גייט אוועק אפ יאגד קריגנ שפּײַז, בלײַבט די פרוי אפ דער לאגערונג און גיט אכטונג אפ די קינדער און אלטע לײַט, זי היט אָפּ די ווינונג און פאסט אופ אפ דער אָרדענונג. איר ארבעט איז דער הויפּט-קוואל פאר דער עקזיסטענצ פונ די, וואָס בלײַבנ אפ דער לאגערונג. דאָס אלצ שטעלט אוועק די פרוי אפנ ערשטנ אָרט. אָט די אָרדענונג, בא וועלכער די פרוי האָט געשפּילט די הויפּט-ראָליע אינ שטאמ, הייסט מאטריארכאט.

א סאכ טויזנטער יאָרנ זײַנענ פארגאנגענ, ביז עס איז געמאכט געוואָרנ א נײַער טראָט פאָרויס. די אוראלטע מענטשנ האָבנ זיכ שוינ ניט געקאָנט באנוגענ מיט די צופעליק געפונענע שפּײַז, ווילדע וואָרצלענ אָדער מיט דער ניט שטענדיק געלונגענער יאגד אפ כײַעס. עס וואקסט די באדערפעניש אינ בעסערע שפּײַז און קליידונג, ווינונג און געצײַג. דער מענטש הייבט אָנ אריבערגיינ צו פיצוכט און ערדארבעט, דאָס ווערט דער וויכטיקסטער אויפנ, וויאזוי צו באקומענ לעבנס-מיטלענ. פונ פארהיימישנ באלעכאַימ גייט מענ אריבער צו פיצוכט (פי-פי-טערונג). די מענטשנ האָדעווענ גרויסע טשערעדעס קי און קריגנ מילכ, פלייש, פעל און ביינער. אָנשטאָט דער פרימיטיווסטער ערדארבעט הייבט מענ אָנ פירנ א מער אנטוויקלטע. אָנשטאָט א מאָטיגע הייבט מענ אָנ באנוצנ אנ אקער. אי-נעמ אקער שפּאנט מענ אײַנ א פארהיימישטנ אָקס. דער באָדנ ווערט שוינ בעסער באארבעט, די פעלדער — קינסטלעכ באוואסערט, מע זייט גערשטנ, קוקורוזע, די-ניעס, קירבעס און אנד. נארהאפטע געוויקסנ.

אצינד, אינ אזא מינ ווירטשאפט, קריגט שוינ א גרעסערע באדײַטונג די אר-בעט פונ די מענער. אינ דער פיצוכט און ערדארבעט זײַנענ די מאנצבלענ ניי-טיקער. מיט אָט דער ווירטשאכט אייסעקט זיכ דער מאנצבל, ניט די פרוי. דעמ



געצײַג פונ דער נײַער שטיינ-טקופע (נעאָליט).



געראנגל מיט א מאמאַנט (פונ וואסנעצאָווס בילד).

אויבנאָנ אינ שטאמ פאַרנעמט דער מאַנצבל. די הערשאפט פונעמ מאַנצבל אינ שטאמ הייסט פאטריארכאט.

אינ דער פאַנאַנדערגעוואקסענער שטאמ-געמיינדע זײַנענ פארייניקט ערד-ארבעטער אונ פיציכטלער; זיי פירנ דיווירטשאַפט געמיינזאמ. מיט אלע אָנגע-לעגנהײַטנ פונ דער געמיינדע פירט אָנ אנ עלטסטער—דער עלטסטער מאַנצבל אינ דער געמיינדע, וועלכער פאַרמאָגט א גרויסע לעבנס-דערפארונג. ער דערליי-דיקט אלע שטרײַטנ צווישנ די שטאמ-מיטגלידער, ער באשטימט די מענטשנ אפ ארבעט, ער טיילט פאַנאַנדער צווישנ אלעמענ דעמ פאַנג, די פראָדוקטנ. יענע צײַט איז נאָכ ניט געווענ ניט קיינ פריוואט-אייגנטומ, ניט קיינ קלאסנ, ניט קיינ עקספּלואטאציע. אָט אזוי האָט אויסגעזענ דאָס לעבנ בא דער אוראלטער געמיינדע-אָרדענונג.

§ 2. וויאזוי זײַנענ אופגעקומענ די שקלאפנבאזיצערישע מעלוכעס. היסטאָרישע דענקמעלער.

די אנטשטייונג פונ קלאסנ.

די אוראלטע געמיינדע-אָרדענונג איז דאָס ערשטע שטאפל אינ דער אנטוויקלונג פונ מענטשנ. דורכגעמאַכט דאָס שטאפל האָבנ אלע פעלקער. אצינד איז אָט דאָס שטאפל שוינ א ווײַטע פאַרגאנגענהײַט, שוינ עפּעס אזוינס, וואָס איז געווענ מיט א סאכ טויזנטער יאָרנ צוריק. בלויז גאָר א קליינע צאָל שוואָטימ אינ אווסטראליע, אפריקע אונ אמעריקע (די אינדיאנער לעמאָשל) געפינענ זיכ נאָכ ביז הײַנטיקנ טאָג אינ אמאָליקנ ווילדנ צושטאנד (ווילדע מענטשנ). כוץ דעמ דערמאָנט אונדז וועגנ דער לאנג פאַרשווונדענער אוראלטער עפּאָכע דאָס ביסל טראדיציאָנעלע רעשטנ פונ פאַרצײַטנ, וואָס איז פאַרבליבנ בא אייניקע פעלקער (צומ בײַשפּיל, בלוט-נעקאָמע).

די צעפאלונג פונ דער אוראלטער געמיינדע-אָרדענונג איז פאָרגעקומענ מאַכ-

לאגערונג פונ אנ אוראלטער געמיינדע.

מעס פיל סיבעס. וואָס ווײַטער עס איז געגאנגען די אנטוויקלונג פון דער טעכניק, די פארשפרייטונג פון בראָנזענעם, שפּעטער אויך פון אײַזערנעם ארבעטס-געצײַג, אלץ מער איז געוואקסן דאָס רײַכטום אין דער געמיינדע, אלץ מער רײַכטימער פלעגט זיך אָנזאמלען אין די הענט פון איינצלנע מענטשן. דאָס אָנווענדן די מעטאל-טעכניק האָט געשטויסן דערצו, אז די האנטווערקערײַ זאָל אָפּגעטיילט ווערן פון דער ערדארבעט. דאָס ווידער האָט מיטגעווירקט צו דעם וווּקס פון אויסטויש צווישן די שטאמען און אפילע צווישן איינצלנע מענטשן. אָט אזוי איז אופגעקומען דער האנדל.

די גלײַכהײַט, וואָס האָט פריִער עקזיסטירט אינעם שטאם, האָט שוין גענומען פארשווינדן. פאָרגעקומען איז עס מאכמעס דעם, וואָס אָנשטאָט געמיינזאם אייגנטום האָט זיך באוויזן פּריוואט אייגנטום. בא איינע מישפּאָכעס האָבן זיך אָנגעזאמלט מער ערד, מער פי, געפאנגענע, בא אנדערע — וויינִיקער. מע הערט שוין אוף צו טויטן די געפאנגענע, ווי מע פלעגט דאָס טאָן פריִער, מע פארוואנדלט זיי בעסער אין קנעכט און מע צווינגט זיי צו טאָן שווערע ארבעט. בא איינצלנע מענטשן זאמלען זיך אזויארום אָן פּראָדוקציר-מיטלען: ארבעטס-געצײַג, ערד און אפילע מענטשן — קנעכט. ווידער די, וואָס פארמאָגן גאָרנישט, ווערן פארשקלאפט צו די רײַכע אייגנטימער. איינע מיטגלידער פון שטאם ווערן אלזאָ רײַך, די אנדערע — אָרעם.

אופקום פון מעלוכע.

די רײַכע לײַט פלעגן צווינגען די אָרעמע צו ארבעטן אף זיי. כוץ דעם פלעגן נאָך די רײַכע פירער צונויפנעמען אָטריאדן קריגסלײַט און אָנפאלן אף אנדערע שוואָטים. דאָס רויב און די געפאנגענע פלעגן זיי צונעמען פאר זיך און פאר זייערע קריגסלײַט. מיט דער צײַט האָבן די פירער און די רײַכע לײַט גענומען פארוואנדלען אין קנעכט נית נאָר די געפאנגענע, נאָר אויך די מיטגלידער פון זייער אייגענעם שײַוועט, וואָס זײַנען געוואָרן פאראָרעמט און געבליבן שטיין אין כויוועס צו די רײַכע.

די ערשטע צײַט פלעגן די פירער אליין מישפּעטן און באשטראָפן די באפעלקערונג פאר פארשיידענע שולדן. שפּעטער זײַנען פון צווישן די רײַכע אופגעקומען געהעלפן פונעם פירער: רעגירער פון קרײַזן, אָנפירער פון דרושינעס, ריכטער, עלטסטע איבער געמיינדעס און פארשרײַבער. די רעגירער, די אָנגעזעענסטע לײַט און די נעגידים האָבן גענומען ווערן דער הערשנדיקער קלאס, די איבעריקע באפעלקערונג — דער פארקנעכטעטער קלאס. אָט אזוי האָבן זיך אויסגעבילדעט קלאסן-מעלוכעס, פריִער קליינע, דערנאָך גרעסערע. די מעלוכע פלעגט די שקלאפנבאזיצער געבן מאכט, און מיט אָט דער מאכט פלעגן זיי הערשן איבער די קנעכט און צווינגען זיי צו בלײַבן שקלאפן.

די סאמע אוראלטע גרויסע מעלוכעס, וואָס זײַנען אונדז באוווּסט, זײַנען אופגעקומען אין די טײַכטאָלן: אינעם צאָפן-מיזרעכדיקן טייל פון אפריקע — אין טאָל פונעם טײַך ניל; אין פּאָדעראזיע — אין די נידערלענדער פון די טײַכן טיגער און עפראט; אין אינדיע — בא די טײַכן אינד און גאנג; אין כינע — באַם געלן טײַך. אין אָט די טאָלן האָבן מענטשן גענומען פריִער איידער אין אנדערע ערטער אריבערגיין אין א ברייטן מאסשטאב צו ערדארבעט, אָנזאמלען רײַכטום און אנטוויקלען זיך. שפּעטער האָבן זיך אויסגעבילדעט די מעלוכעס פון גריכנלאנד און רוים.

היסטאָרישע דענקמעלער.

וויאַזוי דערוויסט זיך די וויסנשאַפט וועגן די דאָזיקע אוראַלטע מעלוכעס? מע שטודירט זיי אויס אָפּן סמאַך פון היסטאָרישע דענקמעלער. אַזוינע דענקמעלער זײַנען פאַראַן מאַטעריעלע און שריפטלעכע.

מאַטעריעלע דענקמעלער זײַנען רעשטן פון פאַרשיידענע פאַרצײַטיקע געבײַדעס, פאַרבליבענע שטוב־כּלים, אַמאָליק אַרבעטס־געצײַג, מאַטבייעס, קורץ — אַלץ, וואָס מענטשן האָבן געברויכט אין די אַלטע צײַטן.

שריפטלעכע דענקמעלער זײַנען צו אונדז אָנגעקומען אין דער פאָרם פון אוראַלטע אויפשריפטן אויף שטיינער, אויף די ווענט פון טעמפּלען, אויף ליימענע פּלאַטן און אויך אין דער פאָרם פון פאַרשיידענע ווערק פון אוראַלטע שרײַבער.

אַ סך דענקמעלער פון דער פאַרגאַנגענהײַט געפינט מען דורך אויסגראָבונגען. מיט געפינען און שטודירן אַזוינע דענקמעלער פאַרנעמט זיך די וויסנשאַפט, וואָס הייסט אַרכעאָלאָגיע.

די פאַרשיידענע דענקמעלער, סײַ די מאַטעריעלע סײַ די שריפטלעכע, ווערן אופגעהיט אין מוזייען און אַרכיוון.

גלענצנדיקע קאָלעקציעס פון דענקמעלער זײַנען: אין מאָסקווע — דער היסטאָרישער מוזיי און דער מוזיי פון אָפּבילדונגס־קונסט, אין לענינגראַד — דער ערמיטאַזש, איינער פון די בעסטע מוזייען אין דער וועלט. אין יעדער פאַרבאַנדישער רעפּובליק זײַנען פאַראַן אָרטיקע מוזייען.

די צײַט־רעכענונג.

באַם שטודירן געשיכטע איז זייער וויכטיק צו האָבן אַ ריכטיקע צײַט־רעכענונג.

אין אַלטערטום איז ניט געווען קיין איינהײַטלעכע צײַט־רעכענונג; יעדעס פאָלק פלעגט דאַן פירן די צײַט־רעכענונג נאָך אַ געוויסער וויכטיקער געשעעניש



מוזיי פון אָפּבילדונגס־קונסט אָפּן נאָמען פון א. ס. פּושקין (מאָסקווע).



מעלוכע־ערמיטאזש (לענינגראד).

אין זײַן געשיכטע: די עגיפּטער פלעגן פירן זייער צײַט-רעכענונג לויט דעם, ווען עס האָט אָנגעהויבן רעגירן דער אָדער יענער קייסער, די גריכן — לויט די אָלימ־פּיאַדעס, דה. לויט די גימנאַסטישע שפּילן, וואָס זיי פלעגן דורכפירן אין אָלימ־פּיע; די אוראַלטע רוימער — לויט דער צײַט, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט זייער הויפּט-שטאָט רוים.

הײַנטיקע צײַטן געברויכט מען די קריסטלעכע רעכענונג. די קריסטן פירן די צײַט-רעכענונג פונעם 30-טן יאָר פון דער הערשאַפט פונעם רוימישן אימפּעראַטאָר אויגוסט. יענץ יאָר, דערציילט די לעגענדע, איז געבוירן געוואָרן יעזוס קריסטוס. די וויסנשאַפט האָט דערוויזן, אז קיין שום קריסטוס איז גאָר אף דער וועלט ניט געווען. א סאך מענטשן אָבער האָבן גענומען גלייבן אין אים (די קריסטן). און דערנאָך (אין VI יאָרה.) האָבן זיי דעם לעגענדאַרן געבורטס־יאָר פון קריסטוסן אָנגענומען אלס ערשטן יאָר פון זייער צײַט-רעכענונג. די ציילונג פון די יאָרן, וואָס זײַנען אָפּגעגאַנגען פון דאָזיקן יאָר אָן פאָרויס, צו אונדזער צײַט צו, הייסט — „נײַע ערע"; די צײַט-רעכענונג פון דעם דאָזיקן יאָר, צוריק צו, צום אמאָל, ווערט געפירט אין דער פארקערטער אָרדענונג און זי הייסט — „פאר דער נײַער ערע".

די היסטאָרישע וויסנשאַפט שטודירט די געשעענישן אין א נאָכאַנאַנדיקן סיידער, אזוי ווי זיי זײַנען פאָרגעקומען איינע נאָך די אנדערע. אזא נאָכאַנאַנדיקע צײַט־אָרדענונג פון די געשעענישן הייסט — כראָנאָלאָגישע אָרדענונג. שטודירט מען די געשעענישן אפן סמאך פון די דענקמעלער לויט אָט דער סיסטעם, גיט זיך אײַנ פעסטצושטעלן די געשיכטע פון די מענטשן פון דער אוראַלטער אָרדענונג אָן און ביז צו אונדזערע צײַטן.

וואָס שטודירט די געשיכטע.

אז מיר שטודירנ די געשיכטע פונ דער געזעלשאפט, דערוויסנ מיר זיכ, וויִאזוי עס איז אופגעקומענ די אָדער יענע מענטשלעכע געזעלשאפט און וויִאזוי זי האָט זיכ אנטוויקלט. די היסטאָרישע וויסנשאפט באוויַיזט, אז אינ זייער אנטוויקלונג האָבנ די מענטשנ דורכגעמאכט פארשיידענע שטאפלענ פונ זייער געזעלשאפטלעכנ לעבנ. מיר האָבנ געזענ, אז אינ אָנפאנג פונ זייער געשיכטע האָבנ די מענטשנ געלעבט אינ באדינגונגענ פונ דער אוראלטער געמיינדע-אָרדענונג. דערנאָכ זיַינענ אופגעקומענ קלאסנ און די קלאסנ-אָרגאניזאציע פונ דער געזעלשאפט: די שקלאפנבאזיצערישע אָרדענונג, וויַיטער די לייבייגנטימערישע אָרדענונג, שפעטער די קאפיטאליסטישע אָרדענונג. די אלע אָרדענונגענ האָבנ זיכ באזירט אפ עקספלואטאציע.

די געשיכטע פונ דער געזעלשאפט באוויַיזט, וויִאזוי אינ רעזולטאט פונעם לאנגנ קאמפ, וואָס די אונטערדריקטע פירנ קעגנ זייערע אונטערדריקער, ווערט דעראָבערט די נייַע אָרדענונג, ווו עס איז ניטאָ קיינ עקספלואטאציע און אונטערדריקונג, קיינ פריצים און קאפיטאליסטנ. אָט די נייַע אָרדענונג, די סאָציִאליסטישע אָרדענונג, האָט געזיגט בא אונדז אינ לאנד, אינ פססר. פאר אזא מינ אָרדענונג קעמפנ אויכ די ארבעטנדיקע פונ אנדערע לענדער.

דאָס קענענ געשיכטע העלפט אונדז צו פארשטיינ, פארוואָס מוז דער סאָציִאליזמ זיגנ אינ דער גאנצער וועלט.

אוראַלטער מיזרעכ

I. עגיפּעט.

3 §. די נאַטור אונ די באַפעלקערונג פונ עגיפּעט.

די נאַטור פונ עגיפּעט.

אָנגעהויבנ פונ אַטלאַנטישנ אָקעאַנ בּיזנ רויטנ יאם ציִענ זיכ דורכ צאָפנ-אַפריקע וויסטע זאַמדנ פונעמ מיד-בער סאַהאַרע. בלויז צו מיזרעכ-צו געפינט זיכ א שמאָלער פרוכטבאַרער טאָל, ווו עס פליסט דער טײַכ נ י ל. דאָס איז איינער פונ די גרעסטע אונ פולוואַ-סערדיקע טײַכנ אינ דער וועלט.

דער ניל בילדעט זיכ אויס פונ דער צונויפגיסונג פונ צוויי טײַכנ — פונ ווײַסנ נ י ל, וואָס פליסט אַרויס פונ די אָזערעס פונ צענטראַל-אַפריקע, אונ פונ ב ל ו י ע נ נ י ל, וואָס פליסט אַרויס פונ דער אָזערע טאַנ אונ שטאַמט פונ די באַרג-שפּיצנ פונ אַביסיניע. די שטרעמונג פונ ניל ווערט אינ זעקס ערטער איבערגעצאַמט דורכ טײַכ-שוועלנ.

ע ג י פּ ע ט הייסט בלויז דער צאָפנ-טייל פונעמ ניל-טאָל. דער טאָל איז אַרומגערינגלט מיט באַרג-קייטנ, וואָס זײַנענ רײַכ מיט גראַניט, קאַלכשטיינער, זאַמדשטיינער אונ אַנדערע מינימ שטיינער, וואָס טויגנ צו בוי-אַרבעטנ. אַפ מײַ-רעוו-זײַט ציט זיכ דער ליביער מידבער. אַפ מיזרעכ-זײַט ווערט דער ניל-טאָל אָפּגעטיילט פונעמ רויטנ יאם דורכנ אַראַבישנ מידבער. אינ דעם דאָזיקנ מידבער, וואָס ציט זיכ ביז די ברעגנ פונ רויטנ יאם, פלעגט מענ געפינענ גאָלד אונ קו-פער-אַרצ. קופּער פלעגט מענ באַקומענ נאָכ אַפנ ס י נ ײַ ע ר האַלב-אינדזל.

בא די ברעגנ פונ דעמ ניל אונ פונ זײַנע טײַכ-אָדערנ זײַנענ געוואַקסנ וואַסער-געוויקסנ — לאָטאָס אונ פּאַפּירוס. פּאַפּירוס איז זייער א נוצלעכ געוויקס. דאָס איז א ראָר, וואָס פונ די גראָבע שטענגלעכ זײַנע פלעגט מענ מאַכנ לײַכטע

ראָר־געוויקסן אין דער אויבערשטרעמונג פונעם טײַך ניל.

שיפלעך, פון די דינע שטענגלעך פלעגט מען פלעכטן קערב, דרייען שטריק; די וואָרצלען פלעגט מען נוצן אלס הייצווארג, די יונגע שפּראָצלינגען — אלס שפּײַז.

פון פּאפּירוס פלעגן די עגיפּטער מאכן שרײַב־מאטעריאל. דער דאָזיקער מא־טעריאל הייסט אויך פּאפּירוס (זע § 11).

קיין וועלדער זײַנען אין עגיפּטן ניטאָ,ביימער פלעגט מען טרעפן זעלטן. דעריבער פלעגן ביימער אין אוראלטן עגיפּטן געשאצט ווערן זייער הויך.

די שטיין־תקופה אין עגיפּטן.

אין טיפן אוראלט, מיט א יאָר 50 טויזנט צוריק, האָבן אינעם ניל־טאָל קיין מענטשן ניט געוווינט. די ברעגן זײַנען געווען זומפּיק, דער קלימאט — שטארק אומ־געזונט. מײַרעוו־צו פון ניל, ווו עס געפינט זיך איצט דער מידבר סאהארע, זײַנען געלעגן בליִענדיקע טאָלן פון די בײַטײַכן פון ניל. אין די סטעפּעס האָבן זיך אופגעהאלטן אנטילאָפּן, בופלאקסן, ווילדע כאזיירים און העלפאנדן. מע פלעגט דאָרט נאָך קאָנען טרעפן שרעקלעכע רויב־כײַעס — לייבן און לעמפּערטן. אהער פלעגן זיך אָפּט ווײַזן וואנדערנדיקע יעגער. זייער הויפּט־געווער איז גע־ווען — א שטעקן און א קיזלשטיינערנע האק.

זייער א סאך צײַט איז אוועק, ביז די יעגער האָבן זיך אויסגעלערנט צו מאכן פולקומערע קיזלשטיין־געצײַג. דאן האָט דער יאגד גענומען ווערן פּראָדוקטי־ווער. די יעגער האָבן שוין ניט באדארפט בײַטן אזוי אָפּט זייער לאגערונג און האָבן געקאָנט לענגער פארבלײַבן אף איין אָרט.

די באַפעלקערונג פון עגיפּטע. דער אָנהייב פון ערדארבעט.

מיט דער צײַט האָט זיך דער קלימאט פון צפון-אפריקע געענדערט. די בײַטײַכן פון ניל זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן, די בליִענדיקע סטעפּעס זײַנען ביסלעכווײַז פארוואנדלט געוואָרן אין א טרוקענעם וואסערלאָזן מידבער. די אײַנוווינער האָבן געמוזט זוכן נײַע ערטער, ווו זיך צו באַזעצן. א טייל האָט זיך באזעצט אין טאָל פון ניל און אין די אָאזיסן. אזוי ארום איז מיט א 10 טויזנט יאָר צוריק אויפגעקומען די באפעלקערונג פון עגיפּעט.

די ערשטע צײַט איז די הויפּט-באשעפטיקונג פון די עגיפּטער, ווי פריִער, געווען יאגד. ביסלעכווײַז אָבער האָבן זיי אָנגעהויבן באשעפטיקן זיך מיט ערדארבעט.

די געלערנטע האָבן געמאכט אויסגראָבונגען אין פארשיידענע ערטער פון ניל-טאָל און האָבן געפונען רעשטן פון יִשוּוים פון די אורעלטסטע אײַנגעזעסענע אײַנוווינער פון עגיפּעט.

די יִשוּוים זײַנען באשטאנען פון א סאך הײַזקעס, געמאכט פון ניט-געברענטן ציגל אָדער פון ראָר. די הײַזקעס זײַנען געווען אָן פענצטער. אָנשטאָט א טיר איז באם ארײַנגאנג געהאנגען א ראָגזשע. דער דאך איז אויך געווען געדעקט מיט ראָגזשעס, דער דיל — א ליימענער. אזא הײַזקע פלעגט דינען נאָר צום שלאָפן. באטאָג האָט מען אלץ געטאָן אונטערן פרײַען הימל.

די פרויען פלעגן קאָכן שפּײַז אף פײַער-שטעלן אין ליימענע געשיר, רײַבן די קערנער אף שטיינערנע מילכלעך, וועבן לײַוונט און נייען דערפון מאלבושים.

די מאנצבלען האָבן געכאפּט פיש, באארבעט די ערד אָדער געפיטערט פי: אָקסן, שעפּסן, ציגן, כאזיירים. די פארפלייצ-לאָנקעס בא די ברעגן פון ניל זײַנען געווען באדעקט מיט זאפטיקן גראָז. די יעגער פלעגן אָפּהיטן די טשערעדע קעגן אן אָנפאל פון ווילדע רויב-כײַעס אָדער זיך אוועקלאָזן אין מידבער ארײַן אף יאגד נאָך גרויסע כײַעס.

עגיפּעט איז א מין אָאזיס אין דער מידבער. קיין רעגנס גייען דאָרט קימאט אינגאנצן ניט. ווען צו צאָבן-צו פונעם עקוואטאָר, הויפּטזאכלעך אין די אביסיניער בערג, ווו עס געפינען זיך די אויספלוסן פון ניל, שטעלט זיך אײַן דער רעגן-פעריִאָד, גייט דאן דער טײַך ארויס פון די ברעגן. אינמיטן יול הייבט דער ניל זיך אָן צעגיסן און ביסלעכווײַז צו פארפלייצן דעם גאנצן טאָל פון עגיפּעט. בייס דער פארפלייצונג ווערן די שטעט און דערפער, וואָס זײַנען געבויט אף הויכע ערטער, פארוואנדלט אין אינדזלען. זיי פארבינדן זיך דאן צווישן זיך אָדער דורך שמאָלע ערד-אופשיטונגען (דאמבעס) אָדער אף שיפלעך.

דאָס וואסער שטייט אזוי קימאט ביז נאָיאבער, דערנאָך הייבט עס אָן אָפּפאלן. אז דאָס וואסער פאלט אָפּ, זעצט זיך אָפּ אף די פעלדער שלאם. ער בילדעט זיך אויס פון די רעשטן פון די צעפוילטע וואסער-געוויקסן און פון די מינעראלע שטאָפן, וואָס דער טײַך ברענגט מיט זיך. דער שלאם באמיסטיקט גוט דעם באָדן, דערפון ווערט ער שטארק פרוכטבאר. פונעם געוויסער פון ניל פלעגן די פעלדער סײַ באוואסערט סײַ באמיסטיקט ווערן. די ערדארבעט איז אין דאָזיקן פעריִאָד נאָך געווען זייער פרימיטיוו. די זוימען פון גערשטן און פראָסע פלעגט מען ווארפן גלײַך אין ניט-באארבעטן זומפּיקן באָדן. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער באָדן איז געווען א פרוכטבארער, האָט אזא ארט ערדארבעט געגעבן זייער קנאפּע גערעטענישן.

4 §. די אנטוויקלונג פונ דער ערדארבעט. די אויסבילדונג פונ מעלוכע.

די פארבעסערונג פונ דער ערדארבעט איז בא די עגיפטער. צוגעגאנגענ זייער לאנגזאמ אונ מיט גרויס מי. א לאנגע צײַט האָבנ זיי באארבעט די פעלדער מיט א מאָטיגע. זיי פלעגנ אויסטריקענענ די זומפנ, אָפרייניקנ שטיקער ערד פונ די זומפ-געוויקסנ אונ גראָבנ קאנאלנ. דער אויפנ פונ באארבעטנ די ערד איז געוואָרנ אלצ פולקומער, אונ די ערדארבעט האָט אָנגעהויבנ געבנ א סאכ גרעסערע גערעטענישנ.

צוביסלעכווײַז איז ערדארבעט געוואָרנ די הויפט-באשעפטיקונג פונ די עגיפטער. דעריבער האָבנ זיי דאָס יאָר אויכ גענומענ טיילנ אפ דרײַ פעריאָדנ, לויט די סעזאָנענ פונ דער ערדארבעט: פארפלייצונג-צײַט (יול — אָקטיאבער), פארזיי-צײַט (נאָיאבער — פעווראל) אונ שניט-צײַט (מארט — יונ).

וואסער=איינריכטונגענ.

די שטורמישע, ברייטע אונ דויערנדיקע געוויסערנ פונעמ ניל פלעגנ ניט נאָר באמיסטיקנ דעמ באָדנ. זיי פלעגנ נאָכ פארפלייצנ אונ צעשטערנ הײַזער אונ אנדערע געבײַען אונ אָנטאָנ די עגיפטער גרויס שאָדנ. קעדיי צו באשיצנ זיכ פונ דער רויִנירנדיקער קראפט פונעמ וואסער, האָבנ די עגיפטער געמוזט בויענ ספעציעלע אײַנריכטונגענ: וואלנ, קינסטלעכע בערגלעכ. זיי פלעגנ אויכ אויסגראָבנ גרויסע אָזערעס, קעדיי אָנצוזאמלענ וואסער-רעזערוונ אפ צו באוואסערנ די פעלדער אונ סעדער בייס דער טרוקענער צײַט פונ יאָר. בייס די געוויסערנ פלעגנ די אָזערעס זיכ אָנפילנ מיט וואסער. די עגיפטער פלעגנ נאָכ אויסנוצנ די נאטירלעכע וואסער-רעזערווארנ.



א הײַנטצײַטיקער שאדופ אינ עגיפּעט.



פעלד-ארבעטנ אינעמ פארצײַטיקנ עגיפּעט. אויבנ — פארזיי, אונטנ — שניט.

די בארימטע מערי-אָזערע איז געשאפנ געוואָרנ מיט 4000 יאָר צוריק — פונ א גרויסנ זומפּ. ווי עס איז צו זענ פונ די דערציילונגענ פונ די אוראלטע רײַזנ-דער אונ פונ די רעשטנ פונ דער אָזערע, האָט דער אומקרײַז אירער געהאלטנ בא צוויי הונדערט קילאָמעטער (זע § 7).

פונ די אָזערעס אונ פונעמ ניל פלעגנ דורכגעפירט ווערנ באוואַסערונגס-קאנאלנ צו די פעלדער אונ סעדער. צו די הויכע פעלדער, וווהינ דאָס וואסער פונ די קאנאלנ האָט ניט געקאָנט דערגיינ, האָט מענ עס דערלאנגט דורכ הייב-שטאנגענ אָדער, ווי זיי הייסנ איצט אינ עגיפּעט, שאדופנ. געטאָנ האָט מענ עס אזוי: אפנ הויכנ ברעג פונ קאנאל פלעגט מענ מאכנ 3—2 טרעפּ, איינעמ איבערנ אנדערנ. איבערנ קאנאל פלעגט מענ צו יעדנ טרעפּ צופּעסטיקנ לאנגע שטאנגענ. אפ איינ עק שטאנג איז געהאנגענ א לעדערנער עמער, אפנ צווייטנ — א גרויסע שטיק ליימ אָדער א שטיינ, אלס קעגנגעוויכט. מיטנ עמער האָט מענ פונעמ קאנאל געשעפּט וואסער אונ דערלאנגט עס פונ טרעפּ צו טרעפּ, ביז דאָס וואסער פלעגט דערגיינ צומ פעלד. אינ דער הייסער צײַט פונ יאָר פלעגט מענ מוזנ אזוי שעפּנ דאָס וואסער אלע טאָג פונ פרי ביז נאכט.

די שווערע ארבעטנ האָבנ געפאָדערט זייער גרויס אָנשטרענגונג אונ א סאכ ארבעטס-הענט. בא די דאָזיקע ארבעטנ פלעגט מענ אוועקשטעלנ די פארקנעכטעטע באפעלקערונג. אכוצ דעמ האָט מענ א סאכ ארבעטס-הענט געהאט פונ די קריגס-געפאנגענע. פארכאפּט געפאנגענע, פלעגנ די עגיפּטער שוינ מער זיי ניט טויטנ, ווי זיי פלעגנ דאָס טאָנ פריִער, נאָר פארוואנדלענ אינ קנעכט אונ צווינגענ צו טאָנ די שווערסטע ארבעטנ. דער קנעכט פלעגט גראָבנ קאנאלנ, טראָגנ וואסער אפ די פעלדער אאוו. זײַנ ארבעט איז ווערט געוועננ מער איידער דאָס עסנ, וואָס מע פלעגט אימ געבנ, האָט ז'עריבער געלוינט אימ צו האלטנ.

קנעכט זײַנענ אָבער געווענ ווייניק, האָט געוויינלעכ די פרײַע באפעלקערונג אויכ געדארפט באארבעטנ די ערד.

די אויסבילדונג פונ נאָמעס.

די ערשטע צײַט האָבנ די עגיפּטער געלעבט שטאַמענ-ווײַז. אָבער יעדנ אייציקנ שטאַם, וואָס האָט פאַרמאָגט א קליינעמ ערד־באַצירק, האָט ניט געלוינט און ס׳איז שווער געווענ צו בויענ באַזונדערע באַוואַסערונגס-קאַנאַלנ. האָבנ זיכ די איינצלנע שטאַמענ גענומענ פאַראייניקנ אינ געמיינדעס, פונ די געמיינדעס ווידער האָבנ זיכ אויסגעבילדעט גרעסערע פאַראייניקונגענ — **נאָמעס** (קרײַזנ). אינ עגיפּטנ איז געווענ בא 40 אַזוינע נאָמעס. יעדער נאָמ האָט זיכ געהאַט זײַנ נאָמענ: „פאַלק", „שלאַנגענ-באַרג", „שאַקאַל", „האָז", „שוואַרצע בעהיימע" אאַוו.

די שטאַרקערע און גרעסערע מישפּאָכעס האָבנ גענומענ פאַרכאַפּנ אינ די נאָמעס די בעסטע ערד, דעמ גרעסטנ טייל רויב און געצוווּנגענ צו אַרבעטנ פאַר זייערטוועגנ די געפאַנגענע — די קנעכט און די מיטגלידער פונ זייער אייגענעמ שייוועט. אָט אַזוי האָט זיכ אויסגעבילדעט אינ די נאָמעס א רײַכע און שטאַרקע אַריסטאָקראַטיע.

די איבעריקע אײַנוווינער פונ די נאָמעס זײַנענ געווענ פּויערימ; געלעבט האָבנ זיי געמיינדעסווײַז, באַאַרבעט זייערע פעלדער און געמוזט צאָלנ גרויסע שטײַערנ דעמ נאַטשאַלניק פונעמ נאָמ — דעמ **נאָמאַרכ**. דער נאָמאַרכ האָט פאַרוואַלטעט מיט אַלע איניאָנימ פונ נאָמ. די נאָמעס זײַנענ געווענ א מינ קליינינקע זעלבשטענדיקע קיניגרײַכנ.

די נאָמעס פלעגנ פירנ צווישנ זיכ אָפטע מילכאָמעס. די שטאַרקערע נאָמעס פלעגנ אָפּט פאַרכאַפּנ די שוואַכערע. אַנ ערעכ 3500 יאָר פאַר דער נײַער ערע האָבנ זיכ אויסגעבילדעט צוויי קיניגרײַכנ — **נידער-עגיפּעט** (אינ דער דעלטע פונ ניל) און **אויבער-עגיפּעט** (אינ דער מיטלשטרעמונג פונ ניל).

נאָכ א לאַנגנ קאַמפּ צווישנ די צוויי קיניגרײַכנ האָט דער קייסער פונ אויבער-עגיפּעט **מענעס** אײַנגענומענ נידער־עגיפּעט (אַרומ 3200 יאָר פאַר דער נײַער ערע). פונ דאַנ אָנ האָט ער גענומענ הייסנ „קייסער פונ אויבער- און נידער-עגיפּעט". עגיפּעט איז געוואָרנ אַנ אייניהײַטלעכע מעלוכע. הויפּטשטאָט פונ עגיפּעט איז געוואָרנ **מעמפיס** — אינ דער נידערשטרעמונג פונ ניל.

§ 5. די רעליגיע פונ די אוראַלטע עגיפּטער.

לויט די באַגריפנ פונ אַמאָליקע מענטשנ, עקזיסטירנ אַפ דער וועלט אַלמעכטיקע גײַסטער, אָדער **גאָטהײַטנ**. מע האָט געהאַלטנ, אַז זיי לעבנ אינביימער, כײַעס, טײַכנ און אַפ די בערג. די אַמאָליקע מענטשנ האָבנ ניט געקאָנט געפינענ קיינ דערקלערונג פאַר אַזוינע דערשײַנונגענ, ווי טויט, קרענק, נאַטור-ענדערונגענ. דעריבער האָבנ זיי געמיינט, אַז אַלצ איז אָפּהענגיק פונ די גוטע אָדער בייזע געטער. אינ אַזוינע געטער האָבנ געגלייבט אויכ די עגיפּטער.

יעדער נאָמ האָט געדינט צו זײַנע געטער. פאַר דעמ הויפּט-גאָט — דעמ באַשיצער פונעמ נאָמ — פלעגט מענ אויסבויענ א טעמפּל. מיט דער צײַט האָבנ זיכ גענומענ אויסטיילנ ספּעציעלע מענטשנ, וואָס האָבנ געהאַט אויפזיכט איבער דער גאָטעסדינסט. געהייסנ האָבנ זיי **פּריסטערס** (קויהאַנימ). די פּריסטערס פלעגנ אויפּאַסנ אַפ די געטער-סטאַטועס, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אינ די טעמפּלענ, זיי

2694—2

די געטין איסידע.

דער גאָט אָסיריס.

פלעגן אופנעמען די געשאנקען, וואָס מע פלעגט ברענגען צו די געטער, און אָפּריכטן טפילעס. די פּריסטערס זײַנען געווען פרײַ פון צאָלן שטײַערן און געלעבט האָבן זיי פון די געשאנקען, וואָס מע פלעגט ברענגען צו די געטער. דעם פּריסטערס באַשעפטיקונג פלעגט אַרײַנטראָגן שיינע האַכנאָסע, פלעגן טאַקע אָט די שטעלע פאַרנעמען נאָר אַריסטאָקראַטן.

דער גאָט אָדער די געטין די באַשיצערן פלעגט געוויינלעך געשילדערט ווערן אַלס אַ באַלכײַ. אַזאַ פאָרשטעלונג וועגן די געטער האָט זיך בײַ די עגיפּטער אויפגעהיט פון די גאָר אוראַלטע צײַטן אָן, ווען יאַגד איז געווען די הויפּט־באַשעפטיקונג פון זייערע אורפאָטערס. יעדער יעגער-שטאַם האָט דאַן געהאַלטן אַ באַשטימטן באַלכײַ פאַר זײַן גאָט דעם באַשיצער, און דער גאָט האָט געהייסן מיט דעם זעלבן נאָמען, ווי דער באַלכײַ.

באַזונדערס האָבן די עגיפּטער אָפּגעגעבן קאָוועד דעם אָקס אַ פּ י ס און דער קו כ אַ ט אָ ר. נאָך אַ סאַך אַנדערע באַלעכאַיִם האָבן זיי געהאַלטן פאַר הייליק: דעם קראָקאָדיל, דעם לייב, די שלאַנג, דעם פאַלק, די קאַץ. אָט די באַלעכאַיִם פלעגט מען האַלטן אין די טעמפּלען, נאָכן טויט פלעגט מען זיי באַלזאַמירן און באַהאַלטן אין קוואָרים-סקלעפּעס.

רא — דער גאָט פונ דער זונ.

די עגיפּטער האָבנ פארגעטערט אויכ די זונ-ווארעמקײַט, וועלכע האָט זייער א גרויסע באדײַטונג אינ דער ערדארבעט. עס זײַנעגּ געווענ עטלעכע זונ-געטער. דער סאמע אוראלטער אונ סאמע געאכטעטער זונ-גאָט איז געווענ ר א. די עגיפּטער האָבנ געגלייבט, אז דער גאָט רא האָט באשאפנ די ערד, די מענטשנ, די כײַעס אונ געוויקסנ. „אז איכ עפנ די אויגנ, — זאָגט רא אינ איינעם פונ די מיפנ, — ווערט ליכטיק אפ דער וועלט; אז איכ פארמאכ די אויגנ — ווערט נאכט אפ דער וועלט. איכ שיק אפ די מענטשנ פארפלייצונג אונ מאכ פײַער". א צווייטער עגיפּטישער מיפ דערציילט, אז די מענטשנ, וואָס גאָט רא האָט באשאפנ, האָבנ גענומענ זינדיקנ. דאנ האָט רא אראָפּגעשיקט אפ דער וועלט זײַנ טאָכטער כאָטאָר, זי זאָל זיי באשטראָפנ. כאטאָר האָט זיכ פארשטעלט פאר א ווילדער כײַע אונ גענומענ אויסראָטנ די מענטשנ. רא האָט זיכ אָבער דערשראָקנ, אז זי וועט אומברענגענ דעם גאנצנ מענטשנ-שטאמ, האָט ער באפוילנ, אז מע זאָל אפ כאָטאָרס וועג אויסגיסנ א גאנצע אָזערע פונ א פארשיקערנדיקנ געטראנק. כאטאָר האָט זיכ דערמיט אָנגעטרונקענ אונ איז אײַנגעשלאָפנ. אזויארום זײַנענ די מענטשנ אָפּגעראטעוועט געוואָרנ פונ פולשטענדיקער פארניכטונג.

מיט אזוינע מיפנ האָבנ די פּריסטערס געזוכט אײַנצופלאנצנ אינעם מענטשנ שרעק פאר די געטער אונ דאָס געפיל פונ אייגענער אומבאהאָלפנקײַט. דאָס האָט געלוינט די קייסאָרימ אונ די אריסטאָקראטנ, וואָס האָבנ געהאלטנ, אז זיי זײַנענ די געטערס שליכימ. צווישנ אנדערע געטער האָבנ די עגיפּטער געהאלטנ פאר א גאָטהײַט אויכ דעמ ניל, ווײַל פונ זײַנע געוויסערנ איז געווענ אָפּהענגיק דאָס גאנצע לעבנ אינ עגיפּטנ.

צומ טײַכ ניל פלעגנ זיי טפילע טאָנ אונ זינגענ הימנענ, וועלכע רימענ אונ לויבנ אימ:

רומ צו דיר, ניל, וואָס דו קוואלסט פונ דער ערד,
וואָס דו גייסט, קעדיי עגיפּטנ צו באלעבנ,
וואָס דו באוואסערסט די פעלדער, וועלכע רא האָט באשאפנ,
אפ צו געבנ די כײַעס לעבנ,
וועלכער ברענגט ברויט, וועלכער איז רײַכ מיט שפּײַז,
וועלכער שאפט אלדאָס שיינעס,
וועלכער פילט אָנ די שפּײַכלערס, מאכט ברייט די שײַערס
אונ באזאָרגט נאָכ אָרעמע לײַט.

אָסירים אונ איסידע.

ברייט איז געווענ פארשפּרייט דער גלויבנ אינעם גאָט פונ ערד אונ פרוכטבארקײַט אָ ס י ר י ס אונ אינ זײַנ פרוי א י ס י ד ע. וועגנ אָסיריסנ פלעגט מענ דערציילנ א מיפ, אז ער איז קלוימערשט אמאָל געווענ קייסער פונ עגיפּטנ. ער איז געווענ א גוטער קייסער אונ האָט אויסגעלערנט די מענטשנ צו באארבעטנ די ערד. אָסיריס האָט אָבער געהאט א שלעכטנ ברודער ס ע ט, וועלכער האָט אויס קינע דערהארגעט אָסיריסנ. אָסיריסעס זונ האָט פארפירט א קאמפּ קעגנ סעטנ אונ האָט אימ באזיגט. די געטער האָבנ לעבעדיק געמאכט אָסיריסנ אונ געקרוינט אימ אלס קייסער פונ יענער-וועלט. אינ אָט דעמ מיפ, וואָס שילדערט אָסיריסעס טויט אונ וויאזוי ער איז צוריק לעבעדיק געוואָרנ, האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט די פאָרשטעלונג פונ די עגיפּטער

וועגנ דער דערשײַנונג, וואָס אלע יאָר קומענ אומ אונ עס בליִענ זיכ פאנאנדער
די געוויקסנ.

די עגיפּטער האָבנ געגלייבט אינ יענער-וועלט. זייערע א לעגענדע דערציילט,
אז אפ יענער-וועלט זיצט אָסיריס אינ א געריכט-זאל. לעבנ אימ שטייט א וואָג-
שאָל, אונ ער וועגט אפ איר אָפּ דאָס הארצ פונעמ געשטאָרבענעמ, קעדיי צו זענ,
צי איז דער מענטש בא זײַנ לעבנ געווענ פרומ אונ צי איז ער ווערט צו זײַנ
אינ גאנײדנ. דער פרומער קומט אָנ אינ די גאנײדנ-פעלדער, ווו וואסער איז
פאראנ מער איידער אפ דער-וועלט, אונ די זאנגענ ווייצ זײַנענ העכער פונ
מענטשלעכנ וווקס. די עגיפּטער האָבנ געגלייבט, אז דער געשטאָרבענער לעבט
דאָרט אייביק צוזאמענ מיט די געטער, אינעמ זונ-שיפל שווימט ער איבער'נ אונ-
טערערדישנ ניל אונ געניסט פונ דער שפּײַז פונ די געטער.

מומיפיצירונג אונ קווורע.

אז א מענטש פלעגט שטארבנ, פלעגנ די קרויווימ
באזאָרגנ, ער זאָל האָבנ אלצ, וואָס אימ איז קלוימערשט
נייטיק נאָכנ טויט. זיי פלעגנ אויסבויענ פונזײַנטוועגנ א
גרויסנ קייווער-סקלעפּ, אָנוואלגערנ אהינ קליידונג אונ שפּײַז. בייס דער קווורע
פלעגט מענ ברענגענ קאָרבאָנעס.

אינ קייווער פלעגט מענ אויכ ארײַנלייגנ א פאפּירוסענע מעגילע — דעמ „מיי-
סימ-בוכ”. געווענ איז עס די ווידע, ווו עס פלעגט זײַנ באשריבנ דעמ פאר-
שטאָרבענעמס לעבנ. דער „מייסימ-בוכ” האָט אימ געזאָלט העלפנ צו רעכטפארטיקנ
זיכ פאר אָסיריסעס מישפּעט.

קעדיי דער גופ פונ דעמ פארשטאָרבענעמ זאָל בלײַבנ אפ אייביק, פלעגנ די
עגיפּטער באלזאמירנ אימ, פארוואנדלענ אימ אינ א מומיע. פונ דעמ גופ פלעגט
מענ ארויסנעמענ דאָס גאנצע איינגעווייד, דערנאָכ ווייקנ אימ אינ א זאלצ-צעלאָז
אונ דאנ אָנפילנ מיט שמעקנדיקע מינימ פעכ. נאָכדעמ פלעגט מענ די מומיע
אײַנוויקלענ אינ לײַוונטענע באנדאזשנ אונ ארײַנלייגנ אינ קייווער (סארקאָפאג)
ארײַנ. די מומיע פלעגט אזוי בלײַבנ ניט געענדערט זייער א לאנגע צײַט. א
סאכ מומיעס זײַנענ אופגעהיט געוואָרנ ביז הײַנטיקנ טאָג.

די אָרעמע לײַט האָבנ, פארשטייט זיכ, ניט געקאָנט טראכטנ וועגנ בויענ זיכ פרעכ-
טיקע קייווער-סקלעפּעס. פאר זיי איז דער „מייסימ-בוכ” אונ די באלזאמירונג
אויכ געווענ א צו טײַערע זאכ.

די פּריסטערס פלעגנ לערנענ די אָרעמע לײַט, אז פארדינענ גאנײדנ קאָנ
מענ נאָר מיט האכנאָע אונ געדולד. זיי פלעגנ זאָגנ: „גאָט האָט ליב דעמ גע-



אנ עגיפּטישער סארקאָפאג.



ציגל־פּראָדוקציע אין עגיפּעט.

האָרכזאמענ, דעמ ניט-געהאָרכזאמענ האָט גאָט פײַנט". אויס מוירע פאַר אָסיריסעס מישפּעט פּלעגנ די אָרעמע טראָגנ אפ זיכ געדולדיק דעמ יאָכ פונ זייער שווערנ לעבנ און געהאָפּט דערפאַר באַלוינט צו ווערנ אפ יענער-וועלט.

די עגיפּטישע פּריסטערס פּלעגנ באַקומענ רײַכע געשאַנקענ און האָבנ געהאַט א גרויסנ אײַנפלוס. שפּעטער האָט זייער מאַכט און רײַכטום געוואַקסנ ווערנ א געפאַר אפילע פאַר די עגיפּטישע קייסאָרימ. איינער פונ די דאָזיקע קייסאָרימ, ע כ נ א ט אָ נ, האָט געוואָלט אײַנברעכנ דעמ אײַנפלוס פונ די שטאַרקע און רײַכע פּריסטערס. ער האָט אײַנגעפירט, אז אָנשטאָט א סאַכ געטער זאָל מענ דינענ צו דעמ איינעמ גאָט א ט אָ נ, וועלכנ מע פּלעגט מאָלנ אינ געשטאַלט פונ א זונ-דיסק. עכנאַטאָנ האָט געוואָלט אזויאַרומ פאַרניכטנ די מאַכט פונ די אָרטיקע פּריסטערס, וועלכע האָבנ יעדערער אינ זײַנ געגנט געדינט צו אנ אנדער גאָט. די רעפאָרמע האָט זיכ אָבער לאַנג ניט געהאַלטנ. נאָכ עכנאַטאָנס טויט איז צוריק אופגעשטעלט געוואָרנ די פריִערדיקע רעליגיע. דאָס רײַכטום פונ די פּריסטערס האָט ווידער גענומענ וואַקסנ.

§ 6. די מעלוכע־אָרדענונג אינ עגיפּעט.

פּאַרע און זײַן מאַכט. די מעלוכע־פאַרוואַלטונג.

דעמ קייסער פּלעגט מענ רופנ „פּאַרע" (פּאַראָאָנ). דאָס וואָרט „פּאַרע" באַטײַט א „גרויס-הויז", דה. א קיניגלעכער פּאַלאַץ. פּאַרענ פּלעגט מענ אָפּגעבנ דעמ זעלבנ קאָווער, וואָס מע גיט אָפּ גאָט. גאַנצ עגיפּעט האָט געמוזט דינענ צו פּאַרענ. די גאַנצע ערד האָט זיכ גערעכנט פאַר זײַנ אייגנטומ.

פּאַרע פּלעגט רעגירנ איבער עגיפּעט דורכ זײַנע סראָרעס, וואָס זײַנענ ארויסגעקומענ פונ די אַלטע ייִכעסדיקע שטאַמענ. פונ זייער סוויווע פּלעגט ער באַשטימענ די נאָמאַרכנ.

נאָכ דעמ קייסער, איז דער גרעסטער מענטש אינ דער מעלוכע געווענ דער ו י ז י ר. ער איז געווענ פּאַרעס הויפּט-געהילפ. דער וויזיר פּלעגט אָנפירנ מיט אַלע איניאָנימ פונ עגיפּעט און צונויפנעמענ שטײַערנ בא אַלע נאָמעס. די גאַנצע

ארבעט פונ בויענ קאנאלנ אונ דאמבעס האָט זיכ געפונענ אינ זײַנ רעשוס. דאָס עגיפּטישע מיליטער איז אויכ געווענ אונטערגעוואָרפנ דעמ וויזיר.

די נאָמארכנ האָבנ געדארפט אופזאמלענ די שטײַערנ פארנ קייסער, צושטעלנ קנעכט אונ פּויערימ פאר די קיניגלעכע ארבעטנ אונ לויטנ קייסערס באפעל — צונויפנעמענ דאָס כאיִל. כוץ די אײַנקונפטנ פונ זייערע ערד-נאכלעס, האָבנ די נאָמארכנ געהאט נאָכ איינ האכנאָסע-קוואל: פאר דער דינסט צו פארענ האָבנ זיי געקריגנ דאָס רעכט אופצומאָנענ פונ דער באפעלקערונג פונ די נאָמעס ספּעציִעלע שטײַערנ טאקע פאר זיכ זעלבסט. דאָס זײַנענ געווענ א מינ קליינינקע קייסאָרימ-לעכ אינ די נאָמעס. מיט דער צײַט האָבנ זיי גענומענ איבערגעבנ זייער שטעלע בעירושע צו די זינ.

די עגיפּטישע מעלוכע איז, ווי די אנדערע מיזרעכ-מעלוכעס פונ יענער צײַט, געווענ א שקלאפנבאזיצערישע.

שקלאפנ אונ פּויערימ.

בא פארענ אונ בא דער עגיפּטישער אריסטאָקראטיע האָבנ געארבעט שקלאפנ אונ פּויערימ. מיט שקלאפנ פלעגנ זיי זיכ באדינענ אינ די פארשיידענע שטוב-ארבעטנ, אפ די פעלדער אונ אפ די בויונגענ. אינ א באזונדערס ברייטנ מאסשטאב פלעגט שקלאפנ-ארבעט אָנגעווענדט ווערנ אינ די באזיצנ פונ די עגיפּטישע טעמפּלענ. בייס דעמ אופּבלי-פעריִאָד פונ עגיפּעט האָבנ, לעמאָשל, בא דעמ טעמפּל פונעמ גאָט אמאָנ געאר-בעט ארומ 86 מיט א האלבנ טויזנט קנעכט, באמ טעמפּל פונעמ גאָט פּטא — הע-כער דרײַ טויזנט קנעכט. אכוץ די קנעכט פלעגט אפ פארענ, אפ דער אריסטאָ-קראטיע אונ אפ די באאמטע ארבעטנ די פּויערימ-מאסע. פּויערימ איז אינ עגיפּעט געווענ מער איידער קנעכט.

די פּויערימ האָבנ געלעבט אינ דאָרפישע געמיינדעס. יעדע געמיינדע האָט געהאט איר עלטסטנ; ער איז געווענ אונטערגעוואָרפנ דעמ נאָמארכ אונ איז מע-כויעוו געווענ אויסצופילנ אלע זײַנע פאראָרדענונגענ.

דעמ גרעסטנ טייל האכנאָסע פלעגנ די פּויערימ מוזנ אָפּגעבנ אינ קייסערס מעלוכע-קאסע אלס שטײַערנ. שטײַערנ האָבנ זיי געמוזט צאָלנ אי דעמ נאָמארכ אי דעמ טעמפּל פונ זייער נאָמ. שטײַערנ האָט מענ געמאָנט פונ יעדנ פּיצל ערד, פונ יעדער סאזשלקע אונ קאנאל, וואָס באוואסערט די ערד, פונ יעדנ בוימ, וואָס וואקסט אפ דער ערד.

די שטײַערנ פלעגט מענ צאָלנ מיט נאטור: קערנער, אויפּעס אונ אנדערע פּראָדוקטנ. פאר די לעבנס-באדערפענישנ פונ דעמ ערד-ארבעטער זעלבסט פלעגט בלײַבנ זייער ווייניק.

אכוץ שטײַערנ, האָבנ די פּויערימ געמוזט נאָכ אויספילנ פארשיידענע אר-בעטנ לויטנ באפעל פונ פארענ אונ פונעמ נאָמארכ. אָפטער ווי אלץ פלעגט מענ טרײַבנ די קנעכט אונ די פּויערימ צו גראָבנ קאנאלנ אונ בויענ דאמבעס, פּא-לאצנ, טעמפּלענ אונ קוואָרימ-סקלעפּעס.

כעאָפּס פּיראמידע אונ דער ספינקס.

ווענ א קייסער פלעגט ארופ אפנ טראָנ, פלעגט ער אָנהייבנ בויענ פאר זיכ א קייווער-סקלעפּ — א פּ י ר א מ י-ד ע. עס איז געווענ אָנגענומענ, אז נאָכנ טויט ווערט דער פארע א גאָט אונ לעבט אפ יענער-וועלט אייביק. דעריבער פלעגט מענ דעמ קייסערס גופ באלזאמירנ אונ מעקאבער זײַנ אינ דער פּיראמידע.



מע פירט אריבער א סטאטוע (עגיפּעט).

אפנ מײַרעוו-ברעג פונ ניל, א ביסל דאָרעמדיקער פונ זײַנ דעלטע, שטײענ נאָכ אויכ איצט קאָלאָסאלע שטײנערנע פיראמידעס. צווישנ די אלע פיראמידעס (מער פונ 70) טײלט זיכ אויס לויט דער גרײס די פיראמידע פונ פארע כעאָפּס. זי איז אויסגעבויט אנ ערעכ אינ יאָר 2800 פאר דער נײַער ערע.

אנ אָרט פאר זײַנ פיראמידע האָט כעאָפּס אויסגעקליבנ 20 קילאָמעטער הינ-טער דער שטאָט מעמפיס — דער אוראלטער הויפטשטאָט פונ עגיפּעט. די פירא-מידע האלט אינ דער הײכ בא 150 מעטער, אונ אינ דער לענג האלט יעדע זײַט באמ פונדאמענט אנ ערעכ 240 מעטער. קעדײ ארומצוגײנ ארומ דער גאנצער פיראמידע, מוז מענ דורכמאכנ א שטרעקע פונ אנ ערעכ א קילאָמעטער.

דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט דערצײלט, אז אפ אויסצובויענ די פיראמידע האָט כעאָפּס צונויפגעטריבנ די פארשקלאפטע באפעלקערונג פונ גאנצ עגיפּעט. די ארבעט האָט זיכ געפירט אָטריאדנווײַז. יעדער אָטריאד האָט געארבעט צו דרײַ כאדאָשימ צײַט. אינ אנ אָטריאד איז געווענ 100 טויזנט מענטשנ. די פיראמידע האָט מענ געבויט 30 יאָר. 10 יאָר האָט געדויערט בויענ בלויז די וועגנ אפ צופירנ די גרויסע ברוכשטײנער צומ בוי-פלאצ. שלעפנ די ברוכ-שטײנער, וואָס האָבנ געוויגנ צו $2^{1}/_{2}$ טאָנ, פלעגנ מענטשנ, וועלכע מע האָט אונטערגעטריבנ מיט בײַטשנ.

קײנע שומ הײב-קראנענ אונ מאשינעס האָבנ די אוראלטע עגיפּטער ניט גע-האט. די ריזיקע אײַנריכטונגענ זײַנענ געשאפנ געוואָרנ דורכ דער שווערער מי



גלאָז-בלאָזער בא דער ארבעט (עגיפּעט).



קיניגלעכע קוואָרים־סקלעפּעס פּיראַמידעס.

פון שקלאַפן און פויערים. אַלע אַרבעטן פלעגן געטאָן ווערן מיט די הענט: איינע פלעגן אַרומהאַקן די שטיינער, די אַנדערע האָבן זיי געשליפן מיט נאַסן זאַמד, די דריטע האָבן דורך די אויפשיטונגען און דורך די טרעפּ פון דער פּיראַמידע געשלעפּט די שטיינער אַרויף, די פערטע פלעגן צופּאַסן די ברוכשטיינער האַרט איינע צו די אַנדערע.

נאָענט צו די פּיראַמידעס שטייט אַ ריזיקע ספינקס־סטאַטוע, וואָס איינער פון די קייסאָרים, וועלכע האָבן געקיניגט נאָך כעאָפּסן, האָט געלאָזט אויסהאַקן פון אַ גאַנצן פעלדז. דער ספינקס שטעלט מיט זיך פאָר אַ ליגנדיקן לייב מיט אויסגעצויגענע לאַפּעס און מיט אַ קאָפּ פון אַ מענטשן. ער האָט געזאָלט פאַרקערפּערן די גאַנצע קראַפט און מאַכט פונעם קייסער. דער ספינקס האַלט אין דער הייך העכער 20 מעטער, אין דער לענג — 55 מעטער.

באַם בויען די פּיראַמידעס פלעגן טויזנטער מענטשן אומקומען פון דער אומדערטרעגלעכער שווערער אַרבעט אונטער די ברענענדיקע זון־שטראַלן.

גוואַלדיקע פאַרמעגנס און טויזנטער מענטשלעכע לעבנס פלעגן געבראַכט ווערן אַלס קאָרבן צו אַ קליין הייפל מעיוכאָסים און צום קייסער, וואָס האָט, לויט די באַגריפן פון די עגיפּטער, געמוזט האָבן נאָכן טויט אַ רייַכן, פּרעכטיקן קייווער־סקלעפּ. אַ סאַך פּיראַמידעס זייַנען אויסגעבויט געוואָרן אין דעם דאָזיקן אָנפאַנג־פּעריאָד פון דער עגיפּטישער מעלוכע. אָט דער גאַנצער פּעריאָד הייסט **אַלט־קיניגרייַך** (די יאָרן 3200—2400 פאַר דער נייַער ערע).

7 §. דער אופשטאנד פון די פויערים און שקלאפן. די אינוואזיע פון די היקסאָסן.

אין דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון עגיפּעט וואַקסט אויס אַ נײַע שטאָט — פּיווע. זי וואַקסט שנעל, עס ווערן דאָרט אויפגעבויט טעמפּלען, און די פּאַרעס פירן אַריבער אַהין זייער רעזידענץ. פּיווע ווערט די הויפּט-שטאָט פון עגיפּעט. אָט דער נײַער פּעריִאָד הייסט מיטל-קיניגרײַך (די יאָרן 2400—1560 פאַר דער נײַער ערע).

עגיפּעט ווערט ווײַטער דערהויבן. אַרום דער שטאָט פּיווע פאַרייניקן זיך אַלע אַנדערע געגנטן. די פּאַרעס פירן דורך אַ ריי קריגס-מאַרשן אין פרעמדע לענדער, באַזונדערס קיין נוביע, און ברענגען פון דאָרטן אַ מאַסע געפאַנגענע און אַ סאַך רײַכטימער.

אין אָט דער צײַט ווערן אויך דורכגעפירט אַ ריי בוי-אַרבעטן.

אין דער נידערשטרעמונג פון ניל ווערט אויסגעטריקנט אַ זומפּיקער ראַיאָן — דער פאַיומער אָאַזיס. דאָ בויט מען אויס אַ גרויסן באַסיין פאַר אַ וואַסער-רעזערוו — די מערי-אָזערע. דאָס וואַסער פון ניל פלעגט פליסן אין דער אָזערע אַרײַן דורך אַ כּפּעציִעל דורכגעלייגטן קאַנאַל. ווי די לעגענדע דערציילט, פלעגט זעקס כאָדאָשים דאָס וואַסער פליסן דורכן קאַנאַל אין דער אָזערע אַרײַן און זעקס כאָדאָשים — פון דער אָזערע אַרויס אין ניל אַרײַן.

באַם אַרײַנגאַנג אין אָאַזיס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ גרויסער בינין — אַ פּאַלאַץ לעקאָוועד די עגיפּטישע געטער. געהאַט האָט ער אַ סאַך אַרײַנגענג. אַרײַנקומענדיק אַהין, האָט מען געקאָנט פאַרבלאָנדזשעט ווערן. שפּעטער האָבן אים די גריכן אַ נאָמען געגעבן לאַבירינט.

אָט די אַלע ביניאָנים האָבן אויפגעשטעלט מיט זייער מי קנעכט און פּויערים.

אַפּ צו פאַרמערן זייערע רײַכטימער, פלעגן די פּאַרעס פונעם פּעריִאָד פון מיטל-קיניגרײַך פירנעמען קריגס-מאַרשן קעגן דעם גאָלדרײַכן לאַנד נוביע, און האָבן עס טיילווײַז אײַנגענומען.

דער אופשטאַנד פון די פּויערים און שקלאַפן אַרום 1750 יאָר פאַר דער נײַער ערע.

די רײַכטימער פון די פּאַרעס, פון דער אַריסטאָקראַטיע און פון די שקלאַפנבאַזיצער האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן, און דאָס לעבן פון דער אונטערדריקטער באַפעלקערונג איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. די עגיפּטישע פּויערים און שקלאַפן האָבן אָבער ניט שטענדיק האַכנאָעדיק און שטיל געטראָגן דעם יאָך פון זייער שווער לעבן. פון צײַט צו צײַט פלעגן זיי אופשטיין קעגן די אונטערדריקער. אַרום 1750 יאָר פאַר דער נײַער ערע איז פאָרגעקומען אַ גרויסער פּויערים-אופשטאַנד. וועגן דעם אופשטאַנד דערציילן אונדז צוויי פּאַפּירוסן (אַזוי הייסן די עגיפּטישע שריפטלעכע דאָקומענטן). איין פּאַפּירוס געפינט זיך אין לײַדענער מוזיי — אין האָלאַנד, דער צווייטער אין לענינגראַד — אין מעלוכע-ערמיטאַזש.

צוזאַמען מיט די פּויערים זײַנען אופגעשטאַנען אויך די שקלאַפן. אין איינעם פון אָט די פּאַפּירוסן שטייט געשריבן: „די הויפּט-שטאָט פונעם קייסער איז פאַרכאַפּט געוואָרן אין איין שאָ צײַט. דעם קייסער האָבן געפאַנגען די אָרעמע לײַט. די הויפ-לײַט זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון דעם קייסערס הײַזער. די באַאַמטע דערהאַרגעט און זייערע דאָקומענטן צוגענומען".



מע ציט צו צו פאראנטוואָרטלעכקייט די דאָרף־איינוווינער, וואָס האָבן ניט איינגעצאָלט די שטייערן.

די אופשטענדלער האָבן צעריסן און ארויסגעשליידערט אלע שטייערן־רעשי־מעס. קיין שטייערן האָט מער קיינער ניט געצאָלט. דעם קייסערס ריכטער האָט מען דורכגעטריבן. די טוווע פון דעם קייסערס שפייכלערס — פארכאפט.

דער אופשטאנד האָט זיך פארשפרייט איבער גאנץ עגיפּעט. עס זיינען צע־שטערט געוואָרן די דאמבעס, די קאנאלן זיינען פארצויגן געוואָרן מיט שלאַם. עס איז ניט געווען מיט וואָס צו באוואסערן די פעלדער. „די שטראָמען זיינען ליידיק, מע גייט זיי אדורך צופוס. עס איז געוואָרן מער ברעג איידער וואסער",— אזוי שטייט געשריבן אין דעם פּאפּירוס.

א סאך רייכע לייט זיינען דערהארגעט און רויבירט געוואָרן. אייניקע פון זיי איז געלונגען צו אנטלויפן אין די שכייניש לענדער.

די אָרעמשאפט האָט ארויפגעוואָרפן דעם קייסער און צעטריבן די גווירים. איינהאלטן אָבער די מאכט אין אירע הענט האָט זי ניט געקאָנט; זי האָט ניט גע־ווּסט, וויאזוי צו אָרגאניזירן דאָס לעבן אף א נייעם אויפן, דעריבער האָט איר זיג לאנג ניט געהאלטן.

די היקסאָסן.

אינגיכן נאָכן פויערים־אופשטאנד האָבן אף עגיפּעט זיך א לאָז געטאָן די כאיאָלעס פונעם אזיאטישן שייוועט היקסאָסן. זייערע לייכטע שלאכט־רייטוועגן, געשפּאנט אין פערד, פלעגן זיך ארייננשניידן אין די עגיפּטישע רייען, און די עגיפּטער פלעגן זיך צעלויפן. דעם עגיפּטישן פוסגייער־מיליטער איז שווער געווען קעגנצושטעלן זיך דער פרעכטי־קער קאוואלעריע פון די היקסאָסן. דערצו פלעגן די פערד גופע, וועלכע מע האָט אין עגיפּעט ביז דאן נאָך קיינמאָל ניט געזען, ארופווארפן א פּאכעד אף די עגיפּטער.

עגיפּטיש פוסגייער־מיליטער מיט שילד־פאנצערס, שפּיזן און העק.

די היקסאָסן האָבן באַצװוּנגען עגיפּטן. זייערע קייסאָרים זײַנען געוואָרן עגיפּטישע קייסאָרים. זיי האָבן אויסגעבויט א פּראַכטפולע הויפּט-שטאָט און ארומגערינגלט זיך מיט א נײַער אַריסטאָקראַטיע. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיי גענומען צאָלן א שווערן צינז.

די הערשאַפט פון די היקסאָסן איבער עגיפּטן האָט געדויערט ארום 150 יאָר

8 §. די עגיפּטישע דעראָבערונגען.

דאָס פאַרטרײַבן די היקסאָסן. א נײַע אַריסטאָקראַטיע.

די היקסאָסן האָבן זיך פאַרפונדעוועט אין צאָפן-עגיפּטן, אין דער דעלטע פון ניל. די נאָמאַרכן פון אויבער-עגיפּטן פלעגן זעלבשטענדיק רעגירן אין זייערע באַזיצן, זיי פלעגן אָבער מוזן צו דער צײַט צוגויפקלײַבן דעם צינז פאַר די היקסאָסן. די רעגירער פון דער שטאָט פיווע זײַנען געווען די מעכטיקסטע צווישן די נאָמאַרכן.

אַן ערעך 1580 יאָר פאַר דער נײַער ערע האָט דער רעגירער פון דער שטאָט פיווע — יאַכמאָס פאַרפירט א מילכאָמע מיט די היקסאָסן און פאַרטריבן זיי פון עגיפּטן. נאָך דעם זיג האָט יאַכמאָס זיך פּראָקלאַמירט אַלס קייסער פון אויבער- און נידער-עגיפּטן, און פיווע איז ווידער געוואָרן די הויפּט-שטאָט פון עגיפּטן. דער פיווער גאָט אַמאָן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס הויפּט-גאָט פון גאַנץ עגיפּטן. דער פּעריאָד, וואָס קומט נאָכן פאַרטרײַבן די היקסאָסן, הייסט אין דער געשיכטע פון עגיפּטן נײַ-קיניגרײַך.



עגיפּטישע שיסער.

דער נײַער פאַרע האָט זיך ארומגערינגלט מיט ייכעסדיקע און רײַכע סראָרעס. געווען זײַנען עס מיליטער-פירער און רײַכע ערדבאַזיצער, וואָס נאָך די קריגס-מאַרשן האָט זיי דער קייסער באַלוינט מיט ערד, שקלאַפן און מיט „דרייסט-קײַט-גאָלד" (אזוי האָט דאַן געהייסן אַן אָרדען, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון א גאָלדענער פליג). א גרויסן אָנזען באַם קיניגלעכן הויף האָבן געהאַט די פּריסטערס. דער קייסער פלעגט זיי שענקען מאַטאָנעס מיט א ברייטער האַנט און זיי האָבן אָנגעזאַמלט גרויסע פאַרמעגנס. די רײַכסטע צווישן די פּריסטערס זײַנען געווען די פּריסטערס פונעם פיווער גאָט אַמאָן. אַזויאַרום איז אָנשטאָט דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז אומגעקומען בײַם דעם אופשטאַנד, אופגעקומען א נײַע אַריסטאָקראַטיע.

די לאַגע פון די פויערים. דאָס מיליטער.

די פויערים האָבן ווי פריִער געצאָלט פאַר דער ערד גוואַלדיק גרויסע שטײַערן. די שטײַערן פלעגן באַטרעפן באַ א פינפטל פון דער געררעטעניש. די קיניגלעכע שטײַערן פלעגט מען אַרויספּאָמפּען אומדערבאַרעמדיק. אין איינעם א

דער קײסער אפ א רײַטוואָגנ שיסט אינ די פײַנט

פאַפּירוס האָט זיך אופגעהיט א באשרײַבונג פונ דער לאגע פונעם פויער: „א העלפט קערנער גאַנוועננ די ווערעמ; די צווייטע העלפט פרעסנ אופ די היפּאָפּאָטאמענ, אינ פעלד פּרוכפּערנ זיך די מײַז, עס לאָזט זיך אראָפּ דער היישעריק... אונ דאָ קומט צו צומ ברעג דער באאמטער; ער גייט ארומ ארומ דעמ שניט, זײַנ סוויטע — מיט שטעקנס אינ די הענט, די נעגערס מיט ריטער. זיי זאָגנ: „טוווע גיב". איז ניטאָ קיינ טוווע, — שלאָגנ זיי דעמ ווירט... ער ליגט געבונדנ, ארײַנגעוואָרפנ אינ קאנאווע... זײַנ פרוי אונ קינדער ליגנ געבונדנ..."

די פאַראָרעמטע פויערימ, וואָס פלעגנ פארבלײַבנ אָנ ערד, האָבנ געזוענ זיך צו פארדינגענ אפ טאָג-ארבעט. יענע, ווענמענ דאָס פלעגט זיך ניט אײַנגעבנ, פלעגנ שאפנ רויבער-באנדעס אונ לעבנ פונ גזיילע.

פארע, די פּריסטערס אונ די אריסטאָקראטיע האָבנ זיך געשראָקנ פאר א נײַעמ אופשטאנד פונ די שקלאפנ אונ פויערימ. קעדיי צו האלטנ זיי אינ דער מוירע, האָט פארע געשאפנ א ספּעציעלע מיליטערישע וואך פונ געדונגענע נוביער אָטריאדנ.

די פארעס האָבנ געהאלטנ אינ איינ פירנ מילכאָמעס אונ באצווינגענ נײַע לענדער. קעדיי מילכאָמע צו האלטנ, האָט מענ געדארפט האָבנ רעגולער, גוט געשולט מיליטער. דאָס מיליטער פלעגט מענ רעקרוטירנ פונ צווישנ די פויערימ, פונ זיי פלעגט מענ אויסבילדנ פוסגייער-אָטריאדנ. דער שטארקסטער טייל פונעמ מיליטער זײַנענ געווענ די רײַטוועגנ-אָטריאדנ, וואָס זײַנענ אופגעקומענ אינ עגיפּעט נאָכ דעמ, ווי די היקסאָסנ האָבנ אראָפּגעבראכט אהערצו פערד. די דאָזיקע אָטריאדנ זײַנענ באשטאנענ פונ רײַכע אריסטאָקראטנ, אונ צו זיי פלעגט ארײַנפאלנ דער גרעסטער טייל קריגס-רויב. דאָס כאיל פונ די רײַטוועגנ פלעגט קוקנ מיט פאראכטונג אפ דער מאסע פוסגייער.

צווישנ די פויערימ פונ די פוסגייער-אָטריאדנ האָט געהאלטנ אינ איינ אָנוואקסנ די אומצופרידנקײַט. דאָס מיליטער, וואָס פלעגט רעקרוטירט ווערנ פונ צווישנ די פויערימ, איז וואָס ווײַטער געוואָרנ אלצ מער אומזיכער, אונ די פארעס האָבנ אָנגעהויבנ צו דינגענ אפ מיליטער-דינסט די נעגערשע, נובישע אונ ליבישע קריגס-פירער מיט זייערע אָטריאדנ.

די קריגס=מארשנ פונ טוטמאָס דעמ III=טנ.

צווישנ די עגיפּטישע פארעס איז דער גרעסטער דעראָבערער געווענ טוטמאָס דער III. ער האָט געלעבט ארומ 1500 יאָר פאר דער נײַער ערע. טוטמאָס דער III האָט א סאכ מאָל געפירט זײַנ מיליטער קעגנ די אזיאטישע שוואָטימ. בייס דעמ אכטנ קריגס-מארש איז ער דערגאנגענ ביז עפראט אונ באקומענ מאטאָנעס פונעמ כעטישנ קיניגרײַכ אינ קליינ-אזיע. טוטמאָס האָט דעראָבערט גרויסע געגנטנ אינ סיריע, פאלעסטינע אונ נוביע.

וועגנ דעמ, ווי גרויס עס פלעגט זײַנ טוטמאָס' קריגס-רויב, קאָנ מענ זענ פונ דער רעשימע רײַכטימער, וועלכע ער האָט פארכאפּט בייס דעמ ערשטנ קריגס-מארש. ער האָט פארכאפּט בא 3 טויזנט שקלאפנ, א סאכ גאָלד אונ זילבער, פערד, גרויס אונ קליינ פי אונ א גרויסע צאָל טוווע, אכוץ דעמ האָבנ די באצווונגענע לענדער געמוזט אימ צאָלנ יערלעכנ צינז.

די גוואלדיקע רײַכטימער, וואָס פלעגנ אָנגערויבט ווערנ אינ די דעראָבערטע לענדער, פלעגנ צעטיילט ווערנ צווישנ פארענ, די פּריסטערס אונ דער מיליטערישער אריסטאָקראטיע.



אזיאַטישע געפאנגענע.

קוידעמקאָל פלעגט פארע אויסטיילן פונעם רויב א גרויסן כיילעק פאר דעם „גאָט אמאָן", דה. פאר די פריסטערס פון דעם דאָזיקן טעמפל. נאָכן ערשטן קריגס-מארש, לעמאָשל, האָט טוטמאָס געשענקט דעם טעמפל פונעם גאָט אמאָן בא טויזנט קנעכט, א סאך פי און אויפעס, גאָלד, זילבער און איידלשטיינער, דריי שטעט אין סיריע, אָן א שיר פעלדער און סעדער אין עגיפּעט. אזוינע מאטאָנעס פלעגט דער אמאָן-טעמפל באקומען קעסיידער אויך פון טוטמאָס דעם III-טנס טראָנפאָלגער. די אמאָן-פריסטערס זיינען געוואָרן די רייכסטע מענטשן אין עגיפּעט.

די רויבערישע קריגס-מארשן פון די פארעס פלעגן רויִנירן ניט נאָר די איינוווינער פון די באזיגטע לענדער, נאָר אויך די פויערים פון עגיפּעט גופע: די שטייערן אפ אויסהאלטן דאָס מיליטער האָבן געהאלטן אין איין וואקסן, דעם גרעסטן טייל מאנצבלענ פלעגט מען צונעמען אפ מילכאָמע און ס'איז ניט געווען, ווער עס זאָל ארבעטן אפ די פעלדער. די מילכאָמעס האָבן אָבער געלוינט דער עגיפּטישער אריסטאָקראטיע, די פריסטערס און דעם קייסער גופע, ווייל דאָס פארכאפטע רויב פלעגט ארייַנפאלן צו זיי אין די הענט אריין.

די מעלוכע-פארוואל-טונג. דער האנדל.

נאָך טוטמאָס' קריגס-מארשן האָט זיך דאָס עגיפּטישע קיניגרייך שטארק פארגרעסערט. איין וויזיר איז שוין שווער געווען צו ספּראווען זיך מיט אלע איניאָנים, האָט מען אוועקגעשטעלט נאָך א וויזיר: איינער האָט רעגירט אין דאָרעם, דער צווייטער — אין צאָפן.

פונקט אזא גרויסע ראָליע, ווי דער וויזיר, האָט אויך געשפּילט דער הויפּט פון דער מעלוכע-קאסע. דער גאנצער רייכער צינז פון די באזיגטע לענדער, אלע שטייערן, וואָס פלעגן גענומען ווערן בא די פויערים, — דאָס אלץ פלעגט ארייַנקומען אין דער מעלוכע-קאסע.

גרויסע אײַנקונפטנ האָט עגיפּעט געהאט אויכ פונעם האנדל. פונ פארשײַדענע לענדער פלעגנ אראָפּקומענ קײנ עגיפּעט סאָכרימ מיט סכוירעס. די סכוירעס פלעגט מענ קוידעמקאָל פאָרלײגנ דעמ קײסער, אונ ערשט דאָס, וואָס ער פלעגט ניט קויפנ, פלעגט מענ מעגנ פארקויפנ אפ די מערק. אדאנק דעמ האנדל האָבנ זיכ אינ עגיפּעט באוויזנ אויסלענדישע סכוירעס: בונטפארביקע וואָלענע געוועבנ, גאָלדנ אונ זילבערנ געשיר, געווער, זאלבנ, אויסארבעטונגענ פונ שווארצנ אונ ראָזעווענ האָלצ אונ אנדערע לוקסוס-זאכנ. עגיפּעט פלעגט אויכ ארײַנפירנ רוי־ווארג: האָלצ, מעטאלנ אונ אנדערע בוי-מאטעריאלנ.

דעמ עגיפּטישנ האנדל האָבנ געהאלטנ אינ זײערע הענט פארע אונ די אריסטאָקראטיע. א גרויסע ראָליע אינעמ האנדל האָבנ אויכ געשפּילט די טעמפּלענ. פונ די שפּעטערדיקע מילכאָמעס איז עגיפּעט געוואָרנ נאָכ רײַכער.

9 §. דער קאמפ קעגנ די כעטנ. ראמסעס דער II.

די כעטנ.

צווישנ די פעלקער, מיט וועלכע עגיפּעט האָט געפירט שטענדיקע מילכאָמעס, האָבנ זיכ אויסגעטײלט די קריגערישע כ ע ט נ. אָט די שוואָטימ האָבנ געוווינט אינעמ טאָל פונ טײַכ ה א ל י ס, אפ די בארג־אָפּהאנגענ אונ אינ די בארג־שפּאלטנ פונ קלײנ־אזיע. די כעטישע מעלוכע האָט זיכ אויסגעבילדעט אנ ערעכ מיט 2000 יאָר פאר דער נײַער ערע. וועגנ די כעטנ האָבנ מיר זיכ דערוווסט דאָ ניט לאנג, בײס די אויסגראָבונגענ, וואָס זײַנענ געמאכט געוואָרנ ערשט מיט א יאָר 30 צוריק. בײס די אויסגראָבונגענ האָט מענ געפונענ די רוינענ פונ דער כעטישער הויפּט־שטאָט. דערבײַ האָט מענ געפונענ א סאכ קונסט־ווערק אונ קלינארטיקע אויפשריפטנ אפ לײמענע פלאטנ. מע האָט אויכ געפונענ פראגמענטנ פונ כראָניקעס, אָפּמאכנ צווישנ די כעטישע קײסאָרימ מיט אנדערע קײסאָרימ, כעטישע געזעצנ אונ נאָכ דאָקומענטנ. אפנ סמאכ פונ אָט די דענקמעלער איז אויפגעשטעלט געוואָרנ דאָס בילד פונעמ לעבנ פונ די כעטנ.

די כעטנ האָבנ קימאט זיכ ניט פארנומענ מיט ערדארבעט, ווײַל דער באָדנ זײערער האָט ווײניק געטויגט דערצו. בא זײ איז אָבער געווענ אנטוויקלט פיצוכט אונ סעדערײַ.

די כעטנ האָבנ קעסײדער געפירט מילכאָמעס מיט די שכײנימ. זײ האָבנ קימאט קײנמאָל ניט אויסגעטאָנ דאָס געווער אונ זײַנענ שטענדיק געווענ גרײט זיכ צו לאָזנ אינ קריגס־מארש.

די כעטנ האָבנ באצוווּנגענ א סאכ שוואָטימ: קלײנ־אזיע האָט זיכ געפונענ אונטער זײער מאכט.

צומ סאָפ XV יאָרה. פאר דער נײַער ערע האָבנ זיכ די כעטנ באפעסטיקט אינ צאָפנ־פיניקיע אונ געטומענ ארײַנדרינגענ קײנ פאלעסטינע.

די קײסאָרימלעכ פונ פיניקיע אונ פאלעסטינע האָבנ אויפגעהערט צו צאָלנ צינז צו עגיפּעט אונ זיכ אונטערגעוואָרפנ אונטער דעמ נײַעמ הערשער. דער קײסער פונ די כעטנ האָט בא זײ געהײסנ „גרויסער קײסער“, זײ זעלבסט — „קלײנע קײסאָרימלעכ“. די כעטנ האָבנ גענומענ ווערנ אנ ערנסטע געפאר פאר די עגיפּטער. אָפּגעשוואכט דורכ די לאנגדויערנדיקע מילכאָמעס, האָט עגיפּעט פארלאָרנ זײַנע באזיצנ אינ סיריע.

אזוי האָט עגיפּעט צוביסלעכווײַז פארלאָרנ אלצ, וואָס עס האָט פארכאפּט בײַט די גרויסע דעראָבערונגענ.

ראמסעס דער II. דער קאמפ קעגנ די כעטנ.

אינ יאָר 1292 פאר דער נײַער ערע איז אפנ טראָנ פונ עגיפּעט ארופ ראמסעס דער II. ער האָט צונויפגענומענ א גרויס אונ שטארק מיליטער אונ אָנגעהויבנ צו פירנ אנ אנטשײדענעמ קאמפ קעגנ די כעטנ. די רײַכע מיליטער־לײַט האָבנ זיכ ארײַנגעזעצט אינ זײערע שלאכט־רײַטוועגנ אונ זײַנענ אוועק אָפּנעמענ צוריק בא די כעטנ די לענדער, בא וועלכע די עגיפּטער זײַנענ געווינט געווענ צו נעמענ צינז. אינ עגיפּטישנ מיליטער האָבנ זיכ איצט געפונענ א סאכ געדונגענע קריגסלײַט — ליביער אונ נוביער.

ראמסעס דער II האָט זיכ געשטעלט אינ דער שפּיצ פונ דער ארמיי אונ האָט זיכ אוועקגעלאָזט קיינ סיריע. ער האָט געוואָלט מיט איינ קלאפּ צעשמעטערנ דעמ קייסער פונ די כעטנ; דאָס איז אימ אָבער ניט געלונגענ. דער קייסער פונ די כעטנ האָט זיכ געגרייט צו באגעגענענ ראמסעסנ לעבנ דער שטאָט ק א ד ע ש באמ טײַכ אָ ר אָ נ ט. ווענ דאָס עגיפּטישע מיליטער איז אונטערגעקומענ צו קאדעש, האָט א גרויסע כעטישע ארמיי ארומגערינגלט די עגיפּטער אונ שיר ניט גענומענ אינ געפאנגענשאפט דעמ קייסער אליינ. געראטעוועט האָט ער זיכ אדאנק זײַנ אומגעוויינלעכער פיזישער קראפט. ראמסעס דער II איז געווענ א ריז, קימאט צוויי מעטער די הייכ (דאָס איז צו זענ פונ זײַנ מומיע). אדאנק דער מוט פונ די עגיפּטישע קריגסלײַט אונ פארעס דרייסטקײַט, האָט זיכ די עגיפּטער דאָכ אײַנגעגעבנ ארויסצורײַסנ פונ דעמ סוינעס רינג אונ צוריקטרעטנ. א סאכ עגיפּטישע קריגסלײַט זײַנענ דערבײַ אומגעקומענ בא די ווענט פונ קאדעש.

סטאטוע פונ ראמסעס דעמ II־טנ.

א הויפ־פּאָעט א כוינעפ האָט געשילדערט די שלאכט אונטער קאדעש אלס ראמסעסעס א גלענצנדיקנ זיג. נאָכ דער דאָזיקער שלאכט האָט מענ אָבער געמוזט צונויפנעמענ נײַ מיליטער אונ ווידעראמאָל זיכ לאָזנ אינ קריגס־מארש.

אצינד האָט פארע באשלאָסנ צו האנדלענ אפּ אנ אנדער אויפנ. קודעמקאָל האָט ער זיכ פארפונדעוועט אינ די יאמ־שטעט, קעדיי צו האָבנ א באקוועמענ יאמ־פארקער מיט עגיפּעט. די כעטנ זײַנענ צו יענער צײַט געווענ אָפּגעשוואכט דורכ די אינערלעכע אומרוענ. האָט זיי פארע אינ פארלויפ פונ עטלעכע יאָר צײַט טראָט נאָכ טראָט ארויסגעשטויסנ פונ פאלעסטינע אונ סיריע, ביז ער איז ניט דערגאנגענ צומ טאָל פונ טײַכ עפראט.

דער שאָלעמ=אָפּמאכ. די מילכאָמע האָט זיכ געענדיקט מיט א שאָלעמ־אָפּמאכ צווישנ ראמסעס דעמ II־טנ אונ דעמ קייסער פונ די כעטנ. לויט דעמ אָפּמאכ האָבנביידע קייסאָרימ געשלאָסנ צווישנ זיכ אנ אייביקנ שאָלעמ. זיי האָבנ זיכ פארפליכטעט צו העלפנ איינער דעמ אנדערנ אינ פאל, אויב אפּ עמעצנ פונ זיי וועט אָנפאלנ א סוינע אָדער אויב עס וועט אויסברעכנ אנ אופשטאנד. אינ רעזולטאט פונ די מילכאָמעס, וואָס עס האָט געפירט ראמסעס דער II, האָט עגיפּעט צוריק באקומענ פאלעסטינע אונ דעמ דאָרעמ־טייל פונ סיריע.

פאלעסטינע אונ סיריע זײַנענ אָבער ניט אפּ לאנג פארבליבנ אונטער דער מאכט פונ עגיפּעט. א קורצ שטיקל צײַט נאָכ ראמסעס דעמ II־טנס טויט האָט זיכ אפּ עגיפּעט אָנגערוקט א נײַער שטורעמ. אפּ עגיפּעט האָבנ גענומענ אָנגרײַפנ די „יאמ־פעלקער", וואָס זײַנענ געקומענ פונ צאָפנ, פונ די אינדזלענ פונ מיטללענדישנ יאמ. גלײַכצײַטיק האָבנ זיכ פונ מײַרעוו־זײַט ארײַנגעריסנ קיינ עגיפּעט די ליביער שוואָטימ. די פארעס איז אָנגעקומענ זייער שווער צו ווערנ זיכ קעגנ די נײַע סאָנימ. אײַנהאלטנ סיריע אונ פאלעסטינע זײַנענ זיי שוינ ניט געווענ בעקויעכ. די מעכטיקײַט פונ עגיפּעט איז אונטערגעריסנ געוואָרנ.

§10. דער סאָפּ פונ דער זעלבשטענדיקײַט פונ עגיפּעט.

אינ די צײַטנ פונעמ פארע ראמסעס דעמ II-טנ האָט עגיפּעט דערגרייכט צו א נײַעמ אופשטײַג פונ זײַנ מעכטיקײַט. אינ ראמסעס דעמ II-טנס צײַטנ האָבנ זיכ די עגיפּטער צוזאמענגעשטויסנ מיטנ שטארקנ פאָלק, וואָס האָט געוווינט אינ מיטל־אזיע, — מיט די כ ע ט נ. די כעטנ זײַנענ געווענ ניט שוואכער פונ די עגיפּטישע

2694—3

קריגסלײַט, אָבער ראַמסעסנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אָפּצושלאָגנ אַלע זײערע אָנ־פֿאַלנ. נאָכ ראַמסעסעס טויט האָבנ אָבער אָפּ עגיפּעט זיכ א לאָז געטאָנ אַנדערע שוואָטימ (די „יאַמ-פֿעלקער“), אונ עגיפּעט האָט צוביסלעכווײַז געקומענ פֿאַרלירנ זײַנע באַזיצנ.

עס פֿאַרשאַרפֿט זיכ דער קלאַסנקאַמפּ.

אַז די אַזיאַטישע באַזיצנ זײַנענ פֿאַרלאָרנ געגאַנגענ, זײַנענ די אײַנקונפֿטנ פֿונ דער מיליטערישער אַריסטאָ־קראַטיע אונ פֿונ די פּריסטערס פֿאַרקלענערט געוואָרנ. דאַנ האָט מענ אָפּ די פּויערימ אַרופֿגעלײגט נאָכ גרעסערע שטײַערנ, די שקלאַפֿנ האָט מענ גענומענ עקספּלואַטירנ נאָכ שטאַרקער.

דער רעזולטאַט איז געווענ, אַז אַרומ 1200 יאָר פֿאַר דער נײַער ער׳ע האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אומרוענ אינ לאַנד. עס פֿלעגנ אויסברעכנ אופֿשטאַנדנ. אָפּ א געוויסער צײַט האָט די מאַכט פֿאַרכאַפּט אײנער א פֿרעמדלענדער, וואָס האָט גע־שטאַמט פֿונ סיריע.

די אופֿשטענדלער פֿלעגנ אוועקרויבנ דאָס פֿאַרמעגנ פֿונ זײערע הארנ אונ פֿאַרכאַפּנ די רײַכטימער פֿונ די טעמפּלענ. אינ אַנ אוראַלטנ פּאַפּירוס ווער׳ט דער־ציילט, אַז דער סיריער האָט פֿאַרײניקט זײַנע כאַווײרימ. זײ האָבנ אָפּגעשאַפֿט דאָס ברענגענ וואָסערע־ניט־איז געשאַנקענ פֿאַר די טעמפּלענ.

דער קאַמפּ קעגנ די אופֿשטאַנדנ אינ לאַנד אונ קעגנ די אָנפֿאַלנ פֿונ אויסנ האָט אָפּגעשוואַכט דאָס עגיפּטישע קיניגרײַכ. מיט דער צײַט איז עגיפּעט געוואָרנ אַזוי שוואַכ, אַז עס האָט שוינ ניט געקאָנט געבנ קײנ ווידערשטאַנד די אויסער־לעכע פֿײַנט. אינגיכנ האָבנ די ל י ב י ע ר ש ו ו אָ ט י מ אײַנגענומענ צאָפֿנ-עגיפּעט, אונ די נ ו ב י ע ר — דאָרעמ-עגיפּעט.

עגיפּעט האָט אופֿגעהערט צו שפּילנ די ראָליע פֿונ א וועלט-מעלוכע. אינ דער זעלבער צײַט האָט זיכ פֿאַרשטאַרקט די מאַכט פֿונעמ פּריסטערטומ. אינ פּיווע פֿאַרכאַפּנ די פּריסטערס די מעלוכע־מאַכט.

דער סאַיסער פּעריאָד.

אינ יאָר 671 איז עגיפּעט באַצוווּנגענ געוואָרנ דורכ א ס י ר י ע (א ש ו ר) — א מעכטיקע מיליטערישע מעלוכע, וואָס ליגט לענגויס דער מיטלשטראָמונג פֿונעמ טײַכ ט י ג ע ר. אינ 20 יאָר אַרומ האָט דער נאָמאַרכ פֿונ דער שטאָט סאַיס פּ ס א מ ע ט י כ פֿאַרטריבנ די אַסיריער, אונ עגיפּעט איז אָפּ א געוויסער צײַט ווידער געוואָרנ א זעלבשטענדיקע מעלוכע. פּסאַמעטיכ איז געוואָרנ קײסער, אונ ס אַ י ס — די הויפּט-שטאָט.

אינ אָט דער צײַט האָבנ די עגיפּטער גענומענ פֿירנ א האַנדל מיט די גרי־כישע סאָכרימ, וועלכע פֿלעגנ אָפֿט קומענ אַהער אויסצובײַטנ זײערע סכוירעס אָפּ עגיפּטישער טוווּע. די סאַיסער קײסאָרימ האָבנ פֿאַרברײטערט דעמ האַנדל מיט די ווײַטע אַפֿריקאַנישע געגנטנ, וואָס געפֿינענ זיכ באַמ ברעג פֿונ ר ו י ט נ י א מ. זײ האָבנ דורכגעגראָבנ א קאַנאַל, וואָס פֿאַרבינד׳ט דעמ מיזרעכדיקנ טײַכ־אָדער פֿונ ניל מיטנ רויטנ יאַמ. לויטנ באַפֿעל פֿונ אײנעמ פֿונ די סאַיסער פֿאַרעס נ ע כ אָ האָט מענ דורכ דעמ קאַנאַל געשיקט עטלעכע פֿיניקײישע שיפֿנ קײנ דאָ־רעמ, צומ רויטנ יאַמ. קײנ עגיפּעט האָבנ זיכ די פֿיניקײישע יאַמ-רײַזנדער צו־ריקגעקערט אינ דרײַ יאָר אַרומ דורכנ מיטללענדישנ יאַמ.

דאָס איז געווענ די ער׳שטע אינ אַלטערטומ רײַזע אַרומ אַפֿריקע.

די פערסנ באצווינגענ עגיפעט.

די עגיפטישע אריסטאָקראטיע אונ די סאָכרימ האָבנ רויִנירט די פויערימ אונ האנטווערקער ביז גאָר. עגיפעט האָט שוינ ניט געהאט קיינ קויעכ צו פירנ א קאמפ קעגנ דעמ אויסערלעכנ סוינע.

אינ יאָר 525 פאר דער נײַער ערע האָט דעמ ניל-טאָל פארנומענ פ ע ר ס י ע — א נײַע מעלוכע, וואָס איז אופגעקומענ ווײַט אינ מיזרעכ, בא די ברעגנ פונ פערסישנ אײַנגוס. עגיפעט איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א געגנט פונעמ פערסישנ קיניגרײַכ.

§11. די עגיפטישע קולטור.

שריפט. פאפירוס.

שריפט האָט זיכ באוויזנ בא די עגיפטער מיט 3500 יאָר פאר דער נײַער ערע. צו אונדז זײַנענ דערגאנגענ א סאכ דענקמעלער פונ עגיפטישער שריפט פונ פארשיידענע צײַטנ. שרײַבנ פלעגנ די עגיפטער דערהויפט אפ פאפירוס, וואָס האָט זיי געדינט אָנשטאָט פאפיר. דאָס פאפירוס-שטענגל פלעגט מענ צעשנײַדנ נאָכ די שיכטנ נאָכ אפ פאסיקלעכ, די פאסיקלעכ ארופלייגנ איינ ריי אפ דער צווייטער אונ צונויפקלעפנ. דערנאָכ פלעגט מענ זיי צונויפקלעפנ אינ דער לענג ווי לאנג מע האָט געוואָלט. א פאפירוסענע מעגילע פלעגט צומאָל האלטנ ביז 40 מעטער די לענג. דעמ אויסגעשריבענעמ פאפירוס פלעגט מענ צונויפוויקלענ ווי א טרײַבל אונ ארומבינדנ מיט א שנירל.

אינ אָנפאנג האָבנ די עגיפטער געשריבנ מיט אזוינע צייכנס, וואָס האָבנ אויסגעזענ ווי בילדלעכ. אָט די צייכנס הייסנ ה י ע ר אָ ג ל י פ נ. אפ פאפירוס פלעגט מענ מערסטנטייל שרײַבנ ניט מיט היִעראָגליפנ, נאָר מיט שנעלשריפט, מיט צייכנס, וואָס האָבנ שוינ ניט דעמ אויסזענ פונ בילדלעכ.

דער פראנצויזישער געלערנטער ש א מ פ אָ ל י אָ נ איז געווענ דער ערשטער, וועמענ עס האָט זיכ אינ 1822 יאָר אײַנגעגעבנ איבערצולייענע די עגיפטישע שריפט.



א שטיינ מיט א היִעראָגליפישנ אופשריפט; אונטנ — היִעראָגליפנ, וואָס באטײַטנ די נעמענ פטאָלאָמיי אונ קלעאָפאטרע.

היערָאגליפנ באצייכענענ גאנצע ווערטער אָדער א קאָמבינאציע פונ עטלעכע אויסיעס. פאראנ אכוץ דעם 24 היערָאגליפנ, וואָס באטײַטנ בלויז איינצלנע אויסיעס. די עגיפטישע שריפט איז אזויארום געווענ א געמישטע. סאכאקל האָט זי פארמאָגט בא 700 צייכנס.

פארשטייט זיכ, אז אויסלערנענ זיכ די עגיפטישע שריפט איז געווענ א סאכ שווערער איידער אונדזער שריפט. אינ די שולנ, ווו מע האָט געגרייט פארשרײַבער, פלעגנ זיכ די שילער דארפנ לערנענ צו פינפ—זעקס יאָר. אינ מעשעכ פונ אָט די שווערע לימודים פלעגט מענ די יינגלעכ גאנצ אָפט באשטראָפנ. אפ די ראנדנ פונ די עגיפטישע פאפירוס־העפטנ קאָנ מענ אָפט לייענענ אזעלכע שפריכווערטער: „די אויערנ זײַנענ באם יינגל אפנ רוקנ. ער הערט, ווענ מע שלאָגט אימ". א פארשרײַבער צו זײַנ האָט באטײַט האָבנ א האכנאָסעדיקע אונ בעקאָוועדיקע שטעלע. פלעגנ דעריבער די שילער אריבערטראָגנ אלערליי שטראָפנ. פארשטייט זיכ, אז שרײַבנ אונ לייענענ האָבנ זיכ געלערנט דערהויפט די קינדער פונ די רײַכע אונ יכעסדיקע לײַט. די עגיפטישע פויערים זײַנענ געווענ אנאלפאבעטנ.

סטאטוע פונ א פארשרײַבער (עגיפּעט).

ליטעראטור.

אויסער אופשריפטנ אונ אנדערע דאָקומענטנ זײַנענ צו אונדז אויכ דערגאנגענ א סאכ ווערק פונ דער עגיפטישער ליטעראטור. די פארעס אונ די אריסטאָקראטיע האָבנ ליב געהאט צו הערנ דערציילער. אזעלכע ווערק, וואָס זײַנענ געווענ באליבט בא די פארעס אונ בא דער אריסטאָקראטיע, פלעגט מענ פארשרײַבנ אונ, ווי געווײנלעכ, ארײַנלייגנ אינ קייווער-סקלעפ צוזאמענ מיט דער מומיע.

שטארק פאָפולער איז געווענ די דערציילונג „וועגנ איינעמ, וואָס האָט געליטנ א שיפסברוכ". דאָ ווערט דערציילט וועגנ די פאסירונגענ פונ איינעמ א קריגסמאנ, ווענ דער קייסער האָט געשיקט מיט א שיפ אפנ רויטנ יאמ צו די ארצ-גרובנס. אונטערוועגס איז אויסגעבראָכנ א שטארקער שטורעמווינט, די שיפ איז דערטרונקענ געוואָרנ, אונ דער קריגסמאנ איז ארויסגעשלײַדערט געוואָרנ אפ א ווונדערבארנ אינדזל, ווו עס האָט געקיניגט א שלאנג. פיר כאדאָשימ צײַט האָט דער קריגסמאנ געווױנט בא דער שלאנג, ביז עס איז געקומענ נאָכ אימ א שיפ פונ עגיפּעט. געזעגענענדיק זיכ מיטנ גאסט, האָט דער קייסער די שלאנג געגעבנ דעמ קריגסמאנ אלס מאַטאָנעס פאר פארעסוועגנ פײַנ-שמעקנדיקנ זאלב, ווערטפולנ האָלצ, העלפאנדביינ, מאלפעס אונ א סאכ אנדערע זאכנ (דער פאפירוס, ווו דאָס מײַסעלע איז אופגעשריבנ, געפינט זיכ אינ ערמיטאזש אינ לענינגראד).

די קייסאָרימ אונ די אריסטאָקראטיע האָבנ שטארק ליב געהאט אויכ די דערציילונג וועגנ די פאסירונגענ פונ איינעמ א סראָרע—סינוכעט. אויס

מוירע צו ציִען אַף זיך דעם אומכיין פֿון פּאַרען, איז סינוכעט געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפֿן פֿון עגיפּטע קיין סיריע, ווו ער האָט אָפּגעווינט א סאַך יאָרן. ווייַטער ווערן באַשריבן די פּאַסירונגען, וואָס זייַנען מיט סינוכעטן געשען, ביז פּאַרע האָט אים ניט דערלויבט אומצוקערן זיך אַהיים. דאַן האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין עגיפּטע, און פּאַרע האָט אים צוריק אָפּגעגעבן זייַנע רייַכטימער.

עס זייַנען אויך געווען דערציילונגען וועגן פּריסטערס און קישעפֿמאַכערס, וואָס פֿלעגן ווייַזן אויסערגעוויינלעכע מאָפֿסים, וועגן געטער, וואָס פֿלעגן קומען צו הילף זייערע ליבלינגען די פּאַרעס, אאַוו.

די פֿאָלקס-מאַסע האָט פֿון אָט דער ליטעראַטור ניט געוווּסט. די פֿישערס, די פּאַסטעכער, די טרעגערס, די פּויערים האָבן אָבער פֿאַרמאָגט אייגענע לידער און מייַסעלעך. אין דרעש-צייַט, צום בייַשפּיל, ווען די פּויערים פֿלעגן צאָקען צו די אָקסן, וואָס זיי האָבן געטריבן איבער די גאַרבן, קעדיי אַרויסצוקלאַפּן פֿון די גאַרבן די קערנער, פֿלעגן זיי זינגען דאָס לידעלע:

דרעשט פֿונייַערטוועגן, דרעשט פֿונייַערטוועגן,
איר אָקסן, דרעשט פֿונייַערטוועגן.
דרעשט פֿונייַערטוועגן שטרוי צום עסן
און קערנער פֿאַר אייַערע הארן.
רוט ניט, —
עס איז דאָך יעצט קיל...

ארכיטעקטור.

א פֿאָרשטעלונג וועגן די עגיפּטישע פּאַלאַצן און וועגן די הייַזער פֿון דער אַריסטאָקראַטיע קאָנען מיר באַקומען דעריקער פֿון די געמעלן. די פּאַלאַצן און הייַזער פֿלעגט מען בויען פֿון ניט-געברענטן ציגל און פֿון האָלץ, אַפֿילע די זייַלן פֿלעגט מען מאַכן פֿון פּאַלמעס-שטאַמען. די צייַט האָט רוּינירט די דאָזיקע געבייַדעס.



איסידעס טעמפּל אין עגיפּטע.

רוינענ פונ טעמפּלענ עקזיסטירנ נאָכ ביז הײַנטיקנ טאָג. בויענ פלעגט מענ זיי פונ „אײביקנ שטײנ" — קאלכשטײנ, זאמדשטײנ, גראניט. די האלב-רוינירטע זײַלנ מיט שײנע געזימסנ אינ דער פאָרם פונ א פאפירוס-בינטל אָדער לאָטאָס-בלימל, די רעשטנ פונ ווענט מיט אויפשריפטנ אונ געמעלנ זײַנענ אזוי שײנ, אז ביז איצט רופנ זיי נאָכ אלצ אויס באוווּנדערונג.

אינ געביט פונ מאטעמאטיק אונ אסטראָנאָמיע האָבנ די עגיפּטער אָנגעזאמלט א סאכ קענטענישנ. דאָס האָט זיי געגעבנ די מעגלעכקײַט צונויפצושטעלנ א קאלענדאר אונ געבראויכנ אימ אינ זײער ווירטשאפטלעכער טעטיקײַט. אינ דער מעדיצינ האָבנ זיי אויכ פיל אויפגעטאָנ. אדאנק דעמ מינהעג פונ באלזאמירנ די געשטאָרבענע, האָבנ זיכ די עגיפּטער באקאנט מיטנ געבוי פונעמ מענטשלעכנ קערפּער.

די עגיפּטער זײַנענ געווענ אײנס פונ די ערשטע פעלקער פונ אלטערטומ, צווישנ וועלכע עס זײַנענ אויפגעקומענ שריפט, ליטעראטור, וויסנשאפט אונ קונסט.

II. די עלטסטע מעלוכעס פונ מעסאָפּאָטאמיע.

§ 12. דאָרעמ־מעסאָפּאָטאמיע, איר נאטור אונ באפעלקערונג.

אינעמ טאָל פונ די טײַכנ טיגער אונ עפראט האָט זיכ באוויזנ א באפעלקערונג נאָכ אינ די זעלבע אלטע צײַטנ, ווי אינ עגיפּטע. אָט דער טאָל הײסט צ ו ו י ט ײַ כ נ - ל א נ ד, אָדער מ ע ס אָ פּ אָ ט א מ י ע (דה. א טאָל צווישנ טײַכנ). די עלטסטע מעלוכעס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אינ דאָרעמ-טײל פונ מעסאָפּאָטאמיע, וואָס ליגט הארט באמ פ ע ר ס י ש נ א ײַ נ ג ו ס.

די נאטור פונ מעסאָפּאָטאמיע.

פּונקט ווי דער באָדנ פונ עגיפּטע, קאָנ אויכ דער באָדנ פונ דאָרעמ-מעסאָפּאָטאמיע אָנ באוואסערונג ניט געבנ קײנ גערעטעניש. העכער א העלפט פונ יאָר איז דאָרט פאראנ צופיל פײַכטקײַט, די איבעריקע צײַט פונ יאָר שטײט אָפּט אנ אומ-דערבארעמדיקע טריקעניש. נאָיאבער אונ דעקאבער גײענ נאָכאנאנד רעגנס, וואָס פארוואנדלענ ערטערווײַז דעמ באָדנ אינ א זומפּ. די ערד באווײַזט זיכ ניט אויס-צוטריקענענ פונ די רעגנס, ווי עס הײבנ שוינ אינ מארט אָנ ארויסצוגײנ פונ די ברעגנ די טײַכנ טיגער אונ עפראט. די טײַכנ צעגיסנ זיכ גאָר ברײט. דאָס וואַ-סער פאלט אָפּ זײער לאנגזאמ: ערשט אווגוסט — סענטיאבער הײבנ די טײַכנ אָנ ארײַנצוגײנ אינ זײערע ברעגנ.

בײַ דער פארפלײצונג אונ נאָכ איר, ביז נאָיאבער, שטײט א טרוקענער וועטער. דער באָדנ ווערט אויסגעטריקנט זײער ניט גלײַכמעסיק. אינ די הויכע ערטער טריקנט ער זיכ שנעל אויס, ווערט הארט ווי שטײנ אונ פול מיט שפּאלטנ. אינ די נידעריקע ערטער ווידער פארהאלט זיכ דאָס וואסער, דער באָדנ ווערט פארוואנדלט אינ א זומפּ אונ עס פארשפּרײט זיכ דער זומפּ-פיבער. קעדײ ארויפצונעמענ א גוטע גערעטעניש אינ דאָרעמ־מעסאָפּאָטאמיע, מוז מענ א סאכ אונ שווער האָרעווענ.

וואסער-אײַנריכטונגענ.

די אורעלטסטע באפעלקערונג פונ דאָרעמ-מעסאָפּאָ-טאמיע — די ש ו מ ע ר נ — האָבנ אויסגעבויט א קאָמפּלי-צירטע סיסטעמ פונ אײַנריכטונגענ אפּ אויסצוטרי-קענענ די זומפּנ אונ אופּצוהיטנ דאָס וואסער אינ די טרוקענע צײַטנ פונ יאָר,

די ערשטע וואסער־אײַנריכטונגען האָבן די שומערן גענומען בויען נאָך אײדער עס האָט זיך אויסגעבילדעט די מעלוכע, נאָך דאן, ווען זײ האָבן געלעבט אין שטאם-געמײנדעס.

די פעלדער, די גערטנער און סעדער פלעגן זײ ארומרינגלען מיט הרעבליעס, קעדײ ניט דורכלאָזן דאָס וואסער. ווײַטער, פלעגן זײ דורכגראָבן א גאנצע נעצ קאנאלן. זײערע ייִשוווים, פאלאצן און טעמפלען פלעגן די שומערן בויען אפ קינסטלעכע אופשיטונגען, קעדײ די פארפלײצונגען זאָלן ניט שאָדן די געבײַדעס.

אזוי ווי דער באָדן איז געווען לויז, פלעגן די קאנאלן און הרעבליעס אָפט אײַנפאלן און באדעקט ווערן מיט ליים און שלאַם. דעריבער האָט מען געמוזט האָבן איבער זײ א שטענדיקע אופזיכט.

אפ די פעלדער פלעגן די שומערן זײען גערשטן און ווײץ. אין די גערטנער פלעגן זײ פארזעצן ציבעלע, אוגערקעס און אנדערע מינים גרינס. אין די סעדער זײַנען געוואקסן טײטל-פאלמעס.

אדאנק די שלאם-אָנשיכטונגען זײַנען די פעלדער פון מעסאָפאָטאמיע געווען זײער פרוכטבאר. די ערד איז געווען דאָס הויפט-רײַכטום פון מעסאָפאָטאמיע. קײן וועלדער, קײן נוצלעכע מינעראלן האָט דאָס לאנד ניט פארמאָגט.

די פארײניקונג פון מעסאָפאָטאמיע.

די שומערן פלעגן זיך פארײניקן און אויסבילדן שטעט — מעלוכעס. די סאמע באקאנטע שומערישע שטעט זײַנען: ניפור, אור, אורוק, לאגאש און אנד. אין דער שפיץ פון יעדער שטאָט — מעלוכע איז געשטאנען א רעגירער — א פאטעסי, וואָס האָט רעגירט צוזאמען מיט דער אריסטאָקראטיע.

די מאסע באפעלקערונג איז באשטאנען פון פויערים, האנטווערקער און שקלאפן. צווישן די שטעט פלעגן פאָרקומען שטענדיקע מילכאָמעס, יעדע שטאָט האָט געוואָלט פארכאפן די בעסטע ערד. די שומערן פלעגן פירן מילכאָמעס אויך מיט עלאם — א מעלוכע, וואָס האָט זיך געפונען צו מיזרעך-צו פון זײ. אן ערעך אין יאָר 2750 פאר דער נײַער ערע האָט סארגאָן — דער רעגירער פון דער געגנט אקאד (צאָפן-צו פון די שומערן) — פארײניקט אין אײן קיניגרײַך אלע שטעט פון מעסאָפאָטאמיע. סארגאָן האָט דער ערשטער זיך א נאָמען געגעבן „קײסער פון די פיר עקן וועלט“, ווײַל ער האָט פארגרעסערט זײַנע באזיצן פון אלע זײַטן פון זײַן מעלוכע.

אָבער אויך נאָך דער פארײניקונג האָבן די מילכאָמעס ניט אופגעהערט. פון מיזרעך-זײַט פלעגן די קריגערישע בארג-שוואָטים קעסײדער אָנפאלן אפ די מעלוכעס פון מעסאָפאָטאמיע און אָפטמאָל אײַנעמען זײ.

§ 13. דאָס קיניגרײַך באָוול.

דאָס קיניגרײַך באָוול. דער קײסער האמוראפי.

אין צאָפן-מעסאָפאָטאמיע, דאָרט, ווו טיגער און עפראט גײען צו נאָענט אײנע צו די אנדערע, האָט זיך געפונען די שטאָט באָוול. פון אָנהײב איז דאָס געווען א קלײנער ייִשעוו. מיט דער צײַט אָבער איז באָוול געווארן א האנדלס-צענטער, ווײַל דאָ פלעגן זיך צונויפגײן א סאך קאראוואנען-וועגן, וואָס פירן פון מיזרעך אפ מײַרעוו.

דער אָנגעזעענסטער קייסער פונ באָוול איז געווענ האמוראפּי (די יאָרנ 2067—2025 פאַר דער נײַער ערע). ער האָט פאַרייניקט אונטער זײַנ מאַכט גאַנצ צאָפנ-מעסאָפּאָטאַמיִע אונ אונטערטעניקט די שומערישע שטעט. אַזוי איז אופגעקומענ דאָס קיניגרײַכ באָוול. האמוראפּי האָט זיכ אויכ א נאָמענ געגעבנ „קייסער פונ די פיר עקנ וועלט“. אינ דער צײַט פונ האמוראפּיס קיניגנ איז באָוול געוואָרנ די גרעסטע, רײַכסטע אונ קולטורעלסטע שטאָט פונ מעסאָפּאָטאַמיִע. לויטנ נאָמענ פונ דער שטאָט באָוול (וואַווילאָנ) האָט אויכ גאַנצ דאָרעמ-מעסאָפּאָטאַמיִע גענומענ הייסנ באָוול, אונ די באַפעלקערונג אירע — באָוולער (וואַווילאָנער).

אינ די געגנטנ אונ שטעט פונעמ קיניגרײַכ באָוול האָבנ רעגירט שטאַטהאַלטערס, וועלכע עס פלעגט באַשטימענ דער קייסער.

האמוראפּיס געזעצנ.

האמוראפּי האָט געשאַפנ פאַר זײַנ מעלוכע א גרויסנ געזעצנ-קאָדעקס. די דאָזיקע געזעצנ זײַנענ פאַרשריבנ געוואָרנ אפ א זײַל פונ טונקעלנ שטיינ. דער זײַל האָט געהאַלטנ $2\frac{1}{4}$ מעטער די הייכ אונ באַ $1\frac{1}{2}$ מעטער אינ אומקרײַז. דער גאַנצער אויבערפלאַכ פונעמ שטיינ איז פאַרשריבנ מיט געזעצ-אַרטיקלענ. פונ אויבנ איז דער זײַל באַפּוצט מיט א רעליעפ, וואָס שילדערט דעמ גאָט פונ דער זונ — דעמ באַשיצער פונ דעמ קייסערס יוסטיצ — אונ דעמ קייסער האמוראפּי, וועלכער שטייט פאַר גאָט. אָט דער שטיינערנער זײַל געפינט זיכ אינ לוווּר-מוזיי אינ פּאַריזש.

האמוראפּיס געזעצנ זײַנענ געווענ א זאַמלונג פונ טאַקאָנעס וועגנווירטשאַפטלעכנ לעבנ אונ וועגנ פאַמיליענ-לעבנ. אָט די געזעצנ האָבנ פאַרטיידיקט די אינטערעסנ פונ די שקלאַפנבאַזיצער. „אויב עמעצער, — איז געזאָגט געוואָרנ אינעמ געזעצ, — וועט אויסבאַהאַלטנ אינ זײַנ הויז אַנ אַנטלאָפענעמ שקלאַפ, וואָס געהערט צומ קייסער אָדער צו א געוויינלעכנ בירגער, אונ וועט ניט אַרויסגעבנ אימ לויט דער פאָדערונג פונעמ באַאַמטנ, דאַרפ דער דאָזיקער הויז-ווירט געטויט ווערנ“.

דער קייסער האמוראפּי אונ דער גאָט שאַמאַש.

דער שקלאַפ האָט זיכ געפונענ אונטער דער פולשטענדיקער מאַכט פונ זײַנ האַר אונ איז מעכויעוו געווענ צו אַרבעטנ פונזײַנטוועגנ. פאַר ניט פאָלגנ דעמ האַר, פלעגט מענ דעמ שקלאַפ אָפּשנײַדנ אַנ אויער.

די באַפעלקערונג. דער האַנדל.

אַכוץ די שקלאַפנ פלעגנ פאַרנ קייסערסוועגנ, פאַר די סראָדעס-אונ פּריסטערסוועגנ אַרבעטנ אויכ פויערימ אונ באַטראַקעס. א טייל פונ זייער ערד פלעגנ די באַזיצער פאַרדינגענ אינ קליינע כאַלאָקימ די פויערימ אינ אַרענדע. די אַרענדע-באַדינגונגענ זײַנענ געווענ זייער שווערע. פאַר א שטיק פעלד פלעגט דער אַרענדאַטאָר מוזנ צאָלנ דעמ



א באָוולשער אקער.

באזיצער פון א דריטל ביז א העלפט געריטעניש, פאר א סאָד — צוויי דריטל פון דער גערעטעניש.

די פויערים, וואָס האָבן קיין ערד ניט פארמאָגט, פלעגן זיך פארדינגען אף טאָג-ארבעט. דער לוין איז אָבער געווען זייער א קנאפער, און געלעבט האָט זיך זיי זייער שווער. די פויערים פלעגן מוזן באגלייטן מיט די שקלאפן אָנטייל נעמען אין די שווערע „קיניגלעכע ארבעטן“: האלטן אין אָרדענונג די גרויסע צאָל קאנאלן און הרעבליעס, אריבערפירן שווערע מאסע.

די שטאָטישע האנטווערקער זיינען געווען פריי. זיי האָבן אָבער ניט געטאָרט נעמען באם באשטעלער קיין העכערע פרייז, איידער ס'איז פעסטגעשטעלט געווען דורכן געזעץ. דער געזעץ ווידער פלעגט איינשטעלן זייער נידעריקע פרייזן.

די פריסטערס און די סאָכרים האָט דער געזעץ אין קיין זאך ניט באגרעניצט. זיי האָבן פריי געפירט זייער האנדל און אָנגעזאמלט גרויסע רייכטימער. רייך ווערן פלעגן זיי נאָך דערפון, וואָס זיי פלעגן געבן די קליינווירטן האלוואָעס טווע און געלט. דער באלכויוו פלעגט מוזן צאָלן פאר דער האלוואָע פון 20 ביז 30 פראָצענט; פאר ניט באצאָלן דעם כויוו פלעגט ער אף דריי יאָר ווערן דעם קרעדיטאָרס א קנעכט. עמעס, האמוראפיס געזעץ האָט געזאָגט, אז אזוינע באלכויוועס קאָנען ווערן צוריק פריי, ס'איז אָבער ניט געווען אזא מין געזעץ, וואָס זאָל זיי ראטעווען פון דאלעס און פונעם שווערן יאָך פון די רייכע לייט.

אינעם באָוול-קיניגרייך האָט עקזיסטירט א רעגולער מיליטער. די קריגסלייט פלעגן אלס געצאָלט פאר מיליטער-דינסט באקומען פונעם קייסער קליינע ערד-כאלאָקים. איז א קריגסמאן אומגעקומען אף דער מילכאָמע, אָדער ער האָט אייגנוויליק פארלאָזן די מיליטער-דינסט, פלעגט זיין ערד-כיילעק איבערגעגעבן ווערן צו אן אנדער קריגסמאן. איז דער זון נאָכן פאָטערס טויט אליין אָנגעקומען אין מיליטער, פלעגט ער באקומען דעם פאָטערס ערד.

רעגולער מיליטער.
דאָס באצווינגענע באָוול.

מילכאָמע-צייט פלעגן צוהילף דעם רעגולערן מיליטער גענומען ווערן אין דער ארמיי אויך די פויערים.

די טשינשן און די קיניגלעכע ארבעטן האָבן ווי א שווערע לאסט געדריקט די באפעלקערונג. די צאָל פאראָרעמטע פויערים און פארשקלאפטע באלכויוועס האָט געהאלטן אין איין וואקסן. דינען אין דער ארמיי זיינען די רויִנירטע פויערים ניט געווען בעקויעך. די קייסאָרים, וואָס האָבן רעגירט נאָך האמוראפין, פלעגן שוין ניט שטענדיק זיין אימשטאנד ארויסצושטעלן קעגן די אָנגרייפנדיקע

פײַנט א גענוגע צאָל מיליטער. דער רעזולטאט איז געווען, אז ארום 1800 יאָר פאר דער נײַער ערע האָבן באָוול באצוווּנגען די קאסיטן — נאָמאדישע שוואָ־טים, וואָס זײַנען געקומען פון דעם מיזרעכדיקן בערגלאנד. די קאסיטישע קייסאָרים האָבן רעגירט אינעם לאנד בא 600 יאָר. שפּעטער איז באָוול ארונטערגעפאלן אונטער דער מאכט פון אסיריע.

§14. די אסירישע דעראָבערונגען.

די נאטור און באפעלקערונג פון אסיריע.

די אסיריער האָבן געוווינט אין צאָפן-טייל פון מע־סאָפּאָטאמיע, בא דער מיטלשטראָמונג פונעם טײַך טיגער. די עלטסטע הויפּט-שטאָט פון אסיריע איז געווען די שטאָט אשור אפן טיגער. די אסירישע שפּראך איז ענ־לעך צו דער באָוולשער. די אסירישע מעלוכע האָט זיך אויסגעבילדעט צום אָנ־הייב III יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע.

אין טאָל פונעם טײַך טיגער האָבן זיך די אסיריער באשעפטיקט מיט ערד־ארבעט, אף די בארג-אָפּהאנגען איז די הויפּט-באשעפטיקונג געווען פיצוכט און יאגד. אכוץ דעם זײַנען די בארג-אָפּהאנגען צו מיזרעך־צו פון אסיריע געווען זייער רײַך אין נוצלעכע מינעראלן. דאָרט פלעגט מען באקומען קופּער, בלײַ, זילבער, און דעריקער — אײַזנארץ. די אסיריער האָבן זיך אויסגעלערנט צו בא־ארבעטן אײַזן און מאכן דערפון לאנדווירטשאפטלעכע געצײַג און געווער. אדאנק דעם האָבן זיי באקומען קאָלאָסאלע פאָרצוגן לעגאבע די שכיינעסדיקע לענדער, וועלכע האָבן אײַזן פארמאָגט ווייניק. די אסירישע קייסאָרים פלעגן פירן דע־ראָבערונגס-מילכאָמעס און פארכאפּן גרויסע טעריטאָריעס.

געוווינט צום שווערן און געפערלעכן יאגד, זײַנען די אסיריער געווען פאר־הארטעוועטע און דרייסטע קריגסלײַט. זיי פלעגן זיך אראָפּלאָזן פון די בערג צום



אסירישע זעלנער שווימען אריבער דעם טײַך אף אָנגעבלאָזענע לאָגלען.

דער אסירישער קייסער טיגלאט־פילעסער באלאגערט א שטאָט. פאָרויס דעם קייסער — א מויער־ברעכער צעברעכט די שטאָט־וואנט. אויבן — געפאנגענע, וועלכע מע האָט ארופגעזעצט אפ א שפּיציקן פלאָקן.

טיגער־טאָל, אונטערטעניקן די שוואָטים, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, און צווינגען זיי צו ארבעטן פארזייערטוועגן — פאר די אסיריער.

טיגלאט־פילעסער (די יאָרן 745—727 פאר דער נייער ערע).

ביסלעכווייז האָבן די אסיריער גענומען מאכן קריגס־אָנפאלן אין אלץ ווייטערע געגנטן און זיינען דערגאנגען ביזן מיטללענדישן יאם. אָנגעהויבן פון מיטן VIII יה. פאר דער נייער ערע איז אסיריע אדאנק די געלונגענע מילכאָמעס געוואָרן א שטארקע קריגס־מעלוכע.

דער גרעסטער אסירישער קייסער דעראָבערער איז געווען טיגלאט־פילעסער. ער האָט פארמאָגט א רעגולער מיליטער פון עטלעכע צענדליק טויזנט מאן. געהייסן האָט דאָס מיליטער „קיניגלעכער קנופּ“. אין מיליטער האָבן געקאָנט ארייננטרעטן אלע אסיריער, פון דעם רייכסטן ביז דעם אָרעמסטן, וואָס האָט אפילע קיין אייגן פּיצל ערד ניט פארמאָגט. אלס באלוינונג פאר די קריגסלייט האָט געדינט דאָס רייכע מילכאָמע־רויב און די באצווונגענע שטעט, ווו די קריגער האָבן געהאט דאָס רעכט צו רויבן פראנק און פריי.

דאָס מיליטער.

אינ דער צײַט פונ גרויסע מילכאָמעס פלעגט דער קייסער רופנ ספּעציעלנ פאָלקס־ווער צוהילפ דעמ רעגולערנ מיליטער. די רײַכע אסיריער פלעגנ ארויספאָרנ אפ שלאכט־רײַטוועגנ אָדער רײַטנדיק אפ פערד. די פויערימ פלעגנ גיינ אינ פוסגייער־מיליטער אונ זײַנענ באוואָפנט געווענ מיט שפּיזנ, שווערדנ, פײַל־אונ־בויגנס. די גאָר אָרעמע האָט מענ געגעבנ באוואָפענונג פונ דעמ קייסערס סקלאדנ. בראָנזענע שילדנ פלעגנ באשיצנ די קריגסלײַט פונ דעמ סוינעס פײַלנ אונ שטיינער. די אסירישע שילדנ זײַנענ געווענ זייער גרויסע, דעריבער זײַנענ געווענ ספּעציעלע אָטריאדנ פונ שילדנ־טרעגערס, וואָס פלעגנ גיינ אינ די פאָדערשטע רייענ.

אסירישע זעלנער ציילנ די געהארגעטע פײַנט לויט די אָפּגעהאקטע קעפּ.

לויטנ באפעל פונ די קייסאָרימ זײַנענ אינ אסיריע געווענ אויסגעבויט גוטע וועגנ, אונ דאָס מיליטער פלעגט גיינ גשנעל פאָרויס. באמ אריבערגיינ א טײַכ האָט דאָס מיליטער אויכ ניט געהאט קיינ שוועריקײַטנ: מענ פלעגט אָנבלאָזנ לעדערנע זעק אונ אריבערשווימענ איבערנ טײַכ. פונ אזוינע זעק האָט מענ געמאכט אויכ בריקנ. די זעק פלעגט מענ צונויפבינדנ, אריבערציענ איבערנ טײַכ אונ באדעקנ פונ אויבנ מיט טרוקענע צווײַגנ. איבער אזא בריק זײַנענ אדורכגעגאנגענ אפילע די שווערע רײַטוועגנ־אָטריאדנ.

די אסיריער האָבנ געשאָסנ פונ זייערע פײַל־אונ־בויגנס זייער טרעפלעכ, דער אָנגריפ פונ די רײַטוועגנ־אָטריאדנ פלעגט זײַנ א שרעקלעכער, אונ אינ אנ אָפענער שלאכט איז געווענ אומעגלעכ צו באשיצנ זיכ קעגנ זיי. די הויכע ווענט פונ די שטעט זײַנענ אויכ ניט געווענ קיינ זיכערע שוץ קעגנ אסירישנ מיליטער. די אסיריער פלעגנ ארומרינגלענ די באלאגערטע שטאָט אונ מיט שטיינ־שלײַדערער וואַרפנ אהינ שווערע שטיינער אָדער קיילימ מיט ברענענדיקנ פעכ. דיקע פעסטונג־ווענט פלעגנ זיי דורכהאקנ מיט א מויערברעכער (טאראנ). דאָס איז געווענ א קאָלאָסאלע קלאָצ, געשמידט אינ קופּער אונ אופגעהאנגענ אפ קייטנ. דעמ מויערברעכער פלעגט מענ פאנאנדערוויגנ אונ געבנ מיט אימ קלעפּ איבער דער וואנט. די אסיריער פלעגנ אויכ צושטעלנ צו די ווענט גרויסע לייטערס אונ ארײַנדרינגענ אינ שטאָט ארײַנ.

די פארשקלאפונג פונ די באצווונגענע לענדער.

נאָכ יעדנ זיג פלעגנ די אסירישע קייסאָרימ זיכ צערעכענענ מיט די באזיגטע. טויזנטער קריגס־געפאנגענע פלעגט מענ ארופזעצנ אפ פארשפּיצטע פלאָקנס אָדער קעפנ. צענדליקער טויזנטער האָט מענ אוועקגעפירט קיינ אסיריע אונ פארקויפט פאר קנעכט. פונ די רויבירטע געגנטנ פלעגט מענ אוועקטרײַבנ הונדערטער טויזנטער שטיקלעכ פי, ארויספירנ אָנ א שיר גאָלד, זילבער, קופּער, העלפאנדביינ אונ אנדערע ווערטפולע כפייצימ.



די אסיריער נעמענ אײַנ א שטאָט אונ פירנ אוועק די געפאנגענע.

טיגלאט-פילעסער דער III האָט מיט זײַנ דיסציפּלינירטנ אונ גוט געשולטנ מילי-
טער אײַנגענומענ א סאכ לענדער. ער האָט אונטערטעניקט באָוול, דעראָבערט סיריע
אונ ארופגעלייגט צינז אפ די ייִדישע קיניגרײַכנ אינ פאלעסטינע. טיגלאט-פילע-
סער איז דערגאנגענ ביז עגיפּטע אונ בא די עגיפּטער גרענעצנ צעקלאפּט פארעס מיליטער.
אינ צאָפנ האָט ער דערגרייכט ביזנ קיניגרײַכ א ו ר א ר ט ו, וועלכעס איז געווענ
דער שטענדיקער סויגע פונ די אסיריער.

דאָס קיניגרייך אוראַרטו.

די אוראַרטו זיינען געווען קריגערישע שוואָטים, וואָס האָבן געוווינט אין טראַנסקאַווקאַז, לעבן דער אָזערע וואַן. זייער הויפּט-באַשעפטיקונג איז געווען פיצוכט. דאָס לאַנד זייערס איז געווען רייך אין מעטאַל, און די אוראַרטו זיינען געווען באַרימט מיט זייערע אויסאַרבעטונגען פון בראָנזע: געווער, געשיר, צירונג. די אַסירער פלעגן קעסיידער אָנפאַלן אויף די רייכע אוראַרטער ערדן און ברענגען פון דאָרט אַ סאַך רויב.

אין IX יאָרה. פאַר דער נייער ערע האָבן זיך אָבער די אוראַרטער שוואָטים פאַראייניקט אין איין מעלוכע און גענומען אָנגרייפן אויף אַסיריע און פאַרכאַפּן אירע צאָפנדיקע געגנטן. אוראַרטו איז דאַן געוואָרן אַ שטאַרקע מעלוכע. איינער פון די קייסאָרים פון יענער צייט — מ ע נ ו א — האָט גענומען פאַרברייטערן זיינע באַזיצן און האָט אויף צאָפן באַצוווּנגען אייניקע שוואָטים פון טראַנסקאַווקאַז.

אין דער ס אָ וועטישער אַרמעניע לעבן דער שטאָט ערעוואַן זיינען נאָך ביז איצט פאַרבליבן די רוינען פון די אוראַרטער פעסטונגען. אויף די פעלדזן קאָן מען זען קלינאַרטיקע אויפשריפטן פון די אוראַרטער קייסאָרים, ווו עס ווערט דערציילט וועגן זייערע זיגן. דער גרעסטער קייסער באַצווינגער איז גע- ווען אַ ר ג י ש ט י. ער האָט רעגירט אין VIII יאָרה. פאַר דער נייער ערע. 14 מאָל האָט ער מילכאָמע געהאַלטן קעגן די אַסירער און יעדעס מאָל געזיגט. זיינע אויפשריפטן זיינען פול מיט באַשרייבונגען וועגן דעם פאַרכאַפּטן רויב. ער האָט פאַרכאַפּט אָן אַ שיר געפאַנגענע און זייער אַ סאַך גרויס- און קליין-פי.

אַדאַנק דעם גוואַלדיקן רויב איז אוראַרטו געוואָרן אַ שטאַרקע מעלוכע. די גרעסטע און שענסטע שטאָט פון אוראַרטו איז געווען די הויפּט-שטאָט ט ו ש פ א לעבן דער אָזערע וואַן. די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט מיט געמויערטע ווענט, ס'איז דורכגעגראָבן געוואָרן אַ קאַנאַל, וואָס פלעגט דערלאַנגען אַהער טרינק-וואַסער פון 80 קילאָמעטער ווייט, ווייל דאָס וואַסער פון דער אָזע- רע וואַן האָט ניט געטויגט צום טרינקען. אָט דער קאַנאַל, וואָס אויסגעבויט האָט אים נאָך מענוא, איז געבליבן ביז היינט צו טאָג.

ווען די אוראַרטו האָבן געליטן אַ גרויסע מאַפּאָלע אין דער מילכאָמע מיטן אַסירישן קייסער טיגלאַט-פילעסער, האָבן זיי אויפגעהערט אָנצופאַלן אויף אַסיריע און פאַרשטאַרקט די אָנפאַלן אויף ט ר אַ נ ס ק אַ ו ק אַ ז. ביז איצט עקזיסטירן נאָך קאַנאַלן, וואָס די אוראַרטו האָבן דאָ אויסגעגראָבן. דער נאָמען פונעם באַרג אַ ר אַ ר אַ ט שטאַמט טאַקע פונעם נאָמען „אוראַרטו". פאַרכאַפּט די אוראַרטער דאָרעמדיקע געגנטן, האָט אַסיריע פאַרגרעסערט אירע באַזיצן אויך אין אַנדערע ערטער. אין די צייטן פונעם מעכטיקן קייסער אַ ש ו ר ב אַ נ י פּ אַ ל (VII יאָרה.) איז אַסיריע געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע מעלוכע. אונטערן אָנגריף פון פאַרשיידענע שוואָטים (כאַלדייער) איז אָבער שפּעטער אויך אַסיריע געפאַלן.

§15. די אַסירישע קריגס-מעלוכע און איר אונטערגאַנג.

די לאַגע פון דער באַפעלקערונג.

די טראַרעס און פּריסטערס פון אַסיריע זיינען אַדאַנק זייערע גרויסע רייכטימער געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן געצוווּנגען דעם קייסער צו באַפרייען זיי פון אַלע שטייערן און קיניגלעכע פליכט-אַרבעטן. אַזוינע פּריווילעגיעס האָבן געקראָגן אויך אייניקע גרויסע שטעט, ווו עס האָבן געוווינט אַ סאַך רייכע סאָכרים.

די פויערים און האנטווערקער האָבן געצאָלט נאָך גרעסערע שטײַערן. די פויערים פלעגן מוזן אָפּגעבן א טײל פון דער גערעטעניש און א געווויסע צאָל פי, די האנטווערקער ווידער פלעגן צאָלן די פארשיידענע שטײַערן אין זילבער. די פויערים און האנטווערקער האָבן כוץ דעם נאָך געמוזט אָפּט גיין אפ די קיניגלעכע ארבעטן: בויען וועגן, פאלאצן, פעסטונגען.

די, וואָס פלעגן ניט אײַנצאָלן די שטײַערן, פלעגן פארלירן זייער גאנצ פארמעגן, ווערן אָפּ־העגניק פון די רײַכע און פארוואנדלט ווערן אין זייערע קנעכט — באלכויוועס. פלעגן טאקע אין אסיריע אויסברעכן אופשטאנדן ניט נאָר פון די געפאנגענע שקלאפן, נאָר פון די אסירישע פויערים און האנטווערקער אויכ.

מאכמעס די שטענדיקע מילכאָמעס זײַנען אין אסיריע געווען זייער פיל שקלאפן. אייניקע פון זיי פלעגן באקומען פונעם קייסער, פון דער מיליטערישער אריסטאָקראטיע, פון די טעמפלען און רײַכע סאָכרים קליינע שטיקער ערד. אָט די שקלאפן פלעגן באארבעטן די באקומענע ערד און אָפּגעבן דעם באזיצער דעם גרעסטן טײל פון דער גערעטעניש. אזעלכע שקלאפן פלעגט מען פארקויפן צוזאמען מיט דער ערד און מיטן גאנצן הויזגעזינד. א סאך שקלאפן זײַנען געווען הויז־דינער.

די פארוואלטונגס־סיסטעם אין די אײַנגענומענע לענדער.

אין די אײַנגענומענע לענדער פלעגן זיצן אסירישע שטאטהאלטערס מיט מיליטער. זיי האָבן רעגירט אין די דאָזיקע געגנטן און צונויפגענומענע צינז. דער צינז איז געווען זייער גרויס; די אסיריער גופע פלעגן אים רופן „שווערער טשינש“.

צווישן אסיריע און די אונטערטעניקטע לענדער פלעגן אויסגע־בויט ווערן גוטע פארקער־וועגן. געבויט די וועגן האָט מען דעריקער צוליב מילכאָמע־צוועקן, אָבער אויסגענוצט זיי האָבן אויכ די סאָכרים מיט זייערע האנדלס־קאראוואנען.

די פארקנעכטעטע פעלקער האָבן געמאכט אָפטע אופשטאנדן קעגן דער אסירישער הערשאפט. אין די אופשריפטן פון יעדן קייסער, אָנגעהויבן פון טיגלאט־פילעסערן, ווערט דערציילט, ווי די אופשטאנדן פלעגן אכזאָריעסדיק אונטערדריקט ווערן.

אין די צײַטן פון טיגלאט־פילעסערס טראָגנפאָלגער איז אסיריע געוואָרן א קאָלאָסאלע מעלוכע. זי האָט אונטערטעניקט קימאט אלע לענדער פונעם אוראלטן מיזרעכ: באָוול, פיניקיע, פאלעסטינע און קליין־אזיע, זי האָט פארכאפט אפילע עגיפּעט. די גרענעצן פון אסיריע האָבן זיכ געצויגן פונעם טײַכ טיגער ביז די זאמדן פונעם מידבער סאהארע, פון די ארמענישע בערג ביזן פערסישן אײַנגוס.

אשורבאניפאל.

דער לעצטער מעכטיקער אסירישער קייסער איז געווען א ש ו ר ב א ־ נ י פ א ל (די יאָרן 668—626 פאר דער נײַער ערע). ער איז געווען א קריגערישער קייסער און האָט געפירט א סאך מילכאָמעס. איבער זײַן הויפּט־שטאָט נ י נ ו ו ע פלעגט ער ארומפאָרן אין א רײַטוואָגן, אין וועלכן עס זײַנען געווען אײַנגעשפאנט פיר געפאנגענע קייסאָרים; אין די גאסן פון שטאָט זײַנען געווען אויסגעשטעלט שטײַגן מיט געפאנגענע אריס־טאָקראטן.

אשורבאניפאל האָט זיכ אויסגעטײלט פון זײַנע עלטערן און אורעלטערן דערמיט, וואָס ער איז, לויט דעם באגריפ פון יענער צײַט, געווען א געבילדעטער מענטש. איינע א געבײַדע אין זײַן גרויסן פאלאצ אין נינווע האָט ער אוועקגעגעבן פאר א ביבליאָטעק. דאָס איז געווען די ערשטע אין דער וועלט־געשיכטע עכטע ביבליאָטעק. איבער אלע ווענט, פון אויבן ביז אונטן, זײַנען געווען פאנאנדערגעשטעלט קעסטלעכ מיט ליימענע פלאטן, באשריבענע מיט קליין־שריפט. דער אינהאלט פון די פלאטן איז געווען פארשיידן (מיפן, היסטאָרישע לעגענדעס און אנד.). די פלאטן זײַנען פאר־בליבן ביז הײַנט און די געלערנטע האָבן זיי איבערגעלייענט.

דער אונטערגאנג פון אסיריע.

די אסירישע קייסאָרים האָבן טאקע געשאפן א גרויסע מעלוכע, אָבער אינערלעכ איז זי געווען ניט פעסט. נאָכ אשורבאניפאלס טויט האָט אסיריע גענומען גיין בארג־אראָפּ. די אונטערטעניקטע לענדער האָבן אופגעהערט צו צאָלן צינז, די געדונגענע קריגסלײַט זײַנען אוועק פון מיליטער; עס האָט גענומען א סאָפ צו די ניצכוינעס, וואָס פלעגן אײַנברענגען א גרויסע צאָל רויב. די רוינירטע פויערים האָבן שוין מער ניט געקאָנט דינען אין דער ארמיי און זײַנען געווען א שוואכע שוצ פאר דער מעלוכע.

אפ אסיריע זײַנען אָנגעפאלן די איראנישע שוואָטים און די כ א ל ד י י ע ר, וואָס האָבן זיכ פארפעסטיקט אין באָוול. אין יאָר 612 פאר דער נײַער ערע איז אײַנגענומען געוואָרן די שטאָט נינווע. דאָס כאלדיישע מיליטער האָט זיכ ארײַנגעריסן אין שטאָט; זייערע גלענצנדיקע רײַטוועגן

האָבן זיך מיט גרויס ראַש געיאָגט איבער די גאַסן. די קריגסלײַט מיט לאַנגע שפּיזן און מיט שילדן, רויטע פון בלוט, האָבן געשאָכטן די באַפעלקערונג, ראַבירט דאָס זילבער, גאָלד און ווערטפולע כפייצים. די סראַרעס האָט מען געשמידט אין קייטן, די איבעריקע אײַנוווינער פון שטאָט, אפילע קליינע קינדער, אויסגעשאָכטן, די שטאָט כאָרעוו געמאַכט, דעם קייסערס פּאַלאַץ — פאַרברענט. די מעלוכע, וואָס איז פריִער געווען אַזוי מעכטיק, איז געוואָרן צעשמעטערט, די מאַכט אירע איז ענדגילטיק געפאַלן אין יאָר 605 פאַר דער נײַער עריע.

16 §. דאָס נײַ־באָוולשע (כאַלדייִשע) קיניגרײַך.

נעווכאַדנעצאַר. נאָך דעם, ווי די כאַלדייער האָבן אונטערטעניקט אַסיריע, איז באָוול ווידער געוואָרן אַ רײַכע און מעכטיקע שטאָט. דער באַרימטסטער צווישן די קייסאָרים פון כאַלדייִשן באָוול איז געווען נעווכאַדנעצאַר. ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער סטראַטעג; אין זײַנע יאָרן איז ענדגילטיק אײַנגענומען געוואָרן אַסיריע און עס זײַנען אונטערטעניקט געוואָרן סיריע און פּאַלעסטינע. נעווכאַדנעצאַר האָט אויסגעבויט אין באָוול אַ סאַך פּאַלאַצן און טעמפּלען צו די געטער. ער האָט פאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַן אומצוטריטלעכער פעסטונג, אַרומגערינגלט זי מיט דיקע ווענט. די רויִנען פון באָוול זײַנען אויפגעהיט געוואָרן ביז הײַנטיקן טאָג.

די שטאָט באָול. אין אָט דער צײַט ווערט באָוול דער צענטער פון האַנדל און קולטור פאַרן גאַנצן מיזרעך. אהער פאָרן זיך צונויף סאָכרים פון פאַרשיידענע לענדער. די שטאָט ווערט רײַך און וואַקסט אויס, די באַפעלקערונג אירע דערגרייכט ביז 100 טויזנט מאַן.

באַם סאַמע ברעג אין געשטאַנען דעם קייסערס שטאָט, ווו ס'האָט זיך געפונען דער פּאַלאַץ, דער טעמפּל פונעם גאָט מאַרדוק און טעמפּלען פון אַנדערע געטער. דאָ איז אויך געווען אַ גרויסער קוואַרטאַל, ווו עס האָבן געוווינט די סראַרעס און פּריסטערס. פון דעם איבעריקן טייל שטאָט איז דעם קייסערס שטאָט געווען אָפּגעטיילט מיט אַ קאַנאַל.

צווישן דעם קאַנאַל און דער שטאָט־וואַנט האָבן געוווינט די האַנטווערקער. זייערע קליינע הײַזקעס פון ניט־געברענטע ציגל זײַנען געשטאַנען אין קרומע, געפּלאָנטערטע, שמאָלע גאַסן און געסלעך.

דער האַנדלס־פּלאַץ פון באָוול האָט זיך געפונען הינטער די שטאָט־טויערן, צווישן עפראַט און דעם קאַנאַל. פון די טויערן האָט זיך געצויגן אַ גרויסער קאַראַוואַנען־וועג, וואָס האָט געהייסן „קיניגלעכער וועג". פון באָוול פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין איבערן גאַנצן לאַנד שליאַכן און קאַנאַלן, וואָס האָבן געדינט אַלס האַנדלס־וועגן.

אין הונדערט יאָר אַרום נאָך נעווכאַדנעצאַרס טויט האָט באָוול באַזוכט דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט. ער באַשרײַבט די שטאָט אַזוי:

„באָוול שטייט אַף אַ גרויסן פליין און האָט די פאָרם פון אַ פירעק. יעדע זײַט פונעם פירעק האַלט 120 סטאַדיעס (באַ 20 קילאָמעטער). דאָס איז די גרייס פון דער שטאָט. געבויט איז זי אַזוי פּרעכטיק שיין, ווי קיין איינע פון די שטעט, וואָס זײַנען אונדז באַקאַנט. קודעמקאָל איז באָוול אַרומגערינגלט מיט אַ טיפן, ברייטן רוי, וואָס איז אָנגעפילט מיט וואַסער. אַרום דער שטאָט שטייט אַ וואַנט, געבויט פון ציגל און באַגאָסן מיט פעך... אין ביידע עקן וואַנט געפינען

זיך איינשטאָקיקע טורעמס, איינער קעגן אנדערן; אינמיטן צווישן די ביידע טורעמס געפינט זיך א דורכגאנג פאר פיר פערד. די וואנט האָט 100 טויערן פון דורכויסיקן קופער מיט קופּערנע רונגען און פארשפּאר-שטאנגען".

ווײַטער דערמאָנט הערדאָט, אז פאר זײַן (דעם קייסערס) פרוי סעמיראַמידע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין איראַן און איז צוגעווינט געווען צו די איראַנער בארג-וועלדער, האָט דער קייסער באפוילן אויסצובויען „הענגענדיקע סעדער". די הענגענדיקע האָבן זיי געהייסן דערפאר, ווײַל זיי האָבן זיך געפונען אף די טעראַסעס פון קינסטלעכע בערגלעך. אהער פלעגט מען דערלאנגען וואסער צו באגיסן די סעדער. יעדער איינער, וואָס פלעגט זען די סעדער, פלעגט ווערן איבערראַשט. די גריכן האָבן געהאלטן די סעדער פאר איינעם פון די „וועלט-וואונדער". הערודאָטס באשרײַבונג איז שטארק איבערגעטריבן און פארמאָגט ניט ווייניק פאנטאזיע. ס'איז אָבער קיין סאָפעק ניט, אז די שטאָט באָוול איז אין יענע צײַטן געווען גרויס און רײַך.

דאָס גאנצע רײַכטום און לוקסוס פון באָוול איז געשאפן געוואָרן דורך דער מי פון די שקלאפן, האנטווערקער און פויערים. גענאָסן פון דעם לוקסוס האָבן בלויז דער קייסער, די רײַכע סאָכרים און פריסטערס. די אָרעמשאפט ווידער האָט פונקט ווי פריִער געלעבט אין גוואלדיקער דאכקעס.

דער אונטערגאנג פון באָוול.

אין יאָר 538 פאר דער נײַער ערע האָט זיך צו די טויערן פון באָוול דערנעענטערט דער פערסישער קייסער קיר (קוירעש). ער האָט שוין געהאט אָפּגענומען בא באָוול אלע קאנטן פון סיריע און פאלעסטינע און האָט איבערגעשניטן די באָוולשע סאָכרים דעם וועג צום מיטללענדישן ים. דער האנדל פון באָוול איז געפאלן.

די באָוולשע סאָכרים האָבן זיך גערעכנט, אז אונטער דער מאכט פון פערסיע וועלן זיי ווידער פארגרעסערן דעם האנדל, האָבן זיי דעריבער ניט געוואָלט מילכאָמע האלטן קעגן קירן. זיי האָבן געעפנט די שטאָט-טויערן און ארײַנגעלאָזט דאָס פערסישע מיליטער. די פערסן האָבן אזוי-ארום אײַנגענומען באָוול אָן קאמף.

§17. די אסיריש-באָוולשע קולטור.

די שעפער פון דער קולטור פון מעסאָפּאָטאמיע זײַנען געווען די שומערן. בא זיי האָבן זיך די באָוולער און אסירער אויסגעלערנט די בוי-קונסט און ווי צו בויען וואסער-אײַנריכטונגען, זיי האָבן זיך דערוווסט פון זיי, ווי צו באארבעטן די ערד. איבערגענומען בא די שומערן האָבן זיי אויך די שריפט און די וויסנשאפט.

שריפט.

שריפט האָט זיך באוויזן בא די שומערן מיט א יאָר 5000 צוריק. אין מעסאָפּאָטאמיע זײַנען ניט געווען קיין שטיינער און קיין פאפירוס, ווי אין עגיפּעט, פלעגן די שומערן שרײַבן אף ליים. זיי פלעגן מאכן פון ליים פירווינקלדיקע פלאטן און מיט שטעקלעך מאָלן אף זיי צייכענונגען ווערטער. אָט די עלטסטע שריפט איז געווען ענלעך צו די עגיפּטישע היִעראָגליפן.

מיט דער צײַט איז די שריפט פאריינפאכט געוואָרן. אזוי ווי געשריבן האָט מען מיט א שטעקעלע אף רויען ליים, פלעגן די צייכענונגען ווערטער פארוואנדלט

ווערן אין פלעקלעך-גרופעס. אין יעדער גרופע פלעגן די פלעקלעך זײַן פאנאנדערגעשטעלט אפ אן אנדער אופן. א טייל צייכנס האָט געהאט דעם באַטײַט פון גאנצע ווערטער, אייניקע — בלויז פון בוכשטאבן, די מערהײַט אָבער האָט באַטײַט איינצלנע טראפן.

דאָס פארשריבענע פלעטל פלעגט מען ארומברענען, ביז עס פלעגט ווערן הארט ווי שטיין. צייכנס זײַנען געווען העכער 500, און אויסלערנען זיך שרײַבן איז אָנגעקומען זייער שווער. די קלינארטיקע שריפט האָבן בא די שומערן איבערגענומען א סאך שכייניסדיקע פעלקער.

די באַוולשע קלינארטיקע שריפט איז געווען ניט גרינגער צו לייענען ווי די עגיפטישע היעראָגליפן. א סאך געלערנטע האָבן אין פארלויף פון עטלעכע צענדליק יאָר געמאטערט זיך אפ איבערצולייענען זי. דעם מעטאָד, ווי צו לייענען די קלינארטיקע שריפט, האָט אנטדעקט גראָטעפענד. די קלאָלים פון לייענען די שריפט האָט פעסטגעשטעלט דער ענגלענדער ראַוולינסאָן.

רעליגיע און מיפן.

די באַוולער האָבן פארגעטערט די הימל-ליכטער: די זון, די לעוואָנע און די פינף פלאנעטעס. ווען באַוול איז געוואָרן הויפּט-שטאָט, האָבן די באַוולשע פּריסטערס און קייסאָרים געמאכט דעם אָרטיקן גאָט מארדוקן פארן הויפּט-גאָט און פראָקלאמירט אים אלס קייסער פון אלע געטער.

עס האָט זיך אופגעהיט א באַוולשער מיפ, וואָס שטאמט נאָך פון די שומערן. דער מיפ דערציילט וועגן דער וועלט-באשאפונג אזוי: אין אָנפאנג איז ניט געווען ניט קיין ערד, ניט קיין הימל, נאָר בלויז יאם. דער יאם האָט געהאט די געשטאלט פון דער שרעקלעכער באשעפעניש טיִאמאט. אין קאמף קעגן טיִאמאטן איז ארויסגעטראָטן דער גאָט מארדוק. ער האָט דערהארגעט טיִאמאטן און צעשניטן דעם קערפּער פון דער דאָזיקער שרעקלעכער וואסער-באשעפעניש. איין העלפט קערפּער האָט ער אופגעהויבן אין דער הייך און געמאכט דערפון דעם הימל, פון דער צווייטער העלפט האָט ער געמאכט די ערד, דעם יאם און די טײַכן. נאָכדעם האָט ער צעוואָרפן איבער דער ערד געוויקסן-זוימען, באשאפן פון ערד באלעכאַיִם און מענטשן און דאן אופגעבויט טעמפּלען און שטעט.

איינער א באַוולשער דיכטער האָט אָט דעם מיפ פאָרגעזעצט ווײַטער. ער דערציילט, אז נאָך דעם, ווי מארדוק האָט באשאפן די וועלט, האָט ער זיך אויס-

אורשפּרונגלעכער באַטײַט	קלינארטיקער צייכן	אריבערגאנגס-צייכן	אידעאָגראמע
מענטש			
פוס			

די אנטוויקלונג פון דער באַוולשער קלינארטיקער שריפט.

דער גאָט מארדוק באזיגט די שרעקלעכע באשעפעניש.

געבויט אין הימל א טעמפל און א שטאָט באָוול. לויטן דאָזיקן מוסטער זאָל עס קלוימערשט זײַן אויסגעבויט דער ערדישער באָוול מיט מארדוקס טעמפל. אָט אזוי האָבן די פריסטערס געלויבט און גערימט די הויפט-שטאָט באָוול און זייער גאָט מארדוקן.

אין באָוול, אין אָט דעם לאנד פון ערדארבעט, האָט מען געגלייבט אינעם גאָט פון פרוכטבארקײַט — ט א מ ו ז. דער מיף וועגן טאמוזן איז ענלעך אפן עגיפטישן מיף וועגן אָסיריסן. מע פלעגט דערציילן, אז ווען טאמוז איז גע-שטאָרבן, איז ער אָנגעקומען אין אונטערערדישן קיניגרײַך. אף דער ערד האָט זיך אָפגעשטעלט דאָס לעבן, די געוויקסן זײַנען פארוועלקט געוואָרן. „דער, וואָס כאָוועט די שפראָצלינגען אף דער ערד, לעבט מער ניט. דער הערשער פון דער ערד-קראפט לעבט מער ניט" — אָט אזוי האָט די געטין א י ש ט א ר געקלאָגט נאָך איר פארשטאָרבענעם מאן טאמוז. זי איז אוועק נאָך אים אין אונטערערדישן קיניגרײַך. מיט גרויס מי איז אישטאר דורכגעגאנגען דורך די זיבן טויערן פון דער אונטערערדישער וועלט און צוריקגעקערט טאמוזן אף דער ערד. ווי נאָר ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט די גאנצע נאטור ווידער אויפגעלעבט.

די פאָעמע וועגן גילגאמעשן.

פון די שומערישע לעגענדעס איז געשאפן געוואָרן א גרויסע פאָעמע וועגן די העלדנטאטן פונעם אורעלטן קייסער דעם גיבער ג י ל ג א מ ע ש. גילגאמעש איז גע-ווען „צוויי דריטל גאָט, איין דריטל מענטש". צוזאמען מיט זײַן פרײַנט האָט ער אויפגעטאָן פארשיידענע העלדנטאטן: ער האָט דערהרגעט א לייב און האָט פאר-ניכטעט אלדאָסבייז אין לאנד, ער האָט דערהרגעט א שרעקלעכן ריז — דעם

הערשער פונעם אלטן צעדער-וואלד, איז ביַיגעקומען דעם הימל-אָקס. צום סאָף פון דער פּאָעמע ווערט דערציילט, וויאַזוי גילגאַמעש איז אוועק וואנדערן אין וויַיטע לענדער, קעדיי צו דערוויסן זיך דעם סאָד פון אייביקן לעבן. געפינען דאָס אייביקע לעבן איז אים אָבער ניט געלונגען.

די לעגענדע וועגן דעם מאבל.

זייער אינטערעסאנט איז די לעגענדע, וואָס איז פארבונדן מיט דער פארשפרייטער מיַיסע וועגן דעם וועלט-מאבל. די לעגענדע דערציילט, אז איינמאָל איז גאָט געקומען צו כאָלעם צו גילגאַמעשס גאָטספאָרכטיקן זיידן — צו אוטנאפישטימען. ער האָט געוואָרנט אוטנאפישטימען, אז קעדיי צו באשטראָפן די מענטשן פאר זייערע זינד, וועט קומען א מאבל אפ דער וועלט.

גילגאַמעש מיטן באַזיגטן לייב.

אזוי ווי אוטנאפישטים איז געווען א גאָטספאָרכטיקער און גאָט האָט אים געוואָלט ראטעווען, האָט ער אים געהייסן אויסבויען א גרויסע שיף (א „טייווע" — א קאסטן) און אריבערקליַיבן זיך אהין. אוטנאפישטים האָט טאקע אזוי געטאָן און האָט אריַינגענומען צו זיך אין דער „טייווע" אריַין די גאנצע מישפּאָכע, דערצו נאָך אייניקע באלעכאַיִם (היימישע און ווילדע) און זוימען פון פארשיידענע געוויקסן.

ווי נאָר ס'האָט גענומען שאריַען אפ טאָג, האָט זיך באוויזן א גוואלדיקע שווארצע כמארע. עס איז געוואָרן שטאָק-פינצטער און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער וועלט-מאבל. טויט האָט זיך פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. אלדאָס לעבעדיקע איז אומגעקומען. בלויז אוטנאפישטימס קאסטן איז געשוואומען איבער דעם בורעגלאָזן וואסער-שטעטעכ. זעקס טעג האָט געדויערט דער שרעקלעכער שטורעם. אפן זיבעטן טאָג איז דער יאם געוואָרן רויִק, און די „טייווע" איז צוגעשטאנען צו א בארג.

אז דאָס וואסער האָט גענומען אָפּפאלן, האָט אוטנאפישטים ארויסגעלאָזט פון קאסטן די פייגל און באלעכאַיִם. עס האָט זיך ווידעראמאָל אָנגעהויבן דאָס לעבן אפ דער ערד. לעכאטכילע איז גאָט געווען אומצופרידן, לעמיַי אין דער „טייווע" האָט זיך געראטעוועט ניט נאָר אוטנאפישטים אליין. דערנאָך האָט זיך גאָט דערבארעמט, און ער האָט נאָך אפילע געשענקט אוטנאפישטימען מיט זיַין מישפּאָכע דאָס אייביקע לעבן.

די אנטשטייונג פון אָט דער לעגענדע איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס אין מעסאָפּאָטאמיע פלעגן פּאָרקומען אָפטע פארפלייצונגען, ווען די טיַיכן טיגער און עפראט פלעגן ארויסגיין פון זיי ברעגן. די לעגענדע איז געווען ברייט באוווסט צווישן דעם פאָלק. שפּעטער האָבן די לעגענדע איבערגענומען די אמאָליקע ייִדן.



דער טעמפּל פֿון אַנו־אַדאַד אין אַשור (רעקאָנסטרויִרט).



דער אַסירישער קיניגלעכער פּאַלאַץ אין כאָרסאַבאַד (רעקאָנסטרויִרט).

אסטראָנאָמיע און מאטעמאטיק.

די שומערישע און באַבילאָנישע פּריסטערס האָבן פאַרלייגט דעם פונדאמענט פון אַסטראָנאָמיע — פון דער וויסנשאַפט וועגן דער באוועגונג פון די הימלשע ליכטער. זיי האָבן גוט געוווּסט דעם סיידער און דעם גאַנג פון די שטערן אין הימל. דאָס האָט מען געמוזט וויסן, כדי צו קענען פעסטשטעלן, ווען וועט זיך אָנהייבן א פארפליצונג, און באצייטנס צוגרייטן אַלע קאנאלן און הרעבליעס. די באָאָבאַכטונגען זייערע פלעגן די פּריסטערס מאכן אַף די טעמפּל-טורעמס. פון דער באוועגונג פון די הימל-ליכטער פלעגן די פּריסטערס קלוימערשט דערוויסן זיך דעם ווילן פון די געטער און פאַרויסזאָגן די צוקונפט.

בא די באַבילאָנער איז דאָס יאָר באשטאנען פון 12 כאַדאָשים, א כוידעש — פון 4 וואָכן, א וואָך — פון 7 טעג. יעדער טאָג פון וואָך פלעגט טראָגן דעם נאָמען פון איינעם פון די הימלשע הויפּט-געטער. די יעסוידעס פונעם באַבילאָנישן קאַלענדאַר זײַנען אריבער צו די רוימער, וועלכע האָבן שפּעטער דעראָבערט די מיזרעך-לענדער, און פון די רוימער — צו די מאָדערנע פעלקער.

די באַבילאָנער האָבן געהאַלטן, אַז דער הימל-געוועלב מאכט דורך א קרײַזבאוועגונג אין 24 שאָ. יעדע שאָ האָט געהאַט 60 מינוט. די דאָזיקע באַבילאָנישע צעטיילונג פונעם מעטלעס האָט זיך אויפגעהיט ביז הײַנט.

צו די אסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען, צו די בוי-ארבעטן און וואסער-אײַנריכטונגען האָט מען געמוזט קענען מאטעמאטיק. די באַבילאָנער און אסירער האָבן גוט געקענט געאָמעטריע.

אָט די אלע אסטראָנאָמישע און מאטעמאטישע קענטעניִשן פון די באַבילאָנער זײַנען אריבער צו די גריכן, און פון די גריכן — צו די אייראָפּײִשע פעלקער.

ארכיטעקטור און סקולפּטור.

די באפעלקערונג פון מעסאָפּאָטאמיע האָט זיך פרי אויסגעלערנט צו בויען טעמפּלען און פּאלאצן. בײַם די אויסגראָבונגען האָט מען צום אלעמערשטן אנטדעקט דעם כאָרסאבאדער פּאלאץ (לעבן דער שטאָט נינווע). די פּאלאצן פלעגט מען אָפט בויען אין דער פאָרם פון א טורעם, וואָס הייבט זיך אוף ארופצו טעראסנווײַז. בויען פלעגט מען מערסטנטייל פון ציגל, געמאכט פון ליים. באזונדערס פּראכטפול זײַנען די פּאלאצן פון די אסירישע קייסאָרים. די ווענט זייערע זײַנען געווען באפּוצט מיט פיל בארעליעפן, וואָס האָבן געשילדערט עפּיזאָדן פון קריגסמארשן און סצענעס פון פרידלעכן לעבן. באַם ארײַנגאנג אין פּאלאץ זײַנען געשטאנען ריזיקע אָקסן מיט פליגלען און מיט מענטשן-קעפּ. דאָס האָבן זיי געדארפט באשירעמען דעם פּאלאץ און זײַנע אײַנוווינער פון די בייזע גײַסטער, אין וועלכע עס האָבן געגלייבט די אסירער.

טויזנטער קנעכט פלעגן בויען די פּאלאצן און טעמפּלען. רעקרוטירן די קנעכט פלעגט מען דעריקער פון די געפאנגענע, וואָס די אסירער פלעגן פאַרכאַפּן. א סאך קנעכט האָבן געארבעט אין קייטן אף די הענט אָדער אף די פיס, אייניקע זײַנען געווען צוגעפעסטיקט איינע צו די אנדערע מיט אײַזערנע ריטער, דורכגעצויגן דורך די רונגען פון זייערע פּאסן. אף די קנעכט פלעגן אכטונג געבן באוואָפנטע אויפזעער. בילדער, וואָס שילדערן אזוינע סצענעס, זײַנען פאַרבליבן נאָך ביז הײַנטיקן טאָג.

III. פיניקיע, יעהודע, פערסיע.

§ 18. פיניקיע.

פיניקיע האָט זיכ געפונענ אפנ מיזרעכ־ברעג פונ מיטללענדישנ יאם, בא די לעוואָנענ־בערג. אינ אייניקע ערטער שטייענ דאָ די בערג הארט באם יאם, אינ אנדערע ערטער — ווײַטער פונ ברעג, שנײַדט זיכ דאָרט דער יאם ארײַנ אינ דער יאבאָשע אונ בילדעט בוכטעס אונ אײַנגוסנ. אינ פיניקיע זײַנענ ניט געווענ קיינ פליינענ, ווו מע זאָל געווענ קאָנענ אינ א ברייטנ מאסשטאב זיכ פארנעמענ מיט פיצוכט אָדער מיט ערדארבעט. בלויז אפ די בארג-אָפּהאנגענ אונ ווו-ניט-ווו אינ די אײַנגוסנ פלעגט מענ קולטיווירנ איילבערטנ אונ ווײַנטרויבנ. באם יאם-ברעג, אינ די באקוועמע אײַנגוסנ, פלעגנ די אײַנוווינער באשעפטיקנ זיכ מיט פישפאנג. פונ די פיש-יִשוּווים זײַנענ דאָ מיט דער צײַט אויסגעוואקסנ שטעט. די הויפּט-באשעפטיקונג פונ די פיניקייער איז אָבער געווענ האנדל.

די פיניקייִשע שטעט.

יעדע פיניקייִשע שטאָט איז געווענ זעלבשטענדיק אונ האָט פאָרגעשטעלט מיט זיכ א באזונדערע מעלוכע. יעדע שטאָט האָט געהאט איר קייסער, באם קייסער האָט עקזיסטירט א ראט פונ די רײַכסטע סאָכרים.

אינ פיניקיע זײַנענ געווענ א סאכ שקלאפנ. די שקלאפנ פלעגנ מערסטנטייל ארבעטנ אלס רודערער אפ די שיפנ. די ארבעט פונ די רודערער איז געווענ די שווערסטע. אויס מוירע, אז די שקלאפנ זאָלנ זיכ אונטערוועגס ניט צעבונטעווענ, פלעגנ די סאָכרים צושמידנ זיי מיט קייטנ צום שיפ-באָרט.

יעדע שטאָט האָט געהאט אירנ א גאָט א באשיצער. פאר די געטער פלעגט מענ בויענ רײַכע טעמפּלענ, לויטנ מוסטער פונ די עגיפּטער. צווישנ די שטעט האָבנ זיכ אויסגעטיילט טיר (צויר) אונ סידאָנ (צידוינ).

קימאט אלע שטעט פונ פיניקיע האָבנ געמוזט צאָלנ צינז, צוערשט די עגיפּ-טער, דערנאָכ די אסיריער. בלויז די שטאָט טיר האָט ניט געצאָלט קיינ שטענ-דיקנ צינז.

דאָס איז געווענ א גוט באפעסטיקטע שטאָט. זי איז געשטאנענ טיילווײַז באם ברעג, טיילווײַז אפנ דערבײַיִקנ פעלדזיקנ אינדזל. אדאנק אָט דער געאָגראפישער לאגע, איז טיר געווענ אנ אבסאָליוט אומצוטריטלעכע פעסטונג; די אסיריער אפילע האָבנ זי ניט געקאָנט אײַנעמענ. דער אופבלי-פעריִאָד פונ די פיניקייִשע שטעט געהערט צו די X—VIII יאָרה. פאר דער נײַער ערע.

האנדל אונ שיפגאנג. קאָלאָניעס.

אינ פיניקיע האָט זיכ פרי אנטוויקלט דער האנדל. די פיניקייער סאָכרים פלעגנ ארויספירנ פונ זייער לאנד פיש, ווײַנ, איילבערט-אייל, צעדערהאָלצ אונ פארשיידע-נע געווערב-ארטיקלענ: זילבערנ אונ גלעזערנ געשיר, בונטפארביקע געוועבנ. פי-ניקיע איז געווענ באזונדערס בארימט מיט איר פורפור-פארב. אָט די שארפע אונ פעסטע פארב פלעגט מענ באקומענ פונ א ספּעציִעלנ מינ מויערקעפּל, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ יאם לעבנ דער שטאָט טיר. אפ ארויסבאקומענ די מויערקעפּ-לעכ פלעגנ די פיניקייער צווינגענ די קנעכט ארונטערצולאָזנ זיכ אפנ דעק פונ יאם. די פיניקייער האָבנ אויכ געהאנדלט מיט קנעכט, — זיי פלעגנ אופקויפנ די קריגס-געפאנגענע אינ די לענדער, וואָס האָבנ געפירט א סאכ מילכאָמעס.

זוכנדיק קנעכט, ערץ, גאָלד, העלפאנדבײנער אאוו., האָבן די פיניקייער סאָחרים ארומגערײזט דעם גאנצן מיטללענדישן יאם. זיי זײַנען אריבערגעשווומען דעם גיבראלטארער דורכגוס און אופגעהויבן זיך צו צאָפן פאזע דעם אײראָפּײִשן ברעג און דערגאנגען הארט ביז בריטאניע. זיי זײַנען אויך געשווומען פאזע די מײַרעװ-ברעגן פון אפריקע.

בײַס זייערע רײַזעס פלעגן די פיניקייער סאָחרים באַראבעווען די שיפן, וואָס זיי פלעגן טרעפן אין וועג, און אויך די באפעלקערונג פון די שטעט און דערפער פון ברעגלאנד, זיי פלעגן צוכאפן פרידלעכע אײַנוווינער און פארקויפן זיי פאר קנעכט.



די אנטוויקלונג פונעם אלעפבייז: לינקס — פיניקייִשע אויסיעס; אינמיטן — אלטגריכישע; רעכטס — לאטײַנישע.

די פיניקייער זײַנען געווען דרייסטע יאם-רײַזנדער. אפ זייערע שיפן פלעגן זיי דערגיין ביז די ווײַטסטע געגנטן פון מיטללענדישן יאם. בא די יאם-ברעגן פלעגן זיי אויסבויען האפנס אפ אויסצולאָדן און אָנצולאָדן די שיפן. מיט דער צײַט זײַנען די דאָזיקע האפנס פארוואנדלט געוואָרן אין שטעט קאָלאָניעס פון די פיניקייִשע סאָחרים. אָט אזוי זײַנען אופגעקומען די פיניקייִשע האנדלס-קאָלאָניעס. זיי האָבן זיך געפונען אפ די אינדזלען און אפן ברעגלאנד פון מיטללענדישן יאם. באַזונדערס פיל קאָלאָניעס האָבן די פיניקייער געשאפן באם דאָרעם-מיזרעכדיקן ברעגלאנד פון שפאניע (צום בײַשפיל, קאדיקס).

די גרעסטע קאָלאָניע זייערע איז געווען קארטאַגען. שפעטער איז קארטאגען געוואָרן א זעלבשטענדיקע מעלוכע (אין צאָפן-אפריקע).

די פיניקייִשע קולטור.

קומענדיק אין באריר מיט פארשיידענע פעלקער, פלעגן די פיניקייער איבערנעמען בא די דאָזיקע פעלקער זייער קולטור און פארשפרייטן זי אין אנדערע לענדער. די פיניקייער האָבן געשאפן אן אייגענע ליטעראטור, וואָס איז טיילווײַז דערגאנגען צו אונדז. אינעם II יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע האָבן די פיניקייער געשאפן אן אלעפבייז פון 22 אויסיעס. אָט די שריפט איז געווען פּאָשעטער און באקוועמער איידער די עגיפטישע היעראָגליפן אָדער די באָווּלשע קלינארטיקע שריפט. דעריבער איז דער פיניקייִשער אלעפבייז געוואָרן ברייט פארשפרייט. אפ אים באזירט זיך דער גריכישער אלעפבייז, פונוואנען עס שטאמען קימאט אלע אנדערע הײַנטצײַטיקע אלעפבייזן.

§ 19. די קיניגרײַכן פון ייִסראָעל און יעהודע.

די קיניגרײַכן פון ייִסראָעל און יעהודע זײַנען אופגעקומען אין פאלעסטינע. פאלעסטינע איז א שמאָלער ערד-פאס, וואָס געפינט זיך צו דאָרעם-מיזרעך-צו פון פיניקיע. דער ערד-פאס ווערט באוואמערט דורכן טײַך יארדן, וואָס פליסט דורך א בערגלדיקן טאָל, אן ארומגעצוימטן מיט הויכע בערג, און



פּיניקייִשע שיפן.

פאלט אריַין אין טויטן (געזאלצענעם) ים. דאָס וואסער אין דעם ים איז אזוי געזאלצן, אז קיינע שום לעבעדיקע אָרגאניזמען קאָנען זיך דאָרט ניט אופהאלטן.

אין פאלעסטינע טרעפן זיך קליינע טאָלן, באדעקטע מיט פיטער־לאָנקעס און אקער־פעלדער, מיט סעדער און וויַינגערטנער. אין א סאך ערטער ווערט דאָס לאנד דורכגעשניטן דורך בערג. דער קלימאט אין אָט די ערטער איז א הארבער, דער באָדן — ווייניק פרוכטבאר.

דאָרעם־צו ציט זיך א וויסטע וואלדלאָזע געגנט, וואָס גייט וואָס וויַיטער אריבער אין א מידבער. אין דער צייַט פון רעגנס פלעגן דאָרט וואקסן זאפטיקע גראָזן, און די געגנט פלעגט פארוואנדלט ווערן אין א פעטע פיטערפעלד פאר פי. אָבער אין דער טרוקענער צייַט פון יאָר פלעגט דאָס גראָז פארברענט ווערן, און די פיציכטלער פלעגן מוזן אוועקגיין אין די בערג, קעדיי צו געפינען פיטער פאר זייערע טשערעדעס.

די יידישע שוואָטים. דער קאמף קעגן די פלישטים.

אן ערעך אין מיט פון II יאָרטויזנט זייַנען פון די דאָרעמדיקע און מיזרעכדיקע סטעפעס און מידבאָריעס גע־קומען קיין פאלעסטינע די יידישע שוואָטים יִסראָעל און יעהודע. איידער אָט די שוואָטים זייַנען געקומען קיין פאלעסטינע, האָבן זיי געלעבט שטאמענוויַיז; אין די מידבער־אָאזיסן האָבן זיי זיך געהאט באשעפטיקט מיט פיצוכט. מיט דער צייַט זייַנען זיך די שטאמען צעפאלן אף גרויסע פאטריארכאלע מישפאָכעס, וואָס האָבן פארמאָגט אייגענע פי־טשערעדעס.

בייס די בניי־יִסראָעל און די בניי־יעהודע האָבן זיך אריַינגעריסן קיין פא־לעסטינע האָבן זיי טיילוויַיז אויסגעראָטן, טיילוויַיז אונטערטעניקט די פריִערדיקע פאלעסטינער באפעלקערונג. אין די פארנומענע געגנטן האָט יעדער שייווט זיך באזעצט געמיינדעסוויַיז און איז ביסלעכוויַיז אריבער צו ערדארבעט. די בניי־יִסראָעל האָבן זיך באזעצט אין צאָפן, ווו עס זייַנען געווען פרוכטבארע טאָלן. די בניי־יעהודע האָבן פארנומען די בארג־געגנט דאָרעם־צו פון די בניי־יִסראָעל.

מיט דער צייַט האָבן די פלישטים (אזוינע קריגערישע שוואָטים) פארכאפט דאָס ברעגלאנד פון מיטללענדישן ים. די פלישטים האָבן גענומען מאכן אָנפאלן אף די שכיינעסדיקע געגנטן פון פאלעסטינע. קימאט הונדערט יאָר צייַט האָבן די בניי־יִסראָעל געפירט קעגן זיי א קאמף. אין פארלויף פון אָט דעם קאמף פלעגן די סאמע דרייסטע פירער פראָקלאמירן זיך אלס „קייסאָרים פון יִסראָעל".

דאָס קייסערייַך פון דאָוויד־האמעלעך און שלוימע־האמעלעך.

די ענדגילטיקע פאראייניקונג פון די יידישע שוואָטים איז פאָרגעקומען ארום 1000 יאָר פאר דער נייַער ערע, אין די צייַטן פונעם קיניג דאָוויד (דאָוויד־האמעלעך), איינער פון די פירער פונעם שייווט יעהודע. דאָוויד האָט צעקלאפט די פלישטים און האָט זיי אָפגעשלייַדערט צום ים. דערנאָך האָט ער פראָקלאמירט אלס הויפט־שטאָט ירושאָ־לאיִם. אזויארום האָט זיך אויסגעבילדעט די יידישע מעלוכע.

דאָווידן האָט געשטיצט די אריסטאָקראטיע. זי איז באשטאנען פון די פריִער־דיקע שטאם־עלטסטע און פון דער מיליטער־דרוזשינע. פון דער געמיינדישער ערד

פלעגט דער קייסער מיט א ברייטער האנט צעגעבן זײַנע קריגסלײַט פעלדער, סעדער און ווײַנגערטנער און באַשענקען זיי מיט קנעכט.

נאָך דאָווידס טויט איז אפּגעטראָגן אַרוף זײַן זון שלוימע (שלוימע-האַמעלעך). אין שלוימעס צײַטן האָט זיך אין ירושלאַיִם געפירט א גרויסע בויונג. עס איז אויסגעבויט געוואָרן א רײַכער טעמפל פארן הויפט-גאָט פון יעהודע — יאַהווע (דער בייס-האַמיקדאָש). אָט די ארבעט האָט געפאָדערט גרויסע הויצאָעס און א סאך ארבעטס-הענט. שלוימע האָט פארגרעסערט די שטײַערן, וועלכע זײַנען אזוי אויך געווען זייער שווערע.

די אונטערטעניקטע באַפעלקערונג און די פויערים אין די געמיינדעס פלעגט מען אָפּרײַסן פון זייערע ארבעטן און טרײַבן אפ די קיניגלעכע בויונגען. צעדער-ביימער און קיפּאַריסן פאר די בויונגען פלעגט צושטעלן דער קייסער פון דער שטאָט טיר (צויר), און דערפאר פלעגן די בנײַ-יִסראָעל מוזן צאָלן אים מיט טווײַע און איילבערט-אייל. צווישן דער באַפעלקערונג, איבערהויפּט צווישן די בנײַ-יִסראָעל, האָט גענומען וואקסן א שטארקע אומצופרידנקײַט.

נאָך שלוימעס טויט איז די צאָפן-געגנט אָפּגעפאלן פון יעהודע און איז געוואָרן א זעלבשטענדיק קיניגרײַך יִסראָעל.

די לאַגע פון די פויערים.	דורך פאלעסטינע פלעגן דורכגיין די האנדלס-וועגן, וואָס האָבן פארבונדן עגיפּטן מיט מעסאָפּאָטאמיע. אדאנק דעם זײַנען אין די פאלעסטינער שטעט אופגעקומען מערק, ווו עס פלעגן זיך צונויפפאָרן סאָכרים און ברענגען זייערע סכוירעס.

די אריסטאָקראטיע, וואָס איז רײַך געוואָרן פונעם האנדל, האָט אָנגעהויבן צו פארכאַפּן די פויערשע געמיינדע-ערדן. דעם ערשטן בײַשפּיל האָבן באַוויזן די קייסאָרים. די סעדער און ווײַנגערטנער, וואָס פלעגן זיי געפעלן ווערן, פלעגן זיי צונעמען פאר זיך. די סראָרעס און די מיליטערישע אריסטאָקראטיע פלעגן פאר די כויוועס צונעמען בא די פויערים די ערד. צווישן די פויערים האָט זיך באַוויזן א היפּשע צאָל שקלאַפן באַלכויוועס. דאָס אלץ האָט ארויסגערופן שטארקע אומצופרידנקײַט צווישן די פויערים.

די אָפטע מילכאָמעס פון די קייסאָרים צווישנאַנאנד און אויך קעגן אסיריע האָבן ביז לעצט רויִנירט די פויערשע ווירטשאַפט. אין פארשיידענע ערטער פלעגן אויסברעכן פאָלקס-באַוועגונגען קעגן דער אריסטאָקראטיע און די רײַכע לײַט.

דער אונטערגאַנג פון יִסראָעל און יעהודע.	אין אָט דער צײַט האָבן אפּ יִסראָעל גענומען אָנגרײַפן די אסירער. דאָס קיניגרײַך יִסראָעל איז געווען אָפּגעשוואַכט מאַכמעס דעם אינערלעכן קאמף און דער מילכאָמע קעגן יעהודע, איז עס ניט אימשטאנד געווען

צו פירן א דויערנדיקע מילכאָמע קעגן אסיריע. אין יאָר 722 פאר דער נײַער ערע האָבן די אסירער ענדגילטיק אײַנגענומען דאָס קיניגרײַך יִסראָעל, די מעלאָכים פון יעהודע האָבן זיך דערקלערט פאר „דינער“ פונעם אסירישן קייסער און זיך פארפליכטעט צו צאָלן אים צינדז.

דאָס קיניגרײַך יעהודע האָט עקזיסטירט נאָך העכער הונדערט יאָר. אָבער אין יאָר 586 פאר דער נײַער ערע האָט נעוווכאַדנעצאַרס מיליטער פארכאַפּט אויך יעהודע. דעם קיניגלעכן פּאלאַץ האָט מען כאָרעוו געמאַכט, שלוימע-האַמעלעכס



דער קיניג פון יִסראָעל בוקט זיך צום אסירישן קייסער.

פרעכטיקן טעמפל פארברענט און די בני-יעהודע האָט מען אוועקגעפירט קיין באָוול אין געפאנגענשאפט.

די קיניגרײַכן פון יִסראָעל און יעהודע האָבן אזויארום פארלאָרן זייער אומאָפּהענגיקײַט.

וועגן דער קולטור פון דער אוראלטער יעהודע דערציילן א סאך דענקמעלער. בא די יִדן איז זייער פרי אופגעקומען אן אייגענע שריפט. דער וויכטיקסטער דענקמאָל פון זייער קולטור איז די ביבל. אין דאָזיקן בוך גייען ארײַן די ווערק פון דער יִדישער ליטעראטור, כראָניקעס, א סאך מיפן און אנדערע לעגענדעס.

20 §. פערסיע.

דאָס לאנד און די באפעלקערונג. די רעליגיע.

די אלטע פערסן האָבן געוווינט אפן איראנער פלאטאָ. צוויי דריטל פון דעם פלאטאָ באשטייען פון מידבאָריעס און זאלצבאָדנס. רעגנס גייען דאָ זעלטן: זומערצײַט ווערן די טײַכן און אָזערעס אויסגעטריקנט. ערד, וואָס זאָל טויגן צום באארבעטן, איז דאָ פאראן ווייניק.

די איראנער בערג אנטהאלטן אין זיך א סאך אײַזן און קופער, מארמאָר פון פארשיידענע קאָלירן, איידל־שטיינער.

די פערסן פלעגן זיך באשעפטיקן מיט ערדארבעט. זיי פלעגן זייען פראָסע, גערשטן, ווייץ, פלאנצן פרוכט-סעדער. אפ די ברייטע שטעכן פונעם פלאטאָ פלעגן ארומוואנדערן נאָמאדן פיציכטלער. צווישן די ערדארבעטער און די פיציכטלער האָט געהערשט א שטענדיקע סינע.

די פערסן האָבן געגלייבט אין דער עקזיסטענץ פון גוטע און בייזע גײַסטער. אלס קייסער פון אלע גוטע גײַסטער האָבן זיי געהאלטן דעם גאָט אָרמוזד. זייערע א לעגענדע דערציילט, אז אָרמוזדס קערפער באשטייט פון הימל-שײַן, זײַן קליידונג איז באצירט מיט שטערן, די זון זעלבסט — איז זײַן אויג, וואָס זעט אלץ. דער גאָט פון בייז האָט געהייסן ארימאן. די פערסן האָבן געהאלטן,

אז ארימאנ וווינט אינ דער מידבער, אינ אייביקער כאשכעס, אונ אז ער האָט דאָס באשאפנ אלדאָס בייז אפ דער וועלט: קרענק, אומגליקנ, אווייִרעס. אָרמוזד אונ ארימאנ פירנ קלוימערשט צווישנ זיכ אנ אייביקנ קאמפ, אונ דער קאמפ מוז זיכ ענדיקנ דערמיט, וואָס דער גוטער גאָט וועט אָפּהאלטנ א זיג. דער צווייטער גאָט נאָכ אָרמוזדנ איז געווענ דער גאָט פונ זונענ-שײַנ מ י ט ר א.

דער פּערסישער קייסער דארי.

אינמיטנ VI יאָרה. האָט דער פּערסישער קייסער ק י ר (די יאָרנ 550—529 פאר דער נײַער ערע) פארייניקט אונטער זײַנ מאכט אלע שוואָטימ, וואָס האָבנ געוווינט אפנ איראנער פּלאטאָ.

צווישנ אָט די שוואָטימ האָט ער אײַנגענומענ אויכ דאָס קיניגרײַכ מידיע (מאָדײַ), וואָס האָט זיכ געפונענ צאָפנ-מײַרעוו-צו פונ פּערסיע. קיר איז מיט זײַנ מיליטער אוועק אינ קליינ-אזיע, האָט זי אײַנגענומענ אונ דערגרייכט ביז די ברעגנ פונ ע ג י י ִ ש נ יאמ. דערנאָכ האָט ער אונטערטעניקט פיניקיע אונ פּאלעסטינע. אינ יאָר 538 פאר דער נײַער ערע האָט ער אײַנגענומענ די שטאָט באָוול אונ אהער איז אריבערגעפירט געוואָרנ די הויפּט-שטאָט פונ פּערסיע. אינ יאָר 525 האָט קירס זונ ק א מ ב י ז אײַנגענומענ עגיפּעט. אזויארומ האָבנ די פּערסנ פארייניקט אינ איינ גרויסער מעלוכע אלע לענדער פונעמ אוראלטנ מיזרעכ.

דארי אונ זײַנע רעפאָרמעס.

אז קאמביז איז געשטאָרבנ, האָבנ אייניקע אונטערטעניקטע פעלקער געמאכט א פּרווו זיכ אָפּצוטיילנ פונ פּערסיע. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א קאמפ. געענדיקט האָט ער זיכ אינ די צײַטנ פונעמ קייסער ד א ר י ד ע מ I ג י ס ט א ס פ (די יאָרנ 521—486 פאר דער נײַער ערע). דארי האָט ווידער אונטערגעוואָרפנ אונטער דער מאכט פונ פּערסיע אלע פריִער דעראָבערטע געגנטנ אונ האָט פארפעסטיקט די מעלוכע.

קיינמאָל איז נאָכ פּערסיע ניט געווענ אזוי מעכטיק אונ רײַכ, ווי דעמלט. אירע גרענעצנ האָבנ זיכ געצויגנ פונעמ טײַכ אינד ביזנ מידבער סאהארע. די ברעגנ פונעמ פּערסישנ קיניגרײַכ זײַנענ געווענ באשווענקט פונעמ שווארצנ, עגייִשנ, מיטללענדישנ, קאספּישנ, אראלישנ אונ רויטנ יאמ, פונעמ פּערסישנ אײַנגוס אונ אינדישנ אָקעאנ.

די גאנצע ריזיקע טעריטאָריע פונ זײַנ מעלוכע האָט דאריי אײַנגעטײלט אפ א רײ געגנטנ — סאטראפּיעס. מיט די סאטראפּיעס האָבנ רעגירט שטאטהאלטער, וואָס פלעגנ הײסנ סאטראפּנ. זײער פליכט איז געווענ צו זאָרגנ, אז די שטײַערנ זאָלנ ארײַנגעטראָגנ ווערנ צו דער צײַט. אויסער די קיניגלעכע שטײַערנ האָבנ זײ נאָכ גענומענ בא דער באפעלקערונג גרויסע אָפּצאָלנ פאר זיכ זעלבסט. די סאטראפּנ האָבנ געהאט א גרויסע מאכט. זײ פלעגנ ארעסטירנ אונ קעפּנ מענטשנ אָנ שום געריכט, טרײַבנ די פויערימ אפ די „קיניגלעכע ארבעטנ" אאוו.

נאָכ די סאטראפּנ האָבנ נאָכגעשפּירט דעמ קײסערס געהײמע באאמטע — זײַנע „אויגנ אונ אויערנ". זײ פלעגנ צו וויסנ געבנ דעמ קײסער וועגנ אלצ, וואָס עס טוט זיכ אינ די סאטראפּיעס.

דער קײסער איז געווענ פולשטענדיקער באלעבאָס אינ לאנד. זײַנע פּאראָרדענונגענ פלעגנ אויסגעפילט ווערנ אָנ שומ טײַנעס. אלע אונטערטאנענ האָבנ פאר אימ געציטערט.

וועגנ און האנדל.

אינ אלע עקנ פונ פערסישנ קיניגרײַכ זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ וועגנ. זײ פלעגנ פארבינדנ די הויפּט-שטאָט מיט אלע סאטראפּיעס. דער גרעסטער וועג האָט געהאלטנ 2500 קילאָמעטער. ער האָט זיכ געצויגנ פונ דער הויפּט-שטאָט פונ דעמ פערסישנ קיניגרײַכ (די שטאָט סוזנ) ביז די ברעגנ פונ עגײיִשנ יאמ. אָט דער וועג האָט געהײסנ „קיניגלעכער". איבער אימ פלעגט רעגולער פאָרנ די קיניגלעכע פּאָסט.



פערסישע זעלנער.

איבערנ גאנצנ וועג זײַנענ געווענ צעשטעלט רײַטער, צו 1—2 קילאָמעטער ווײַט אײנער פונעמ צווײטנ. די רײַטער פלעגנ איבערגעבנ דרינגענדע מיטײלונגענ דורכ א שטאפעט. אײנ רײַטער פלעגט אויגנבליקלעכ דורכפאָרנ די 1—2 קילאָמעטער אונ איבערגעבנ דעמ אוקאז דעמ צווײטנ רײַטער, דער צווײטער — דעמ דריטנ אאוו. אזא „פּאָסט" פלעגט אינ צווײ — דרײַ טעג דורכלויפנ דעמ גרעסטנ מעהאלעכ פונ א באליביקער סאטראפּיע ביז דער הויפּט-שטאָט. ניט אומזיסט פלעגנ די גריכנ זאָגנ, אז דער פערסישער קײסער זיצט אינ דער הויפּט-שטאָט אונ עסט פרישע פיש פונ עגײיִשנ יאמ.

די וועגנ פלעגנ דינענ ניט נאָר פאר מילכאָמע-צוועקנ, נאָר אויכ פאר האנדלס-קאראוואנענ. די סאָכרימ פלעגנ קאָנענ רויִק פאָרנ מיט זײערע סכוירעס, ווײַל אפ די וועגנ איז געשטאנענ א וואכ. אדאנק די וועגנ, וואָס זײַנענ געהאלטנ געוואָרנ אינ א גוטער אָרדענונג, האָט פערסיע געפירט א האנדל מיט אינדיע אונ מיט די מעלוכעס פונ מיטללענדישנ יאמ.

די רײַכטימער פֿונעם פּערסישן קיניג.

דאַרי פֿלעגט יערלעך באַקומען פֿון אַלע זײַנע סאַטראַפּיעס אַ ריזיקע סומע גאָלד. דאָס גאָלד פֿלעגט מען האַלטן אין דער פֿאָרם פֿון גרויסע גוס-שטאַנגען אין דער שאַצקאַמער פֿון קיניגלעכן הויף. אין דאַריס צײַטן האָט מען צום ערשטן מאָל גענומען אויסשלאָגן גאָלדענע מאַטבייעס. אויף איין זײַט מאַטבייע איז געווען אויסגעמאָלט אַ פּערסישער שיסער, אויף דער צווייטער זײַט — דעם קייסער דאַריס פּאָרטרעט. געהייסן האָבן די מאַטבייעס „דאַריקן".

אין זײַן נײַער הויפּט-שטאָט פּערסעפּאָל האָט דאַרי אויסגעבויט אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ. פֿון אַלע סאַטראַפּיעס האָט מען אַהער געשיקט ווערטפֿולע מאַטעריאַלן. בײַם בויען דעם פּאַלאַץ האָבן געאַרבעט די בעסטע מײַסטערס פֿון עגיפּטן, באַבל, פֿיניקיע און אַנד. לענדער.

אינעם קיניגלעכן פּאַלאַץ זײַנען געווען בײַ 15 טויזנט דינער. דעם קייסערס וואַך איז באַשטאַנען פֿון טויזנט רײַטער און פֿון 10 טויזנט פֿוסגייער. אַרומגערינגלט איז דער קייסער געווען מיט גוואַלדיקן לוקסוס; אָנגעטאָן פֿלעגט ער גיין אין פּורפּור-קליידער, באַנייט מיט גאָלד. קיינער האָט ניט געוואַגט צו דערנענטערן זיך צום קייסער, קעדיי ניט צו פֿאַרשוועכן אים מיטן הויך פֿון זײַן מויל. דער גרעסטער טייל האַכנאָסעס פֿון די סאַטראַפּיעס פֿלעגט אַוועקגיין אויף אויסהאַלטן דעם קיניגלעכן הויף.

דער קייסער און די אַריסטאָקראַטיע האָבן זיך געבאָדן אין לוקסוס און אין אַשרעס. אין דער זעלבער צײַט האָבן די אײַנוווינער פֿון די מעלוכעס, וואָס זײַנען געווען אונטערטעניקט צו פּערסיע, געלעבט אין גרויס דאַכקעס און אין הונגער. שטעט, וואָס האָבן פּרוּער געבליט, זײַנען רויִנירט געוואָרן דורך די גרויסע אָפּצאָלן.

די פּערסישע באַפֿעלקערונג גופֿע האָט קיין צינז ניט געצאָלט, די פּויערים זײַנען אָבער געווען מעכוּיעוו צוצושטעלן דעם קייסער מיליטער און שיקן אים רײַכע מאַטאָנעס. דערפֿון פֿלעגן זיי רויִנירט ווערן ניט ווייניקער, ווי די באַצוווּנגענע געגנטן פֿלעגן רויִנירט ווערן פֿון די טשינשן. האַלטן אין געהאָרכזאַמקײַט די באַצוווּנגענע פֿעלקער האָט מען געקאָנט בלויז מיט מיליטער-קראַפֿט. דעריבער האָט דאָס פּערסישע קיניגרײַך עקזיסטירט ניט קיין לאַנגע צײַט. אין יאָר 330 פֿאַר דער נײַער ערע האָבן די גריכן אײַנגענומען פּערסיע, און דאָס פּערסישע קיניגרײַך איז צעפֿאַלן געוואָרן (אין די צײַטן פֿון אַלעקסאַנדער מוקדן).

IV. אַלט־אינדיע.

21 §. אַלט־אינדיע. דאָס לאַנד און די באַפֿעלקערונג.

די נאַטור פֿון אינדיע.

אינדיע געפֿינט זיך אין דאָרעם-טייל פֿון אַזיע. דער צאָפֿן-טייל פֿון אינדיע האָט אין אַלטערטום געהייסן אַריאַוואַרטע, אָדער דאָס לאַנד פֿון די דעראָבערער — פֿון די אַריער. אין צאָפֿן-אינדיע ציט זיך אַ קייט הויכע הימאַלײַער בערג, אין דאָרעם גרענעצט זי מיטן מידבער און מיטן פּאַס ווינדייער בערג. די דאָזיקע בערג טיילן אַריאַוואַרטע אָפּ פֿון דעקאַן — דעם דאָרעם-טייל פֿון אינדיע.



קארטע פונ אלט-אינדיע.

אריאווארטע איז באשטאנענ פונ פרוכטבארע טאָלנ פונ צוויי טײַכנ — אינד און גאנג.

דער טײַכ אינד פליסט פונ די שפיצנ פונ די הימאלײַער בערג, ווו דער צעגײיענדיקער שניי ווערט פארוואנדלט אינ שטורמישע שטראָמענ. די שטראָמענ נערנ דעמ טײַכ אינד. אינד האָט פינפ בײַטײַכנ און פאלט ארײַנ אינ מײַרעוו-טייל פונ אינדישנ אָקעאנ. דער פרוכטבארער טאָל פונ אָט די טײַכנ הייסט פינפ-טײַכנ-לאנד (פענדזשאב).

דער טײַכ גאנג פליסט אויכ פונ די הימאלײַען. ער פאלט ארײַנ אינ צאָפנ-מיזרעכ-
טייל פונ אינדישנ אָקעאנ. גאנג בילדעט אינ אריאָוואַרטע דעמ צווייטנ נאָכ גרע-
סערנ אונ פרוכטבארנ טאָל.

די נאטור פונ אינדיע איז אויסערגעווייגלעכ שיינ אונ גראנדיעז. נאָכ אינ
אלטערטומ האָט מענ אָפּ אינדיע געקוקט, ווי אָפּ א לאנד פונ וואונדער. אינ די
שטארק געדיכטע אורוועלדער, וואָס זײַנענ דורכויס באוואָקסנ מיט באמבוק, האלטנ
זיכ אופ פארשיידענע כײַעס אונ גיפטיקע שלאנגענ.

די טראָפּישע געוויטערס אונ שטורעמס, די פארפלייצונגענ פונ אינד אונ
גאנג פלעגנ אומברענגענ אונ רויִנירנ די אײַנוווינער פונ אינדיע. די דאָזיקע דער-
שײַנונגענ האָבנ ארויסגערופנ בא זיי א מוירע פאר דער נאטור.

די דראווידנ.

אינ אלטערטומ האָבנ אינ אינדיע געוווינט די ד ר א-
ו ו י ד י ש ע שוואָטימ. בײַס די ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגענ
אינ דאָרעמ-טייל פונעמ אינד-טאָל האָט מענ געפונענ רויִנענ פונ דראווידישע
אוראלטע געבײַדעס פונ שטיינ אונ ציגל (טעמפלענ, וווינונגענ), רעשטנ פונ וואַ-
סער-לייטונגענ, פונ באוואסערונגס-קאנאלנ, גאס-רינוועס, פארשיידענע שטוב-זאכנ,
סטאטועטקעס, אונ אויכ גאָלדענע אונ זילבערנע כפייצימ. צווישנ די ארכעאָלאָגי-
שע דענקמעלער האָט מענ כוצ דעמ געפונענ אויכ מוסטערנ פונ אלט-דראווידי-
שער שריפט — אופשריפטנ אָפּ שטיינ, ליימ, העלפאנדבייג. די געלערנטע האָט זיכ
נאָכ ביז איצט ניט אײַנגעגעבנ איבערצולייענענ אָט די אופשריפטנ.

די אנטדעקונגענ, וואָס מע האָט געמאכט בײַס די אויסגראָבונגענ, באווײַזנ,
אז די דראווידנ זײַנענ געווענ דאָס ערשטע קולטורעלע פאָלק אינעמ אינד-
טאָל. זיי האָבנ פארמאָגט א גאנצ הויכ אנטוויקלטע טעכניק אונ גרויסע רײַכטימער,
וואָס זײַנענ געשאפנ געוואָרנ דורכ דער מי פונ דער פארשקלאפטער באפעלקערונג.

די אריער.
די דראווידנ ווערנ אונטערטעניקט.

אינעמ II יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע האָט דעמ
טאָל פונעמ טײַכ אינד פארכאפט א פאָלק, וואָס האָט
זיכ א נאָמענ געגעבנ „א ר י ע ר“, דה. „איידעלע“ אָדער
„הערשער“. זיי האָבנ זיכ אזוי א נאָמענ געגעבנ אינ
קעגנזאצ צומ אונטערטעניקטנ פאָלק, וואָס האָט געהייסנ „ד א ז י ע ר“, דה. שקלאפנ.

די אריער האָבנ באצוווּנגענ די דראווידנ אונ פארוואנדלט זיי אינ קנעכט. די
נײַע הערשער האָבנ איבערגענומענ די דראווידישע קולטור. זיי האָבנ געשאפנ
אינעמ אינד-טאָל עטלעכע קליינינקע מעלוכעס. אינ דער שפיצ פונ יעדער מע-
לוכע איז געשטאנענ א קייסערל, וואָס האָט געהייסנ ר א ד ז ש א. מילכאָמע-צײַט
פלעגנ זיכ די קליינינקע מעלוכעס פארייניקנ אינ איינ גרויסער מעלוכע. רעגי-
רער פונ אָט דער מעלוכע פלעגט דאנ ווערנ דער מ א ג א ר א ד ז ש א („גרויסער
קייסער“). די ראדזשעס פלעגנ פירנ מילכאָמעס אונ רעגירנ מיט דער מעלוכע.

וועגנ דעמ קאמפ צווישנ די אריער אונ דאזיער, וועגנ די מילכאָמעס, וועגנ
דעמ פרײַקסטנ פעריאָד פונ אינדיע דערוויסנ מיר זיכ פונ די פארצײַטיקע אינדי-
שע לעגענדעס. די זאמלונג פונ אזוינע לעגענדעס אונ מיפנ איז באקאנט אונ-
טערנ נאָמענ „ו ו ע ד נ“.

די באשעפטיקונגענ פונ דער באפעלקערונג.

אינ אינדיע האָבנ געוווינט א סאכ פארשיידענע
שוואָטימ. זיי אלע זײַנענ שפעטער באקאנט געוואָרנ אונ-
טערנ אלגעמיינעמ נאָמענ א י נ ד ו ס נ. די הויפט-באשעפ-

טיקונג פונ די אינדוסנ איז געווענ פּיצוכט אונ ערדאַרבעט. דעריקער האָבנ זיי זיכ פאַרנומענ מיט האָדעווענ קי. די קו האָבנ זיי געהאַלטנ פאַר א הייליקנ באַל־כײַ אונ האָבנ זי זייער געערט. די רײַכקײַט פונ א באַלעבאָס פלעגט מענ שאַצנ לויט דער צאָל קי, וואָס ער פאַרמאָגט. די אינדישע לעגענדעס דערציילנ אפילע וועגנ מילכאָמעס, וואָס זײַנענ געפירט געוואָרנ צוליב קי.

קעדיי צו אַנטוויקלענ די ערדאַרבעט, זײַנענ אינעם טאָל פונעם טײַכ אינד אויסגעבויט געוואָרנ באַוואַסערונגס־קאַנאַלנ. אפ די פעלדער פלעגט מענ זייענ גערשטנ, רײַז, שפּעטער האָט מענ גענומענ קולטיווירנ בוימוואָל.

פונ די אינדוסנ האָבנ זיכ דאָס די אוראַלטע פעלקער צום ערשטנ מאָל דערוווּסט וועגנ בוימוואָל.

די רעליגיע.

אַלס הויפּט-גאָט האָבנ די אַלטע אינדוסנ געהאַלטנ דעמ גאָט א י נ ד ר א. די אינדישע לעגענדעס רימענ דעמ גאָט אינדראַ אונ זאָגנ, אז ער ברענגט דונערנ אונ פײַכטקײַט, ער פילט אָנ מיט וואַסער די שטראָמענ פונ אינד. די אינדוסנ האָבנ געהאַלטנ, אז אינדראַ ברענגט לעבנ פאַר אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש אפ דער וועלט. דער אַנטיפּאָד פונ אינדראַ איז דער גאָט ס ו ש נ א — ער איז געווענ די פאַרקערפּערונג פונ טריקעניש אונ וואַסערלאָזיקײַט. צווישנ אָט די צוויי געטער האָט געהערשט אַנ אייביקע סינע.

דער גאָט אינדראַ אפ א דרײַקעפּיקנ העלפאַנד.

אַכוץ אינדראַ אונ סושנאַ האָבנ זיי געגלייבט נאָכ אינעם גאָט פונ פײַער — א ג נ י אונ אינ א סאַכ אַנדערע קלענערע געטער.

די אינדישע לעגענדעס דערציילנ, אז די געטער וווינענ אפ די שפּיצנ פונ די ה י מ א ל ײַ ע ר ב ע ר ג, איבערהויפּט אפנ העכסטנ שפּיץ — ג א ו ר י ז א נ ק א ר, וואָס באַטײַט „העל־שטראַלנדיקער באַרג".

22 §. די מעלוכע פונ די בראַמאַנענ. די קאַסטע־אָרדענונג אינ אינדיע.

די קריגסלײַט אונ די בראַמאַנענ.

בײַס די אַריער האָבנ באַצוווּנגענ דעמ גאַנג-טאָל, האָט זיכ אינ אינדיע אויסגעטיילט א גרופּע שטאַרקע אונ רײַכע ק ר י ג ס ל ײַ ט. זיי האָבנ פאַרמאָגט גרויסע שטעקנ ערד, רײַכנ קריגס־רויב אונ זייער א סאַכ קנעכט פונ די אונטערטעניק־טע פעלקער.

אלט-אינדישע זעלנער.

נאָכן פארנעמען דעם גאנג-טאָל האָבן זיך אויסגעבילדעט גרויסע מעלוכעס, און די אײַנוווינער זייערע האָבן גענומען פירן א פרידלעכ לעבן. צוגלײַכ מיט די קריגסלײַט האָבן זיך אויכ ארויסגערוקט די פריסטערס די בראמאנען. די ערשטע צײַט זײַנען זיי געווען בלויז אויבער-דינער פון די געטער. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן אופזען ניט נאָר אפ דער אָפריכטונג פון די רעליגיעזע רי-טואלן, נאָר אויכ דערופ, ווי מע פילט אויס דעם קייסערס געזעצן.

די געזעצן פון מאנו.

די בראמאנען האָבן אָנגעשריבן די „געזעצן-זאמלונג פון מאנו". אין דאָזיקן הייליקן בוכ פון די בראמא-נען ווערן געבראכט די קלאָלים פון דער געזעלשאפט-לעכער אָרדענונג און פון בראמאנישן געטער-קולט. די קלאָלים טיילן אײַן די מענטשן אפ פיר קאטעגאָריעס, אָדער קאסטעס, וואָס שיידן זיך אונטער איינע פון די אנדערע.

אין די „געזעצן פון מאנו" שטייט געשריבן, אז דער הויפּט-גאָט בראמא האָט פון זײַנע לעפצן באשאפן די קאסטע בראמאנען, פון זײַנע הענט — די קאסטע קריגסלײַט, פון די לענדן — די קאסטע ערדארבעטער און פון די פיס — די קאסטע שקלאפן. אזא אײַנטיילונג פון די מענטשן אפ קאסטעס, האָט מען געהאלטן, איז אײַנגעשטעלט פון גאָט אליין. דעריבער האָט מען די בראמאנען געמוזט אָפּגעבן קאָוועד, אלס דער ערשטער און העכסטער קאסטע.

די קריגסלײַט זײַנען געווען די צווייטע קאסטע. זיי זײַנען מעכויעוו געווען צו באשיצן די מעלוכע, אָפּהיטן די אָרדענונג און העלדנמוטיק אופירן זיך בײַס מילכאָמע. די ערדארבעטער האָבן געדארפט פּראָדוצירן אלע פּראָדוקטן, וואָס זײַ-נען נייטיק פאר דער עקזיסטענץ פון די בראמאנען און קריגסלײַט. צולעצט, די שקלאפן: זיי האָבן געמוזט באדינען די דרײַ העכערע קאסטעס פרײַע מענטשן. די שקלאפן זײַנען אוועקגעשטעלט געווען אין דער שווערסטער לאגע. מע פלעגט זיי הארב באשטראָפן און לויטן געזעץ האָט מען זיי געמעגט אפילע דערמאָרדן.

בייס דער הערשאַפט פון די בראַמאַנען זײַנען באַזונדערס שטאַרק געוועזן געאַכטעט דרײַ אינדישע געטער: ב ר א מ א — דער גאָט פון באַשאַפונג, װ י ש נ ו — דער גאָט פון אויפהיטונג און ש י װ א — דער גאָט פון צעשטערונג. לויט די „געזעצן פון מאַנו" האָט מען געמוזט ברענגען קאָרבאָנעס צו די געטער און מעקײַעם זײַן זייער פיל קליינלעכע מינהאָגים.

די בראַמאַנישע אָרדענונג, די דערהויבונג פון די בראַמאַנען און דער געטער-קולט האָבן זיך פאַרפעסטיקט אַפ דער טעריטאָריע פון דער מיטל- און נידער-שטרעמונג פון טײַך גאַנג. בא דער נידער-שטרעמונג פון דאָזיקן טײַך האָט זיך געפונען א גרויסע מעלוכע מ א ה א ד כ א. אז עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די מאַכט פון די בראַמאַנען, האָט מען די פעלקער פון מאַהאַדכא גענומען שטאַרק אונטערדריקן און עקספּלואַטירן. דעריבער האָבן זיך אין מאַהאַדכא פריִער איידער אין אַנדערע ערטער אָנגעהויבן אַרויסטרעטונגען קעגן די בראַמאַנען. אין לעבן פון אָט דער מעלוכע איז דאָס אָפטע בײַטן זיך פון די קייסאָרים אַפן טראָן געווען א געוויינלעכע דערשײַנונג.

§ 23. דער בודיזם. די באַצווינגונג פון אינדיע.

בודאס אָפּשטאַמונג.

דאָס אַראָפּוואַרפן די בראַמאַנישע אָרדענונג אין אינדיע איז פאַרבונדן מיט דער ברייטער פאַרשפּרייטונג פון דער לערע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען בודיזם. די לעגענדע דערציילט, אַז געפּריידיקט די דאָזיקע לערע האָט ב ו ד א.

וועגן בודאס אָפּשטאַמונג און וועגן דעם אויפקום פון בודיזם דערציילט די לעגענדע אַזוי. צווישן די פאָרבערג פון די הימאַלײַען און גאַנג האָט זיך געפונען א קליינע מעלוכע פונעם שייוועט ש א ק י ע ר. א פאַרצײַטיקע מעסירע דערציילט, אַז בײַם ראַדזשא פונעם לאַנד פון די שאַקיער איז געבוירן געוואָרן א זון. געווען איז דאָס זייער א טיפזיניק, ערנסט קינד, וואָס האָט זיך פרי אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט פאַרשיידענע לעבנס-פראַגן. ער האָט באַקומען אויסגעצייכנטע בילדונג. אַז דעם קייסערס זון איז אַלט געוואָרן 29 יאָר, האָט ער פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ און די מישפּאָכע זײַנע און אַוועקגעלאָזט זיך וואַנדערן אין ווײַטע מעקוימעס. שאַקיא-מוני — אַזוי האָט ער זיך א נאָמען געגעבן אין דער צײַט פון זײַן וואַנדערונג — האָט ניט געגלייבט ניט אין דער לערע פון די בראַמאַנען וועגן דעם, אַז מענטשן טיילן זיך אַפ קאַסטעס, ניט אין די בראַמאַנישע געטער. ער האָט זיך באַזעצט אין מידבער און האָט זיך פאַרטיפט אין געדאַנקען וועגן דעם מענטשנס לעבן. ענדלעך, דערציילט די לעגענדע, נאָך לאַנגע יאָרן טראַכטן, האָט שאַקיא-מוני געפונען אַן ענטפער אַפ אַלע פראַגן, וואָס האָבן אים געפּײַניקט. פון דאַן אָן האָט ער זיך א נאָמען געגעבן ב ו ד א, דה. „געלײַטערטער" (אַזא, וואָס האָט געפונען דעם עמעס).

דער בודיזם.

בודא האָט געלערנט, אַז אַלע מענטשן זײַנען גלײַך, אומאָפּהענגיק דערפון, צו וואָס פאַר א קאַסטע דער אָדער יענער מענטש זאָל ניט געהערן. פאַר דער גרעסטער ווילטאַט האָט בודא געהאַלטן דאָס אָפּזאָגן זיך פון יעטווידע פאַרלאַנגען, פון יעטווידער טעטיקײַט. דאָס העכסטע גליק, האָט ער געלערנט, איז נ י ר װ א נ א, דה. דער צושטאַנד פון פולשטענדיקער אומטעטיקײַט און פון זײַן פאַרזונקען אין געדאַנק.



אנ אינדישער טעמפּל מיט בודאס סטאטוע.

דער בודיזמ איז געווענ געצילט קעגנ דער מעמשאָלע פונ די בראמאנענ אונ קעגנ דער קאסטע-אָרדענונג, ווו די נידעריקע קאסטעס זײַנענ געווענ אונ-טערדריקט. דער בודיזמ האָט אָבער ניט אופגעפאָדערט דאָס פאָלק צו פירנ אנ אָפענעמ קאמפ פאר בעסער מאכנ דאָס לעבנ, נאָר, פארקערט, ער האָט גערופנ די אונ-טערדריקטע אָפּצוזאָגנ זיכ פונ אזא קאמפ אונ שאָלעמ מאכנ מיט זייער לאגע פונ קנעכט, ווײַל געפריידיקט האָט ער אומטעטיקײַט. דאָס פאָלק איז אָבער אומצו-פרידנ געווענ מיט דער מעמשאָלע פונ די בראמאנענ, איז אימ שטארק געפעלנ געווענ די אידיי פונ גלײַכהײַט. דעריבער איז דער בודיזמ ברייט פארשפרייט געוואָרנ צווישנ פאָלק.

באזונדערס פיל אָנהענגער האָט דער בודיזמ געהאט אינ מאהאדכא, ווו די באפעלקערונג איז געווענ פײַנטלעכ געשטימט קעגנ די בראמאנענ, וואָס האָבנ זי אונטערדריקט. שפּעטער איז דער בודיזמ געוואָרנ די הערשנדיקע לערע אינ מאהאדכא. די קייסאָרימ האָבנ אימ ארונטערגענומענ אונטער זייער שוץ. זיי האָבנ געבויט מאָנאסטירנ אונ טעמפּלענ מיט גרויסע סטאטועס פונ בודא אונ באפוילנ צו פאר-שרײַבנ בודאס לערע אפ פאלמענ-בלעטער.

די גריכנ אינ אינדיע.

אינ אָט דעמ אופבלי-פעריאָד פונ אינדיע האָט דעמ לאנד גענומענ דראָענ א געפאר פונ אנ אינוואזיע פריער מיצאד דעמ פערסישנ קייסער דארי, אונ שפּעטער — מיצאד דעמ מאקעדאָנישנ קייסער אלעקסאנדער. אלעקסאנדער מוקדנ (פונ מאקעדאָניע) האָט דעראָבערט דעמ גאנצנ טאָל פונ טײַכ אינד, אָבער ביזנ קיניגרײַכ מאהאדכא איז ער ניט

דערגאַנגען. זײַן מיליטער איז געווען זייער מיד, האָט עס גענומען פאָדערן, מע זאָל זיך צוריקקערן אַהיים.

אין אַ קורץ שטיקל צײַט אַרום האָט זיך אין אינדיע אָנגעהויבן אַ ברייטע פאָלקס-באַוועגונג קעגן די גריכן. בעראָש פון דער באַוועגונג איז געשטאַנען אַ פירער מיטן נאָמען טשאַנדראַגופּטאַ (די יאָרן 320—291 פאַר דער נײַער ערע).

טשאַנדראַגופּטאַ.

טשאַנדראַגופּטאַ האָט פאַרטריבן די רעשטלעך פון גריכישן מיליטער. אַלע לענדער פון אינד און גאַנג האָט ער פאַרייניקט אונטער זײַן מאַכט און פאַרוואַנדלט זיי אין איין גרויסער מעלוכע. וועגן טשאַנדראַגופּטאַס מעכטיקײַט קאָן מען אורטיילן נאָך דער גרייס פון זײַן אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען, ווי עס דערציילט די לעגענדע, פון 600 טויזנט פוסגייער, 30 טויזנט רײַטער און 9 טויזנט העלפאַנדן. פאַר דער הויפּט-שטאָט פון זײַן קיניגרײַך האָט ער געמאַכט די שטאָט פּאַטאַליפּוטראַ. ער האָט אויפגעבויט דאָרט רײַכע פּאַלאַצן און בודאַ-טעמפּלען.

די גריכישע רײַזנדער פלעגן באַזונדערס באַוווּנדערן דעם גלאַנץ פונעם קייסערס פּאַלאַץ אין פּאַטאַליפּוטראַ. געווען איז עס אַ גראַנדיעזע געבײַדע. די הויפּט-אַרײַנגענג אינעם פּאַלאַץ זײַנען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער צאָל זײַלן, באַצירט מיט באַגילדעטע ווײַנשטאָקן און מיט פייגל פון געגאָסענעם זילבער. בײַם אַ פײַערלעכער צערעמאָניע פלעגט דער קייסער אַרויסגיין פון פּאַלאַץ ניט נאָר אין דער באַגלייטונג פון די פּריסטערס, פון דער סוויטע און פון מוזיקאַנטן, נאָר



אַן אַלט-אינדישער טעמפּל, אויסגעהאַקט אין פעלדזן.

צוליב מער גלאנצ און פראכט פלעגנ נאָכ ארויסגעפירט ווערנ דרעסירטע לייבנ, טיגערס, פאנטערס און העלפאנדנ.

דאָס פויערטום.

אפ אויסצוהאלטנ דאָס מיליטער און דעם פרעכטיקנ קיניגלעכנ הויפ האָבנ זיכ געפאָדערט א סאכ מיטלענ. צונויפנעמענ די מיטלענ פלעגט מענ דעריקער בא דער פויערשער באפעלקערונג פונ אינדיע. די פויערימ האָבנ געלעבט געמיינדעסווייז. זיי פלעגנ געמיינזאמ אופּ-פאסנ אפ די קאנאלנ און הרעבליעס. יעדער פויער פלעגט באארבעטנ א באזונ-דער ערדכיילעק, אָבער פארקויפנ אָדער איבערגעבנ בעירושע דעמ ערדכיילעק האָט ער ניט געקאָנט. דאָס פי פלעגט זיכ פיטערנ אפ די געמיינזאמע פיטער-פעלדער.

די גאנצע לאַסט פונ די הויצאָעס אפנ לוקסוס פונעמ קיניגלעכנ הויפ פלעגט פאלנ אפ די פויערימ פונ אינדיע.

אשאָקא.

דער לעצטער קייסער פונעמ אופבלי-פעריאָד פונעמ קיניגרייכ מאהאדכא איז געווענ דער ראַדזשא אשאָקא (די יאָרנ 263—226 פאר דער נייער ערע). עס זיינענ אופגעהיט געוואָרנ פארשיי-דענע פאראָרדענונגענ זיינע און באשרייבונגענ פונ געשעענישנ, אויסגעקריצט אפ פעלדזנ. ער איז געווענ א הייסער אָנהענגער פונעמ בודיזמ און האָט דעמ בודיזמ פראָקלאמירט אלס מעלוכע-רעליגיע. אינ אשאָקאס צייט איז ענדגילטיק צונויפגעשטעלט און פארשריבנ געוואָרנ אפ פאלמענ-בלעטער די זאמלונג פונ בו-דאס לערע. נאָכ אשאָקאס טויט האָבנ די יאָרשימ אָנגעהויבנ זיכ ארומרייסנ און מילכאָמע האלטנ איינע קעגנ די אנדערע. די מעלוכע מאהאדכא איז צעפאלנ גע-וואָרנ אפ דריי טיילנ. ביסלעכווייז איז זי באצווונגענ געוואָרנ דורכ אנדערע פעלקער.

די קולטור פונ אינדיע.

אלט-אינדיע האָט פארמאָגט א הויכ אנטוויקלטע קול-טור. די איינוווינער פונ אינדיע איז געווענ באקאנט אלעפבייז-שריפט און גראמאטיק. די הויפט-ווערק זיינענ געשריבנ געוואָרנ אינ א ליטעראַרישער שפראכ, וואָס הייסט סאנ-





סאנסקריטישע שריפט.

סקריט. אפ דער דאָזיקער שפראכ זיינענ אָנגעשריבנ די „וועדנ", די „געזעצנ-זאמלונג פונ מאנו" און די צוויי גרויסע אורעלטע פאָעמעס: „מאהאבהאראטא" און „ראמאיאנא". די פאָעמעס דערציילנ הויפטזאכלעכ וועגנ די גוורעס פונ העלדנ, וועגנ זייערע קריגס-מארשנ און ניצכוינעס.

אינ אינדיע איז אויכ היפש געווענ אנטוויקלט די ארכיטעקטור. דאָס איז צו

זען פון די רעשטן פון אין פעלדזן אויסגעהאקטע טעמפלען, סטאטועס און פאר-
שיידענע בילדער, וואָס זײַנען פארבליבן ביז אונדזער צײַט. די וויסנשאפט האָט
דאָ אויך היפּש אופגעבליט; אַלס איינע פון די העכסטע וויסנשאפטן האָט מען
דאָ געהאלטן מאטעמאטיק. די אראבישע ציפער, וואָס אייראָפּע האָט איבערגענו-
מען בא די אראבער, שטאמען פון אינדיע.

V. אלט־כינע.

24 §. דאָס לאַנד און די באפעלקערונג.

די נאטור פון כינע.

די כינעזער האָבן אין אלטערטום באפעלקערט גרויסע טעריטאָ-
ריעס פאזע דער שטראָמונג פון צוויי טײַכן: כואנכע און יאנ-
צזי. אָט די צוויי טײַכן האָבן אינעם לעבן פון די אוראלטע כינעזער געשפילט ניט קיין קלענע-
רע ראָליע, ווי עס האָבן געשפילט ניל אין לעבן פון עגיפּטע, טיגער און עפראט אין מעסאָפּאָ-
טאמיע אָדער אינד און גאנג אין אינדיע.

בייס די פארפלייצונגען (זומער און אָנהייב הארבסט) פלעגט כואנכע בײַטן זײַן בעט. דאָס
פלעגט שטעלן אין גרויס געפאר די ווירטשאפט און דאָס לעבן פון די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט
אין כואנכע־טאָל. דער כינעזישער פויער האָט שטענדיק געמוזט זאָרגן וועגן פארפעסטיקן די ברעגן
פון טײַך.

„כואנכע" באטײַט „געלער טײַך". ער הייסט אזוי דערפאר, ווײַל דער שטראָם זײַנער פלעגט
אָנטראָגן אין טאָל א געלע, שטארק פרוכטבארע שלאַם־מאסע. דער גאנצער טײַך־טאָל איז באדעקט
געווען מיט א שיכט פרוכטבארן באָדן (ליאָס). ערטערווײַז איז דער שיכט געווען זייער דיק. די
כינעזער פלעגן מאכן אין דעם שיכט הייל־וווינונגען, ווו ווינטער פלעגט זײַן ווארעם, דאגעגן



כינעזישע הייל־וווינונגען.



קארטע פונ אלט-כינע.

בײַטנ־קולטור.

זומער — קיל. אזוינע ווינונגענ איג די ליאָס־שיכטנ פלעגט מענ אנ אנדערש מאָל מאכנ אפילע איג עטלעכע יארוסנ.

דער צווייטער טײַכ — יאנצזי (ער פלעגט נאָכ הייסנ „בלויער טײַכ“), וואָס איז איג דער לענג נאָכ גרעסער פונ כואנכע, פלעגט אויכ אָנטראָגנ איג טאָל א פרוכטבארע שלאַמ־מאסע. דער טאָל פונ יאנצזי איז באזעצט געוואָרנ שפּעטער איידער דער טאָל פונ כואנכע.

די קאַנאַלנ.

די טײַכנ כואנכע אונ יאנצזי האָבנ געהאט א גרויסע באדײַטונג ניט נאָר פאר דער ערדארבעט, נאָר אויכ פארנ שיפגאנג. די קאנאלנ, וואָס די כינעזער האָבנ דורכגעגראָבנ, קעדיי צו באוואסערנ די פעלדער, האָט מענ נאָכ אמאָליקע צײַטנ אויסגענוצט אויכ אלס פארקער־וועגנ.

שפּעטער זײַנענ איינצלנע קאנאלנ פארייניקט געוואָרנ אונ ס'האָט זיכ אויסגעבילדעט דער באַרימטער „גרויסער קאנאל“. ער איז אזוי גרויס, אז ער רופט ארויס שטוינונג. די כינעזער האָבנ אימ אָנגעהויבנ בויענ איג VI יאָרה. פאר דער נײַער ערע אונ געבויט אימ זייער א לאנגע צײַט. צוערשט האָט ער געהאט פארייניקט די טײַכנ כואנכע אונ יאנצזי. הײַנט צו טאָג האלט ער העכער טויזנט קילאָמעטער די לענג. דער „גרויסער קאנאל“ געהערט צו די היסטאָרישע מערקווירדיקײַטנ פונ אלט־כינע.

די באַפעלקערונג.

די כינעזישע שוואָטימ, וואָס האָבנ געוווינט בא די ברעגנ פונ דער מיטלשטראָמונג פונעמ געלנ טײַכ, זײַנענ זייער אנ אלט פאָלק. פונ פארשיידענע לעגענדעס איז צו זענ, אז די כינעזער פלעגנ פירנ אָפטע מילכאָמעס מיט פארשיידענע שוואָטימ, וואָס פלעגנ זיכ אריבערקלײַבנ אהער. די כינעזישע שוואָטימ האָבנ גערעדט אפ א סאכ דיאלעקטנ. אייניקע דיאלעקטנ האָבנ זיכ אופגעהיטנ נאָכ איג דער הײַנטיקער כינעזישער שפּראכ.

די הויפּט־באשעפטיקונג פונ די אורא̇לטע כינעזער איז געווענ ע ר ד א ר ב ע ט. די כינעזער האָבנ אקשאָנעסדיק געקעמפט פאר אויסנוצנ יעדעס פיצל ערד. באארבעטנ די ערד אונ מיטנ דער הילפ פונ די קאנאלנ באוואסערנ זי — איז געווענ די שטענדיקע זאָרג פונ די ערדארבעטער. די כינעזער זײַנענ געווענ איינע פונ די ערשטע, וואָס האָבנ אײַנגעפירט די ב ײַ ט נ ־ ק ו ל ט ו ר. דאָס האָט געפאָדערט פיל מי, ווײַל מע פלעגט מוזנ אויסיטענ דאָס גאנצע מיסטגראָז אונ ארומהויפנ די פלאנצונגענ. דערפאר אָבער פלעגט מענ באקומענ גוטע גערעטעכישנ פונ רײַז, אויבסט אונ גרינס.

א גרויסע ראָליע איג לעבנ פונ די כינעזישע ערדארבעטער האָט געשפּילט די ז ײַ ד צ ו כ ט. נאָכ איג טיפנ אורא̇לט פלעגט מענ איג כינע פלאנצנ טוטנביימער אונ קולטיווירנ זײַד־ווערעמ. די כינעזער האָבנ זיכ פרי אויסגעלערנט צו מאכנ זײַד. די כינעזישע זײַד־שטאָפנ זײַנענ געווענ פונ א הויכער קוואליטעט אונ בארימט ווײַט אויסער די גרענעצנ פונ כינע. דעמ גרעסטנ האנדל האָט כינע געפירט מיט אינדיע. איידער עס זײַנענ אופגעקומענ געלט־מאטבייעס פלעגנ אלס געלט צירקולירנ איג לאנד הויפּטזאכלעכ מעטאלענע מעסערס.

וועגנ דער כינעזישער האנטווערקערײַ דערציילנ אונדז פײַנ געשניצטע הילצערנע כפייצימ, אויסארבעטונגענ פונ שטיינ אונ פונ בייג אונ אויכ בראָנזנ אונ ליימענ געשיר, וואָס איז באמאָלט מיט

קונציקע געמעלן. שפּעטער זײַנען די כינעזער באַרימט געוואָרן מיט זייער פּאָרצעלײַ־ און פּאַיאַנס־געשיר.

וועגן דער ווירטשאַפט און דעם לעבן פון די אוראַלטע כינעזער ווייסן מיר הויפּטזאַכלעך פון די רעשטן פון געשיר, שטוב־ און קולט־כפּייצים, וואָס זײַנען געפונען געוואָרן בײַס די אויסגראָבונגען. אָט די דענקמעלער באַווײַזן, אַז די האַנטווערקערײַ און די ווירטשאַפט פון כינע האָט דערגרייכט צו אַ גאַנץ הויכן ניוואָ.

25 §. די עלטסטע געשיכטע פון כינע.

די פּעריאָדן פון טשזשאָו, ציִן און כאַן.

דער טשזשאָו=פּעריאָד (פון יאָר 1122 ביז יאָר 256 פאַר דער נײַער ערע).

די כינעזישע מעלוכע האָט זיך אויסגעבילדעט אַן ערעך מיט 5 טויזנט יאָר צוריק. ווי די לעגענדע דערציילט, איז איינער פון די ערשטע רעגירער פון כינע געווען כ ו א נ ד י, וואָס באַטײַט „געלער הערשער" (דעראָבערער פון די לענדער לענגויס דעם געלן טײַך). וועגן דעם עלטסטן פּעריאָד פון כינע זײַנען צו אונדז דערגאַנגען אַ סאַך פאַרשיידענע לעגענדעס אין די כינעזישע כראָניקעס און אַ סאַך אַרכעאָלאָגישע דענקמעלער, וואָס מע האָט געפונען בײַס די אויסגראָבונגען. נאָך אַדאַנק דעם שטודירן די דאָזיקע דענקמעלער הייבן ביסלעכווײַז אָן קלאָר ווערן די עלטסטע פּעריאָדן פון דער כינעזישער געשיכטע (צום בײַשפּיל, דער אינשאַנ-פּעריאָד). די מער פעסט־געשטעלטע און דערלערנטע געשיכטע פון כינע הייבט זיך אָן פונעם ט ש ז ש אָ ו ־ פּ ע ר י אָ ד.

דער טשזשאָו-פּעריאָד — איז די געשיכטע פון אַ קליין קיניגרײַך, וואָס האָט זיך געפונען באַ די ברעגן פון דער מיטל־ און נידער-שטרעמונג פון כואַנכע.

די קייסאָרים פון דער טשזשאָו-דינאַסטיע האָבן פאַרמאָגט גרויסע באַזיצן. די קיניגלעכע ערד האָט באַטראָפן טויזנט לי (באַ 500 קילאָמעטער) אין אומקרײַז און איז געווען רײַך אין אײַזן. די לעגענדע דערציילט, אַז די דאָזיקע ערד האָט זיך געפונען אינעם מיטלסטן טייל פונעם קיניגרײַך און איז פון אַלע זײַטן געווען אַרומגערינגלט מיט גיטער פון די פירשטן און פון דעם קייסערס הויכע באַאַמטע. דערפאַר טאַקע האָט די כינעזישע מעלוכע שפּעטער געהייסן „מיטל־קיניגרײַך". די הויפּט-שטאָט פונעם קיניגרײַך איז געוואָרן ל אָ י אַ נ.

דער קייסער און זײַנע מעקוראָווים האָבן זיך געבאָדן אין לוקסוס. זיי האָבן זיך אויסגעבויט פּרעכטיקע פּאַלאַצן און טעמפּלען, זײַנען באַדינט געוואָרן פון הונדערטער הויפלײַט, דינער און שקלאַפן. זיי פלעגן פאַרברענגען די צײַט אין מילכאָמעס, מאָלצײַטן און יאַגד. דער קייסער מיט זײַנע נאָענטסטע קריגסלײַט („דרושינע") פלעגן זיך אָפט אַרופזעצן אויף גרויסע רײַטוועגן און אָנפאַלן אויף די שכייניש קיניגרײַכן. זיי פלעגן ראַבירן אויך די אייגענע פּויערים.

די קעסיידערדיקע מילכאָמעס, די אופשטאַנדן פון די פּויערים און פון די אונטערטעניקטע שוואָטים האָבן אונטערגעריסן די מאַכט פון די קייסאָרים פון דער טשזשאָו־דינאַסטיע. אין יאָר 842 פאַר דער נײַער ערע האָט דאָס דערצאָרנטע פאָלק אַראָפּגעשלײַדערט דעם קייסער ל י ־ וו אַ נ, וואָס האָט געהערט צו אָט דער דינאַסטיע.

די צענטראַלע מאַכט איז ביסלעכווײַז געוואָרן אַלץ שוואַכער. צווישן דער אַריסטאָקראַטיע איז די גאַנצע צײַט אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר ערד. דער קאַמף האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צײַט און האָט געבראַכט דערצו, אַז די טשזשאָו-מעלוכע איז צעפאַלן געוואָרן. אין יאָר 256 פאַר דער נײַער ערע איז אַראָפּ־געוואָרפן געוואָרן דער לעצטער קייסער פון דער טשזשאָו-דינאַסטיע. די פירשטן האָבן גענומען פירן צווישן זיך אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר ערד, פאַר פאַרייניקן כינע אונטער זייער מאַכט.

אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיך שטאַרק אַרויסגערוקט די געגנט צין, וואָס געפינט זיך צו מײַרעוו־צו פונעם קיניגרײַך טשזשאָו.

דער צינער פעריאָד.
צין=שי=כואנדי.

דער נײַער פעריאָד, וואָס מיט אים איז פאַרבונדן די דערהויבונג פונעם צינער פירשטנטום, הייסט אין דער כינעזישער געשיכטע צינער פעריאָד (די יאָרן 256—206 פאַר דער נײַער ערע). די פירער פון צינער געגנט האָבן אויסגענוצט דעם אינערלעכן קאַמף צווישן דער אַריסטאָקראַטיע און ביסלעכווײַז גענומען אונ־טערוואַרפן אונטער זייער מאַכט אַלע פירשטן. זיי האָבן אונטערטעניקט די שכיי־נישע שוואָטים, פאַרכאַפּט זייער ערד צו דאָרעם-צו פון יאַנצזי און קאָנצענטרירט אין זייערע הענט די אויבערמאַכט פון כינע.

דער ערשטער מעכטיקער קייסער פון דער צינער מעלוכע איז געווען צין־שי־כואַנדי (די יאָרן 221—209 פאַר דער נײַער ערע). מע האַלט, אַז ער זאָל האָבן דורכגעפירט גרויסע רעפאָרמעס. ער האָט פאַרניכטעט די זעלבשטענדיקײַט פון די באַזונדערע רעגירער און הויכע באַאַמטע און אונטערגעוואָרפן זיי אונטער זײַן מאַכט. די גאַנצע טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַראייניקט אונטער דער מאַכט פונעם קייסער, האָט ער אײַנגעטיילט אין 36 אַדמיניסטראַטיווע קרײַזן. אין יעדן קרײַז האָט צין־שי־כואַנדי אוועקגעשטעלט אַ שטאַטהאַלטער. נאָך די שטאַטהאַלטער



אַלט-כינעזישע קאַוואַלעריע.

האָבן נאָכגעשפּירט ספּעציעלע אָנגעטרויטע מענטשן, וועלכע פלעגן וועגן אַלץ מיטיילן דעם קייסער.

צין-שי-כואנדי האָט דורכגעפירט אויך א מיליטערישע רעפאָרמע. דער כינעזישער מעלוכע פלעגן קעסיידער ניט לאָזן צורו די הונען, וואָס פלעגן אָנפאַלן אַף איר פון צאָפן-זייַט, און אויך די פעלקער, וואָס פלעגן זיך פון מיטל-אַזיע אַרייַנרייַסן קיין כינע. דאָס אַלטע מיליטער מיט די שווערוואָגיקע רייַטוועגן איז ניט פייִק געווען צו ספּראַווען זיך מיט די נאָמאַדן. צין-שי-כואנדי האָט געשאַפן א לייַכטע און באַוועגלעכע קאַוואַלעריע.

כוץ דעם האָט ער זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט דער פריִער נאָך אָנגעהויבענער בויונג פון דער „גרויסער כינעזישער וואַנט". אָט די וואַנט איז געבויט געוואָרן, כּדי צו באַשיצן זיך קעגן די נאָמאַדן פון צאָפן. די לעגענדע דערציילט, אַז אַף אויסצובויען די וואַנט האָבן זיך געפאָדערט העכער 400 טויזנט מענטשן. אַף די פּויערים זייַנען אַרופגעלייגט געוואָרן שווערע פליכט-אַרבעטן; בא דער בויונג האָבן אויך געאַרבעט א סאַך שקלאַפן.



די גרויסע כינעזישע וואַנט.

קעדיי צו פאַרשטאַרקן זייַן איבערמאַכט, דערציילט א לעגענדע, האָט צין-שי-כואנדי באַפוילן צו פאַרברענען אַלע ביכער מיט די אַלטע געזעצן. גאַנץ געבליבן זייַנען בלויז די ביכער וועגן ערד-אַרבעט, מעדיצין און אַסטראָנאָמיע.

אין אָט דעם פּעריאָד זייַנען די גרויסע ערדבאַזיצער געוואָרן נאָך שטאַרקער; די צאָל שקלאַפן און פּויערים, וואָס זייַנען געבליבן אָן ערד, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די ערד-גיטער זייַנען קאָנצענטרירט געוואָרן אין די הענט פון די גרויסע שקלאַפנבאַזיצער, וואָס האָבן געמעגט די ערד פאַרקויפן, אָפּגעבן אין אַרענדע אָדער שענקען זייערע מעקוראָווים.

נאָך אין דער צייַט, ווען צין-שי-כואנדי האָט געלעבט, האָט זיך אָנגעהויבן א ברייטע באַוועגונג פון די פּויערים און שקלאַפן קעגן די נייַע פאָראָנדקעס. וואָס שטאַרקער עס איז געוואָקסן דער גרויסער ערדבאַזיץ, אַלץ מער האָבן די גרויסע ערדבאַזיצער גענומען פאַרכאַפּן די פּויערשע ערד, און די פּויערים זייַנען געזונקען אַלץ טיפער און טיפער. אין יאָר 206 פאַר דער נייַער ערע האָבן זיך די אומצופרידענע פּויערים און שקלאַפן פאַראייניקט אונטער דער אָנפירונג פון זייער פירער ל י ו ב א נ. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער פון דער צינער דינאַסטיע און פאַרכאַפּט די מאַכט אין זייַנע הענט. אַזוי אַרום איז אונטערגעגאַנגען דאָס צינער קיניגרייַך.

נאָכדעם הייבט זיך אָן דער נייַער, אַזויגערופענער כ א נ ע ר פּעריאָד פון דער אַלט-כינעזישער געשיכטע (פון יאָר 206 פאַר דער נייַער ערע ביז יאָר 220 פון דער נייַער ערע).

26 §. די אופשטאנדנ פונ די „רויטע ברעמענ“ אונ „געלע טיורבאנענ“.

די „רויטע ברעמענ“.

דער אומבײַט פונ די דינאסטיעס האָט ניט געבראכט צו קײנ פארבעסערונג פונ דער לאגע פונ די אונטערדריקטע. די מאכט איז ווי פריִער געבליבנ אינ די הענט פונ די גרויסע ערדבאזיצער; די פויערים ווידער אונ די שקלאפנ האָבנ געלעבט אינ נאָכ גרעסערער אָרעמקײַט אונ דאכקעס.

די צײַט פונ דער כאנער דינאסטיע איז געווענ א פעריִאָד פונ גרויסע דערָאָבערונגענ, א פעריִאָד, ווענ די מאכט פונ די אימפעראטאָרנ האָט זיכ פארפעסטיקט, ווענ די שקלאפנבאזיצערישע ווירטשאפט אונ קולטור זײַנענ געווענ אינ פולנ בלי. פאר די שקלאפנ אונ פויערים אָבער איז דאָס געווענ דער סאמע שווערער אונ פינצטערער פעריִאָד. די רויִנירטע, הונגערגדיקע פויערים זײַנענ געצווונגענ געווענ אוועקצווארפנ זייער ערד, ארומוואָגלענ אונ זיכ פארנעמענ מיט רויבערײַ. אינ אײנעמ א קרײַז איז געווענ בא 400 טויזנט אזוינע נאווענאדניקעס, וואָס האָבנ ניט געהאט ניט קײנ ערד אונ ניט קײנ דאכ איבערנ קאָפ.

די, וואָס זײַנענ געבליבנ זיצנ אפ זייערע שטיקלעכ ערד, האָט זיכ געלעבט ניט בעסער: פאר ניט אויספילנ פינקטלעכ די פליכטארבעטנ, פלעגט מענ בא זיי אוועקנעמענ די ערד אונ די פרײַהײַט אונ פארוואנדלענ זיי אינ שקלאפנ. אינ קײנ אײנ פעריִאָד פונ דער כינעזישער געשיכטע איז די שקלאפערײַ ניט געווענ אזוי שטארק פארשפרייט אינ כינע, ווי אינ דער כאנער עפאָכע. אינ אָט דער צײַט פלעגנ באזונדערס אָפט אויסברעכנ רעוואָליוציאָנערע אופשטאנדנ פונ די שקלאפנ אונ פויערים.



א הייליקע בראָנזענע קיילע.

אײנער פונ די גרעסטע אופשטאנדנ איז געווענ דער בארימטער אופשטאנד פונ די „רויטע ברעמענ“. פאָרגעקומענ איז ער אינ די צײַטנ פונעמ קייסער וואנ מאנ. דער אופשטאנד האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 18-טנ יאָר פונ דער נײַער ערע אינעמ ראיאָנ לו (שאנדונ). בעראָש פונ דער באוועגונג איז געשטאנענ דער פויערים-פירער פאנ טשונ. ער האָט געהייסנ אלע אָנטיילנעמער פונעמ אופשטאנד, זיי זאָלנ זיכ פארבנ די ברעמענ מיט רויטער פארב, קעדיי ער זאָל לויט אָט דעמ סימענ שטענדיק דערקענענ זײַנע אָנהענגער.

וואנ מאנ האָט ארויסגעשיקט קעגנ די „רויטע ברעמענ“ אנ ארמיי פונ הונדערט טויזנט מאנ אונטער דער קאָמאנדע פונ זײַנע צוויי בעסטע קאָמאנדירנ.

ביידע קאָמאַנדירן האָבן אָבער געכאַפּט א מאַפּאָלע פון פאַן טשונס אָטריאַד, וואָס איז באַשטאַנען סאַכאַקל פון 10 טויזנט מאַן. דער זיג פון די „רויטע ברעמען" איז געווען ווי א סיגנאַל צו אַן אַלגעמיינעם אופשטאַנד. פינף יאָר צייט האָבן די „רויטע ברעמען" געפירט א קאַמף קעגן וואַן מאַנען, ביז זיי האָבן אים אַראָפּ-געוואָרפן, און אין יאָר 23 פון דער נייער ערע האָבן זיי אים געקעפּט.

די לאַגע פון די פויערים האָט זיך אָבער ראַדיקאַל ניט פאַרבעסערט. די „רויטע ברעמען" האָבן ניט געוווּסט, ווי אויסצונוצן זייער זיג. די פויערים האָבן זיך דאַן גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן קיין אַנדער אָרדענונג אַכוץ דער עקזיס-טירנדיקער, זיי האָבן ניט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג, וואָס פאַר א נייע אָרדענונג מע דאַרף שאַפן. דערפאַר האָבן זיי סאָפּקאָלסאָפּ געליטן א מאַפּאָלע.

פאָרמען פון כינעזישער שריפט.

די אונטערדריקטע
די „געלע טיורבאַנען".
האָבן אָבער ניט אופגעהערט צו פירן דעם קאַמף, און אין די ווייַטערדיקע אופשטאַנדן האָבן זיי זיך געשטעלט די אופגאַבע צו פאַרבעסערן זייער לאַגע.

דער צווייטער גראַנדיעזער אופשטאַנד איז געווען דער אופשטאַנד פון די „געלע טיורבאַנען". געהייסן האָט ער אַזוי דערפאַר, ווייַל די אָנטיילנעמער האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ געלע האָר-באַנדן. דער אופשטאַנד איז אויסגעבראָכן אין יאָר 184 פון דער נייַער ערע. אָנגעפירט מיט אים האָבן די דרייַ ברי-דער טשזשאַנ. דער עלטסטער איז געווען א דענקער (א כאָכעם) און האָט געפּרידיקט די לערע וועגן פרייַהייַט פאַר די אונטער-דריקטע. ער זעלבסט האָט א נאָמען געגעבן זייַן לערע „דער וועג צו דער גרויסער באַפרייַונג". אָט די לערע האָט געוווּנען א סאַך אָנהענגער.

אין אָנהייב 184-טן יאָר פון דער נייַער ערע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן א קלאַנג, אַז אינעם קומענדיקן יאָר וועט דאָס פאָלק אויסגעלייזט ווערן און עס וועט זיך אָנהייבן א נייַע גליקלעכע צייַט. אַפ די שטאָטישע געבייַדעס, אַפ די טעמפּלען און פּריוואַטע הייַזער האָבן זיך באַוויזן די ווערטער „צזיא-צזי", וואָס באַטייַט „עס קומט אָן א נייַע צייַט".

דער קייסער איז דערפון שטאַרק אומרויִק געוואָרן, און לויט זייַן באַפעל האָט מען געכאַפּט העכער טויזנט טשזשאַנס אָנהענגער און זיי אַלע געקעפּט. די ברידער טשזשאַנ זייַנען ניצל געוואָרן. זיי האָבן די מוט ניט פאַרלאָרן. די לע-גענדע דערציילט, אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט 36 גרויסע און קליינע אַרמייען, הע-כער 100 טויזנט מאַן, און האָבן אופגעהויבן אַן אופשטאַנד אין גאַנצן לאַנד. דער אופשטאַנד האָט זיך געצויגן בא 15 יאָר צייַט. די „געלע טיורבאַנען" האָבן

אײַנגענומען אַלע װיכטיקסטע שטעט. זײ האָבן פאַרטריבן די רײַכע און פאַרכאַפּט זײער ערד.

אָט די אַלע אופשטאַנדן פון די פויערים און שקלאַפן האָבן ענדגילטיק אונטערגעריסן די מאַכט פון די קייסאָרים פון דער כאַנער דינאַסטיע. די שװאַכע צאָפּן און פון מיטלאַזיע האָבן אויסגענוצט די שװאַכקײַט פון דער מעלוכע און אַט דעם פעריִאָד און האָבן זיך אַרײַנגעריסן קיין כינע. די אַלטע מעלוכע איז זיך צעפאַלן. אָבער אין די נײַע מעלוכעס, װאָס זײַנען שפּעטער אויסגעביל־דעט געװאָרן, איז די מאַכט װידער פאַרבליבן אין די הענט פון די רײַכע. די אונטערדריקטע זײַנען נאָך ניט געװען בעקױעך צו ענדערן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. דעריבער פלעגן זײ בלויז בײַטן די קייסאָרים, אָבער די פאָראָנדקעס פלעגן בלײַבן די אַלטע.

§ 27. די קולטור פון אַלט־כינע.

די רעליגיע. די כינעזער פלעגן פאַרגעטערן די נאַטור־קרעפטן און דינען צו זײ. זײער הויפּט־גאָט איז געװען דער הימל. דעם הימל האָבן זײ געהאַלטן פאַר דער העכסטער קראַפט און פאַרן קװאַל פון אַלע ערדישע געניסן. בײַ די פּריסטערס און באַאַמטע פלעגט די כינעזישע מעלוכע הייסן „די אימפּעריע פון אונטער דעם הימל". איבער איר האָט, לויט זײער מיינונג, דירעקט רעגירט דער גאָט הימל. צום דאָזיקן גאָט פלעגן געבויט װערן טעמפּלען מיט קופּאָלאַרטיקע דעכער. די קופּאָלן פלעגט מען דעקן מיט הימל־קאָלירטע קאַכלקעס פון פאַיאַנס אָדער פאָרצעלײַ.

בײַ די כינעזער איז זײער שטאַרק געװען אַנטװיקלט די פאַרערונג פון די אורפּאָטערס. פאַרצײַטן פלעגט מען בײַם אָפּריכטן די קװורע־ריטואַלן פון מיוחסדיקע מענטשן ברענגען צומאָל מענטשלעכע קאָרבאָנעס (באַגראָבן לעבעדיקערהייט). בײַם דער לעװײַע פונעם קייסער צין־שי־כואַנדי האָט מען לעבעדיקערהייט באַגראָבן אַלע זײַנע װײַבער, װאָס האָבן קיין קינדער ניט געהאַט, די קנעכט און די דינער. אין קיװער האָט מען אַרײַנגעלייגט די אַלע מײַסטערס, װאָס האָבן אויסגעבויט פאַרן געשטאָרבענעם קייסער דעם גראַנדיִעזן און לוקסוסדיקן סאַרקאָפאַג.

שפּעטער האָט מען זיך געגומען אָפּזאָגן פון מענטשלעכע קאָרבאָנעס; אויפגעהיט האָט זיך בלויז דער מינהג פון ברענגען קאָרבאָנעס פון באַלעבאַטים.

די שריפט. די כינעזישע שריפט שטאַמט פון די גאָר אַלטע צײַטן. דאָס קאָן מען נאָכשפּירן לויט דער אַנטװיקלונג פון די צייכענונגען פון די כינעזישע היִעראָגליפן — צוערשט זײער אייגפאַכע, װאָס װײַטער װערן זײ אַלץ קאָמפּליצירטער.

די אַלטע כינעזער האָבן ביסלעכװײַז געענדערט די צייכענונג פון די היִעראָגליפן און האָבן פאַנאַנדערגעאַרבעט די שריפט, װאָס די כינעזער באַנוצן ביז הײַנט צו טאָג. די אַלט־כינעזישע שריפט האָט געהאַט ביז 50 טויזנט צייכנס. די כינעזער האָבן אײַנגעפירט אַ ספּעציִעל פענדזל צום שרײַבן, און אין I־טן יאָרה. פון דער נײַער ערע האָבן זײ דערפונדן פּאַפּיר.

אדאנק דעמ, וואָס אינ כינע האָט די שריפט עקזיסטירט מיט זייער א לאַנגער צײַט צוריק, זײַנענ צו אונדז דערגאנגענ גאָר אלטע אופשריפטנ אפ בראָנזנ געשיר אונ אפילע גאנצע ביכער (כראָניקעס).

דער סאמע באוווסטער דענקער פונ אלט-כינע איז געווענ קאָנפוצי (VI יאָרה. פאר דער נײַער ערע). ער האָט געלערנט, מע זאָל פארערנ די אורפאָטערס, פאָלגנ די עלטערע, אָפהיטנ די אלטע טראדיציעס אונ געזעצנ. ער האָט אינ אלע געביטנ געשטרעבט אופצוהיטנ די אלט-כינעזישע קולטור. זײַנ לערע איז דערנאָכ ברייט פארשפרייט געוואָרנ אינ גאנצ כינע.

קאָנפוצי.

נאָכ שפעטער האָט זיכ אינ כינע פארשפרייט אויכ דער בודיזמ, וואָס איז איבערגענומענ געוואָרנ פונ אינדיע.

די „גרויסע כינעזישע וואנט“.

צווישנ די דענקמעלער, וועלכע גיבנ א באגריפ וועגנ דער אלט-כינעזישער קולטור, האָט א גרויסע באדײַטונג די פריִער דערמאָנטע „גרויסע כינעזישע וואנט“, אָדער די „וואנט פונ 10 טויזנט לי“ (בא 2500 קילאָמעטער). אָט די גראנדיִעזע אײַנריכטונג האָט מענ ניט אופגעהערט צו באנײַענ אונ פארברייטערנ הארט ביזנ סאָפ XIV יאָרה. פונ דער נײַער ערע. צוערשט האָט מענ די וואנט געבויט פונ ליימ מיט ערד. שפעטער האָט מענ זי גענומענ ארומלייגנ מיט ציגל אונ מיט גרויסע שטיינערנע פליטעס. די וואנט ציט זיכ איבער פליינענ אונ בערג אונ שנײַדט דורכ די שטרעמונג פונ כואנכע. די הייכ פונ דער וואנט האלט 10 מעטער, די גרעב באמ פונדאמענט — 6 מעטער. איבער דער גאנצער לענג פונ דער וואנט שטייענ אָפגערוקט איינע פונ די אנדערע אפ א געוויסנ שטעכ פירווינקלדיקע מאסיווע טורעמס מיט גרויסע דורכגענג אונטער זיי. די וואנט איז אויסגעבויט געוואָרנ, קעדיי צו באשיצנ זיכ קעגנ אנ אָנפאל פונ די נאָמאדישע פעלקער פונ צאָפנ (די הונענ).

די וויסנשאפט.

אינ כינע זײַנענ געווענ ברייט אנטוויקלט אזוינע וויסנשאפטנ, ווי מאטעמאטיק, אסטראָנאָמיע אונ מעדיצינ. פונ די אלע וויסנשאפטנ פלעגט די גרעסטע אופמערקזאמקײַט אָפגעגעבנ ווערנ דער אסטראָנאָמיע. די כינעזישע קייסאָרימ פלעגנ ניט איינ מאָל שאפנ קאָמיסיעס אונ באופטראָגנ זיי פעסטצושטעלנ דעמ קאלענדאר אונ די צײַט פונ די פארטונקלונגענ פונ דער זונ (ליקע-כאמע) אָדער לעוואָנע (ליקע-לעוואָנע). די פארטונקלונג האָט מענ געהאלטנ פאר א שלעכטנ סימענ, אונ אויב די אסטראָנאָמענ פלעגנ פארזענ דעמ אָנקומ פונ א פארטונקלונג, פלעגט דער קייסער מערסטנטייל קעפנ אלע מיטגלידער פונ דער קאָמיסיע.

די כינעזער האָבנ שוינ פונ לאנג געוווסט די אייגנשאפטנ פונ מאגניט אונ

פונעם מאגניט-ווײַזער. געברויכן אָבער דעם ווײַזער בײַס יאם-רײַזעס איז זיי געווען ניט נייטיק, ווײַל זיי פלעגן שווימען בלויז פאזע די ברעגן און נאָר פון אינדזל צו אינדזל. די כינעזער האָבן אויך דערפונדן פולווער, זיי פלעגן דאָס ברויכן אפּ צו מאכן פײַערווארג.

אזויארום זעען מיר, אז כינע האָט, ווי די מעלוכעס פון עגיפּעט און מעסאָפּאָטאמיע, פארמאָגט א גאנצ הויכע קולטור. א סאך דערגרייכונגען פון דער כינעזישער קולטור האָבן אין אלטערטום איבערגענומען אנדערע לענדער: אינדיע, אראביע. שפּעטער האָט זיי איבערגענומען אויך אייראָפּע (צום בײַשפּיל, דעם מאגניט-ווײַזער, פּאפּיר און אנד'.).



דאָס אנטיקע גריכנלאנד

I. דער עלטסטער פּעריאָד פון גריכנלאנד.

§ 28. דאָס לאנד און די באפעלקערונג.

די נאטור פון גריכנלאנד.

דאָס אנטיקע גריכנלאנד האָט פארנומען דעם דאָרעם-טייל פון באלקאנישן האלב-אינדזל, די אינדזלען פון עגייִשן יאם און דאָס ברעגלאנד פון קליין-אזיע. דאָס קאָנטינענטאלע גריכנלאנד ווערט פון דרײַ זײַטן באשווענקט דורכן יאם. די ברעגן פון גריכנלאנד זײַנען ניט אומעטום גלײַך.

דאָס מיזרעכדיקע ברעגלאנד פון גריכנלאנד פארנעמט אין פּראט פון אײַנגעשניטנקײַט און רײַכקײַט אין אײַנגוסן איינס פון די ערשטע ערטער אפן ערדקײַלעך. דער יאם איז דאָרט א רויִקער און פארמאָגט א סאך באקוועמע און געפארלאָזע האפנס. פון אָט דעם ברעגלאנד האָבן די גריכן געקאָנט נאָך גאָר אמאָל אָנהייבן מאכן ווײַטע יאם-רײַזעס. צוערשט זײַנען זיי דערגאנגען ביז די אינדזלען פון עגייִשן יאם און ביזן ברעגלאנד פון קליין-אזיע. שפּעטער זײַנען זיי דורך העלעספּאָנט (דארדאנעלן-דורכגוס) ארײַנגעדרונגען קיין פּראָפּאָנטידע (מארמאָר-יאם), און דורכן פּראקיער באָספּאָר האָבן זיי דערלאנגט אפילע ביז די צאָפנדיקע ברעגן פון שווארצן יאם.

די מײַרעוודיקע און דאָרעמדיקע ברעגלענדער פון גריכנלאנד זײַנען ווייניק אײַנגעשניטן, זיי זײַנען פעלדזיקע און האָבן א סאך זאמדבענק. באקוועמע בוכטעס אפּ אײַנצואָרדענען האפנס טרעפט מען דאָרט זעלטן.

די נאטור אליין האָט אײַנגעטיילט דאָס קאָנטינענטאלע גריכנלאנד אין דרײַ טיילן: דער צאָפן-טייל, דער מיטל-טייל און דער דאָרעם-טייל.

צאָפן-גריכנלאנד ווערט דורכן בארגרוקן פּינד ווי צעקלאפּט אפּ צוויי גרויסע געגנטן: עפּיר אין מײַרעוו און טעסאליע אין מיזרעך. פון צאָפן-גריכנלאנד צו מיטל-גריכנלאנד איז דער וועג געגאנגען דורכן טערמאָפּילער דורכ-



די וועגט פוג דער אנטיקער טראָיע.

גאנג. דאָס איז געווען א שמאָלע סטעזשקע צווישן די הויכע בערג און דעם אָפריסיקן יאם־ברעג.

מיטל־גריכנלאנד ווערט דורך בערג צעטיילט אפ א סאך זעלבשטענדיקע געגנטן. פון אָט די געגנטן זײַנען אין אלטערטום געווען אמיינסטן באוווסט — בעאָטיע און אטיקע. דער בארגיקער קאָרינפער לאנדפאס פארבינדט מיטל-גריכנלאנד מיט דאָרעם-גריכנלאנד.

דאָרעם-גריכנלאנד האָט געהייסן פעלאָפאָנעס. אין דעם טייל האָבן זיך געפונען פרוכטבארע געגנטן: מעסעניע, לאקאָניע און ארגאָלידע.

די הויפט-אינדזלען ליגן צו מיזרעח-צו פון גריכנלאנד, אינעם עגייִשן יאם. די גרעסטע פון די דאָזיקע אינדזלען זײַנען: עובעא — בא די ברעגן פון מיטל-גריכנלאנד, לעסבאָס, כיאָס, סאמאָס, ראָדאָס — באם מײַרעוו־ברעג פון קליין-אזיע, קריט — אין דאָרעם פונעם עגייִשן יאם. צווישן די קליינע אינדזלען האָבן געשפילט א באזונדערע ראָליע: דער אינדזל דעלאָס, וועלכן די גריכן פלעגן פארהייליקן, און פאראָס, וואָס איז געווען בארימט מיט זײַנע רײַכע אוצרעס פון שניי־ווײַסן מארמאָר.

דער קלימאט פון גריכנלאנד איז א מעסיק ווארעמער, זייער א געזונטער; די נאטור — שיין און פארשיידנארטיק. די בארגיקע ערטער זײַנען אין אלטערטום געווען באדעקט מיט וועלדער פון סאָסנעס, דעמבן, בוקן און קאשטאנעס. אין די טאָלן זײַנען געוואָקסן אייביק גרינע קיפּאריסן, לאָרבער-ביימער און אָלעאנדערס. אפ די בארג־אָפּהאנגען פלעגט מען פלאנצן ווײַנגערטנער און איילבערט-וועלדלעך. פון טווע-געוויקסן האָט מען אין די פרוכטבארע טיילן פון די טאָלן געזייט איבער-הויפט גערשטן.

דער באָדן פֿון גריכנלאַנד איז ניט געווען איבעריקס פֿרוכטבאַר, מע האָט אים געמוזט זאָרגזאַם באַאַרבעטן. דעריבער האָט אין דער ווירטשאַפֿט אַ גרויסע ראָליע געשפּילט די פֿיצוכט. האָדעווען פֿלעגט מען דעריקער אַזעלכע פֿי, וואָס זיינען ניט קיין איבערקלייבער אין פֿיטער: כאַזיירים, ציגן און שאָף. אין פּעסאַליע און אַרגאָלידע האָט מען זיך פֿאַרנומען מיט פֿערדצוכט.

די באַפֿעלקערונג.

די אַנטיקע גריכן האָבן גערופֿן זייער לאַנד העלאַדע (העלאַס) און זיך זעלבסט — העלינען. די העלינען האָבן זיך געטיילט אַף פֿאַרשיידענע שוואָטים. עס זיינען באַקאַנט פֿיר גריכישע הויפּט-שוואָטים: עאָלישער, דאָרישער, אַכייִשער און יאָנישער.

די גריכישע לעגענדעס דערציילן זייער אַ סאַך וועגן די איבערוואַנדערונגען פֿון די גריכישע שוואָטים און וועגן דעם, ווי איינע שוואָטים פֿלעגן באַצווינגען ווערן דורך די אַנדערע. אַזוי, לעמאָשל, זיינען די פּעלאַסגן, וואָס האָבן, ווי די לעגענדע דערציילט, צוערשט געוווינט אין גריכנלאַנד, באַצווונגען געוואָרן דורך די העלינען און צונויפֿגעמישט זיך מיט זיי. אַ צווייטע לעגענדע דערציילט, וויאַזוי די דאָריער פֿון דאָרידער געגנט אין מיטל-גריכנלאַנד זיינען אָנגעפֿאַלן אַף פּעלאָפּאָנעס און ביסלעכווייז איינגענומען אים.

§ 29. די קריט-מיקענער קולטור.

אויסגראָבונגען. שלימאַן.

וועגן דעם עלטסטן פּעריאָד פֿון דער גריכישער געשיכטע דערוויסן מיר זיך אַצינד פֿון די דענקמעלער, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן בייס די אויסגראָבונגען: רעשטלעך פֿון געביידעס, געווער, שטוב-כּלים אד״ג. פֿריִער האָבן די געלערנטע געוווּסט וועגן דעם עלטסטן פּעריאָד בלויז פֿון די צוויי באַרימטע פּאָעמעס: „איליאַדע“ און „אָדיסייע“. די דאָזיקע פּאָעמעס דערציילן וועגן דער טראָיאַנער מילכאָמע. פֿאָרגעקומען איז די מילכאָמע צווישן די גריכן און די טראָיאַנער — אין קליינאַזיע (אונטער טראָיע). קיינע שום אַנדערע דענקמעלער וועגן אָט דעם ווייטן פּעריאָד פֿון דער גריכישער געשיכטע איז דאַן ניט געווען. דעריבער האָבן די געלערנטע געמיינט, אַז די געשעענישן, וואָס זיינען באַשריבן אין „איליאַדע“ און „אָדיסייע“, זיינען פּאָשעטע אויסגעטראַכט. די שפּעטערדיקע אויסגראָבונגען האָבן אָבער באַוויזן, אַז אַ סאַך זאַכן, וואָס ווערן דערציילט אין „איליאַדע“ און „אָדיסייע“, זיינען טאַקע פֿאָרגעקומען אין דער וואָר.



א דיסק פֿון פֿעסט מיט עגייִשע געשריפֿטסן.

דער דייטשישער געלערנטער הענריך שלימאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט אַ פּרווו צו געפֿינען מאַטעריעלע דענקמעלער וועגן די געשעענישן, וואָס ווערן דערציילט אין „איליאַדע“ און „אָדיסייע“. מע דערציילט, אַז

פונ די יונגע יאָרנ אָנ האָט ער זיכ שטארק אינטערעסירט מיט אָט די פּאָעמעס אונ געגלייבט, אז דאָרט ווערט באשריבנ דאָסווירקלעכע לעבנ.

אינ 1870 יאָר האָט זיכ שלימאַנ אוועקגעלאָזנ צומ ברעגלאַנד פונ קליינ-אזיע אונ האָט אפּנ בערגל גיסאַרליק, וואָס געפינט זיכ באַ העלעספּאָנט, גענומענ מאכנ אויסגראָבונגענ. ער האָט געוואָלט אנטדעקנ די אנטיקע שטאָט טראָיע, ווו עס האָט, ווי די לעגענדע דערציילט, רעגירט דער קייסער פּריאַמ. שלימאַנ האָט געהאלטנ, אז די רעשטנ פונ דער שטאָט טראָיע געפינענ זיכ אינ די סאמע אונטערשטע שיכטנ פונ באָדנ, האָט ער דעריבער קיינ אכט ניט געלייגט אפ די מיטלסטע שיכטנ, אונ בייס די אויסגראָבונגענ האָט ער זיי צעשטערט. שלימאַנ איז דאָ באגאנגענ א פעלער, ווייל צוזאמענ מיט די מיטלסטע שיכטנ האָט ער גראָד צעשטערט די דענקמעלער פונ דער זעלבער טראָיע, וועלכע ער האָט געזוכט. שפּעטער האָט דאָס באמערקט איינער פונ זיינע געהילפנ, וועלכער האָט אנטדעקט טאקע יענע טראָיע, וואָס ווערט באשריבנ אינ „איליאַדע".

די לייבנ-טויערנ אינ מיקענ.

אָפּגעארבעט אומדערמידלעכ א סאכ יאָרנ באַ די אויסגראָבונגענ פונ טראָיע, איז שלימאַנ אוועקגעפאָרנ קיינ דאָרעמ פונעמ באלקאנישנ האלב-אינדזל. דאָרטנ האָט ער גענומענ מאכנ אויסגראָבונגענ אינ מיקענ, אינ דער שטאָט, ווו עס האָט געוווינט דער פירער פונ די גריכנ — אגאַמעמנאָנ. שוינ באַ די ערשטע שריט האָט ער געהאט א וואונדערבארנ דערפאָלג. ער האָט מיטאמאָל אנטדעקט עטלעכע קוואָרימ מיט פּראכטפולער באפּוצונג פונ די געשטאָרבענע: גאָלדענע אונ זילבערנע צירונג, גאָלדענע מאסקעס, וועלכע מע פלעגט לייגנ די מייסימ אפ די פּענעמער, אונ אויכ שיינ געווער. דערנאָכ האָט שלימאַנ געפונענ רעשטנ פונ די ווענט פונ אנ אקראָפּאָל (קרעמל), געבויט פונ מאסיווע שטיינער. אזוינע מאסיווע בינינימ פונ שטיינער האָבנ באַ די גריכנ געהייסנ ציקלאָפּישע. באַזונדערס שיינ זיינענ געווענ די טויערנ מיט צוויי שטיינערנע פיגורנ פונ לייבנ. אנטדעקט האָט שלימאַנ נאָכ איינעמ א גרויסנ קייווער-סקלעפּ, אונ האָט אימ א נאָמענ געגעבנ די שאצקאמער פונעמ קייסער אטריי (אגאמעמנאָנס פאָטער). שפּעטער האָט ער געמאכט אויסגראָבונגענ אויכ אינ א ריי אנדערע ערטער פונ גריכנלאַנד. דאָרט האָט ער אויכ אנטדעקט דענקמעלער, ענלעכע צו די, וואָס ער האָט געפונענ אינ מיקענ. די אלע דענקמעלער דערציילנ וועגנ א פריִיקער, זייער אנ אלטער קולטור, וואָס טראָגט דעמ נאָמענ מיקענער קולטור.

נאָך שלימאַנען זײַנען זייער וויכטיקע אַנטדעקונגען געמאַכט געוואָרן אויפֿן אינדזל קריט, דעריקער האָט דאָ פֿיל אויפֿגעטאָן דער ענגלישער געלערנטער עוואַנס. אין אָנהייב XX יאָרה. האָט עוואַנס אָנגעפֿירט מיט אויסגראָבונגען אויפֿן אינדזל. ביים די אויסגראָבונגען האָט מען אַנטדעקט דענקמעלער פֿון א נאָך מער פֿאַרצײַטיקער קולטור איידער די מיקענער. עס זײַנען דאָ אויסגעגראָבן געוואָרן צוויי פּאַלאַצן — אין קנאָס און אין פֿעסט.

עוואַנס. דער קנאָסער פּאַלאַץ.

אַן אויסערסט שטאַרקן אײַנדרוק מאַכן מיט זייער פֿאַרנעם די רויִנען פֿונעם קנאָסער פּאַלאַץ, וואָס באַשטייט פֿון א סאַך לאָקאַלן. אין הסכם מיט דער גריכישער לעגענדע, האָט אים עוואַנס א נאָמען געגעבן — פּאַלאַץ פֿונעם קייסער מינאָס. אין דער גריכישער מסורה איז פֿאַראַן א דערציילונג, וויאַזוי דער מעכטיקער קריטער קייסער מינאָס האָט באַפֿוילן דעם קונסט-מײַסטער דעדאַל אויסצובויען אין קנאָס א גרויסן פּאַלאַץ. אינעם פּאַלאַץ זײַנען געווען א סאַך גרויסע און קליינע זאַלן, קאָרידאָרן, אַזוי, אַז מע האָט זיך דאָרט לײַכט געקאָנט פֿאַרבלאָנדזשען. געהייסן האָט דער פּאַלאַץ לאַבירינט.

אויפֿן אינדזל קריט האָט מען געפֿונען נאָך אַנדערע געבײַדעס: וואַרשטאַטן, שפּײַכלערס, פּראַכטפֿולע קוואָרים-סקלעפּעס, קליינע פּאַלאַצן אדג. פֿון די דענקמעלער פֿון האַנטווערקערײַ און קונסט זײַנען פֿאַרהיט געוואָרן דערהויפּט שיינע ליימענע קיילים מיט קינסטלערישע געמעלן, בראָנזענע סטאַטועטקעס, געווער אדג.



די רויִנען פֿונעם קנאָסער פּאַלאַץ.



געראנגל צווישן געטער און טיטאנען.

די וועגט אינווייניק אין די לאָקאלן, די קיילים און אנדערע שטוב-כפייצים פלעגן באמאָלט ווערן מיט פארשיידענע בילדער פונעם פאָלקס-לעבן: פרויען-טענצ, פויסטן-געפעכטן צווישן מענער, קריגס-מארשן; אָפט פלעגט מען מאָלן באלעבאַים, א יאגד אף אָקסן און אויך בלומען און פארשיידענע מוסטערן („אוזאָרן").

אפן אינדזל קריט האָט מען כוץ דעם געפונענע אויך געשריפטסן; די געלערנטע קענען זיי נאָך דערוויַיל ניט איבערלייענען. דעריבער ווייסן מיר נאָך קנאפ וועגן פיל זייַטן פונעם לעבן אפן אינדזל קריט.

אונדז איז באקאנט, אז דאָס קיניגרייַך פון קריט איז געווען א שטארק קיניגרייַך און האָט געהאט באציִונגען מיט אייניקע גרויסע מיזרעך-מעלוכעס (צום בייַשפיל, מיט עגיפּעט).

די קריטער קולטור איז אין א סאך הינזיכטן ענלעך צו די דענקמעלער פון דער מיקענער קולטור; זיי ביידע האָבן עקזיסטירט אין III און II יאָרטויזנטער פאר דער נייַער ערע און זייַנען באקאנט אונטערן אלגעמיינעם נאָמען די קריט-מיקענער קולטור. אזויארום איז צו זען, אז די דאָזיקע קולטור האָט געבליט אין דער זעלבער צייַט, ווען עס האָבן עקזיסטירט עגיפּעט, באָוול און אנד. מיזרעך-מעלוכעס.

§ 30. די גריכישע רעליגיע.

דער מיט וועגן דעם אָנפאנג פון דער וועלט.

די גריכישע קולטור איז אופגעקומען אין אזא צייַט, ווען די מענטשן האָבן נאָך זייער ווייניק געוווסט וועגן די סיבעס פון די נאטור-דערשייַנונגען, וואָס קומען פאָר פאר זייערע אויגן. די גריכן זייַנען דאן געווען מאכטלאָז אינעם קאמף קעגן דער נאטור, פלעגן זיי מיינען, אז אָט די דערשייַנונגען זייַ-

נען א רעזולטאט פֿון דער ווירקונג פֿון עפּעס געטלעכע קרעפֿטן. דאָס האָט זיך געלאָזט פֿילן אויך אין דער גריכישער רעליגיע.

זייערע באַגריפֿן וועגן אופֿקום און אָנפֿאַנג פֿון דער וועלט האָבן די גריכן אויסגעדריקט אין א סאך פֿאנטאסטישע מײַסעס אָדער מיטן. די מיטן דערציילן, אז פֿון אָנהייב האָט ניט עקזיסטירט באַזונדער קיין ערד, וואסער און הימל. דאָס אַלץ האָט זיך געפֿונען אין א צושטאנד פֿון כאאָס אָדער אומאָרדענונג. דערנאָך האָבן זיך פֿונעם כאאָס אויסגעטיילט די געטן געא (ערד) און דער גאָט אוראנ (הימל). פֿון געא און אוראנ זײַנען געבוירן געוואָרן מעכטיקע טיטאנען (ריזן). אויס מורע, אז די קינדער זאָלן בא אים ניט אָפּנעמען די מאכט, האָט אוראנ פֿארשפּארט די טיטאנען אין א טיפֿן טהאָם אונטער דער ערד. אָבער איינעם פֿון זיי, קראָנאָסנ, האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַפֿרײַען די טיטאנען. מיט זייער הילף האָט קראָנאָס אָפּגענומען די מאכט באַם פֿאָטער און איז אליינ געוואָרן הערשער פֿון דער וועלט. קראָנאָסן ווידער האָט נאָך א פֿארביטערטער מילכאָמע אראָפּגעזעצט דער ייִנגסטער זון זײַנער זעווס (צעוס).

זעווס (צעוס).

זעווס און די געטער, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט, דערציילט די לעגענדע, האָבן געוווינט אפֿן בארג אָלימפּ (פֿעסאליע), דעריבער האָבן זיי בא די גריכן געהייסן — אָלימפּיער.

די גריכישע געטער.

אָפּגעהאלטנ א זיג, האָט זעווס צעטיילט צווישן זיך און זײַנע אָנהענגער די מאכט איבער דער אלוועלט. זיך זעלבסט האָט ער פּראָקלאמירט אלס גאָט פֿון דונער און בליץ. זײַן פֿרוי העראַ איז געוואָרן די הערשערן פֿון הימל. דעם ברודער זײַנעם, פּאָסײדאָנ, האָט זעווס אָפּגעגעבן דעם יאַם, און דעם צווייטן ברודער אאידנ — דאָס אונטערערדישע קיניגרײַך. אפּאָלאָנ איז געוואָרן דער גאָט פֿון ליכט און פּאָעזיע; אונטער זײַן מאכט האָבן זיך געפֿונען נײַן מוזעס, די באַשיצערנס פֿון קונסט און וויסנשאפֿט. גאָט פֿון פֿײַער און שמידן-מײַסטערשאפֿט איז געווען דער הינקענדיקער העפֿעסט. געטן פֿון שיינקײַט — אפֿראָדיטע, גאָט פֿון מילכאָמע — ארעס, געטן פֿון כאָכמע — אטענע.

ביכלאל האָט יעדעס געביט פֿון דעם מענטשנס ווירטשאפֿטלעכער טעטיקײַט געהאט זײַן גאָט דעם באַשיצער: די ערדארבעט האָט באַשיצט דעמעטרע, די ווײַנצוכט — דער גאָט פֿון ווײַן דיאָניס, דעם וועבער-פֿאך — אטענע, דעם האנדל — הערמעס, דעם יאגד — ארטעמידע.

אכוץ די דערמאָנטע געטער, וואָס צו זיי האָט געדינט גאנצ גריכנלאנד, האָט יעדע געגנט פֿון גריכנלאנד געהאט אירע אָרטיקע געטער, וואָס האָבן געוווינט

אין די וועלדער, וואַסער-קוואַלן, לאָנקעס און בערג. אָט דער גלויבן אין א סאך געטער הייסט פּאָליטעיזם (פֿילגעטערײַ).

די גריכן האָבן געגלייבט, אַז זייערע געטער לעבן אייביק און זײַנען אַל-מעכטיק. אָבער די געטער זײַנען אויך ניט געווען באַוואָרנט פֿון פֿאַרשיידענע אומגליקן, ווײַל אויך איבער זיי האָט, פּונקט ווי איבער די מענטשן, געהערשט דער אומפֿאַרמײַדלעכער שיקזאַל. די גריכן האָבן אים גערופֿן מאָירא. אין אָט דעם גלויבן אינעם שיקזאַל איז געקומען צום אויסדרוק די שרעק פֿון די גריכן פֿאַר די פֿאַר זיי אומפֿאַרשטענדלעכע נאַטור-קויכעס. די גריכן האָבן געמיינט, אַז דעם מאַזל (מאָירא) קאָן קיינער ניט אויס-מײַדן — ער געוועלטיקט איבער דעם לעבן פֿון די מענטשן און פֿון די געטער.

די גריכן האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז בײַ די געטער אויפֿן אָלימפּ פֿירט זיך פּונקט אַזוי, ווי בײַ מענטשן. די געטער פֿלעגט מען מאָלן, ווי זיי גייען אָנגעטאָן אין רײַכע קליידער, זײַנען גלענצנדיק באַוואָפֿנט און טראָגן אויף זיך אַלע צייכנס פֿון מאַכט. אין א סאך הינזיכטן זײַנען זיי ענלעך געווען צו די אַריסטאָקראַטן („בעסערע מענטשן"), וואָס האָבן געהערשט איבערן פֿאָלק. פֿאַרענדיק אַזוינע געטער, האָבן זיך די מענטשן צוגעוווינט צו פֿאַרערן אויך די רײַכע אַריסטאָקראַטן.

דער צוגעשמידטער פּראָמעטעי און אַטלאַנט.

אָט דאָס פֿאָרשטעלן זיך די געטער אין דער געשטאַלט פֿון מענטשן הייסט אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם.

די אָפּשטאַמונג פֿון מענטשן. פּראָמעטעי.

וועגן דער אָפּשטאַמונג פֿון מענטשן זײַנען בײַ די גריכן געווען פֿאַרשפּרייט פֿאַרשיידענע לעגענדעס. איינע א לעגענדע, אָדער מיף, דערציילט, אַז די מענטשן האָט באַשאַפֿן פֿון ליים און ערד דער טיטאַן פּראָמעטעי. א צווייטע לעגענדע דערציילט, אַז פּראָמעטעי האָט פֿאַרוואַנדלט די מענטשן פֿון זינלאָזע וועזנס אין פֿאַרנינפֿטיקע און געניטע. דערגרייכט האָט ער דערצו דורך דעם, וואָס ער האָט צוגעגאַנוועט בײַ זעווסן דאָס פֿײַער און אויסגעלערנט די מענטשן עס צו געברויכן.

זעווס איז שטאַרק אין כּעס געוואָרן אויף פּראָמעטייען און האָט אים האַרב באַשטראָפֿט. זעווס האָט באַפֿוילן, מע זאָל ווײַט אויף קאַווקאַז צושמידן פּראָמעטייען מיט אײַזערנע קייטן צו אַן אומצוטריטלעכן פֿעלדז, און אַלע טאָג פֿלעגט ער אָנשיקן אויף אים אַן אָדלער, וואָס פֿלעגט אים פּיקן דעם לעבער. פּראָמעטעי איז אָבער מוטיק אויסגעשטאַנען אַלע ליידן און האָט זיך ניט אונטערגעגעבן זעווסן.

דער מיף וועגן פּראָמעטייען באַווײַזט דעם אָפּשײַ פֿון די גריכן פֿאַר דער מוטיקײַט און שטאַנדהאַפֿטיקײַט פֿונעם העלד, וואָס האָט ניט מוירע געהאַט אַרויסצוטרעטן קעגן די געטער און נעמען אויף זיך די שווערסטע ליידן.

פֿאַר דעם פֿײַער, וואָס פּראָמעטעי האָט געשענקט די מענטשן, האָט זעווס

אטענע.



אפאָלאָן.

ארטעמידע.

באשטראָפט ניט נאָר פּראָמעטייען אַליין, נאָר די מענטשן אויכ. געטאָן האָט ער דאָס אזוי. ער האָט צונויפגענומען אלע צאָרעס און ליידן און פארשפּארט זיי אין א קעסטעלע. דאָס קעסטעלע איז אריינגעפאלן אין די הענט פון דער שיינער פּאנדאָרע. פאנדאָרע איז געווען באַרימט ניט נאָר מיט איר שיינקייט, נאָר אויכ מיט איר שטארקער נייגעריקייט. דערזען דאָס קעסטעלע, האָט זי באשלאָסן צו עפענען עס. ווי נאָר זי האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל, אזוי באלד זיינען פון נעם קעסטעלע ארויסגעפלויגן אלע אומגליקן און ליידן און האָבן זיכ שנעל פארשפּרייט צווישן די מענטשן.

דער מיפ וועגן די פיר טקופעס.

בא די גריכן איז געווען פארשפּרייט נאָכ איינער א מיפ וועגן דער אָפּשטאמונג פון די מענטשלעכע ליידן. צום אָנפאנג, נאָכ ביז זעווס' צייטן, ווען געקיניגט האָט קראָנאָס, האָבן אלע מענטשן געלעבט גליקלעכ. דאָס איז געווען די גאָלדענע טקופע. מיט דער צייט האָט דער שאָלעם צווישן די מענטשן גענומען צעשטערט ווערן, די מענטשן האָבן אָנגעהויבן מעקאנע זיין איינער דעם אנדערן, אָפּט פלעגן אויסבורעכן מאכלויקעסן און רייסערייען. עס איז אָנגעקומען די זילבערנע טקופע. נאָכ דער זילבערנער טקופע קומט די קופערנע טקופע. די מענטשן האָבן זיכ אויסגעלערנט צו שמידן געווער פון קופער און גענומען אויסראָטן איינע די אנדערע אין ביטערע מילכאָמעס. ענדלעכ, איז אָנגעקומען די ערגסטע טקופע — די אייזערנע, ווען קיין עמעס און גערעכטיקייט איז שוין אפ דער וועלט מער איינגאנצן ניט פארבליבן. די מענטשן האָבן גענומען נארן, רויבן און דערמאָרדן איינע די אנדערע.

אָט אזוי האָבן די גריכן נאַיִוו געפּרווט דערקלערן די שוועריקייטן און די אומגערעכטיקייטן אינעם לעבן פון די מענטשן.

§ 31. מיפן וועגן העלדן.

העראקל.

צווישן דער גרויסער צאָל לעגענדעס פון די אנטיקע גריכן טיילן זיכ באזונדערס אויס די מיפן וועגן די האלב-געטער, וואָס די גריכן האָבן זיי גערופן העלדן (העראיען). די גריכן האָבן געהאלטן, אז די העלדן פארמאָגן אן איבערמענטשלעכע פיזישע קראפט אָדער אויסערגעוויינלעכן שארפזין און סייכל. א סאכ העלדן, דערציילן די גריכישע לעגענדעס, פלעגן אָפּגעבן זייערע קויכעס און פייִקייטן צו העלפן די מענטשן. זיי פלעגן אויסראָטן שרעקלעכע באשעפענישן, ווילדע כייעס, גאזלאָנים, וואָס האָבן געשטערט די מענטשן צו פירן א נאָרמאל און רויִק לעבן. אין די דאָזיקע מיפן וועגן די העלדן ווערן אָפּגעשפּיגלט די מי און די אָנשטרענגונגען, וואָס א סאכ דורות האָבן אריינגעלייגט אינעם קאמף מיט דער ווילדער נאטור און מיט די שוועריקייטן פונעם לעבן אין יענע אלטע צייטן. די פאָלקס-פאנטאזיע האָט זיכ געמאָלט, אז אָט די אלע שוועריקייטן ווערן בייגעקומען דורכ די העלדנטאטן פון איינצלנע העראיען.

מער פאר אלץ פלעגן די גריכן דערציילן וועגן די וווּנדערלעכע העלדנטאטן פון העראקלען. די גריכישע מיפאָלאָגיע שילדערט אים אלס אן עכטן פאָלקס-העלד, א מעכטיקן האָרעפּאשניק און מארטירער. ניט געקוקט אפ אלע גרעסטע

העלדנטאטן זײַנע, האָט הערקל, לויט דעם באַפֿעל פֿון די געטער, געמוזט די־
נען פֿאַר א קנעכט בא א נישטיקן און גײַציקן קייסער.

הערקל האָט אופֿגעטאָן א סאך װוּנדערלעכע העלדנטאטן: ער האָט דער־
הארגעט א לייב, װאָס פֿלעגט ארופֿװארפֿן א פּאכעד אפֿ די מענטשן און פֿלעגט
אופֿרעסן דאָס פֿי פֿון די אײַנװוינער
פֿון דער שטאָט נעמעא (אין ארגאָ־
לידע); אין א צווייט אָרט האָט ער
דערהארגעט א שרעקלעכע נײַנקעפּיקע
הידרע, װאָס האָט געפֿרעסן מענטשן
און באלעכאיִם. אין ארקאדיע האָט
זיך הערקל צערעכנט מיט די שרעק־
לעכע פֿייגל, װאָס זייערע נעגל און
שנאָבלען זײַנען געװען פֿון קופּער. די
לעגענדע דערציי״לט אויך, אז ער
פֿלעגט גיין צום פֿעלדז, װוּ זעוס
האָט צוגעשמידט און געפּײַניקט פּראָ־
מעטייען. הערקל האָט דערהארגעט
דעם אָדלער, װאָס האָט געפֿרעסן פּראָ־
מעטײ'ס לעבער, און באַפֿרײַט פּראָמע־
טייען, אָט דעם מארטירער פֿאַר דער
מענטשהײַט.

בײַס זײַנע װאנדערונגען פֿון
קאװקאז ביז שפּאניע האָט הערקל
צעשטערט די מעכיצע צװישן דעם
מיטללענדישן יאַם און אטלאנטישן
אָקעאַן: איין טייל שטיינער האָט ער
געװאָרפֿן אין דער זײַט פֿון שפּאניע,
דעם צװייטן טייל — אין דער זײַט פֿון
אפֿריקע. אָט אזוי האָבן זיך עס געזאָלט
אויסבילדן די צװיי גרויסע פֿעלדזן,
װאָס האָבן בא די גריכן געהייסן
„הערקלס זײַלן" (בא דעם איצ־
טיקן גיבראלטארישן דורכגוס).



הערקל.

אנטיי און הערקל.

פֿון שפּאניע האָט זיך הערקל געלאָזט קיין ליביע (אפֿריקע). דאָ האָט ער זיך באגעגנט מיט דעם בארימטן און אומבאזיגבארן העלד אנטיי.

די לעגענדע דערציי״לט, אז אנטיי איז געװען א זון פֿון פּאָסײדאָן — דעם גאָט פֿון די יאַמען, און פֿון געא — דער געטין פֿון דער ערד. יעדעס מאָל, װען אנטיי פֿלעגט אין קאמף מיט א קעגנער האלטן שמאָל, פֿלעגט ער זיך צורירן צו דער ערד. פֿון דער מוטער-ערד פֿלעגט אין אים ארײַנפֿליסן נײַע קויכעס, ער פֿלעגט װערן אומבאזיגבאר און בײַקומען יעטװידן פֿרעמדלענדער, װאָס איז געקומען אין זײַן לאַנד. אנטיי האָט אָבער געהאט איין שװאכע זײַט — דאָס איז

דער געראַנגל צווישנ העראַקלעס אונ אַנטייעס.

די געפֿאַר אַפֿ עפּעס אַנ אויפֿנ אָפּגעריסנ צו ווערנ פֿונ דער מוטער-ערד. אָט די שוואַכע זײַט האָט גענומענ אינ אַכט העראַקל, ווענ ער האָט זיכ צונויפֿגע-טראָפֿנ מיט אַנטייענ. בײַס זײַנ קאַמפֿ מיטנ דאָזיקנ באַרימטנ העלד, האָט העראַקל אָפּגעריסנ אַנטייענ פֿונ דער ערד, אויפֿגעהויבנ אינ דער לופֿט אונ דערשטיקט.

אָט אַזוי האָט העראַקל אופֿגעטאָנ א סאַכ העלדנטאַטנ, ביז זעווס האָט אים סאָפֿקאָלסאָפֿ צוגענומענ צו זיכ אַפֿנ הימל. דאָרט איז ער געוואָרנ א גאָט.

טעסיי.

אינ אַטיקע האָט זיכ גערעכנט אַלס הויפּט-העלד טעסיי, דער זונ פֿונעם קייסער עגיי. זײַנע העלדנטאַטנ זײַנענ אינ פֿיל הינזיכטנ ענלעכ צו העראַקלס העלדנטאַטנ. טעסיי האָט דערהאַרגעט דעם ברוטאַלסטנ גאַזלענ אינ אַטיקע — פּראָקרוסטנ. פּראָקרוסט פֿלעגט אײַנ-לאַדנ צו זיכ דורכפֿאָרנדיקע רײַזנדער, זיי שטעלנ קיבעד אונ פֿאָרלייגנ אויסרוענ זיכ אינ זײַנ בעט. איז דאָס בעט געווענ צו קורצ, פֿלעגט פּראָקרוסט אָפּהאַקנ דעם אוירעכ די פֿיס; איז דאָס בעט געווענ צו לאַנג, פֿלעגט ער אים אויס-ציִענ די פֿיס. דאָס דאָזיקע בעט האָט מענ א נאָמענ געגעבנ „פּראָקרוסטס גע-לעגער". טעסיי האָט דערהאַרגעט פּראָקרוסטנ: ער האָט געגעבנ דעם גאַזלענ א וואַלגער אַרופֿ אַפֿ זײַנ אייגענעם געלעגער, וועלכער איז געווענ פֿאַר אים צו קורצ.

טעסייס הויפּט-העלדנטאַט באַשטייט דערינ, וואָס ער האָט באַפֿרײַט זײַנ לאַנד פֿונעם שווערנ אונ שרעקלעכנ צינז, וואָס עס פֿלעגט מוזנ שיקנ דעם קריטער קייסער — מינאָסנ. איינ מאָל אינ נײַנ יאָר פֿלעגט מענ שיקנ צו מינאָסנ זיבנ מיידלעכ אונ זיבנ יונגענ, אונ מינאָס פֿלעגט זיי אָפּגעבנ אַפֿ פֿאַרצוקונג צו מי-נאָטאַווערנ. מינאָטאַווער איז געווענ א שרעקלעכע באַשעפֿעניש מיט א גופֿ פֿונ א מענטשנ אונ מיט א קאָפּ פֿונ אַנ אָקס. געוווינט האָט ער אינעם לאַבירינט.

די שוועריקײַט פֿונ אָט דער העלדנטאַט איז באַשטאַנענ ניט אַזוי דערינ, וואָס מע האָט געדאַרפֿט דערהאַרגענענ אַזא שרעקלעכנ מאָנסטער, ווי דערינ, וואָס מע האָט דערנאָכ געדאַרפֿט געפֿינענ דעם אַרויסגאַנג פֿונ לאַבירינט. דעם קייסער מינאָסעס טאָכטער, אַריאַדנע, האָט זיכ אָבער פֿאַרליבט אינ טעסייענ אונ האָט אים געגעבנ א קנויל פֿאָדעמ. דעם פֿאָדעמ האָט טעסיי צוגעבונדנ צום אַרײַנגאַנג,

איז אַרײַן אין לאַבירינט, דערהאַרגעט מינאָטאַוורען און דערנאָך אַדאַנק דעם פּאָדעם געפונען דעם אַרויסגאַנג פונעם לאַבירינט.

ווען טעסײ איז אַוועקגעפאָרן באַגײן אָט די העלדנטאַט, האָט ער אָפּגערעדט מיטן פאָטער זײַנעם, אַז אויב אַלץ וועט זיך ענדיקן בעשאָלעם, וועט ער אויפהייבן אַף דער שיף ווײַסע זעגלען. וועט אָבער טרעפן אַן אומגליק — וועלן אַף דער שיף בלײַבן די שוואַרצע זעגלען. באַרוישט פונעם דערפאָלג, האָט טעסײ וועגן דעם פאַרגעסן און איז געשווומען אונטער שוואַרצע זעגלען. עגײ איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען באַם ברעג און אַרויסגעקוקט אַף דער שיף. דערזען די שוואַרצע זעגלען, האָט ער באַשלאָסן, אַז טעסײ איז אומגעקומען. פון פאַרצווייפלונג האָט ער זיך אַרײַנגעוואָרפן אין יאַם אַרײַן. פון דאַן אָן, דערציילט די לעגענדע, האָט דער יאַם גענומען הייסן ע ג ײ ? ש ע ר.

אין בעאָטיע און אַטיקע פלעגט מען דערציילן אַ מיפּ וועגן ע ד י פּ ן, דעם זון פונעם בעאָטישן קייסער ל ײַ א. עדיפּ.

עדיפּ איז דערצויגן געוואָרן אין דער פרעמד און האָט ניט געקענט זײַנע עלטערן. איינמאָל, ווען ער איז געפאָרן קיין פיווע, די הויפּט־שטאָט פון בעאָטיע, האָט ער אָנגעטראָפן אַף אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט אים ניט געוואָלט אָפּטרעטן דעם וועג. עדיפּ האָט זיך מיט אים גענומען קריגן, שלאָגן און דערהאַרגעט דעם אַלטן מאַן מיט זײַנע דינער. בלויז איינער פון די דינער איז געבליבן לעבן און געמאַכט פּלייטע. דער אַלטער מאַן איז געווען עדיפּס פאָטער. עדיפּ האָט אָבער ניט געוווּסט דערפון און איז זיך רויִק געגאַנגען ווײַטער זײַן וועג.

אינגיכן איז ער אָנגעקומען קיין פיווע. לעבן דער שטאָט האָט דאָ אין יענע צײַטן געוווינט אַף אַ פעלדז דער שרעקלעכער מאָנסטער ס פ י נ ק ס. ער איז געווען האַלב־לייב, האַלב־פרוי. יעדן דורכגייער פלעגט דער ספינקס שטעלן אַ רעטעניש, און ווער עס פלעגט ניט קאָנען לייזן די רעטעניש, יענעם פלעגט ער דערמאָרדן. עדיפּ האָט באַשלאָסן אויסצולייזן דאָס פאָלק פון אָט דער שרעקלעכער באַשעפעניש. עס איז געווען באַוווּסט, אַז אויב עמעצער וועט קאָנען לייזן ספינקס רעטעניש, וועט ספינקס אומקומען. אַז עדיפּ איז צוגעגאַנגען צו דער שרעקלעכער באַשעפעניש, האָט זי געפרעגט בא אים: „ווער גייט אין דער פרי אַף פיר פיס, באַטאָג אַף צוויי פיס און אין אָוונט אַף דרײַ פיס?” עדיפּ האָט געלייזט די רעטעניש, ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איז דער מענטש: ווען ער איז נאָך גאָר אַ קליין קינד, פויזעט ער; וואַקסט ער אונטער — גייט ער אַף די פיס, ווידער אַף דער עלטער גייט ער מיט אַ שטעקן. דאַן האָט זיך ספינקס אַראָפּגעוואָרפן פון זײַן פעלדז אַראָפּ און איז אומגעקומען.

די פיווער אײַנוווינער זײַנען שטאַרק דאַנקבאַר געווען עדיפּן און האָבן אים פּראָקלאַמירט אַלס קייסער אָנשטאָט לײַא, וואָס איז, ווי זיי האָבן גערעכנט, דערהאַרגעט געוואָרן דורך גאַזלאָנים. זיי האָבן אים געגעבן פאַר אַ פרוי לײַאס אַלמאָנע, יאָקאַסטע, דה. עדיפּס אייגענע מוטער.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז אין פיווע אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מאַגייפע, פון וועלכער עס זײַנען אומגעקומען אַ סאַך מענטשן. די געטער האָבן דערקלערט, דערציילט די לעגענדע, אַז צו דעם אומגליק וועט ניט קומען קיין סאָף אַזוי לאַנג, ביז די פיווער וועלן ניט פאַרטרײַבן דעם מענטשן, וואָס זײַנע הענט זײַנען באַפלעקט מיט לײַאס בלוט. דער קנעכט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט

בייס דעם אָנפאַל אף לײַאַ, האָט דערקענט עדיפן און האָט אים אויסגעזאָגט דעם סאָד, אַז דאָס האָט ער, עדיפ, דערהאַרגעט לײַאַן אונטערוועגס קיין פיווע. פון פאַרצווייפלונג האָט זיך עדיפ אויסגעשטאָכן די אויגן און איז אוועק אין דער וועלט אַרײַן.

§ 32. דער מיפ וועגן די אַרגאָנאַווטן.

דער קריגס=מאַרש פון די אַרגאָנאַווטן. דער ציל פונעם קריגס=מאַרש.

אין די גריכישע מיפן פלעגן אויך אָפגעשפיגלט ווערן די מילכאָמעס פון די גריכן און זייערע יאַם־רײַזעס אין די ווײַטע לענדער. אזוי, צום בײַשפיל, דער־ציילט איינע א פאָעמע וועגן א יאַם־רײַזע פון גריכישע העלדן אף דער שיפ „אַרגאָ". דערפון שטאַמט דער נאָמען פון די העלדן — אַרגאָנאַווטן (וואָס באַטײַט אין גריכיש — די שווימענדיקע אף דער „אַרגאָ"). אָנפירער פונעם קריגס־מאַרש איז געווען דער פעסאַליער העלד יאַסאָן, וועלכן דער קייסער פעליי האָט באַאופטראָגט צו ברענגען די גאָלדענע פעל פונעם צויבער־שעפס, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ווײַטער קאָלכידע (קאַווקאַז). קעדיי צו קריגן די פעל, האָט יאַסאָן געמוזט דורכמאַכן א ווײַטן און געפאַרפולן וועג צו די מיזרעכ־ברעגן פונעם שוואַרצן יאַם.

דער קייסער פיניי.

איינע פון די ערשטע העלדנטאַטן האָבן די אַרגאָנאַווטן אופגעטאָן, ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום האַלבאינדזל, ווו עס האָט געוווינט דער קייסער פיניי. זעווס איז אמאָל שטאַרק בייז געוואָרן אף פינייען, האָט אים דערפאַר בלינד געמאַכט און אָנגעשיקט אף אים רויב־פייגל — האַרפיעס. די הויט און די נעגל בא די האַרפיעס זײַנען געווען פון אײַזן. זיי פלעגן צוכאַפן דאָס שפײַז, וואָס מע פלעגט צוגרייטן פאַר דעם בלינדן פיניי, און אוועקפליִען. פינייס דינער פלעגן האַקן די האַרפיעס מיט שווערדן, זיי האָבן אָבער מיט זיי גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכן. דעם קייסער פיניי האָט געדראָעט א הונגער־טויט. זײַנען פונקט אָנגעקומען די אַרגאָנאַווטן. זיי האָבן פאַרטריבן די האַרפיעס, באַפרײַט דעם בלינדן פיניי און געראַטעוועט אים פון הונגער.

די שווימענדיקע פעלדזן.

ווײַטער איז מיט די אַרגאָנאַווטן געשען נאָך א ריי פאַסירונגען. אזוי, לעמאָשל, האָבן זיי געדאַרפט דורכפאָרן צווישן צוויי ריזיקע פעלדזן. אָט די פעלדזן זײַנען געשווומען איבערן יאַם ניט ווײַט איינער פון דעם אַנדערן, און ווי נאָר עס פלעגט זיך צווישן זיי באַווײַזן עפעס א קעגנשטאַנד, פלעגן זיי זיך צונויפגיין.

די אַרגאָנאַווטן האָבן אָפגעטאָן אזא שפיצל: צוגעפאָרן צו די פעלדזן, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט א טויב, וועלכע איז שנעל דורכגעפלויגן צווישן זיי. די פעלדזן האָבן זיך דערנעענטערט, פאַרכאַפט האָבן זיי אָבער בלויז דעם עק פון דער טויב. ווי נאָר זיי זײַנען זיך ווידער פאַנאַנדערגעגאַנגען, זײַנען די אַרגאָנאַווטן שנעל דורכגעפאָרן צווישן זיי. די פעלדזן האָבן בלויז באַוויזן אָפצוברעכן א שטיקל הינטערטייל פון דער שיף.

די גאָלדענע שעפסן=פעל.

נאָך א סאַך פאַסירונגען זײַנען די אַרגאָנאַווטן סאָף־קאָלסאָף אָנגעקומען קיין קאָלכידע. קריגן די גאָלדענע פעל איז אָבער געווען זייער שווער. זי האָט זיך געפונען אין א וועלדל און איז געהאָנגען דאָרט אף א בוים, וועלכן עס האָט באַ־

וואַכט א שרעקלעכער דראַקאָן (אזא שלאַנג). דעם אָנפירער פון די אַרגאָנאַווטן יאַסאָנען איז אָבער געקומען צו הילף די קישעפמאַכערן מעדעא, די טאָכטער פונעם קאָלכידער קייסער. זי האָט אָפּגעבאַקן לאַטקעס אָפּ איינצושלעפערן דעם דראַקאָן, איז אַוועק אין וועלדל און געגעבן זיי אים עסן. דער דראַקאָן האָט זיך צוגעכאַפּט צו די לאַטקעס, אויפגעגעסן און איינגעשלאָפן. דאַן האָט יאַסאָן אַראָפּגענומען די גאָלדענע שעפּסן־פעל און צוריקגעקערט זיך אַפּ דער שיף. ער איז אָפּגעפאָרן צוריק אין זיין לאַנד. צוזאַמען מיט אים איז אויך געפאָרן מעדעא, וועלכע האָט זיך אין אים פאַרליבט. צוריקוועגס זיינען מיט זיי געשען נייע פּאַסירונגען.

אָרפּיי. וועגן דעם זינגער אָ ר פּ י י, לעמאָשל, וואָס האָט זיך געפונען אַפּ דער שיף און האָט מיט זיין מוזיק גערא־טעוועט די אַרגאָנאַווטן פון די שרעקלעכע יאַם־באַשעפעניש, ווערט דערציילט אַזוי. אָרפּיי האָט געשפּילט און געזונגען אַזוי שיין, אַז צו זיין זינגען פלעגן זיך מיט דער גרעסטער אַנציקונג צוהערן ניט נאָר מענטשן, נאָר אפילו חייעס, וועלדער און בערג. איינמאָל זיינען די אַרגאָנאַווטן דורכגעפאָרן פאַרביי יאַם־נימפעס — ס י ר ע נ ע ס מיט קלינגענדיקע שטימען. אָרפּיי האָט גענומען שפּילן און האָט זיי באַצויבערט מיט זיין שפּיל. די סירענעס האָבן פאַרגעסן אָן אַלץ און דורכגעלאָזט די אַרגאָנאַווטן.

אין די פאַנטאַסטישע געשעענישן פון אָט דעם מיט ליגן פאַרבאָרגן די פּאַר־ציייטיקע דערינערונגען פון די גריכן וועגן זייערע פרייִקע וייטע רייזעס נאָך מעטאַל, און באַזונדערס נאָך קופּער און גאָלד. מיט דער גאָלדענער שעפּסן־פעל מיינט מען דאָס גאָלד, וואָס פלעגט אין אַלטערטום באַקומען ווערן אין קאָל־כידע.

§ 33. דער אַלטגריכישער עפּאָס. „איליאַדע".

האָמערס פּאָעמעס. די סאַמע באַרימטע גריכישע לעגענדעס ווערן גע־בראַכט אין די פּאָעמעס „איליאַדע" און „אָדיסייע". די מעסוירע זאָגט, אַז אַווטאָר פון אָט די פּאָעמעס איז געווען דער בלינדער זינגער פון קליין־אַזיע — ה אָ מ ע ר.

זיבן גריכישע שטעט האָבן געפירט צווישן זיך א שטרייט פאַר דעם קאָוועד צו פאַררעכנט ווערן פאַר האָמערס געבורטסשטאָט, אָבער קיין איינע פון די שטעט האָט ניט געקאָנט דערווייזן, אַז האָמער איז געבוירן געוואָרן גראָד דאָרט. די „איליאַדע" דערציילט וועגן די געשעענישן פונעם לעצטן, צענטן, יאָר פון דער טראָיאַנער מילכאָמע. וועגן די געשעענישן ביז אָט דעם יאָר, וועגן אַכילס טויט און וועגן דעם סאָף פון דער מילכאָמע דערציילן אַנדערע גריכישע מיטן.

דער שטרייט־עפּל. די גריכן האָבן געהאַלטן, אַז אַלע גרויסע געשעע־נישן אַפּ דער וועלט קומען פאָר לויט דעם ווילן פון די געטער. וועגן דער טראָיאַנער מילכאָמע דערציילן זיי אויך, אַז אַרויסגערופן זי האָבן די געטער אַליין, וואָס האָבן זיך אפילו באַטייליקט אין דער מילכאָמע: איינע געטער האָבן געהאָלפן די גריכן, די אַנדערע — די טראָיאַנער. וועגן דעם, וויאַזוי די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, פלעגן זיי דערציילן אַזאַ מייסע.

דער פּעסאַלישער קייסער פּ ע ל יי האָט געפראַוועט א מאָלצייט לעקאָוועד זיין כאַסענע מיט דער יאַם־געטין פּ ע ט י ד ע. אַפּן מאָלצייט זיינען איינגעלאַדן געוואָרן

2694—7

אַלע געטנס, אַכוץ דער געטן פֿון מאַכלויקעס — ע ר י ד ע. ערידע איז שטאַרק דערצאָרנט געוואָרן און האָט באַשלאָסן צו פֿאַרפֿירן אַ מאַכלויקעס צווישן די אָנטיילנעמער פֿונעם מאָלצײַט. ווען די געטער און די געטנס האָבן זיך אויסגעזעצט באַם טיש, האָט זי אַ וואָרף געטאָן צווישן זיי אַן עפּל מיט אַן אויפֿשריפֿט: „צו יענער, וואָס איז שענער".

צווישן די געטנס האָט זיך טייקעף צעפֿלאַקערט אַ שטרײַט וועגן דעם, ווער עס קומט דער עפּל. באַזונדערס האָבן צווישן זיך געשטריטן דרײַ געטנס: הערע — זעווס' ווײַב, אַטענע — די געטין פֿון כאָכמע, און אַפֿראָדיטע — די געטין פֿון שיינקײַט. זיי האָבן זיך געווענדט צו זעווסן, ער זאָל לייזן זייער שטרײַט. זעווס אָבער האָט ניט געוואָלט זײַן זייער ריכטער און האָט זיי אָפּגעשיקט צו פּ אַ ר י ס נ, דעם זון פֿונעם טראָיאַנישן קייסער פּ ר י אַ ם. געקומען צו פּאַריסן, האָט זיך יעדע געטין געסטאַרעט איבערצײַען אים אָפּ איר זײַט: הערע האָט אים צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זאָגן, אַז זי איז די שענסטע, וועט זי אים מאַכן פֿאַרן הערשער איבער דער גאַנצער וועלט; אַטענע האָט אים פֿאַרשפּראָכן צו מאַכן פֿאַר אַ גרויסן העלד און כאָכעם; אַפֿראָדיטע האָט אים צוגעזאָגט צו געבן אים פֿאַר אַ ווײַב די שענסטע פֿרוי אין דער וועלט. דעם יונגן פּאַריסן איז מער ווי אַלץ געפֿעלן געוואָרן אַפֿראָדיטעס צוזאָג, און ער האָט איר צוגעמישפּעט דעם עפּל. פֿון דאַן אָן האָבן אַטענע און הערע שטאַרק פֿײַנט געקראָגן פּאַריסן און מיט אים אײַנעם אויך דאָס גאַנצע טראָיאַנישע פֿאָלק. אַפֿראָדיטע ווידער האָט געהאַלטן וואָרט און געהאָלפֿן פּאַריסן צוצוגאַנווענען די שיינע ה ע ל ע נ ע, די פֿרוי פֿונעם ספּאַרטאַנישן קייסער מ ע נ ע ל ײַ.



האָמער.

דער אָנהייב פֿון דער טראָיאַנישער מילכאָמע.

מענעלײַ האָט באַשלאָסן צוריק אָפּצונעמען העלענען און נעקאָמע נעמען פֿאַר דער אוולע. אָפּ זײַן זײַטן זײַנען געווען אַלע גריכישע קייסאָרים; זיי האָבן באַשלאָסן דערקלערן מילכאָמע די טראָיאַנער. אויבער־קאָמאַנדיר פֿונעם גאַנצן מיליטער איז געוואָרן מענעלײַס ברודער, דער קייסער פֿון מיקען אַ ג אַ מ ע מ נ אָ נ. צען יאָר האָט זיך געצויגן די מילכאָמע; עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט אַ סאַך העלדן — גריכישע און טראָיאַנישע. די סאַמע באַוווסטע העלדן זײַנען געווען: בײַ די גריכן — פּעלייס זון אַ כ י ל, בײַ די טראָיאַנער — פּריאַמס זון ה ע ק ט אָ ר.

דער שטרײַט צווישן אַכילן און אַגאַמעמנאָנען.

אין אָנהייב פֿון דער מילכאָמע, ווען אַכיל האָט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן, האָבן די גריכן אָנגעגריפֿן אָפּ די טראָיאַנער, די טראָיאַנער ווידער האָבן זיך ניט דערוועגט אַרויסצוגיין הינטער די ווענט פֿון זייער שטאָט. ווען אַגאַמעמנאָן האָט אָבער באַאוולט אַכילן און אָפּגענומען בײַ אים איינע אַ

געפאנגענע פרוי, האָט זיכ אכיל אָפּגעזאָגט צו באטייליקנ זיכ ווײַטער אינ דער מילכאָמע. די טראָיאנער זײַנען געוואָרנ דרייסטער און גענומענ אָפּהאלטנ זיגנ איבער די גריכנ. זיי זײַנען שוינ צוגעקומענ הארט צו די גריכישע שיפנ און געדראָעט צו פארברענענ זיי, נאָר אכיל איז, ניט געקוקט דערויפ, וואָס מע האָט אים זייער שטארק געבעטנ, נאָכ אלץ געווענ דערצאָרנט אפ אגאמעמנאָנען און ניט געוואָלט אים העלפנ.

דאָ אָבער איז די גריכנ געקומענ צו הילפ אכילס נאָענטסטער פרײַנט פּאטראָקל. ער האָט אײַנגערעדט אכילנ, יענער זאָל אים געבנ זײַנ קלייזײַען און זאָל אים דערלויבנ צו העלפנ די גריכנ. פּאטראָקל האָט אָנגעטאָנ אפ זיכ אכילס קלייזײַענ און אוועקגעפירט נאָכ זיכ די גריכנ. דערזענ אפ פּאטראָקלען אכילס קלייזײַענ, האָבנ די טראָיאנער לעבאטכילע געמיינט, אז דאָס איז אכיל, און האָבנ גענומענ לויפנ. א סאכ פײַנט האָט דעמלט אויסגעהארגעט פּאטראָקל, אָבער הארט בא די טויערנ פונ טראָיע איז קעגנ פּאטראָקלען ארויסגעטראָטנ העקטאָר און האָט אים דערהארגעט. פארכאפּנ פּאטראָקלס טויטנ קערפּער איז אים ניט געלונגענ, אכילס קלייזײַענ אָבער האָט ער אראָפּגענומענ פונ פּאטראָקלען און אָנגעטאָנ אפ זיכ.

אכיל ווערט שאָלעם מיט די גריכנ.

ווענ די יעדיִע וועגנ פּאטראָקלס טויט איז דערגאנגענ צו אכילנ, האָט אים שטארק פארדראָסנ, וואָס ער האָט זיכ צעקריגט מיט די גריכנ, און ער האָט באשלאָסנ צו ווערנ מיט זיי שאָלעם, קעדיי ווידער מילכאָמע האלטנ קעגנ די טראָיאנער. אכיל האָט געוואָלט נויקעם זײַנ זיכ אָנ זיי, און באזונדערס אָנ העקטאָרנ, פאר דעם טויט פונ זײַנ פרײַנט. אכיל האָט אָבער ניט געקאָנט טייקעפּ צוטרעטנ צו דער שלאכט, ווײַל ער האָט ניט געהאט קיינ קלייזײַען. דאָ איז אים געקומענ צו הילפ זײַנ מוטער, די געטנ פּעטידע. זי איז אוועק צו העפעסטנ, דעם גאָט פונ שמידערײַ-קונסט און פונ פײַער, האָט ער דערפילט איר ביטע און אויסגעשמידט פאר אכילנ אזא פײַנ קלייזײַען, וואָס קיינ איינ העלד האָט נאָכ אזוינס ניט פארמאָגט.

די שלאכט צווישנ אכילנ און העקטאָרנ.

אָנגעטאָנ זײַנ נײַ קלייזײַען, איז אכיל טייקעפּ אוועק אפנ שלאכט-פעלד. ער האָט זיכ געשלאָגנ ווי א לייב. ער האָט אויסגעהארגעט א סאכ טראָיאנער, די איבעריקע זײַנען זיכ צעלאָפנ. בלויז העקטאָר האָט ניט געוואָלט אנטלויפנ ווי א פּאכדנ און איז געבליבנ ווארטנ אפ אכילנ, וואָס האָט זיכ צו אים דערנעענטערט. העקטאָרס פּאָטער און מוטער, וועלכע זײַנען געשטאנענ אפ דער שטאָט-וואנט, האָבנ זיכ געבעטנ בא אים, ער זאָל ארײַנגיינ אינ שטאָט ארײַנ און ניט שלאָגנ זיכ מיט אכילנ. העקטאָר האָט זיכ אָבער פעסט געהאלטנ בא זײַנס. עמעס, ווענ דער שרעקלעכער אכיל האָט, בלאנקענדיק מיטנ קלייזײַען, זיכ הארט דערנעענטערט צו אים, האָט העקטאָר א ציטער געטאָנ. ער איז אָבער בײַגעקומענ די שרעק און פּאָנעם צו פּאָנעם באגעגנט זיכ מיט אכילנ.

העקטאָר האָט זיכ מוטיק געשלאָגנ מיט אכילנ, זײַנ שפּיז האָט אָבער ניט געקאָנט דורכשטעכנ דאָס קלייזײַען, וואָס העפעסט האָט אויסגעשמידט. לאנג האָט זיכ געצויגנ די שלאכט, ביז אכיל האָט דערהארגעט העקטאָרנ. פארנ טויט האָט העקטאָר געבעטנ אכילנ, ער זאָל ניט שענדנ זײַנ טויטנ קערפּער. אכיל איז אָבער

געווען אומדערבארעמדיק. דערהארגעט דעם סוינע, האָט ער צוגעבונדן דעם טויטן קערפּער צו זײַן רײַטוואָגן און אוועקגעשלעפּט אים צו זיך אין לאגער ארײַן. העקטאָרס פאָטער און מוטער און די טראָיאנער האָבן דאָס צוגעזען פון די שטאָט-ווענט, זיי האָבן אים אָבער ניט געקאָנט העלפן און האָבן ביטער געוויינט.

אכילס טויט.

נאָך העקטאָרס טויט האָט אָבער אכיל אויך לאנג ניט געלעבט. העקטאָרס ברודער, פּאריס, האָט דערהארגעט אכילן — ער האָט אים געטראָפן מיט א פײַל אין דעם איינציקן פארוווּנדבארן אָרט — אין פּיאטע. דערהארגענען אכילן איז געווען זייער שווער, ווײַל ווען ער איז נאָך געווען א קליין קינד, האָט אים די מוטער זײַנע אויסגעבאָדן אינעם וואסער פונעם אונטערערדישן קיניגרײַך. אָט דאָס וואסער האָט, לויט די גריכישע אָבערגלויבנס, געהאט אין זיך אזא קראפט, וואָס פלעגט מאכן דעם מענטשנס קערפּער פאר אומפארוווּנדבאר. בייסן באָדן האָט אָבער די מוטער צוגעהאלטן אכילן פאר דער פּיאטע, איז אָט דאָס אָרט אזויארום ניט באוואשן געוואָרן פונעם קישעף-וואסער און איז געבליבן פארוווּנדבאר (פונדאנען שטאמט דאָס וואָרט „אכילעסעס פּיאטע", וואָס באטײַט „פארוווּנדבאר אָרט").

דער אונטערגאנג פון טראָיע.

נאָך העקטאָרס טויט האָבן זיך די טראָיאנער מער ניט אנטשלאָסן מילכאָמע צו האלטן מיט די גריכן אין אָפענעם פעלד און האָבן זיך פארשפּארט אין שטאָט. אויך די גריכן אָבער האָבן אָן אכילן ניט געקאָנט אײַננעמען טראָיע. דאן האָבן זיי באשלאָסן אָנצוווענדן ניט קיין קראפט, נאָר א כיטרע גאנג. לויט אָדיסייס אייצע האָבן זיי אויסגעבויט א ריזיק הילצערן פערד און אינווייניק האָבן זיך ארײַנגעזעצט די מוטיקסטע גריכישע העלדן. קעדיי אָפּצונארן די טראָיאנער, האָט דאָס איבעריקע מיליטער ארופגעזעצט זיך אף די שיפן און אָפּגעשווומען צום נאָענטסטן אינדזל. דערזען, אז די גריכן זײַנען אוועקגעפאָרן, האָבן די טראָיאנער באשלאָסן, אז די באלאגערונג האָט זיך געענדיקט, און האָבן ארײַנגעפירט דאָס פערד אין שטאָט ארײַן. באנאכט, ווען גאנץ טראָיע איז געשלאָפן, זײַנען די העלדן ארויסגעגאנגען פונעם פערד און אופגעעפנט די טויערן פאר די איבעריקע גריכן, וואָס האָבן זיך שוין געהאט צוריקגעקערט פונעם אינדזל. זיי האָבן אונטערגעצונדן די שטאָט פון אלע זײַטן און אויסגעהארגעט קימאט אלע טראָיאנער.

אָט אזוי איז אפן צענטן יאָר פון דער מילכאָמע סאָפּקאָלסאָפּ געפאלן די גרויסע טראָיע.

§ 34. „אָדיסייע".

צוריקוועגס פון טראָיע האָבן די גריכישע העלדן לאנג געוואנדערט און געהאט אויסצושטיין א סאך אומגליקן און געפארן. מער פון אלע האָט געוואנדערט דער קייסער פון איטאקע (אן אינדזל אין יאָנישן יאם) אָדיסיי — ער האָט געוואנדערט גאנצע צען יאָר. די דערציילונג וועגן אָדיסייס פּאסירונגען — אָט דאָס איז טאקע דער אינהאלט פון דער פּאָעמע „אָדיסייע".

לאָמיר זיך באקענען מיט א טייל פון אָט די פּאסירונגען.

אָדיסײ בא פּאָליפעמען.

איינמאָל האָט דער שטורמישער יאַם צוגעשלאָגן אָדיסייען מיט זײַנע באַגלייטער צו דעם אינדזל פֿון די ציקלאָפּן — אַזוינע ריזן, וואָס האָבן בלויז איין אויג אין קאָפּ. אָדיסײ מיט אַ טייל פֿון זײַנע באַגלייטער האָט אָנגעטראָפֿן אין דעם הייל, ווו עס האָט געוווינט דער שרעקלעכסטער ציקלאָפּ — פּ אָ ל י פ ע ם.

אַז פּאָליפעם איז געקומען אַהיים, האָט ער זיי געטראָפֿן אין זײַן הייל. ער האָט טייקעף גענומען אַ ריזיקן שטיין, פֿאַרשפּאַרט דעם אַרײַנגאַנג פֿון אינעווייניק און אויפֿגעפרעסן צוויי פֿון אָדיסייס באַגלייטער. נאָכדעם איז ער אַנשלאָפֿן געוואָרן. אָדיסײ וואָלט אים געקאָנט דערהאַרגענען אַ שלאָפֿנדיקן, נאָר דאַן וואָלט ער ניט געהאַט, ווער עס זאָל אים מיט זײַנע באַגלייטער עפֿענען דעם אַרויסגאַנג. אַליין אָפּרוקן דעם ריזיקן שטיין זײַנען זיי ניט געווען אימשטאַנד, און אַזוי־אַרום וואָלטן זיי דאָ אַלע געמוזט אויסגיין פֿון הונגער.

דער שאַרפֿזיניקער אָדיסײ האָט צוגעטראַכט אַן אַנדער זאַך. אַז מאָרגן האָט ער אָנגעפּויעט דעם ציקלאָפּ מיט ווײַן. ווען פּאָליפעם איז אַ שיקערער אַנשלאָפֿן געוואָרן, האָט אָדיסײ גענומען אַ ברענענדיקן פֿלאָקן און אויסגעברענט אים דאָס אײנציקע אויג. דער ציקלאָפּ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שרעקלעכן גרימצאָרן און געשוואָרן, אַז קיינער וועט פֿון דער הייל ניט אַרויסגיין קיין לעבעדיקער.

אינדערפֿרי, ווען פּאָליפעם האָט אַרויסגעלאָזט פֿון דער הייל די שעפּסן זײַנע, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער טיר און מיט די הענט דורכגעטאַפּט יעטווידן אַרויסגייענדיקן שעפּס. אָדיסײ האָט אים אָבער איבערגעשפּיצט. ער האָט צונויפֿגעבונדן די שעפּסן צו דרײַ באַנאַנד און אונטערן בויך פֿון יעטווידן מיטלסטן שעפּס צוגעבונדן איינעם פֿון זײַנע באַגלייטער. אַליין האָט ער באַדעקט זײַנע הענט מיט וואָל און אײַנגעקלאַמערט זיך פֿון אונטן אָן איינעם פֿון די שעפּסן. אַזוי־אַרום זײַנען זיי ניצל געוואָרן פֿונעם שרעקלעכן מענטשנפֿרעסער.

בײַ דעם גאָט פֿון די ווינטן עאָל.

ווען אָדיסײ איז אָנגעקומען צום אינדזל, וואָס האָט געהערט צום גאָט פֿון די ווינטן ע אָ ל, האָט מען אים זייער פֿײַן אויפֿגענומען. בײַם געזעגענען זיך האָט עאָל געגעבן אָדיסייען אַ זאַק, אין וועלכן עס זײַנען געווען פֿאַרבונדן אַלע שטורמישע, בייזע ווינטן. בײַס אָדיסײ איז אַוועקגעשוווּמען פֿון עאָלן, איז דער יאַם געווען פֿולשטענדיק רויִק. פּאַסירט האָט אָבער אַזוי, אַז ווען אָדיסײ האָט זיך דערנעענטערט צו זײַן היימלאַנד — איטאַקע — איז ער אַנשלאָפֿן געוואָרן, און די באַגלייטער זײַנע, וואָס האָבן געמיינט, אַז אין דעם זאַק געפֿינען זיך אוצרות, האָבן אויפֿגעבונדן דעם זאַק. די באַפֿרײַטע ווינטן האָבן זיך מיט אַ פֿײַפֿערײַ אַרויסגעריסן פֿון זאַק און געבראַכט צו טרײַבן אָדיסייס שיף ווידער צו עאָלס אינדזל. דאָס מאָל אָבער האָט עאָל ניט געוואָלט אים העלפֿן, און אָדיסײ האָט געמוזט שווימען ווײַטער מיטן שטורמישן יאַם.

די סירענעס.

די פֿאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע פּאַסירונג אָדיסייס איז געווען — זײַן באַגעגעניש מיט די ס י ר ע נ ע ס. די סירענעס זײַנען געווען האַלב־פֿרויען, האַלב־פֿייגל. זייער געזאַנג איז געווען אַזוי רייצנד שיין, אַז יעדער איינער, וואָס פֿלעגט דורכפֿאָרן פֿאַרבײַ דעם אינדזל, ווו זיי האָבן געוווינט, פֿלעגט טייקעף אַראָפּגיין אַהין און פֿון דאָרטן שוין ניט צוריקקערן זיך. קעדיי ניט באַצויבערט ווערן פֿון די סירענעס, האָט אָדיסײ, ווען



אָדיסיי און די סירענעס.

ער האָט זיכ דערנענטערט צו זייער אינדזל, פארשטאָפּט אלע זײַנע באגלייטער די אויערנ מיט וואקס. זיכ זעלבסט האָט ער באפוילנ צוצובינדנ צום מאסטבוים. ווענ אָדיסיי האָט דערהערט די שטימ פונ די סירענעס, האָט ער זיכ גענומענ רײַסנ צום ברעג, אָבער די באגלייטער האָבנ אימ נאָכ שטארקער צוגעבונדנ. אָט אזוי האָט אָדיסיי באוויזנ א קונצ אי צו הערנ די שטימ פונ די סירענעס אי בלײַבנ לעבנ.

צווישן סצילע און כאריבדע.

אינ איינעמ אנ אָרט האָט אָדיסיי געדארפט דורכ-פאָרנ צווישנ צוויי שרעקלעכע מאָנסטערס: סצילע אונ כאריבדע. סצילע פלעגט ארויסכאפּנ פונ די פארבײַ-שווימענדיקע שיפנ די בעסטע יאמ-פאָרער. פונ כאריבדענ האָט זיכ קיינער ניט געקאָנט ראטעווענ, ווײַל זי פלעגט געווײַנלעכ אײַנשלינגענ די גאנצע שיפ מיט אלע רײַזנדער. אזוי ווי אויסמײַדנ אָט די שרעקלעכע באשעפענישנ האָט מענ בעשומויפנ ניט געקאָנט, האָט אָדיסיי אויסגעקליבנ דאָס קלענערע בייז — סצילען. עמעס, זי האָט אפילע אופגעפרעסנ זעקס מענטשנ פונ זײַנע באגלייטער, דערפאר אָבער זײַנענ די איבעריקע געבליבנ לעבנ. כאריבדע ווידער וואָלט אומגעבראכט אלעמענ.

בא די פעאקיער.

איינמאָל האָט א שטורעמווינט צעבראָכנ אָדיסייס שיפ, אונ ער איז געבליבנ אָנ זײַנע באגלייטער. נאָכ לאנגע פאסירונגענ האָט אָדיסיי אויסגעבויט א פליט אונ געלאָזט זיכ שווימענ ווײַטער. פאָסיידאָנ אָבער, וואָס האָט אימ פארפאָלגט דערפאר, וואָס ער האָט בלינד געמאכט דעמ ציקלאָפּ פאָליפעמ (פאָליפעמ איז געווענ פאָסיידאָנס א זונ), האָט צעבראָכנ אָדיסייס פליט. צו הילפ אָדיסייען איז געקומענ איינע פונ די

יאם-געטנס, און אים איז געלונגען צוצושווימען צו אן אומבאקאנטן אינדזל און געראטעוועט ווערן. אפ אָט דעם אינדזל האָט געוווינט א לעגענדאר פאָלק פעא-קיער — געניטע יאם-פאָרער. דער קייסער פון דעם פאָלק אלקינאָי האָט פריינט-לעך אופגענומען אָדיסייען, געשענקט אים רייכע מאטאָנעס און אויסגעשטאט אים א שיף אפ אומצוקערן זיך אהיים.

באַ אָדיסייען אין דער היים.

אין דער צייט, ווען אָדיסיי האָט מילכאָמע געהאלטן אונטער טראָיע און ארומגעוואנדערט, האָבן זיך צו זיין פרוי פענעלאָפּע געשאדכנט א סאך כאסאנים. זיי האָבן געמיינט, אז אָדיסיי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקערן. פענעלאָפּע ווידער האָט געגלייבט, אז איר מאן וועט נאָך קומען, דערפאר האָט זי אלע כאסאנים געענטפערט מיט אן אָפּזאָג.

אָדיסייס זון טעלעמאך, וואָס ביים אָדיסייס אָפּפאָרן פון איטאקע איז ער נאָך געווען א קליין קינד, איז אויסגעוואקסן און געוואָרן א קרעפטיקער, בליִענדיקער באָכער. מיט טרויער און צאָרן האָט טעלעמאך צוגעזען, ווי די כא-סאנים ווילדעווען און הוליען אין זיין פאָטערס הויז. ער איז אָבער געווען איי-נער, און זיי א סאך, האָט ער גאָרנישט געקאָנט מאכן. איינמאָל האָט ער זיך געהאט אוועקגעלאָזט זוכן דעם פאָטער, ער האָט זיך אָבער גאָרנישט ניט דער-ווּסט און איז געקומען צוריק.

אָדיסיי אין געשטאלט פון א בעטלער.

אָדיסיי האָט געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר באַ אים אין הויז. האָט ער באשלאָסן צו פארשטעלן זיך פאר אן אָרעמען וואנדערער און אין אזא אויסזען קומען אהיים. גראָד אין דער צייט האָבן די כאסאנים געפראוועט באַ אים אין שטוב א מאָלצייט. זיי האָבן גענומען שטארק כויזעקן פון דעם מענטשן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען פאר א בעטלער. אפ מאָרגן נאָך אָדיסייס קומען האָט מען געפראוועט יאָנטעוו לעקאָוועד דעם גאָט אפאָלאָן. פענעלאָפּע האָט פאָרגעלייגט די כאסאנים אזא אויספרווו: זי האָט געבראכט צו טראָגן אָדיסייס פייל-און-בויגן און געזאָגט, אז ווער פון די כאסאנים עס וועט קענען אָנציִען דאָס שנירל פונעם פייל-און-בויגן און דורכשיסן מיט דער פייל 12 רינגען, דעם נעמט זי פאר א מאן. איי-נער נאָכן אנדערן האָבן די כאסאנים געפרווט אָנציִען דעם פייל-און-בויגן, דאָס האָט זיך אָבער קיינעם ניט איינגעגעבן.

אָדיסיי דערהארגעט די כאסאנים.

אָדיסיי, וואָס איז נאָך אלץ געווען פארשטעלט פאר א בעטלער, האָט געבעטן, מע זאָל אים אויך לאָזן אויס-פרווון זיינע קויכעס. די כאסאנים האָבן אים אָפּגעזאָגט. טעלעמאך אָבער, וואָס אָדיסיי האָט אים געהאט דערציילט, ווער ער איז, האָט אים געגעבן דעם פייל-און-בויגן, און אָדיסיי האָט אָן מי דורכגעשאָסן אלע 12 רינגען. דאן האָט אָדיסיי, געשטיצט פון טעלעמאכן און פון צוויי קנעכט, באלד אויסגעשאָכטן אלע כאסאנים. דערנאָך האָט ער זיך אנטפּלעקט פאר פענעלאָפּען. פענעלאָפּע האָט ניט געקאָנט גלייבן, אז אָט דער אלטער מאן, וואָס איז אָנגע-טאָן אין שמאטעס, אָט דער בעטלער — איז איר מאן. סאָפקאָלסאָף אָבער האָט אים פענעלאָפּע דערקענט. אטענע, אָדיסייס באשיצערן האָט אים צוריקגעקערט זיין פריערדיקן, יונגן אויסזען.

די יעדיע, אז עס האָט זיך צוריקגעקערט אָדיסיי און עס זיינען אומגעקומען



פּענעלאָפּע באַם וועבשטול. זי וואַרט אויף אָדיסייען.

די כאַסאַנים, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ איטאַקע. די קרויווים פון די דערהאַרגעטע האָבן גענומען זיך שלאָגן מיט אָדיסייען און זײַנע אָנהענגער. מיט אַטענעס הילף האָט א זיג אָפּגעהאַלטן אָדיסיי. אײַנגיכן האָט אַטענע שאָלעם געמאַכט צווישן אים מיט די איטאַקער, און זיי האָבן אים ווידער אָנערקענט אַלס זייער קייסער.

א פאַרגלײַך צווישן „אָדיסייע" און „איליאַדע".

פּונקט ווי „איליאַדע" באַשטייט „אָדיסייע" פון 24 לידער. צווישן די ביידע פּאָעמעס זײַנען פאַראַן א סאַך ענלעכע שטריכן, דאָך זײַנען פאַראַן צווישן זיי וועזנטלעכע אונטערשיידן. די „איליאַדע" שילדערט א מער פאַרצײַטיקן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט איידער „אָדיסייע". די „איליאַדע" איז געווידמעט דער מילכאָמע און איז א פּאָעמע וועגן העלדן, „אָדיסייע" ווידער באַווײַזט דאָס פרידלעכע לעבן און איז פול מיט לעגענדאַרע געשעענישן. זי איז פאַרביקער און פאַרשיידנאַרטיקער. „איליאַדע" און „אָדיסייע" זײַנען די גרעסטע ווערק פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור און די ווערטפולסטע היסטאָרישע דענקמעלער.

35 §. די צעפאַלונג פון די שטאַמען און דער אויפקום פון מעלוכע.

די שטאַם־אָרדענונג.

די גריכישע לעגענדעס וועגן געטער און העלדן האָבן פאַר אונדז א גרויסן אינטערעס. עמעס, אין די דאָזיקע לעגענדעס איז פאַראַן א סאַך פאַנטאַסטישעס, מע קאָן אָבער דערוויסן זיך פון זיי אויך, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דערווירקלעכקייט. די לעגענ-

דעס גיבן א באגריף וועגן דער מאכט פון די גריכישע פירער, וועגן דער לאגע פונעם פאָלק, וועגן דערווירטשאפט, טעכניק, באוואָפענונג און לעבנסשטייגער פון יענער צײַט. באזונדערס פיל ידיעות גיבן אונדז די „איליאַדע" און די „אָדיסייע".

די פריִיקע טיילן פון האָמערס פאָעמעס שילדערן גריכנלאנד אין דער צײַט, ווען עס האָט נאָך דאָרט עקזיסטירט די שטאם-אָרדענונג. א גרויסע גרופּע מענטשן, וואָס זײַנען צווישן זיך געווען לײַבלעכע קרויווים און האָבן, לויט די גריכישע באגריפן, געשטאמט פון איין אורפאָטער, פלעגט בילדן א שטאם. בעראָש פונעם שטאם איז געשטאנען אן עלטסטער, וואָס האָט געהייסן געראָנט. דער געראָנט פלעגט פארוואלטן מיטן געמיינזאמען פארמעגן פונעם שטאם, ער פלעגט מישפּעטן די שטאם-מיטגלידער, איז געווען דער אָנפירער בײַס מילכאָמע און פלעגט אכטונג געבן איבערן אָפּריכטן די ריטואלן לעקאָוועד דעם לעגענדארן שטאמפאָטער. די מיטגלידער פון יעדן שטאם זײַנען מעכויעוו געווען צו העלפן און באשיצן איינער דעם אנדערן.

עטלעכע שטאמען פלעגן זיך פאראייניקן אין א פראטריע (ברודערשאפט). דער דאָזיקער בונד איז ניט געווען אזא ענגער, ווי דער שטאם-בונד. די פראטריעס פלעגן אָבער אָפּריכטן געמיינזאמע רעליגיעזע ריטואלן און האָבן אויך גענוצט באשיצן זייערע מיטגלידער.

עטלעכע קרויווישע פראטריעס פלעגן זיך פאראייניקן און שאפן א פילע אָדער א שייוועט. אזוי, לעמאָשל, האָט זיך די באפעלקערונג פון אטיקע געטיילט אף 4 פילעס, יעדע פילע איז באשטאנען פון 3 פראטריעס און אין יעדער פראטריע פלעגן ארײַנגיין 30 שטאמען.

די צעפאלונג פון די שטאמען און די רייכקייט פון די באסילייען.

מיט דער צײַט האָט די שטאם-אָרדענונג אָנגעהויבן צו צעפאלן ווערן. די שטאמען האָבן זיך גענומען טיילן אף גרויסע מישפּאָכעס. די מישפּאָכעס האָבן זיך שוין גענומען פאראייניקן אין דאָרפישע געמיינדעס, וואָס האָבן געהייסן דעמעס. די ערשטע צײַט איז דער ערדבאזיץ פון די געמיינדע-מיטגלידער געווען א געמיינזאמער. ביסלעכווײַז האָבן איינצלנע פערזאָנען גענומען אויסטיילן זיך שטיקער פלאץ פון דער געמיינדע-ערד און זײַנען געוואָרן זעלבשטענדיקע ערדבאזיצער. די ערשטע ערד-אייגנטימער זײַנען געווען די פירשטן אָדער די קייסאָרימלעך, וואָס זײַנען געשטאנען בעראָש פון די שוואָטים. זיי האָבן געהייסן באסילייען. אָט די קייסאָרימלעך פלעגן באקומען פון דער געמיינדע ספּעציעלע ערד-כאלאָקים. זייערע דרוזשיניקעס (נאָענטסטע מיטקעמפער) האָבן אויך געהאט באזונדערע ערד-כאלאָקים. אכוץ דעם פלעגן זיי בײַס מילכאָמע פארכאפן רײַכן רויב. בלויז די געוויינלעכע קריגסלײַט פלעגן בלײַבן בא גאָרנישט. דער געוויינלעכער קריגסמאן טערסיט, לעמאָשל, זאָגט אין דער „איליאַדע" אזוי וועגן די באסילייען: „שטענדיק האָט איר אין זינען דעם אייגענעם נוצן, די זעלנער ווידער קומען אָפּ פאר אײַך און קריגן קלעפּ און ווונדן".

דער באסיליי ווערט דער גרעסטער ערדבאזיצער און שקלאפנבאזיצער. אין זײַן רעשוס געפינט זיך א דרוזשינע קריגסלײַט און א סאך שקלאפן. ער האָט א גרויסע מישפּאָכע, א סאך ערד און רײַכטימער. דער טראָיאַנער קייסער פּריאַם, לעמאָשל, האָט געהאט 50 זין און 12 טעכטער. דער קייסער פון די פעאקיער אלקינאָי, וואָס וועגן אים ווערט דערציילט אין דער „אָדיסייע", האָט פארמאָגט

א פרעכטיקנ פאַלאַצ, וואָס איז געוועג באַפּוצט מיט קופּער, זילבער און גאָלד. אַרומ דעמ פאַלאַצ האָבנ זיכ געפונענ א פרעכטיקער סאָד און וויַינגאָרטנ. אינ אַלקינאָיס פאַלאַצ איז געוועג אָנ א שיר טרונק, וויַינ, גריַנס און פרוכט. שקלאַפנס וועבערנס האָבנ געוועבט קליידער, טעפּיכער און דעקעס. ניט ווייניקער ריַיכ, ווי אַלקינאָי, איז געוועג אָדיסיי. אינ אָדיסייס הויז-ווירטשאַפט האָבנ געאַרבעט 50 שקלאַפנס, בא דער האַנט־מיל — 12 שקלאַפנס.

דער אופקום פון פריוואַט=אייגנטום און מעלוכע.

פונ דער געמיינדע האָבנ זיכ אַזויאַרומ גענומענ אויסטיילנ די ריַיכע און מעיוכעסדיקע אַריסטאָקראַטנ, אָדער די „איידעלע". צוזאַמענ מיט דעמ האָט זיכ גענומענ אַנטוויקלענ דער אויסטויש, איז איַינגעפירט געוואָרנ געלט. פונעמ האַנדל האָבנ די אַריסטאָקראַטנ אָנגעלעבט גרויסע פאַרמעגנס. די געפאַנגענע הייבט מענ שוינ אָנ פאַרוואַנדלענ אינ שקלאַפנ. דאָס גיט א מעגלעכקיַיט צו פאַרברייטערנ די פּראָדוקציע. צוביסלעכוויַיז פאַרכאַפנ די אַריסטאָקראַטנ אַלצ מער ערד. די מאָלקס-מאַסנ ווידער — דער דעמאָס — זיַינענ געזעסנ אָפ קליינע שטיקלעכ ערד. אַזויווי זיי האָבנ ניט פאַרמאָגט קיינ מיטלענ, מיט וואָס צו באַאַרבעטנ אָט די ערד, האָבנ זיי ביסלעכוויַיז זייער ערד פאַרלאָרנ. פאַרוואַנדלענ אינ שקלאַפנ פלעגט מענ ניט נאָר די קריגס-געפאַנגענע. אויב א קליינער ערדבאַזיצער האָט געליִענ עטוואָס בא די אַריסטאָקראַטנ און דערנאָכ ניט געקאָנט אָפּצאָלנ דעמ כויוו, פלעגט ער ווערנ א שקלאַפ, אָפט אפילע צוזאַמענ מיטנ גאַנצנ הויזגעזינד זיַינעמ. מיט דער ציַיט האָט זיכ די געזעלשאַפט גענומענ טיילנ אָפ שקלאַפנ און שקלאַפנבאַזיצער.

קעדיי צו באַפעסטיקנ די הערשאַפט פונ די שקלאַפנבאַזיצער איבער דער אָרעמשאַפט און איבער די שקלאַפנ, איז אופגעקומענ די מעלוכע. די קריגס-דרוזשינע און דער געריכט האָבנ געשטיצט די מאַכט פונ דער אַריסטאָקראַטיע און פונ די ריַיכע. אַזויאַרומ איז אינ גריכנלאַנד אופגעקומענ די קלאַסנ-מעלוכע. די אופגעקומענע מעלוכע האָט געהאַט פאַר זיכ צוויי אופגאַבנ: 1) האַלטנ די שקלאַפנ אינ געהאָרכזאַמקיַיט און 2) פאַרברייטערנ די מעלוכע און באַשיצנ זי קעגנ אויסערלעכע פיַינט. נאָר די וויכטיקסטע אופגאַבע אירע איז געוועג — רעגירנ איבער די שקלאַפנ און האַלטנ זיי אינ פולשטענדיקער אונטערטעניקיַיט. דעריבער איז די מעלוכע, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט, געוועג א שקלאַפנבאַזיצערישע.

מיט דער ציַיט האָט די שקלאַפעריַי אינ גריכנלאַנד אָנגענומענ אַלצ א גרעסערנ מאַסשטאַב. די שטאַמ-אָרדענונג איז ענדגילטיק צעפאַלנ געוואָרנ. שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכעס הייבנ שוינ אָנ אופקומענ און וואַקסנ אינ א סאַכ ערטער פונ גריכנלאַנד.

§ 36. א מעלוכע א שטאָט (פּאָליס).

די גריכישע מעלוכעס זיַינענ געוועג גאַנצ קליינע. א מעלוכע פלעגט געוויינלעכ באַשטיינ פונ א שטאָט צוזאַמענ מיט דער ערד, וואָס האָט זיכ אַרומ איר געפונענ. די שטעט זייערע פלעגנ די גריכנ מערסטנטייל בויענ ניט וויַיט פונ יאַמ־ברעג, ווו זיי פלעגנ בויענ האַפנס פאַר שיפנ. לעבנ האַפנ האָבנ געוויינלעכ געוווינט די סאָכרימ און די יאַמ־ליַיט. דאָ האָט זיכ אויכ געפירט דער האַנדל מיט אויסלענדישע סכוירעס. דער שטאָטישער יִשעוו פלעגט אַרומגערינגלט ווערנ

מיט א פעסטונג. דאָס איז געווענ דער אקראָפּאָל אָדער קרעמל, וואָס האָט געדארפט באשיצנ די שטאָט.

אז א שטאָט פלעגט אויסוואקסנ, פלעגט מענ בויענ יִשוווימ הינטערנ אקראָפּאָל. אָט די נײַע יִשוווימ האָבנ געהייסנ אונטערשטע שטאָט, אונ דער פריִערדיקער טייל פונ שטאָט — אייבערשטע שטאָט.

אזא אויסגעוואקסענע שטאָט פלעגט צוזאמענ מיט דער געמיינדע־ערד, ווו עס האָבנ זיכ געפונענ די דאָרפישע יִשוווימ, בילדנ א מעלוכע א שטאָט, אָדער, ווי עס הייסט בא די גריכנ, פּאָליס.

אָט אזוי זײַנענ אינ גריכנלאנד אופגעקומענ די ערשטע פּאָליסנ: קאָרינפ, ארגאָס, ספּארטע, אטענ אא.

בעראָש פונעם פּאָליס איז געשטאנענ א באסיליי; ער איז געווענ אי קריגספירער, אי אויבער־ריכטער, אי אויבער־פּריסטער. זײַנ הערשער־צייכנ איז געווענ דער סצעפּטער. דעריבער פלעגנ די באסילייענ אָפּט הייסנ סצעפּטערטרעגער. בייס מילכאָמע פלעגט דער באסיליי באקומענ דעמ גרעסטנ אונ בעסטנ טייל פונעמ פארכאפּטנ רויב. פונ דער געמיינדע־ערד פלעגט מענ אימ אויכ אויסטיילנ דעמ גרעסטנ כיילעק. אפ די מאָלצײַטנ פלעגט ער זיצנ אויבנאָנ אונ מע פלעגט פאר אימ אוועקשטעלנ די פײַנסטע געריכטנ.

וועגנ אלע וויכטיקסטע איניאָנימ פלעגט דער באסיליי דארפנ בעראטנ זיכ מיט די אָנפירער פונ די אריסטאָקראטישע מישפּאָכעס. דאָס זײַנענ געווענ די עלטסטע, וואָס האָבנ געבילדעט דעמ ראט אָדער די בולע. קעדיי צו פארעפנטלעכנ דעמ באסילייס באפעלנ אָדער די באשלוסנ פונ דער בולע, דאָס זעלבע קעדיי צו באהאנדלענ די וויכטיקסטע מעלוכע־פראגנ, פלעגט מענ צונויפרופנ א פאָלקס־פארזאמלונג פונ אלע דערוואקסענע מענער. אזא פארזאמלונג האָט געהייסנ אגאָרא. איר מיינונג איבער א געוויסער פראגע פלעגט די פארזאמלונג געווייגלעכ אויסדריקנ דורכ אויסגעשרייענ „יאָ“ אָדער „ניינ“.

די געריכטס־פירונג אינעמ פּאָליס פלעגט פאָרקומענ אפנ פלאצ. ריכטער זײַנענ געווענ די עלטסטע. זיי פלעגנ אויסהערנ דעמ באשולדיקטנ אונ דאנ ארויסזאָגנ איינער נאָכנ אנדערנ זייער מיינונג וועגנ דעמ איניענ. אָנפירנ מיטנ געריכט פלעגט דער באסיליי.

ארומ דעמ באסיליי האָט זיכ גרופּירט אנ אריסטאָקראטיע פונ ראטגעבער, ריכטער אונ רײַכע ערדבאזיצער. בא זיי אינ די הענט האָבנ זיכ ביסלעכווײַז געפונענ אָנזאמלענ גוואלדיקע רײַכטימער אונ גרויסע ערד־כאלאָקימ. דער פּאָשעטער האמוינ, אָדער דער דעמאָס, האָט קעגנ אָט דער אריסטאָקראטיע געפירט א קאמפּ פאר זײַנע רעכט. א קאמפּ צווישנ דער אריסטאָקראטיע אונ דעמ דעמאָס איז פאָרגעקומענ אינ אלע גריכישע פּאָליסנ אונ אָפּט פלעגט ער אָנעמענ זייער שארפע פאָרמענ.

§ 37. דער גריכישער האנדל אונ קאָלאָניזאציע.

די סיבעס פונ דער קאָלאָניזאציע.

האָמערס פּאָעמעס באשרײַבנ א גאנצע ריי גריכישע געמיינדעס, וואָס זײַנענ געווענ צעזייט איבערנ גאנצנ עגייִשנ יאמ. לעכאטכילע זײַנענ די געמיינדעס געווענ זייער שוואכ פארבונדנ צווישנ זיכ. נאָר צום סאָפ פונעמ האָמערישנ פּעריאָד (VIII יאָרה. פאר דער נײַער ערע) האָבנ זיכ צווישנ די געמיינדעס גענומענ אײַנשטעלנ מער רעגולערע באציִונגענ. דאָ האָט געהאט צו זאָגנ די אויסבילדונג פונ די פּאָליסנ, דער אופקומ פונ האנדל צווישנ זיי אונ אויכ די מילכאָמעס.

אָבער אינ די באדינגונגענ פונ שקלאפנ־ארבעט אונ פונ נידעריקער טעכניק האָט דער ווּוקס פונ דער ווירטשאפט אונ די פארגרעסערונג פונ רײַכטומ געקאָנט דאנ פאָרקומענ דעריקער דורכ דער פארברייטערונג פונ דער טעריטאָריע. אָט דערפונ נעמט זיכ דער אָנהייב פונ דער גריכישער קאָלאָניזאציע.

צוגלײַכ מיט די אלטע גריכישע מעלוכעס אונ גרויסע יִשוווימ אפ די אינדזלענ אונ אפנ ברעגלאנד פונעמ עגייִשנ יאמ האָבנ גענומענ אויסבילדנ זיכ נײַע

קאָלאָניעס. שפּעטער האָבנ גענומענ אופקומענ קאָלאָניעס בא די ברעגלענדער פונ מארמאָר-יאמ אונ פונ שווארצנ יאמ. די גריכישע קאָלאָניסטנ האָבנ זיכ אוועקגעלאָזט וואַט אפ מערעוו, צו די ברעגנ פונ איטאליע אונ סיציליע. וואָס מער עס האָט זיכ אנטוויקלט דער האנדל, עס איז געוואקסנ די באפעלקערונג אונ עס האָט זיכ פארשארפט דער קאמפ צווישנ דער אריסטאָקראטיע אונ דעמ דעמאָס, אלצ מער האָט זיכ פארשטארקט די קאָלאָניזאציע. געבליבנ אָנ ערד אונ גיט וועלנדיק פארקנעכטעט ווערנ צו די אריסטאָקראטנ, פלעגנ די געמיינדע-מיטגלידער פארלאָזנ זייער היימ אונ אוועקפאָרנ אינ פרעמדע לענדער.

די קאָלאָניעס האָבנ געהאלטנ פארבינדונג מיט גריכנלאנד דעריקער דורכ האנדלס-אויסטויש. גריכנלאנד פלעגט איינקויפנ אינ די קאָלאָניעס איבערהויפּט לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ אונ רויוואַרג, די קאָלאָניעס ווידער פלעגנ ארויספירנ פונ גריכנלאנד פארשיידענע געווערב-ארטיקלענ.

די גריכישע קאָלאָניעס.

צווישנ די עלטסטע גריכישע יישוווימ אפ די ברעגנ פונ עגייִשנ יאמ האָבנ א גרויסע ראָליע געשפּילט: מילעט, עפעס אונ סמירנע. זיי האָבנ זיכ געפונענ אפנ ברעגלאנד פונ קליינ-אזיע. אכוצ דעמ האָבנ געהאט א גרויסע האנדלס-באדייטונג די אינדזלענ כיאָס אונ סאמאָס. אינ אָט די אלע ערטער האָבנ געווינט גריכנ, וואָס האָבנ געהערט צומ יאָנישנ שייוועט. געהייסנ האָבנ דעריבער די אלע געגנטנ מיט איינ אלגעמיינעמ נאָמענ יאָניע.

אינ יאָניע פלעגט זיכ פירנ א היפשער האנדל ניט נאָר מיט געווערב-ארטיקלענ (געווער, ליימענע כפייצימ) אונ לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ (וויינ, אייל), נאָר אויכ מיט קנעכט, וואָס פלעגנ מאסנווייז געבראכט ווערנ פונ ווייטע לענדער. אדאנק דעמ אנטוויקלטנ האנדל האָט יאָניע גענומענ א היפשנ אָנטייל אינ דער ווייטערדיקער קאָלאָניזאציע.

אינ VII—VIII יאָרה. פאר דער נייער ערע קומענ אופ גריכישע קאָלאָניעס אפנ פראקיער ברעגלאנד, בא די ברעגנ פונ מארמאָר-יאמ, אינ סיציליע אונ דאָרעמ-איטאליע. די גריכנ פונ קליינ-אזיע האָט באזונדערס שטארק געצויגנ צומ

סקיפנ (א בילד אפ א וואזע).



אלט-גריכישע מאטבייעס.

שוואַרצן יאַם, וואָס האָט דאַן געהייסן „גאַסטפרײַנטלעכער“ (עווקסינער פאָנט). דאָס שוואַרציאַמישע ברעגלאַנד איז געווען רײַך אין טוווע און פֿי, דאָס וואַסער — מיט פיש. פונדאַנען פלעגט מען אויך אַרויספירן א גרויסע צאָל קנעכט. צווישן די שוואַרציאַמישע קאָלאָניעס זײַנען געווען אמערסטן באַוווּסט פאַנטיקאַפּײ (איצט קערטש), כערסאָנעס (לעבן סעוואַסטאָפּאָל), טאַנאַיס (אין דער לעפצונג פון טײַך דאָן) און אָלוויע (אין דער לעפצונג פון בוג). דורך אָט די קאָלאָניעס פלעגט דער גריכישער האַנדל און די גריכישע קולטור אַרײַנדרינגען ווײַט קיין צאָפן האַרט ביז סקיפיע (א סטעפ-פּאַס פון אײראָפּײִשן טייל פון פססר, וואָס האָט אין אַלטערטום געהייסן סקיפיע, לויטן נאָמען פונעם שייוועט סקיפן, וואָס האָט דאָרטן געוווינט). די גריכן האָבן געהאַט אינטענסיווע האַנדלס- און קולטור-באַציִונגען מיט סקיפיע. זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזט א באַשרײַבונג פונעם לאַנד און פונעם לעבנסשטייגער פון די פאַרצײַטיקע סקיפן; אין די סקיפישע קורגאַנעס האָט מען געפונען א היפש ביסל דענקמעלער פונעם גריכישן לעבנס-שטייגער.

אין מײַרעוו-טייל פונעם מיטללענדישן יאַם האָט די גריכן מער פאַר אַלץ צו-געצויגן די פרוכטבאַרע סיציליע און דאָרעם-איטאַליע. אין VII—VIII יאָרה. פאַר דער נײַער ערע האָבן אין דאָרעם-טייל פון איטאַליע און אין סיציליע זיך געגרינדעט א גרויסע צאָל גריכישע קאָלאָניעס (נעאַפּאָל, טאַרענט, סיראַ-קוזן אאַ.). די דאָזיקע קאָלאָניעס האָבן געהייסן גרויס-גריכנלאַנד.

דער אופקום פון מאַטבייעס.

די הויפּט-באַשעפטיקונג פון די קאָלאָניסטן איז גע-ווען האַנדל, האַנטווערקערײַ, פישפאַנג און ערדאַרבעט. דער ברייטער האַנדל האָט געבראַכט צום אופקום פון געלט-צייכנס, פון מעטאַלענע מאַטבייעס. פריִער פלעגט מען אָנשטאָט געלט נוצן אַלס אויסטויש-מיטל אָקסן און שעפּסן. אַז עס האָט זיך אַנטוויקלט דער האַנדל, איז אָט דער טויש-מיטל געוואָרן אומבאַקוועם. אַלס געלט האָט מען אָנגעהויבן באַנוצן שטיקלעך מעטאַל. אָנגעהויבן פון VII יאָרה. פאַר דער נײַער ערע הייבט מען אָן אויסשלאָגן מאַטבייעס פון א באַשטימטער וואָג.

דאָס איינפירן אזוינע מאטבייעס האָט היפּש לייכטער געמאכט צו פירן דעם האנדל. א מאטבייע האָט מען ניט געדארפט וועגן יעדעס מאָל באזונדער, ווי מע פלעגט דאָס דארפן טאָן פריער, ווען עס האָט צירקולירט דאָס אלטע אומבאקווע-מע געלט.

אדאנק די יאם-רייזעס, דעם ברייטן האנדל און דער קאָלאָניזאציע איז בא די גריכן אזויארום געשטיגן די ווירטשאפט, עס האָט זיך פארמערט דאָס רייכ-טום, פארשטאַרקט די טעכניק און עס האָבן זיך פארברייטערט זייערע קענטעניש אין די פארשיידנארטיקסטע געביטן. די פעָליסן האָבן זיך היפּש פארפעסטיקט. די אופגעקומענע שקלאפנבאזיצערישע מעלוכע איז געווען א שריט פאָרויס אין פארגלייך מיט דער אלטער, אוראלט-געמיינדישער אָרדענונג.

38 §. דער מיליטערישער שטייגער און די געזעלשאפטלעכע שפּילן. די אָראקולן.

דער מיליטערישער שטייגער.

אמאָליקע צייטן האָבן די מילכאָמעס געשפּילט א גרויסע ראָליע אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן פון די גריכן. די יונגע גריכישע מעלוכעס האָבן זיך געניטיקט אין א זיכערער שוץ קעגן די אָנפאלן פון די שכיינים. דורך מילכאָמע און רויב פלעגט מען דאן דערוועדבן רייכטום, דעראָבערן ערד און פארמערן דאָס אייגנ-טום. דעריבער האָט די מעלוכע באקומען שטריכן פון א מיליטערישער אָרגאני-זאציע. אלע בירגער, אויסער די שקלאפן, זיינען געווען באוואָפנט. די שקלאפן פלעגט מען ניט דערלויבן צו טראָגן געווער, ווייל די הארן האָבן מוירע געהאט פאר אן אופשטאנד.

צווישן דער באוואָפענונג פון דער אריסטאָקראטיע און דער באוואָפענונג פונעם פראָסטן אוילעם איז געווען א גרויסער כילעק. די אריסטאָקראטן האָבן געטראָגן א העלם, א בראָנזענעם פאנצער, וואָס האָט באשיצט די ברוסט און דעם רוקן, א גרויסן (געוויינלעך א באצירטן) פאנצער-שילד, א שפּיז און א שווערד. אזא מין טייערע מעטאלענע באוואָפענונג איז געווען צוטריטלעך בלויז פאר די רייכע. די געוויינלעכע קריגסלייט ווידער פלעגן טראָגן לייוונטענע קליי-דער און האָבן געהאט בלויז שפּיזן און שווערדן; זייערע פאנצער-שילדן זיינען געווען פון לעדער. פאר די שוואכע באשיצטע און שלעכט באוואָפנטע קריגסלייט האָבן די אויסגעצייכנט באוואָפנטע אריסטאָקראטן ניט געהאט וואָס מוירע צו האָבן.

ווען א מילכאָמע פלעגט זיך ענדיקן מיט א זיג, פלעגט דער גאנצער רום גיין אפּן כעזשבן פון די קריגספירער, זיי פלעגן באקומען דעם בעסטן און גרעסטן טייל פונעם מילכאָמע-רויב. די געוויינלעכע קריגסלייט פלעגן זיך צוריקקערן אהיים פונקט אזוינע קאפּצאָנים, ווי זיי זיינען געווען ביז דער מילכאָמע. דאָס פלעגט אָפט ארויסרופן א שטארקע אומצופרידנקייט צווישן די קריגסלייט. די „איליאַדע" נאָך דערציילט וועגן אן ארויסטרעטונג פון איינעם אזא געוויינ-לעכן קריגסמאן — ט ע ר ס י ט — קעגן דעם פירער פון דער טראָיאנישער מילכאָמע — אגאמעמנאָנען. אָדיסיי האָט דערפאר טערסיטן געגעבן קלעפּ.



לויפ-געוועט.

די שפּילן.

די אָפּטע מילכאָמעס האָבן געפּאָדערט שטאַרקע, פלינקע מענטשן. דעריבער האָבן אינעם לעבנסשטייגער פון די אַנטיקע גריכן געהאַט א גרויסע באַדײַטונג די געזעלשאַפטלעכע שפּילן. די שפּילן זײַנען באַשטאַנען פון פאַרשיידנערליי פּאַרמעסטונגען און פלעגן אָרגאַניזירט ווערן ביים די יאָנטויווים אין פאַרשיידענע געגנטן פון גריכנלאַנד: אין אָלימפּיע, דעלפן און אפן קאָרינפער לאַנדפּאַס. די סאַמע באַרימטע שפּילן זײַנען געווען די אָלימפּישע.

די אָלימפּישע שפּילן פלעגן פּאָרקומען לעבן אָלימפּיע, אפ א פליין, ניט ווײַט פון דעם הייליקן וועלדל, ווו עס איז געשטאַנען א טעמפּל לעקאָווד דעם אויבער-גאָט — זעווס. די, וואָס האָבן פאַרלאַנגט צו באַטייליקן זיך אין די פּאַרמעסטונגען, פלעגן מיט א יאָר פריִער פאַרשריבן ווערן אין די צעטלען. עס האָבן עקזיסטירט ספּעציִעלע שולן, ווו מע האָט זיך געגרייט צו די פּאַרמעסטונגען.

אפ דער פײַערלעכער עפענונג פון די אָלימפּישע שפּילן פלעגט זיך צונויפקומען זייער א גרויסער אוילעם פון פאַרשיידענע געגנטן פון דער גריכישער וועלט. אַלע גריכישע מעלוכעס פלעגן שיקן אפ די שפּילן זייערע געזאַנדטע און דעלעגאַציעס.

אפ דער צײַט פון די שפּילן פלעגן אופהערן די קריגערײַען צווישן די גריכישע מעלוכעס. אפילע די מילכאָמעס פלעגן מוזן אָפּגעשטעלט ווערן, אַנדערש האָט געדראָעט א גרויסע געלט-שטראָף. אפ דער גאַנצער צײַט פון די פײַערלעכע שפּילן פלעגט אײַנגעשטעלט ווערן אן אזויגערופענער „הייליקער וואָפנשטילשטאַנד". דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, עס זאָל זיך שטאַרקן די קולטורעלע אייניקונג צווישן די גריכן.

די שפּילן פלעגן באַשטיין פון גימנאַסטישע איבונגען: לויפן, ראַנגלען זיך, וואַרפן דיסקן און שפּיזן; די פערדלויפ-געוועטן פלעגן דורכגעפירט ווערן סײַ רײַטנדיק סײַ אפ רײַטוועגן; די מוזיקאַלע פּאַרמעסטונגען זײַנען באַשטאַנען אין אַרויסטרעטונגען פון פּאָעטן, מוזיקאַנטן אאַוו. באַזונדערס באַליבט זײַנען געווען די גימנאַסטישע געוועטן, ווײַל פאַר די מאַסן זײַנען זיי געווען די סאַמע צוטריטלעכע. יעדער בירגער, וואָס איז נאָר געווען שטאַרק און פלינק, האָט זיך

געקאָנט אינ זיי באַטייליקנ. אינ די פערדלויפ־געוועטנ אונ מוזיקאַלע שפּילנ אָבער פלעגנ קאָנענ נעמענ אָנטייל דעריקער רײַכע אַריסטאָקראַטנ, אַזוינע, וואָס האָבנ פאַרמאָגט אייגענע פערד אונ פאַרשיידענע מוזיקאַלע אינסטרומענטנ.


א דיסקנוואַרפער.

די זיגער פונ די פאַרמעסטונגענ פלעגט מענ באַלוינענ מיט קרענצ פונ איילבערט־צווײַגנ, זייערע נעמענ פלעגנ פאַרשרײַבנ ווערנ אינ ספּעציעלע צעטלענ אונ גערימט ווערנ איבער גאַנצ גריכנלאַנד. די זיגער פלעגט מענ אָפּגעבנ די ערשטע ערטער אינ די טעאַטערס, אומעטומ האָט מענ זיי אופּגענומענ מיט קאָוועד, אינ אָלימפּיע גופא פלעגט מענ זיי נאָכ באַמ לעבנ שטעלנ דענקמעלער־סטאַטועס.

די פיריאָריקע פעריאָדנ צווישנ די אָלימפּישע פײַערונגענ האָבנ געהייסנ אָלימפּיאַדעס. שפּעטער האָט מענ אָנגעהויבנ אפילע די צײַט־רעכענונג פירנ לויט די אָלימפּיאַדעס. די נעמענ פונ די זיגער אפּ די פײַערלעכע שפּילנ אינ אָלימפּיע זײַנענ צומ ערשטנ מאָל פאַרשריבנ געוואָרנ אינ יאָר 776 פאַר דער נײַער ערע. שפּעטער האָבנ פונ אָט דעמ יאָר די גריכנ אָנגעהויבנ צו פירנ זייער צײַט־רעכענונג.

די אָראַקולנ.

די גריכנ פלעגנ טפילע טאָנ צו זייערע געטער באַ די היימישע מיזבייכעס אונ אינ די טעמפּלענ. די מער־הײַט הייליקטימער האָבנ געהאַט א באַדײַטונג בלויז פאַר דער געגנט, ווו זיי האָבנ זיכ געפונענ. אייניקע הייליקטימער אָבער זײַנענ געווענ אָנגענומענע אינ גאַנצ גריכנלאַנד אונ צומאָל אפילע אויסערנ לאַנד. באַזונדערס באַרימט זײַנענ געווענ די הייליקטימער, ווו עס האָבנ זיכ געפונענ אָראַקולנ, וועלכע פלעגנ געבנ פאַרשיידענע אייצעס אונ פאָרויסזאָגנ די צוקונפט. אַזא אָראַקול איז געווענ, לעמאָשל, דער דאָדאָנער אָראַקול אינ עפּיר, איינער פונ די עלטסטע אָראַקולנ אינ גריכנלאַנד. אינ א געדיכטנ וועלדל אינ די בערג איז געשטאַנענ לעבנ טײַכ א מיזבייעכ אונ א מעכטיקער דעמב. דעמ דעמב האָט מענ געהאַלטנ פאַר א הייליקנ, אונ אינעמ שאָרכ פונ זײַנע בלעטער, דערציילט א לעגענדע, האָט מענ געקאָנט הערנ דעמ ווילנ פונעמ הויפּט־גאָט — זעווס. די, וואָס האָבנ געזוכט אַנ אייצע אָדער האָבנ געוואָלט דערוויסנ זיכ די צוקונפט, פלעגנ קומענ צו דעמ דעמב. די פּריסטערס פלעגנ פונעמ שאָרכ פונ זײַנע בלעטער קלוימערשט דערוויסנ זיכ די אָנווײַזונגענ פונ די געטער אונ איבערגעבנ דאָס די מענטשנ.

נאָכ באַרימטער איז געווענ דער דעלפיער אָראַקול. ער האָט זיכ געפונענ באַמ צופוסנ פונעמ באַרג פּאַרנאַס אינ פאָקידע (אינ דער שטאָט דעלפנ אינ מיטל־גריכנלאַנד). פאָרויסזאָגנ די צוקונפט פלעגט דאָרט א ספּעציעלע פּריסטערנ, וואָס פלעגט הייסנ פּיפיע. זי פלעגט זיכ אוועקזעצנ אפּ א דרײַפוס־

בענקל איבער א שפאלט פונ א הייל, פונוואנענ עס האָט געשלאָגנ א מינ פארטשאדענדיקער דאמפ. דער פיפיע פלעגט זיכ פארדרייענ דער קאָפ פונ דעמ דאמפ, זי פלעגט פארלירנ דעמ באוווסטזייַנ אונ אויסשרייַענ אָפגעריסענע ווערטער. די פריסטערס האָבנ די ווערטער דערנאָכ געטייַטשט אזוי, ווי זיי פלעגט געפעלנ. גאנצ אָפט פלעגנ זיי, קלוימערשט אינ נאָמענ פונ די געטער, געבנ די האנדלונגענ פונ מענטשנ אונ אפילע כונ גאנצע מעלוכעס אזא ריכטונג, ווי דאָס האָט זיי, די פריסטערס, געלוינט.

אזוי ווי די אָראקולנ האָבנ, פארשטייט זיכ, ניט אָנגעהויבנ צו וויסנ, וואָס עס וועט געשענ אינ דער צוקונפט, פלעגנ זיי געבנ צוויידייַטיקע ענטפערס, וועלכע מע האָט געקאָנט טייַטשנ אי אזוי אי אנדערש. אזוי, לעמאָשל, האָט איינמאָל דער לידיער קייסער קרעז ערעוו אנ אנטשיידנדיקער שלאכט מיט די פערסנ געפרעגט באמ דעלפיער אָראקול, צי זאָל ער אריבערגייַנ דעמ טייַכ האליס, דה. צי זאָל ער אָנהייבנ א מילכאָמע קעגנ פערסיע. דער אָראקול האָט געענטפערט, אז אויב קרעז וועט אריבערגייַנ דעמ טייַכ, וועט ער צעשטערנ דאָס גרויסע קיניגרייַכ. דערהערט אזוינס, איז קרעז געווענ זיכער, אז ער וועט זיגנ, איז ער אריבער דעמ טייַכ אונ — געכאפט א מאפּאָלע. ווענ קרעז האָט גענומענ באשולדיקנ דעמ אָראקול, אז יענער האָט פאלש פאָרויסגעזאָגט, האָבנ אימ די דעלפיער פריסטערס געענטפערט, אז שולדיק איז ניט דער אָראקול, נאָר קרעז אליינ: ער, קרעז, האָט דאָכ ווירקלעכ צעשטערט דאָס קיניגרייַכ, אָבער ניט דאָס פערסישע, נאָר זייַנ אייגנ קיניגרייַכ.

פאר די אייצעס אונ נעוויִעס פונ די אָראקולנ פלעגט מענ די טעמפלענ ברענגענ מאטאָנעס. דער דעלפיער טעמפל איז מיט דער צייַט געוואָרנ גוואלדיק רייַכ. דעריבער האָבנ די דעלפיער רעדלפירער דערוואָרבנ א גרויסנ אייַנפלוס אינ גאנצ גריכנלאנד: זיי פלעגנ געבנ האלוואָעס, אריינמישנ זיכ אינ די אינערלעכע איניאָנימ כונ די מעלוכעס, העלפנ דעמ אָדער יענעמ לאנד בייס א מילכאָמע.

II. ספארטע.

§ 39. די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג פונ ספארטע.

די אויסבילדונג פונ ספארטע.

די מעלוכע ספארטע האָט זיכ אויסגעבילדעט אינ דער געגנט פונ לאקאָניע. לאקאָניע האָט זיכ געפונענ אינ דאָרעמ-מיזרעכ-טייל פונ פעלאָפאָנעס. זי האָט פארנומענ דעמ טאָל פונעמ טייַכ עווראָט אונ א ריי בארג-געגנטנ. די לאקאָניער בערג זייַנענ געווענ רייַכ אינ מארמאָר אונ אייַזנ; אפ די בארג־אָפּהאנגענ זייַנענ געוואָקסנ געדיכטע וועלדער, ווו עס האָבנ זיכ אופגעהאלטנ א סאכ ווילדע ציגנ, ווילדע כאזיירימ, בערנ אונ פארשיידנערליי געווילד. דער טאָל פונעמ טייַכ עווראָט איז געווענ זייער צוגעפאסט פאר לאנדווירטשאפט. דער באָדנ — א פרוכטבארער אונ קימאט פונ אלע זייַטנ באשיצט מיט בערג.

אינ צענטער פונ דער געגנט, בא די ברעגנ פונ עווראָט, איז געלעגנ די שטאָט ספארטע. נאָכ דעמ ווי די עטלעכע שכיינעסדיקע געמיינדעס האָבנ

2694—8

זיך פאַרייניקט, איז ספּאַרטע געוואָרן די הויפּט-שטאָט פון לאַקאָניע. לויטן נאָמען פון דער שטאָט האָט די מעלוכע אויך געקומען הייסן *ספּאַרטאַנישע* אָדער פּאָשעט *ספּאַרטע*.

די באַפעלקערונג פון אָט דעם לאַנד האָט, ווי די לעגענדע דערציילט, געשטאַמט פון די דאָרישע דעראָבערער. זיי זײַנען געקומען אינעם טאָל פון עוראָט, האָבן באַצוווּנגען און פאַרשקלאַפט דעם שייוועט אַכייער, וואָס האָט דאָרט געוווינט פון קאַדמוינים.

דאָס פאַרשקלאַפטע פאָלק האָט ניט אויפגעהערט אַרויסצוטרעטן קעגן זײַנע אונטערדריקער. אין ספּאַרטע איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקער קאַמף.

די לעגענדע דערציילט, אַז אַ סאָף צו דער אינערלעכער מילכאָמע האָט געמאַכט *ליקורג*. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי געזעצן, וואָס האָבן פאַרפעסטיקט די מעלוכע-אָרדענונג פון ספּאַרטע. ליקורג האָט זיך גערעכנט פאַר דעם ערשטן ספּאַרטאַנישן געזעצגעבער.

די פּאָליטישע אָרדענונג.

בעראָש פון ספּאַרטע זײַנען געשטאַנען צוויי קייסאָרים. זייער מאַכט איז געווען אומבאַגרענעצט בלויז אין דער צײַט פון מילכאָמע, פרידנס-צײַט אָבער האָבן די קייסאָרים אין אַלע איניאָנים געמוזט בעטן די האַסקאָמע פון דעם ראַט פון די עלטסטע, וואָס האָט געהייסן *געדוסיע*. די גערוסיע איז באַשטאַנען פון 30 מיטגלידער: אַכוץ די צוויי קייסאָרים איז זי באַשטאַנען נאָך פון 28 זקיינים, וואָס פלעגן אויסגעוויילט ווערן אויפן גאַנצן לעבן. יעדער זאָקן האָט געדאַרפט אַלט זײַן ניט ייִנגער פון 60 יאָר. די צווייטע וויכטיקע אינסטיטוציע איז געווען די קאָלעגיע, וואָס איז באַשטאַנען פון 5 *עפאָרן* — ספּעציעלע אויסגעוויילטע אַמט-פּערזאָנען. זיי פלעגן אויסגעוויילט ווערן אויף איין יאָר צײַט. שפּעטער האָבן די עפאָרן באַקומען זייער אַ גרויסע מאַכט. זיי האָבן געמעגט צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקײַט אפילע די קייסאָרים אַליין.

אַכוץ די קייסאָרים, עפאָרן און דער גערוסיע האָט נאָך אין ספּאַרטע עקזיסטירט אַ *פאָלקס-פאַרזאַמלונג*, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע דערוואַקסענע ספּאַרטאַנער. די פאַרזאַמלונג פלעגט זיך צונויפקומען איין מאָל אין כוידעש. דאָ פלעגן די קייסאָרים פאָרשטעלן פאַר די בירגער דעם באַשלוס פון דער גערוסיע. דאָס פאָלק פלעגט דערבײַ ניט באַהאַנדלען דעם באַשלוס, נאָר דורך אויסגעשרייען אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן אים. די הויפּט-ראָליע האָבן אַזוי אַרום געשפּילט ניט די פאָלקס-פאַרזאַמלונג, נאָר די קייסאָרים, עפאָרן און די גערוסיע.

קלאַסן.

די ספּאַרטאַנישע באַפעלקערונג האָט זיך געטיילט אויף *ספּאַרטיאַטן, פעריעקן* און *הילאָטן*. די ספּאַרטיאַטן זײַנען געווען דער הערשנדיקער קלאַס. אַזוי ווי זיי זײַנען קעסיידער געווען פאַרנומען מיט אונטערדריקן די אויפשטאַנדן פון זייערע שקלאַפן, האָבן זיי פאַרמאָגט אַ שטאַרקע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. געוווינט האָבן זיי אין לאַגערן, ווי קריגסלײַט, שטענדיק גרייט אַרויסצוטרעטן מיט געווער אין די הענט. די ספּאַרטיאַטן פלעגן זיך ניט באַשעפטיקן מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט: די ערדאַרבעט און האַנטווערקערײַ האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ דערנידעריקנדיקער באַשעפטיקונג. דעם גרעסטן טייל פון זייער צײַט פלעגן די ספּאַרטיאַטן פאַרברענגען

დელფოი (აღდგენილი).



אינ מיליטערישע איבונגענ אונ מילכאָמעס. אלע ספּאַרטיאטנ האָבנ געהאט גלײַכע רעכט.

די פּעריעקנ אונ הילאָטנ — דאָס זײַנענ געווענ די אונטערטעניקטע שיכטנ פונ דער באַפעלקערונג, זיי האָבנ זיכ געפונענ אינ אנ אונטערדריקטער לאגע. פּעריעקנ האָט געהייסנ דער טייל באַפעלקערונג, וואָס איז געווענ פרײַ, נאָר איז מעכויעוו געווענ צו צאָלנ צינזנ די ספּאַרטיאטנ. די פּעריעקנ האָבנ זיכ באַשעפטיקט מיט האַנטווערקערײַ, האַנדל אונ לאַנדווירטשאַפט. די מערהײַט זייער האָט געווױנט אינ די ראַיאָנענ פונ ספּאַרטע, וואָס זײַנענ געלעגנ באַם ברעג יאַם.

די הילאָטנ האָבנ זיכ געפונענ אינ דער שווערסטער לאגע: מיט זייער מי פלעגנ זיי אויסהאַלטנ דעם קלאַס ספּאַרטיאטנ. די הילאָטנ האָבנ זיכ קימאַט מיט גאָרנישט ניט אונטערשיידט פונ די שקלאַפנ אינ די איבעריקע גריכישע מעלוכעס. די הילאָטנ האָבנ אָבער געהערט ניט צו איינצלנע באַלעבאַטים, נאָר צו דער גאַנצער ספּאַרטאַנישער מעלוכע.

די הילאָטנ פלעגנ זייער אָפט מאַכנ אופשטאַנדנ קעגנ זייערע אונטערדריקער. דעריבער פלעגנ די ספּאַרטיאטנ ניט אַראָפּלאָזנ פונ זיי קיינ אויג. פונ צײַט צו צײַט פלעגט די ספּאַרטאַנישע רעגירונג שיקנ יונגע ספּאַרטיאטנ אינ די דערפער אַרײַנ, קעדיי אויסצושפּירנ די פאַרדעכטיקע הילאָטנ אונ דערמאָרדנ זיי. אַזעלכע האַריגעס איבער די הילאָטנ פלעגנ הייסנ קריפּטיענ. איינמאָל האָבנ די ספּאַרטיאטנ דערמאָרדעט באַ צוויי טויזנט הילאָטנ.

ניט געקוקט אָבער אַפ די ברוטאַלע מאָסמיטלענ, פלעגנ די הילאָטנ מאַכנ אַלץ נײַע אונ נײַע אופשטאַנדנ קעגנ די ספּאַרטיאטנ, שטרעבנדיק צו באַקומענ צוריק די פרײַהײַט.

מיר זעענ, אַז ספּאַרטע איז אויכ געווענ אַ שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע. אינ ספּאַרטע זײַנענ נאָכ אָבער שטאַרק געווענ די רעשטנ פונעם געמיינדע-שטייגער, אונ די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע האָט דאָ געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָליע.

§ 40. דער ספּאַרטאַנישער שטייגער אונ די דערציִונג־סיסטעם. דער פּעלאָפּאָנעסער פאַרבאַנד.

דער ספּאַרטאַנישער געמיינדע=שטייגער.

באַ די ספּאַרטאַנער האָט זיכ אַ לאַנגע צײַט אופגעהיט די סיסטעם פונ געמיינדישנ אייגנטום. די ערד אינ ספּאַרטע איז געווענ צעטיילט אַפ גלײַכע באַצירקנ. אופקויפנ ערד אונ אָנזאַמלענ גרויסע רײַכטימער איז געווענ פאַרבאָטנ. די לעגענדע דערציילט, אַז ליקורג האָט געוואָלט אויסגלײַכנ אַלע ספּאַרטאַנער אונ ניט דערלאָזנ, אַז באַ זיי זאָלנ זיכ אַנטוויקלענ לוקסוס אונ רײַכטום, האָט ער דעריבער אײַנגעפירט געלט פונ אײַזנ — אָנשטאָט פונ גאָלד אונ זילבער. אײַזערנ געלט פאַרנעמט אַ סאַכ אָרט אונ איז שווער אַפ דער וואָג, האָט מענ קיינ סאַכ ניט געקאָנט אָנקלײַבנ.

אפילע אינ פרידנס-צײַט פלעגנ די ספּאַרטאַנער עסנ מיטיק אַלע צוזאַמענ. אַזעלכע געמיינזאַמע מיטיקנ פונ מאַנצבלענ-קריגסלײַט פלעגנ הייסנ סיססיטיעס.



דעלפב (רעקאָנסטרויִרט).

די ספּאַרטאַנישע דערציִונג-סיסטעמ.

אפ קינדער-דערציִונג האָבנ די ספּאַרטאַנער געלייגט גרויס אכט. ווענ אינ א ספּאַרטאַניש געזינד פלעגט געבוירנ ווערנ א קינד, פלעגט מענ עס באַווייַזנ די שטאָטעלטסטע אונ זיי פלעגנ לייזנ זייַנ גורל: איז עס געווענ א שוואַכ קינד, פלעגט מענ עס ארייַנוואַרפנ אינ אָפּגרונט אריַינ; איז עס געווענ א שטארק קינד, פלעגט מענ עס אָפּגעבנ צוריק דער מוטער. די ספּאַרטאַנער האָבנ געהאַלטנ, אז פונ א שוואַכ קינד וועט ניט אויסוואַקסנ קיינ גוטער קריגסמאַנ, פלעגנ זיי דעריבער לאָזנ לעבנ בלויז די שטארקע אונ געזונטע קינדער.

פונ 7 ביז 18 יאָר פלעגנ די ייִנגלעכ זיכ לערנענ אינ ספּעציִעלע שולנ — גימנאַסיעס. מע פלעגט זיכ דאָרט פארנעמענ איבערהויפּט מיט גימנאַסטיק, מיט וואַרפנ שפּיזנ, דיסקנ אונ מיט אנדערע מיליטערישע איבונגענ. קעדיי פיזיש צו פארהארטעווענ די קינדער אונ צוגעווינענ זיי צו די שווערקייַטנ פונעמ מיליטערישנ לעבנ, פלעגט מענ זיי קליידנ אינ לייַכטע בגאָדימ, געבנ שלעכט עסנ אונ אָפּט אפילע שלאָגנ. אזוי, לעמאָשל, פלעגט מענ איינ מאָל אינ יאָר ברענגענ די ייִנגלעכ צומ מיזבייעכ פונ ארטעמידע אונ שמייַסנ זיי דאָרט, דערבייַ פלעגנ זיי ניט טאָרנ שרייַענ אָדער בעטנ ראַכמימ. מיט אזא קאַנטשיק-סיסטעמ האָט מענ געוואָלט דערציִענ בא די ספּאַרטאַנער פארהארטעוועטקייַט אונ געדולד. דאָס לעבנ פונ די קינדער אינ ספּאַרטע איז געווענ א טרויעריקס, זיי האָבנ ניט געוווסט פונ קיינ פרייד, פונ קיינ צערטלעכקייַט.

די לימודימ האָבנ זיכ געפירט אינ דער פאָרמ פונ פראַגנ אונ ענטפערנ. סייַ די פראַגנ סייַ די ענטפערנ האָבנ געמוזט זייַנ קורצע. אָט די קורצקייַט, אָדער „לאַקאָנישקייַט” (פונעמ וואָרט „לאַקאָניע”), איז נאָכ אינ אלטערטומ געוואָרנ א שפּריכוואָרט. איינע א ספּאַרטאַנישע פרוי האָט בייסנ געזעגענענ זיכ מיט איר זונ, וואָס איז אוועק אפ מילכאָמע, אָנשטאָט לאַנגע רייד דערלאַנגט אימ דעמ פאַנצער אונ געזאָגט בלויז: „מיט אימ אָדער אפ אימ”. דאָס האָט געזאָלט הייסנ: אָדער קומ צוריק אלס זיגער אָדער קומ אומ ווי א העלד.

פונ אזא הארבער דערציִונג פלעגנ די ספּאַרטאַנער אויסוואַקסנ דרייסטע קריגסלייַט, וואָס האָבנ געקאָנט אריבערטראָגנ פארשיידנערליי שווערקייַטנ. דאָס ספּאַרטאַנישע מיליטער איז געווענ גוט דיסציפּלינירט, גלענצנדיק אויסגעמושטירט אונ באַוואָפנט. די אינפאַנטעריע איז באַשטאַנענ פונ שווער-באַוואָפנטע קריגסלייַט, וואָס האָבנ אינ גריכנלאַנד געהייסנ האָפּליטנ. די ספּאַרטאַנישע אינפאַנטעריע איז געווענ די בעסטע אינ גאַנצ גריכנלאַנד.

די ספּאַרטאַנישע דעראָבערונגענ. דער פּעלאָפּאָנעסער פארבאַנד.

דער געיעג נאָכ ערד-רייַכטימער אונ די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פונ דער מעלוכע האָט די גאַנצע צייַט געשטויסנ ספּאַרטע אפנ וועג פונ דעראָבערונגענ. אייַנגענומענ די גאַנצע געגנט פונ לאַקאָניע, האָט ספּאַרטע אינ VIII יאָרה. פאַר דער נייַער ערע פארפירט א מילכאָמע מיט מעסעניע. די מעסענער האָבנ א לאַנגע צייַט אקשאָנעסדיק פארטיידיקט זייער זעלבשטענדיקייַט, אָבער די ספּאַרטאַנער האָבנ זיי באַזיגט אונ די גאַנצע אונטערטעניקטע באַפעלקערונג פארוואַנדלט אינ הילאָטנ. קעדיי ניט ווערנ קיינ קנעכט, האָט א טייל מעסענער פארלאָזנ דאָס היימלאַנד.

נאָכ מעסעניע זייַנענ אייַנגענומענ געוואָרנ אויכ אנדערע געגנטנ.

אלע איבעריקע מעלוכעס פונ פעלאָפּאָנעס האָבנ דערפילט די קראפט פונ דער אופשטייַגנדער ספארטע אונ האָבנ געזוכט צו שליסנ מיט איר א בונד. ביסלעכוויַיז האָט זיכ אינ VI יאָרה. פאר דער נייַער ערע אויסגעבילדעט דער פעלאָפאָנעסער פארבאנד אונטער דער אָנפירונג פונ ספארטע. אינ דעם פארבאנד זיַינענ אריַינגעטראָטנ קימאט אלע פעלאָפאָנעסער לענדער.

א שווער-באוואָפנטער גריכישער זעלנער (א האָפליט).

דער ציל פונעם פעלאָפאָנעסער פארבאנד איז געווענ — באשיצנ די אריסטאָקראטישע אָרדענונג אינ די מעלוכעס פונעם פארבאנד אונ פירנ א קאמפ קעגנ די שקלאפנ.

ספארטע האָט אָנגעפירט מיט די אויסערנ- אונ אינערנ-איניאָנים פונעם פעלאָפאָנעסער פארבאנד. אזא אָנפירנדיקע ראָליע האָט געהייסנ העגעמאָניע. אדאנק איר העגעמאָניע איז ספארטע געוואָרנ באוווסט אויכ אויסער די גרענעצנ פונ פעלאָפאָנעס.

די ספארטאנישע אריסטאָקראטיע איז געווענ דער זיַיל פונ דעם אלטנ רעזשים אינ גאנצ גריכנלאנד. די אריסטאָקראטנ פונ די אנדערע גריכישע מעלוכעס פלעגנ זיכ ווענדנ צו איר נאָכ הילפ אינ קאמפ קעגנ דעם דעמאָס (פאָלק).

אינ V יאָרה. פאר דער נייַער ערע האָט דער איַינפלוס פונ ספארטע אפ די גריכישע איניאָנים גענומענ קלענער ווערנ. אינ אָט דער צייַט האָט זיכ ארויסגערוקט א נייַע מעלוכע, די אטענישע. די אטענישע מעלוכע האָט ביסלעכוויַיז גענומענ שפילנ די הויפט-ראָליע צווישנ די גריכישע מעלוכעס.

III. די אויסבילדונג פונ דער אטענישער מעלוכע.

§ 41. דאָס לאנד אונ די באפעלקערונג.

די אורעלטסטע אטיקע.

די נאטור פונ אטיקע.

אטיקע האָט זיכ געפונענ אינ דאָרעמ-מיזרעכ-טייל פונ מיטל-גריכנלאנד אונ איז געווענ איַינגעשניטנ וויַיט אינ יאמ אריַינ. פונ בעאָטיע איז זי געווענ אָפגעטיילט מיט א בארג-רוקנ, פונ פעלאָפאָנעס — מיטנ קאָרינפער לאנדפאס, אונ פונ די איבעריקע זיַיטנ פלעגט זי באשווענקט ווערנ דורכנ יאמ. די ברעגנ פונ אטיקע זיַינענ געווענ שטארק איַינגעשניטנ אונ האָבנ פארמאָגט טיפע אונ רויִקע האפנס, באקוועמע פאר שיפגאנג. צווישנ זיי איז דער הויפט-האפנ געווענ פירעי.

די ערד-טיפעניש̈נ פונ אטיקע זייַנען רייַך אינ מינעראלנ. אינ די בערג פלעגט מענ געפינענ זייער א סאכ בעסטע סאָרטנ מארמאָר. די לאווריָאָנער בערג האָבנ אנטהאלטנ א סאכ זילבער, דאָרט האָט מענ פרי גענומענ בויענ ארצגרובנ אפ ארויסצובאקומענ דאָס זילבער. די ערד פונעם אטענער פלייַנ איז געווענ פא-סיק פאר ערדארבעט, איבערהויפט פאר סאָדצוכט. אינ די בארגיקע ערטער האָט זיכ די באפעלקערונג באשעפטיקט מיט פיצוכט, באַם ברעג יאם — מיט האנדל אונ האנטווערקערייַ.

אטענ. די מעלוכע־
אָרדענונג.

אינ אטיקע האָבנ געוווינט די יאָנער. צווישנ זייערע געמיינדעס האָט זיכ פרי אויסגעצייכנט די אטענישע גע-מיינדע. זי האָט זיכ געפונענ ניט ווייַט פונ יאם, האָט פארמאָגט א גוטנ האפנ אונ איז צווישנ די אנדערע געמיינדעס געווענ בארימט מיט איר אומצוטריטלעכנ אקראָפאָל (קרעמל).

וואָס שטארקער עס איז געוואָרנ די אטענישע געמיינדע, אלץ מער זייַנענ אלע אנדערע געמיינדעס פונ אטיקע ארונטערגעפאלנ אונטער איר מאכט, אָדער זיי האָבנ זיכ פרייַוויליק צונויפגעגאָסנ מיט איר אפנ סמאכ פונ אנ אָפמאכ. די לעגענדע דערציילט, אז די פארייניקונג פונ אטיקע אונטער דער מאכט פונ אטענ אונ די אויסבילדונג פונ דער מעלוכע זאָל עס האָבנ דורכגעפירט דער אטענישער קייסער טעסיי.

די ערשטע צייַט איז בעראָש פונ דער אטענישער מעלוכע געשטאנענ א באַ־סיליי, וואָס האָט געוווינט אינעם אקראָפאָל. ער איז געווענ אויבער-רעגירער, פריסטער, ריכטער אונ נאטשאלניק פונעם אטענישנ מיליטער. רעגירנ מיט דער מעלוכע האָט אימ געהאָלפנ א ראט פונ דער אריסטאָקראטיע. די זיצונגענ פונעמ ראט פלעגנ פאָרקומענ אפנ פעלדזיקנ בערגל, וואָס איז געווענ געהייליקט צומ גאָט פונ מילכאָמע — ארעס. פונדאנענ שטאמט אויכ דער נאָמענ פונ דעמ ראט — ארעאָפאג. אינעם פרייַקנ פעריאָד פונ דער אטענישער מעלוכע איז דער ארעאָ־פאג צוגלייַכ מיטנ באסיליי געווענ דער הויפט־אָרגאנ פונ דער מאכט.

די פרייַע באפעלקערונג האָט זיכ געטיילט אפ צוויי גרונט־גרופעס: עווּפא-טרידנ, דה. דער מעיוכעסדיקער שטאנד, די אריסטאָקראטנ, אונ דעמאָס, דה. דער פאָשעטער אוילעמ.

שפעטער האָבנ די עווּפאטרידנ גענומענ אויסוויילנ פונ צווישנ זיכ א קריגס־נאטשאלניק — א פאָלעמארכ. מיט דער צייַט האָבנ אויכ די איבעריקע



לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטנ אינ גריכנלאנד.

איניאָנימ גענומענע אריבערגייענ פונעמ באסיליי צו די ארכאָנטנ (רעגירער). דעמ באסיליי זייַנענ פארבליבנ בלויז די פריסטער־פליכטנ. שפּעטער איז די מאכט פונעמ באסיליי איינגאנצנ אָפּגעשאפט געוואָרנ, דעמ פריסטער האָט מענ אויכ גענומענע אויסוויילנ. די אלע אמטנ האָבנ פארנומענ די עופּאטרידנ.

די פּאָלקס-מאסע (דער דעמאָס) איז פארבליבנ אינ א רעכטלאָזער לאגע אונ האָט אינעמ רעגירנ מיט דער מעלוכע קיינ אָנטייל ניט גענומענ. צומאָל פלעגט מענ בלויז צונויפרופנ די פּאָלקס-פארזאמלונג, ווו מע פלעגט מעלדנ וועגנ די באשלוסנ פונ דער מאכט.

די בויוועס=שקלאפעריי.

אינ אטיקע האָבנ געווינט א סאכ קלייַנע ערדבאזיצער. זיי האָבנ געפירט א זעלבשטענדיקעווירטשאפט אפּ קליינע שטיקלעכ ערד. וואָס מער עס איז געוואָקסנ די באפעלקערונג, אלץ מער צעדרויבלט אונ צעפּיצלט זייַנענ געוואָרנ די דאָזיקע ערד־באצירקנ; קויפנ, ווידער, נייַע ערד איז די אָרעמשאפט ניט אימשטאנד געווענ.

אינ אזוינע באדינגונגענ האָבנ זיי געמוזט נעמענ האלוואָעס בא די עופּאטרידנ. די עופּאטרידנ פלעגנ גערנ אויסלייַענ די פויערימ זריִע אָדער א געוויסע סומע געלט. דערבייַ פלעגנ זיי אפּ דער ערד פונעמ באלכויוו אוועקשטעלנ א שטיינ, אונ אפּנ שטיינ פארשרייַבנ די סומע פונעמ כויוו אונ דעמ טערמינ, ווענ ער דארפ אָפּגעצאָלט ווערנ. (געווענ א צייַט, ווענ די גאנצע פויערשע ערד אינ אטיקע איז געווענ פול מיט אזוינע כויוועס-שטיינער.) בייסנ געבנ די האלוואָע, פלעגנ די עופּאטרידנ פאָדערנ, אז דאָס דעקנ דעמ כויוו זאָל גאראנטירט ווערנ דורכ דעמ באלכויווס ערד. דאָס האָט באטייַט, אז אויב דער כויוו וועט ניט אָפּגעצאָלט ווערנ צומ באשטימטנ טערמינ, ווערט דער פויערשער ערד-באצירק אנ אייגנטומ פונעמ עופּאטריד. די פויערימ זייַנענ טאקע גאנצ אָפט ניט געווענ אימשטאנד אייַנצוצאָלנ דעמ כויוו, פלעגט זייער ערד אריבערגייענ צו די גרויסע ערדבאזיצער.

אויב דער כויוו פלעגט באטרעפנ מער איידער עס איז ווערט דער ערד־באצירק, האָט דער באלכויוו פאר דעמ איבעריקנ טייל כויוו געמוזט אָפּארבעטנ באמ עופּאטריד. אזויארומ פלעגט ער פארשקלאפט ווערנ צומ עופּאטריד. עס פלעגט אויכ פּאסירנ, אז קעדיי צו קאָנענ באצאָלנ דעמ כויוו, האָט דער פויער געמוזט זיכ זעלבסט אָדער זייַנע קינדער פארקויפנ פאר קנעכט, אפילע אינ פרעמדע לענדער. אָט אפּ אזא אויפנ פלעגנ די פויערימ פארלירנ די ערד אונ ווערנ פארשקלאפט.

§ 42. דער רעוואָליוציאָנערער קאמפּ. סאָלאָנ.

דער אטענישער דעמאָס איז געווענ אומצופרידנ מיט אזא אָרדענונג. ביסלעכווייַז איז די אומצופרידנקייַט אויסגעוואקסנ אזוי שטארק, אז די פּאָלקס-מאסנ זייַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ זייערע פארשקלאפער. דער אטענישער דעמאָס האָט פריער פאר אלצ גענומענע פאָדערנ, מע זאָל צונויפשטעלנ געשריבענע געזעצנ.

דראקאָנס געזעצנ.

ביז יענער צייַט זייַנענ אינ אטענ ניט געווענ קיינ געשריבענע געזעצנ; מישפּעטנ פלעגט מענ נאָכ די אלטע טראדיציעס נאָכ. די עופּאטרידנ האָבנ געהאלטנ דעמ געריכט אינ זייערע הענט, אונ זיי פלעגנ שטענדיק מישפּעטנ לעטויוועס די רייַכע.

אונטערנ דרוק פונעמ פּאָלק האָבנ די עוופּאַטרידנ געמוזט גײנ אפ האנאָכעס. אינ יאָר 621 פאַר דער נײַער ערע האָבנ זײ באַופטראָגט אײנעמ פונ די ארכאָנטנ — *דראקאָנענ* — צונויפצושטעלנ געשריבענע געזעצנ.

די געזעצנ, וואָס דראקאָנ האָט אײַנגעפירט, זײַנענ געווענ אויסערסט שטרענגע. באַזונדערס האַרבע שטראָפנ זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ פאַר פאַרברעכנס קעגנ אײגנטומ. אפילע פאַר א קלײנער גנײווע האָט געקומט טויט-שטראָף. שפּעטער זײַנענ דראקאָנס געזעצנ געוואָרנ א סינאָנימ פונ ברוטאַלקײַט אזוי, אז אפ יעדנ נײַעמ שטרענגנ געזעצ פלעגט מענ זאָגנ, אז דאָס איז א „דראקאָנישער געזעצ”. מיר זעענ אזויארומ, אז האגאמ געזעצנ זײַנענ יאָ געוואָרנ פאַרשריבנ, אָבער די לאַגע פונעמ דעמאָס האָבנ זײ ניט פאַרבעסערט. דעריבער האָבנ די אומרוענ ניט אויפגעהערט.

די עוופּאַטרידנ האָבנ געמוזט אײַנגײנ אפ נײַע האנאָכעס. אינ רעזולטאַט דערפונ איז געקומענ *סאָלאָנס געזעצגעבונג*.

די פאַרניכטונג פונ דער כויוועס-שקלאַפערײַ.

אינ יאָר 594 פאַר דער נײַער ערע איז סאָלאָנ אויסגעווײלט געוואָרנ אַלס ערשטער ארכאָנט פונ אטענ אונ האָט באַקומענ אַנ אויפטראָג צו מאַכנ שאָלעמ צווישנ דעמ פּאָלק אונ דער אריסטאָקראַטיע. די לאַגע פונ די קלײנע ערדבאַזיצער איז דאַנ געווענ זײער א שווערע. די צאָל כויוועס-שטײנער האָט געהאַלטנ אינ אײנ וואַקסנ. א סאַך אטענער בירגער האָבנ פרײַוויליק פאַרלאָזט זײער הײמלאַנד אָדער פאַרקויפט זיכ פאַר קנעכט. קעדײ א סאָפ מאַכנ צו אָט דער לאַגע, האָט סאָלאָנ באַשלאָסנ דורכצופירנ אײניקע מאָסמיטלענ, וואָס האָבנ געהאַט א רעוואָליוציאָנערנ כאַראַקטער.

דאָס ערשטע מאָסמיטל איז געווענ דאָס „אראָפּנעמענ די כויוועס”. סאָלאָנ האָט באַפוילנ אראָפּצונעמענ פונ די פעלדער די כויוועס-שטײנער, ער האָט אַנולירט די כויוועס אונ פאַרבאָטנ אפ ווײַטער די כויוועס-שקלאַפערײַ. די ערד, וואָס איז אָפּגענומענ געוואָרנ פאַר כויוועס, האָט מענ אומגעקערט צו די פריערדיקע באַזיצער. א טײל בירגער, וואָס זײַנענ פאַרקויפט געוואָרנ אַלס קנעכט אינ פרעמדע לענדער, זײַנענ אויסגעקויפט געוואָרנ אפנ כעזשבנ פונ דער מעלוכע. די אַלע מאָסמיטלענ זײַנענ געווענ געצילט קעגנ דער אגראַרער אריסטאָקראַטיע. אונ כאָטש אירע אינטערעסנ זײַנענ אינ פיל הינזיכטנ אָנגערירט געוואָרנ, דאָכ האָט זי אויס מורע פאַר אַנ אופשטאַנד פונעמ דעמאָס געמוזט אײַנגײנ אפ האנאָכעס. די עוופּאַטרידנ האָבנ געהאָפט, אז שפּעטער וועלנ זיכ ווידער אומקערנ די אַלטע צײַטנ.

עס ווערט אײַנגעפירט א פאַרמעגנס-צענז.

סאָלאָנ האָט אײַנגעפירט א נײַע טײלונג פונ די בירגער אפ קאַטעגאָריעס אינ העסקעמ מיט זײערע האכנאָסעס. אזוינע קאַטעגאָריעס זײַנענ אײַנגעפירט געוואָרנ פיר.

צו דער *ערשטער קאַטעגאָריע* האָבנ געהערט אזוינע בירגער, וואָס באַקומענ פונ זײערע פעלדער ניט ווײניקער ווי 500 מעדימנענ (*מעדימנ* — $52\frac{1}{2}$ ליטער) גערשטנ אָדער אַנ אַנטשפּרעכיקע צאָל אײל צי ווײַנ. אָט די העכסטע אונ רײַכסטע קאַטעגאָריע מענטשנ האָט געהײסנ „*פינפהונדערטמעסטלדיקע*”.

צו דער *צווײטער קאַטעגאָריע* האָבנ געהערט די, וואָס דער אײַנקונפט פונ זײערע פעלדער האָט באַטראָפנ ניט ווײניקער ווי 300 מעדימנענ,

גריכישע רײַטער.

אזוינע בירגער האָבן געהייסן „רײַטער“, ווײַל זיי האָבן געהאט מיטלען אפ אויסצוהאלטן א פערד; זיי האָבן געדינט אין רײַטער-מיליטער.

צו דער דריטער קאטעגאָריע האָט סאָלאָן פארעכנט די בירגער, וואָס זייער האכנאָסע האָט באטראָפן ניט ווייניקער ווי 200 מעדימנען. זיי האָבן גע-הייסן „זעוגיטן“, ווײַל זיי האָבן פארמאָגט די נייטיקע מיטלען אפ אײַנצוקויפן אן אָקסן-געשפאן (זעוגאָס — געשפאן).

ענדלעך, צו דער פערטער קאטעגאָריע האָבן געהערט די אלע, וואָס זייער האכנאָסע פון דער ערד איז געווען נאָך קלענער, אָדער אזוינע, וואָס האָבן גאָר קיין ערד ניט פארמאָגט. דאָס זײַנען געווען די פעטן.

דער איבעריקער טייל באפעלקערונג איז באשטאנען פון אזויגערופענע מעטעקן, דה. אויסלענדער, וואָס האָבן זיך אין אטען באשעפטיקט מיט האנדל און מעלאָכע, און פון שקלאפן. די שקלאפן האָבן ניט געהאט קיין שום רעכט.

די רעכט און די פליכטן פון די בירגער.

די מעלוכע-אמטן און מיליטער-אמטן פלעגן פארטיילט ווערן אין הע̈סקעם מיט דער טיילונג פון די בירגער לויטן פארמעגן. אפ די העכסטע מעלוכע-פאָסטנס פלעגן אוועקגעשטעלט ווערן בלויז אזוינע, וואָס האָבן געהערט צו דער ערשטער, צו דער רײַכסטער, קאטעגאָריע. פון צווישן אָט דער קאטעגאָריע פלעגט מען אויסוויילן די ארכאָנטן און די מיטגלידער פון דעם ארעאָפאג. די צווייטע קאטעגאָריע האָט געדינט אין רײַטער-מיליטער. די דריטע קאטעגאָריע האָט געדינט אינעם פוסגייער-מיליטער און האָט געטראָגן שווערע באוואָפנונג (ברוסט-פאנצערס, שילד-פאנצערס, פוס-פאנצערס, א העלם, א שווערד, א שפיז).

די מיטגלידער פון דעם ראט פון פיר הונדערט, וועלכן סאָלאָן האָט געשאפן, פלעגן אויך אויסגעוויילט ווערן פון צווישן די ערשטע דרײַ קאטעגאָריעס.

לויט סאָלאָנס געדאַנק, האָבן דער אַרעאָפּאַג און דער ראַט פון פיר הונדערט געזאָלט באַוואָרענען די מעלוכע קעגן איבערקערענישן.

די פערטע קאַטעגאָריע — די פעטן — האָבן באַקומען דאָס רעכט בלויז צו באַטייליקן זיך אין דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג און אינעם געריכט פון די געשוואָרענע. פאַקטיש אָבער האָבן זיי קיין שום רעכט ניט דעראָבערט. די פעטן האָבן ניט געקאָנט אויסגעווײלט ווערן אף קיין שום מעלוכע-שטעלע. זיי האָבן אויך ניט געקאָנט אויסנוצן דאָס רעכט אָנטיילצונעמען אינעם געריכט פון די געשוואָרענע, ווײַל די אָרעמשאַפט האָט ניט געהאַט דערויף קיין פרײַע צײַט.

אָט דאָס זײַנען די אַטענישע מעלוכע-רעפאָרמעס, וואָס סאָלאָן האָט דורכגעפירט.

די באַדײַטונג פון סאָלאָנס רעפאָרמעס איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אַרונטערגעריסן די מאַכט פון די עופּאַטרידן. דערבײַ אָבער האָט ער זיך מיט זיי ניט צערעכנט ביזן סאָף. ער האָט פאַרפעסטיקט די לאַגע בלויז פון די מיטעלע שקלאַפנבאַזיצער, די אָרעמשאַפט אָבער האָט ער ניט באַפרידיקט.

אומצופרידנקײַט מיט סאָלאָנס רעפאָרמעס.

סאָלאָן זעלבסט פלעגט זאָגן, אַז ער האָט ניט געוואָלט באַוואָלענען ניט די עופּאַטרידן, ניט דעם דעמאָס. זײַנען טאַקע מיט סאָלאָנען אומצופרידן געווען אי די אי יענע. די עופּאַטרידן זײַנען אומצופרידן געווען דערפאַר, וואָס סאָלאָן האָט אופגעהויבן די באַדײַטונג פון די הענדלער, האַנטווערקער און קלײנע ערד-אײגנטימער. דער אַטענער דעמאָס ווידער איז אומצופרידן געווען מיט סאָלאָנען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אויסגעגליכן אַלעמען אינעם ערד-אײגנטום און אין די רעכט. און בעעמעס טאַקע, די לאַגע פון דער אָרעמשאַפט האָט זיך קנאַפּ-וואָס פאַרבעסערט דערפון, וואָס עס זײַנען אָפּגעשאַפט געוואָרן די אַלטע כויוועס. סײַ ווי האָט זי קיין אַנדער ברײרע ניט געהאַט, ווי אַרײַנצוקריכן אין נײַע כויוועס. דעריבער זײַנען נאָך סאָלאָנס רעפאָרמעס ניט נאָר ניט אײַנגעשטילט געוואָרן די פאָלקס-אומרוען, נאָר, פאַרקערט, זיי זײַנען געוואָרן נאָך שטאַרקער.

43 §. די טיראַניע אין אַטען. קליספענס רעפאָרמע.

פּיסיסטראַט.

אין אָט דעם פעריאָד פון די פאָלקס-אומרוען האָט זיך אַרויסגערוקט סאָלאָנס אַ קאָרעוו פּ י ס י ס ט ר אַ ט. ער האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט צו קריגן די שטיצע פונעם דעמאָס. פּיסיסטראַט פלעגט אַרויסטרעטן מיט פײַערדיקע רעדעס קעגן די עופּאַטרידן און האָט אַזוי־אַרום געוווּנען דעם צוטרוי פונעם דעמאָס. אויסנוצנדיק אָט דעם צוטרוי, האָט ער אין יאָר 560 פאַר דער נײַער ערע פאַרכאַפּט די מאַכט און גענומען זעלבסטהערשעריש צו רעגירן אין אַטען. אַזאַ זעלבסטהערשערישע רעגירונג-סיסטעם האָט בײַ די גריכן געהייסן ט י ר אַ נ י ע, און דער רעגירער זעלבסט — ט י ר אַ נ.

אין די אינטערעסן פונעם פויערטום האָט פּיסיסטראַט זיך באַמיט אופצוהייבן די ערדאַרבעט. ער האָט אײַנגעפירט מעלוכע-קרעדיט פאַר די נויטבאַדערפטיקסטע ערדאַרבעטער, פאַרברייטערט די רעכט פון די דאָרפישע געמיינדעס (דעמען) און באַשטימט פאַר זיי ספּעציעלע דאָרפישע ריכטער.

אין די אינטערעסן פון די הענדלער און האנטווערקער האָט פּיסיסטראט פאַר־שטאַרקט די שיפבויונג. אין זיין צייט האָט אַטען אָנגעהויבן ווערן אַ מעכטיקע יאַם-מעלוכע. פּיסיסטראַט האָט אָנגעקניפּט האנדלס-באַציִונגען מיט אַ סאַך מעלו־כעס פון עגייִשן יאַם. ער פלעגט אָפט שליסן מיט זיי קריגס-בונדן. אין זיין צייט האָט זיך שנעל געגומען אַנטוויקלען די האַנטווערקערײַ. עס האָבן זיך גע־עפנט אַ סאַך ווארשטאַטן, ווו עס האָבן געאַרבעט שקלאַפן.

פּיסיסטראַט האָט דער ערשטער גענומען פירן אַ ברייטע בויונגס־אַרבעט אין אַטען: ער האָט אויסגעבויט טעמפּלען, וועגן און וואַסער־לייטונגען. ער פלעגט פּראָטעזשירן די פּאָעטן און קינסטלער. לויט זיין פאַראָרדענונג איז אין אַטען פאַרשריבן און באַאַרבעט געוואָרן די „איליאַדע" און די „אָדיסייע".

אָט די אַלע מאָסמיטלען פּיסיסטראַטס האָבן שטאַרק אָפּגעשוואַכט די מאַכט פון דער אַלטער שטאַם-אַריסטאָקראַטיע. אָפּ איר אָרט האָבן זיך אַרויסגערוקט די הענדלער, האַנטווערקער און די פאַרמעגלעכע פּויערים.

היפּי און היפּאַרכ.

פּיסיסטראַט איז געשטאָרבן אין יאָר 527 פאַר דער נייער ערע. פאַר זיין טויט האָט ער איבערגעגעבן דעם רעגירונגס־רודער צו זיינע זין היפּי און היפּאַרכ. אָט די טיראַנען האָבן זיך אופגעפירט מיט גרויס גיוווּע, האָבן זיך ניט גערעכנט מיטן פאָלק און אונטער־דריקט די בירגער. די טיראַניִע האָט דעגענערירט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברוטאַלער מאַכט. אומעטום האָט געהערשט ווילקיר און געוואַלט. סאָף־קאָלסאָף איז דאָס פאָלק אופגעבראַכט געוואָרן. היפּאַרכ איז דערהאַרגעט גע־וואָרן, היפּי איז שפּעטער פאַרטריבן געוואָרן פון אַטען. די טיראַניִע איז גע־פאַלן.

קעדיי ניט צו דערלאָזן, אַז די טיראַניִע זאָל זיך איבערכאַזערן, האָבן די אַטע־נער איינגעפירט אַ געזעץ, וואָס האָט אַזוי געזאָגט: „ווער עס וועט אופשטיין, קעדיי צו ווערן אַ טיראַן, יענער וועט מיט דעם גאַנצן שטאַם זיינעם פאַרלירן די בירגער־רעכט". אַכוץ דעם האָבן די אַטענער באַשלאָסן אויסצואַרבעטן נייע געזעצן, וואָס זאָלן פאַרברייטערן די רעכט פונעם פאָלק און זאָלן אָפּ שטענדיק מאַכן אַ סאָף צו דער טיראַניִע.

קליספענעס רעפאָרמען (509־טן יאָר פאַר דער נייער ערע).

אויסאַרבעטן די נייע געזעצן האָט מען באַופטראָגט דעם אָנפירער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קליספענעס. קליספענעס האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס אָנ־שטאָט 4 פילעס האָט ער געגרינדעט אין אַטיקע 10 פי־לעס, דערביי זיינען די פילעס געבויט געוואָרן ניט לויטן שטאַם־סימען, נאָר לויטן טעריטאָריִעלן. ביז קליספענעס האָבן זיך די פילעס געטיילט לויטן שטאַם-סימען. איז דערפאַר די שטאַם-אַריסטאָקראַטיע געווען זייער שטאַרק. אָפּ אַלע פּאָסטנס פלעגט מען אויסוויילן בלויז די מיטגלידער פון דער שטאַם־אַריסטאָ־קראַטיע. קליספענעס האָט צעקלאַפּט אָט די אַלטע נעסטן פון דער אַריסטאָקראַטיע. אַצינד זיינען די פילעס אויסגעבילדעט געוואָרן ניט פון שטאַמען, נאָר פון באַ־זונדערע געגנטן. אין יעדער פילע פלעגן אַריינגיין אַריסטאָקראַטישע און ניט־אַריסטאָקראַטישע שקלאַפנבאַזיצער און אויך קליינ-פּויערים פון פאַרשיידענע שטאַ־מען.

מיט אָט דער רעפאָרמע האָט קליספענעס ווי „צונויפגעמישט" אַלע בירגער און

זיי געגעבנ אלעמענ אלציינע רעכט. אזויארומ איז פארניכטעט געוואָרנ די טיי־לונג אפ אריסטאָקראטנ אונ ניט־אריסטאָקראטנ.

אזוי ווי די צאָל פילעס זײַנענ, לויט דער רעפאָרמע, פארגרעסערט געוואָרנ, איז אויכ די צאָל מיטגלידער פונעמ ראט פארגרעסערט געוואָרנ ביז 500 (צו 50 מיטגלידער פונ יעדער פילע). פונ דאנ אָנ האָט ער גענומענ הייסנ ראט פונ פינפ הונדערט.

אָסטראַקיזמ.

א צווייט וויכטיק מאָסמיטל קליספענס איז געווענ דאָס אײַנפירנ דעמ אָסטראַקיזם אָדער דעמ „געריכט פונ שערבלעכ״. אזא מינ געריכט איז געגרינדעט געוואָרנ צוליב דעמ, קעדיי ניט צו דערלאָזנ אינ דער צוקונפט קיינ טיראניע. יעדער בירגער, וואָס אפ אימ פלעגט פאלנ א פארדאכט, אז ער קלײַבט זיכ ארויסטרעטנ קעגנ דער פרײַהײַט פונ דער מעלוכע, פלעגט לויטנ אורטייל פונ אָט דעמ געריכט פארטריבנ ווערנ פונ אטענ אפ 10 יאָר.

דער געריכט פלעגט פאָרקומענ אפ אזא אויפנ. איינ מאָל אינ יאָר, פרילינג־צײַט, פלעגט די פאָלקס־פארזאמלונג לייזנ די פראגע, צי דארפ מענ ניט צו ווע־מענ־עס־איז פונ די בירגער אָנווענדנ דעמ אָסטראַקיזמ. האָט די פארזאמלונג גע־זאָגט „יאָ״, פלעגט מענ צונויפרופנ א צווייטע פארזאמלונג, אפ וועלכער עס פלעגט פאָרקומענ דער געריכט. יעדער בירגער האָט געשריבנ אפ א ליימענ שערבל (אָסטראַקאָנ) דעמ נאָמענ פונ דעמ מענטשנ, וועלכער איז, לויט דער מיינונג פונ־נעמ בירגער, געפערלעכ פאר דער מעלוכע. דאָ פלעגנ, נאטירלעכ, זײַנ נעמענ פונ פארשיידענע פערזאָנענ. פארטרײַבנ פלעגט מענ דעמ בירגער, וואָס זײַנ נאָמענ האָט געהאט קעגנ זיכ די מערהײַט שטימענ. אינ 10 יאָר ארומ פלעגט ער מעגנ צו־ריקקערנ זיכ אהיימ אונ באקומענ אלע רעכט, וואָס ער האָט געהאט ביזנ פארטרײַבנ.

די שקלאפנבאזיצעריישע דעמאָקראטיע.

אינ רעזולטאט פונ סאָלאָנס, פיסיסטראטס אונ קליס־פענס רעפאָרמעס, וואָס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ אינ פארלויפ פונ דעמ גאנצנ VI יאָרהונדערט פאר דער נײַ־ער ערע, זײַנענ אינ אטענ אזויארומ ענדגילטיק פארניכטעט געוואָרנ די רעשטנ

א שערבל צומ אָפשטימענ באמ אָסטראַקיזמ (אפנ שערבל שטייט טעמיסטאָקלס נאָמענ).

פון דער שטאַם-אָרדענונג. אָנשטאָט אַן אַריסטאָקראַטישע איז די אַטענישע מע־לוכע געוואָרן אַ דעמאָקראַטישע. יעטווידער בירגער האָט איצט געהאַט דאָס רעכט אָנטײלצונעמען אין דער אַרבעט פון רעגירן מיט דער מעלוכע.

אָט די דעמאָקראַטיע איז אָבער געווען אַ שקלאַפנבאַזיצע־רישע. פּאָליטישע רעכט האָבן דאָ געהאַט בלויז די פרײַע בירגער פון אַטען. אין דער מערהײַט זײערער זײַנען דאָס געווען שקלאַפנבאַזיצער, גרויסע און קלײנע.

די שקלאַפן ווידער, דה. אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג פון אַטיקע, האָבן קײנע רעכט ניט געהאַט. קײן בירגער-רעכט פלעגט ניט באַקומען אַפילו אַזאַ בירגער, וואָס נאָר אײנער פון זײַנע עלטערן איז געווען ניט קײן פרײַער. גריכן, וואָס זײַנען געווען ניט קײן געבאָרענע אַטענער, האָבן אויך קײן רעכט ניט גע־האַט. צום פאַרוואַלטן מיטן לאַנד זײַנען ניט צוגעלאָזט געוואָרן אויך די פרויען.

בײַ דער שקלאַפנבאַזיצערישער אַטענישער דעמאָקראַטיע האָט אַזױאַרום גע־האַט רעכט בלויז אַ מינדערהײַט פון דער באַפעלקערונג.

IV. די גריכיש־פּערסישע מילכאָמעס און דער אויפבלי פון אַטען.

§ 44. דער אָנהײב פון דער מילכאָמע.

די קלײן-אַזיאַטישע גריכן.

צום סאָף VI יאָרה. פאַר דער נײַער ערע האָט זיך שטאַרק פאַרברײטערט דאָס פּערסישע קיניגרײַך. אין די שטעט פון קלײן-אַזיע, וועלכע קיר נאָך האָט געהאַט באַצווונגען, זײַנען אוועקגעשטעלט געוואָרן טיראַנען אָדער סאַטראַפּן, וואָס האָבן רעגירט אין נאָמען פונעם פּערסישן קײסער און האָבן גענומען פונזײַנט־וועגן באַם פאָלק אַ גרויסן צינז.

די גריכישע שטעט האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן די לאַסט פון זײער אָפּ־העגניקײַט פון די פּערסן און האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהײַט, קעדײ אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם פּערסישן יאָך.

אַזאַ געלעגנהײַט איז געקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גרויסער און אומ־געלונגענער מילכאָמע פונעם פּערסישן קײסער דאַרי קעגן סקיפיע אין יאָר 513 פאַר דער נײַער ערע.

דער מילעטער אויפשטאַנד.

פריער פון אַלע האָט זיך אויפגעהויבן די שטאָט מילעט. פאָרגעקומען איז דאָס אין יאָר 500 פאַר דער נײַער ערע. מילעט האָט זיך ניט פאַרלאָזט בלויז אויף די אײגענע קויכעס און האָט זיך געווענדט נאָך הילף צו גריכנלאַנד. אָפּגערופן זיך אויף דעם רוף האָבן אָבער בלויז אַטען און ערעטריע (אויפן אינדזל עוובעא). צו הילף מילעט האָבן זײ געשיקט 25 שיפן. די קלײן-אַזיאַטישע גריכן האָבן מיט לײַב און לעבן פאַרטײדיקט זײער פרײַהײַט, זײ האָבן אָבער געליטן אַ מאַ־פּאָלע. די פּערסן האָבן אין אַ שטורעם-אָנגריף אײַנגענומען מילעט, די שטאָט פאַרברענט און די באַפעלקערונג טײלווײַז אויסגעהאַרגעט, טײלווײַז פאַרקויפט פאַר קנעכט.

די פערסן האָבן שוין פון לאַנג כיישעק געהאַט צו אונטערטעניקן צו זיך די רײַכע האַנדלס-שטעט פון קאָנטינענטאַלע גריכנלאַנד. און ווען די גריכן זײַנען געקומען צו הילף דעם אופגעשטאַנענעם מילעט, האָט דאַרי עס אויסגענוצט אַפ צו פאַרפירן אַ מילכאָמע קעגן גריכנלאַנד. ער האָט צעשיקט געזאַנדטע אין אַלע גריכישע לענדער און געפאָדערט „ערד און וואַסער”. די פאָדערונג האָט באַטײַט — אונטערוואַרפן זיך אונטער דער מאַכט פון פערסיע. אַ סאַך מעלוכעס האָבן זיך איבערגעשראָקן פאַר די פערסן און האָבן געגעבן „ערד און וואַסער”. בלויז די אַטענער און די ספּאַרטאַנער האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד. די אַטענער האָבן דערמאָרדעט די געזאַנדטע, די ספּאַרטאַנער האָבן אַרײַנגעוואָרפן דאַריס געזאַנדטע אין ברונעם אַרײַן און געזאָגט דערבײַ: „קריגט אײַך דאָרט וויפל אײַך גלוסט זיך אי ערד אי וואַסער”.

מאַרדאָניס קריגס-מאַרש. די מאַראַפאָנער שלאַכט (490-טן יאָר פאַר דער נײַער ערע).

דאַן האָט דאַרי געשיקט קיין גריכנלאַנד אַ גרויס כאַיל אונטער דער קאָמאַנדע פון זײַן קאָרעוו מאַרדאָני. די פערסישע יאַבאַשע-אַרמיי האָט אָבער געכאַפּט אַ מאַפּאָלע פון די פראַקיער שוואָטים. דער פלאָט ווידער איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך אַ שטורעמווינט באַם אַפאָנער קאַפּ (אין מאַקעדאָניע). דאַרי האָט טייקעף געשיקט קיין אַטען נײַ מיליטער. דאָס מיליטער האָט זיך אַרויסגעזעצט אין אַטיקע לעבן יִשעוו מאַראַפאָן אַפן מאַראַפאָנער פליין.

די לאַגע פון די אַטענער איז געווען זייער אַ שווערע. זיי האָבן ניט באַוויזן צו קומען צו־זיך און האָבן געקאָנט אַרויסשטעלן בלויז אַ קליינע אַרמיי. ספּאַרטע האָט צום מאָמענט פון דער שלאַכט ניט באַוויזן צוצושיקן קיין פרישע קויכעס. די אַטענער האָבן געמוזט אויסשטעלן בלויז אַפ די אייגענע קרעפטן און אַפ דער שטיצע פונעם קליינעם אָטריאַד פון דער שטאָט פּלאַטיי (אין בעאָטיע).

אַלס קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי איז באַשטימט געוואָרן דער טאַלאַנטפולער אַטענער קריגספירער מילטיאַד. זײַן קליינע, נאָר גוט באַוואָפנטע אַרמיי האָט

אַ קייווער-בערגל (קורגאַן) פון אַטענישע זעלנער, וואָס זײַנען אומגעקומען אונטער מאַראַפאָן.

ער אויסגעשטעלט אינ געשלאָסענע רייענ. דאָס גריכישע פוסגייער-מיליטער איז געווענ דיסציפּלינירטער איידער דאָס פּערסישע, דערצו איז דאָס גריכישע מיליטער געווענ שטארק באַגײַסטערט מיטנ פארלאנג צו באשיצנ די פרײַהײַט פונ זײַנ היימלאנד. די גריכנ האָבנ זיכ געשלאָגנ ווי לייבנ. די פּערסישע ארמיי האָט ניט אויסגעהאלטנ דעמ אָנדראנג, איז אָפּגעטראָטנ צו אירע שיפנ אונ פארלאָזנ גריכנלאנד.

פעמיסטאָקל. אריסטיד.

די אטענער האָבנ פארשטאנענ, אז די מילכאָמע איז נאָכ ווײַט ניט געענדיקט, אונ זיי האָבנ זיכ גענומענ גרייטנ צו א נײַעמ קאמפּ. בעראָש פונ אטענ זײַנענ דעמלט געשטאנענ צוויי אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער — פ ע מ י ס ט אָ ק ל אונ א ר י ס ט י ד. פעמיסטאָקל איז געשטאנענ בעראָש פונ דער „יאמ"-פּארטיי. ער האָט געזאָגט, אז די צוקונפט פונ אטענ איז אפנ יאמ, אז אָנ א פלאָט איז אומעגלעכ צו באזיגנ די פּערסנ. דעריבער האָט ער געפאָדערט צו בויענ שיפנ. ער האָט פאָרגעלייגט אויסצונוצנ צו דעמ ציל די אײַנקונפטנ פונ די זילבער-גרובנס אינ אטיקע.

פעמיסטאָקל.

אריסטיד ווידער האָט, פארקערט, פּארטיידיקט די אינטערעסנ פונ דער אגרארער באפעלקערונג, וואָס פאר איר האָבנ דער האנדל אונ דער פלאָט ניט געהאט אזא גרויסע באדײַטונג. אריסטיד איז ארויסגעטראָטנ קעגנ פעמיסטאָקלענ אונ געפאָדערט צו פארגרעסערנ דאָס האָפּליטנ-מיליטער (דאָס שווער-באוואָפנטע פוסגייער-מיליטער).

געזיגט האָט פעמיסטאָקלס פּארטיי, אריסטיד איז ארונטערגעפאלנ אונטערנ אָסטראקיזמ אונ איז פארטריבנ געוואָרנ פונ אטענ. דאנ איז דער אטענער פלאָט פארגרעסערט געוואָרנ אפּ 100 קריגס-שיפנ.

די „יאמ"-פּארטיי האָט געזיגט דערפאר, ווײַל געשטיצט האָבנ זי די סאָכרימ אונ האנטווערקער, וואָס זײַנענ געווענ פארבונדנ מיטנ אויסלענדישנ האנדל. די הערשאפט פונ אטענ אפנ יאמ אונ דער זיג איבער די פּערסנ האָט זיי שטארק געלוינט.

§ 45. קסערקס׳ קריגס־מארש.

די צוגרייטונג צו א נײַער מילכאָמע.

אינ פרילינג 480-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע האָט דער פּערסישער קייסער ק ס ע ר ק ס, וואָס איז ארופּ אפנ טראָנ נאָכ דאריס טויט, צונויפגענומענ א גרויסע ארמיי אונ פלאָט אונ איז אוועק מילכאָמע האלטנ קעגנ גריכנלאנד. קעדיי אריבערצופירנ די פּערסישע ארמיי פונ קליינ־אזיע צומ באלקאנישנ האלב-אינדזל, האָט קסערקס באפוילנ אויסצובויענ דורכנ העלעספּאָנט א בריק פונ שיפנ. א שטורעמ האָט די בריק צעבראָכנ. מע דערציילט, אז קסערקס איז געוואָרנ שטארק דערצאָרנט אונ האָט באפוילנ, מע זאָל די בויער פונ דער בריק קעפּנ, אונ דעמ יאמ „אָפּשמײַסנ".

דאַן האָט מען אופגעבויט א צווייטע בריק. די צווייטע איז געווען שטאַרקער פון דער ערשטער, און דאָס פּערסישע מיליטער איז בעשאָלעם אריבער קיין אייראָפּע.

קעדיי אָפּצושלאָגן דעם אָנפאַל פון די פּערסישע כאַיאָלעס, האָבן די גריכן געדאַרפט פאַרייניקן זיך. געשטערט האָבן אָבער די געוויינלעכע רײַסערײַען צווישן די גריכישע מעלוכעס. אין יאָר 481 איז בא קאָרינט (אפן לאַנדפּאַס) פּאָרגעקומען אן אַלגריכישער צוזאַמענפאָר, און פעמיסטאָקלען האָט זיך פונדעסטוועגן אײַנגעגעבן צו פאַרייניקן קעגן די פּערסן בא 30 גריכישע מעלוכעס. זיי האָבן באַשלאָסן אופהערן אַרומצורײַסן זיך און שאַפן א בונד קעגן די פּערסן. די אָנפירערשאַפט איבער אַלע גריכישע קרעפטן איז איבערגעגעבן געוואָרן צו ספּאַרטע.

די פערמאָפּילן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער בונד איז געווען ניט גענוג פעסט. ווי נאָר די פּערסן האָבן פאַרכאַפּט פעסאַליע און עס האָט זיך געשאַפן א געפאַר, אַז זיי זאָלן זיך אַרײַנרײַסן קיין מיטל-גריכנלאַנד, האָבן א סאַך מענטשן פאַרלאָרן די מוט. פעמיסטאָקל האָט אײַנגערעדט די ספּאַרטאַנער צו שיקן מיליטער צום פערמאָפּילער דורכגאַנג, קעדיי ניט דורכצולאָזן די פּערסן קיין מיטל-גריכנלאַנד. די ספּאַרטאַנער האָבן אָבער געשיקט סאַכאַקל 300 האָפּליטן אונטער דער קאָמאַנדע פונעם ספּאַרטאַנישן קייסער לעאָניד.

די ספּאַרטאַנער האָבן זיך אוועקגעלאָזט צו די פערמאָפּילן. ביז די פּערסן האָבן באַוויזן צו קומען, האָבן זיי פאַרנומען דעם דורכגאַנג צווישן די בערג און דעם יאַם. ווען עס זײַנען צוגעקומען די הויפּט-קרעפטן פון די פּערסן, האָט זיך אָנגעהויבן אן אומגלײַכער קאַמף. די גריכן האָבן צוויי טעג נאָכאַנאַנד אָפּגעשלאָגן דעם אָנגריף פון די סאָנים, אפן דריטן טאָג אָבער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז איינער א פאַררעטער האָט דורך א באַרג-סטעזשקע דורכגעפירט די פּערסן צום גריכישן הינטערלאַנד. לעאָניד האָט זיך מוטיק געשלאָגן ביזן סאָף, ביז עס איז ניט אומגעקומען זײַן גאַנצער אָטריאַד מיט אים צוזאַמען. אפן אָרט, ווו עס איז אומגעקומען לעאָניד מיט זײַן אָטריאַד, האָט מען שפּעטער אוועקגעשטעלט א דענקמאָל מיט אַזאַ אופשריפט: „רײַזנדער, גיב צו וויסן קיין ספּאַרטע, אַז מיר ליגן דאָ אין קייווער, האָבנדיק אָרנטלעך אויסגעפילט דעם געזעץ".

די סאַלאַמינער שלאַכט (480-טן יאָר פאַר דער נײַער ערע).

דורך דעם אָפענעם דורכגאַנג האָבן זיך די פּערסן אוועקגעלאָזט קיין אַטיקע, פאַרכאַפּט אַטען און זי פאַרברענט. די פרויען, קינדער און דאָס גאַנצע פאַרמעגן האָבן די אַטענער באַוויזן אַריבערצופירן אפ די אינדזלען עגינע און סאַלאַמין. אינעם שמאָלן דורכגוס לעבן סאַלאַמין איז געשטאַנען דער גריכישער פלאָט, גרייט צו באַגעגענען די פּערסן.

צווישן די גריכישע קריגספירער האָבן דאַן געהערשט פאַרשיידענע מיינונגען. ספּאַרטע און אַנדערע פעלאָפּאָנעסישע מעלוכעס האָבן געפאָדערט, אַז דער פלאָט זאָל אָפּטרעטן צום קאָרינפער לאַנדפּאַס, ווו עס זײַנען געשטאַנען די גריכישע יאַבאָשע-קרעפטן. די אַטענער ווידער מיט פעמיסטאָקלען בעראָש האָבן געטײַנעט, אַז עס לוינט בעסער צו געבן א שלאַכט אינעם שמאָלן סאַלאַמינער דורכגוס. פעמיסטאָקל האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז זײַן פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן.



א גריכישע קריגס־שיפ.

גאנצפרי האָט זיכ אָנגעהויבנ די שלאכט. די גריכישע שיפנ, וועלכע זײַנענ געווענ לײַכטער, זײַנענ אָנגעפאלנ אפנ פערסישנ פלאָט, וואָס איז באשטאנענ פונ גרויסע שיפנ. די פערסישע שיפנ איז ענג געווענ אינעמ דורכגוס, זיי האָבנ זיכ געהאלטנ אינ איינ זעצנ אפ זאמד-בענק, האָבנ זיכ געבראָכנ אָנ די אונטערוואַ-סער-שטיינער, אָנגעשטויסנ זיכ איינע אָנ די אנדערע אונ געזונקענ. אָוונט-צו האָט זיכ די שלאכט פארענדיקט מיט א פולשטענדיקנ זיג פונ די גריכנ.

דער סאָפ פונ דער מילכאָמע.

אפ צו פירנ ווײַטער די מילכאָמע קעגנ די גריכנ האָט קסערקס איבערגעלאָזנ זײַנ קריגספירער מארדאָני, אונ אליינ איז ער צוזאמענ מיט א טייל פונעמ מי-ליטער אוועק צוריק קיינ אזיע. אינ פאָלגנדיקנ, 479-טנ, יאָר האָבנ די גריכנ געגעבנ מארדאָנינ אנ אנטשיידענע שלאכט בא פלאטיי אינ בעאָטיע אונ האָבנ פולשטענדיק צעשמעטערט די פערסנ. אינ דער זעלבער צײַט איז דער אטענער פלאָט געקומענ צו שווימענ צו די ברעגנ פונ קליינ־אזיע אונ זיכ באגעגנט מיטנ פערסישנ פלאָט באמ קאפ מיקאלע. דאָ האָבנ די גריכנ ווידער אָפגעהאלטנ א זיג. דער פערסישער פלאָט איז פארברענט געוואָרנ. א לעגענדע דערציילט, אז די שלאכטנ בא פלאטיי אונ בא מיקאלע זײַנענ פאָרגעקומענ אינ איינ אונ דעמ זעלבנ טאָג.

אָבער אנ ענדגילטיקנ זיג איבער די פערסנ האָבנ די גריכנ אָפגעהאלטנ ערשט אינ 30 יאָר ארומ, באמ אינדזל קיפער (אינ יאָר 449 פאר דער נײַער ערע). אינ רעזולטאט פונ אָט די אלע זיגנ האָבנ זיכ די קליינ-אזיִאטישע גריכנ באפרײַט פונ אונטער דער מאכט פונ די פערסנ. זיי האָבנ ווידער באקומענ פולע זעלבשטענדיקײַט אונ געשלאָסנ א בונד מיט אטענ.

די גריכן האָבן זיך געשלאָגן מיט באַגײַסטערונג, ווײַל זיי האָבן באַשיצט זייער היימלאַנד און זייער פרײַהײַט. דעריבער טאַקע האָבן זיי געזיגט. די פּערסן ווידער האָבן געפירט אַ פאַרכאַפּערישע מילכאָמע, וואָס איז געווען אין די אינטערעסן בלויז פון די רײַכע און פון די אַריסטאָקראַטן, און דאָס מיליטער זייערס האָט זיך געשלאָגן נאָר אויס צוואַנג.

46 §. די אַטענישע יאַם־מעלוכע.

> די דערהויבונג פון אַטען.

די גריכיש־פּערסישע מילכאָמעס האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דער אַטענישער מעלוכע. אַזוי ווי די הויפּט־זיגן איבער די פּערסן זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויפן יאַם און אַטען האָט פאַרמאָגט דעם שטאַרקסטן פלאָט צווישן די גריכישע פאַרבינדעטע, האָט אַטען בעמיילע גענומען שפּילן אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע ראָליע צווישן די גריכישע מעלוכעס. אַ סאַך פאַרבינדעטע האָבן דעריבער גענומען זוכן די פרײַנטשאַפט פון אַטען און האָבן געבעטן די אַטענער צו נעמען אין זייערע הענט די אָנפירונג מיט דער מילכאָמע. אַזויאַרום איז די העגעמאָניע אויפן יאַם אַריבער צו אַטען.

דער רעזולטאַט פון די גריכיש־פּערסישע מילכאָמעס איז געווען, אַז אַטען איז דערהויבן געוואָרן און אין יאָר 478 איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער **אַטענער יאַם־פאַרבאַנד**.

> אַריסטיד און דער אַטענער יאַם־פאַר־באַנד.

די אידיי וועגן שאַפן אַזאַ מין פאַרבאַנד האָט אַרויסגערוקט אַריסטיד. צו אָט דער צײַט האָבן אים די אַטענער געהאַט צוריקגעקערט פון פאַרטרײַבונג. אַריסטיד האָט פולשטענדיק באַרעכטיקט דעם צוטרוי פון זײַנע מיטבירגער. פאַר זײַן ליבע צום היימלאַנד, פאַר זײַן אָנפּנײַעסדיקן און איבערגעגעבענעם דינען דעם היימלאַנד האָבן אים די גריכן אַ נאָמען געגעבן „גערעכטיקער".

אַריסטיד האָט פיל אופגעטאָן פאַרן דעמאָס. אין זײַן צײַט האָט דאָס פאָלק באַקומען אַ לײַכטערן צוטריט צו אַ סאַך פּאָסטנס.

דער פּאָרזעצער פון אַריסטידס אַקציע, **קימאָן**, האָט דערפירט ביזן סאָף די אָרגאַניזירונג פונעם אַטענער יאַם־פאַרבאַנד אַפּ פּאָלגנדיקע פרינציפּן: די מעלוכעס, וואָס זײַנען אַרײַנגעטראָטן אינעם פאַרבאַנד, האָבן געדאַרפט בויען שיפן פאַרן אַלגעמיינעם פלאָט. זיי זײַנען מעכויעוו געווען צו דינגען און אויסהאַלטן מאַטראָסן פאַר די שיפן און אײַנצאָלן יערלעך אַ געוויסע סומע אין דער אַלגעמיינער פאַרבאַנד־קאַסע — וועדליק זייערע אײַנקונפטן. די פאַרבאַנד־קאַסע האָט זיך געדאַרפט געפינען אויפן אינדזל **דעלאָס**. די פאַרטרעטער פון די פאַרבאַנדישע מעלוכעס פלעגן זיך אהער צונויפקומען אַפּ צוזאַמענפאָרן און לייזן די אַלגעמיינע איניאָנים. די אָנפירונג מיטן פאַרבאַנד האָט אָבער פאַקטיש געהערט צו אַטען.

אין אַ געוויסער צײַט אַרום זײַנען די אָפּצאָלן פון די פאַרבינדעטע פאַרגרעסערט געוואָרן, און דעקן האָט מען זיי געדאַרפט דעריקער מיט געלט. אַטען איז באַופטראָגט געוואָרן אויסצובויען פאַר דעם געלט אַ פלאָט און אויסהאַלטן

מאטראָסנ אונ מיליטער. די קאָמאנדשאפט איבער דעמ פארבינדעטנ מיליטער איז אויכ אריבער צו אטענ.

אינ יאָר 454 פאר דער נײַער ערע איז די פארבאנד-קאסע אריבערגעפירט געוואָרנ פונעמ אינדזל דעלאָס קיינ אטענ. אטענ האָט גענומענ זיכ שאפנ מיט די געלט-מיטלענ פונ פארבאנד לויטנ אייגענעמ אײַנזענ. ווענ אייניקע פארבינדעטע זײַנענ געוואָרנ אומצופרידנ דערמיט, וואָס אטענ האָט באקומענ אזא מאכט, אונ האָבנ געוואָלט ארויסטרעטנ פונעמ פארבאנד, האָבנ די אטענער געשיקט קעגנ זיי דעמ פלאָט אונ אונטערדריקט די אומצופרידענע.

אָט אזוי איז אופגעקומענ די אטענישע יאמ-מעלוכע. אינ איר באַשטאנד זײַנענ ניט ארײַנ בלויז די אריסטאָקראטישע מעלוכעס, ווי ספארטע מיט אירע פעלאָפאָנעסישע פארבינדעטע.

די אויסבילדונג פונ אזא מעלוכע האָט געהאט פאר אטענ ניט נאָר א מיליטערישע באדײַטונג, נאָר אויכ א גוואלדיקע ווירטשאפטלעכע באדײַטונג. געוואָרנ די הערשער אפנ יאמ, האָבנ די אטענער קאָנצענטרירט אינ זייערע הענט דעמ גאנצנ האנדל אינעמ עגייִשנ יאמ. די האנדלס-וועגנ האָבנ דאנ אָנגעהויבנ גיינ דורכנ אטענער האפנ פירײ. א טייל פראכט פלעגט פארבלײַבנ אינ פירײַ גופע, דער צווייטער טייל פלעגט באשטײַערט ווערנ מיט גרענעצ-אָפצאָלנ אונ אוועקגיינ ווײַטער. דאָס אלצ האָט פארמערט דאָס רײַכטומ פונ דער אטענישער מעלוכע. אטענ איז געוואָרנ די מעכטיקסטע אונ רײַכסטע מעלוכע אינ גאנצ גריכנלאנד.

די שקלאפנבאזיצערישע דעמאָקראטיע האָט געבליט ניט נאָר אינ אטענ, נאָר אויכ אינ די שטעט, וואָס זײַנענ געווענ אטענס פארבינדעטע. די אטענער האָבנ אונטערגעהאלטנ אָט די דעמאָקראטיע, שטיצנדיק זיכ אפ זייערע יאמ-קרעפטנ.

§ 47. די שקלאפערײַ.

דער האנדל און די שקלאפערײַ.

די אטענער האָבנ געפירט א האנדל ניט נאָר מיט די גריכישע מעלוכעס אונ קאָלאָניעס: זיי האָבנ אויכ געהאט פארבינדונגענ מיט די מיזרעכ-לענדער אונ מיט די ווײַטע „בארבארישע“ (ניט-גריכישע) לענדער. אזוי, לעמאָשל, געפינט מענ אינ די סקיפישע קורגאנעס (אינ דאָרעמ פונ פססר) א סאכ כפייצימ פונ דער אטענישער האנטווערקערײַ.

די מילכאָמעס מיט די בארבארנ (אזוי האָבנ בא די גריכנ, אונ שפעטער אויכ בא די רוימער, געהייסנ די אויסלענדער, דה. אלע ניט-גריכנ אונ ניט-רוימער) האָבנ אויכ געשטויסנ פאָרויס די אנטוויקלונג פונעמ האנדל. די גרויסע צאָל רויבערײַענ, פיראטנ-אָנפאלנ אונ מילכאָמעס זײַנענ געפירט געוואָרנ אויסשליסלעכ אינ די אינטערעסנ פונ די סאָכרימ. בײַס די מילכאָמעס פלעגט מענ פארכאפנ ניט נאָר דאָס רײַכטומ פונ די באזיגטע, נאָר אויכ די באזיגטע גופע, אונ פארוואנדלענ זיי אינ קנעכט. אפ די מערק אונ יארידנ האָט מענ צוגלײַכ מיט אנדערע סכוירעס פארקויפט אויכ קנעכט. מענער, פרויענ אונ קינדער פלעגט מענ ברענגענ צו פירנ אפנ מארק אונ פארקויפנ ווי יעטווידע אנדערע סכוירע. די קוינימ פלעגנ באטראכטנ די קנעכט פונ אלע זײַטנ, אָפקלײַבנ די געזינטסטע,

די שענסטע, די שטאַרקסטע, געדונגענע זיך, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט ניט וועגן מענטשן, נאָר וועגן זאַכן.

די גריכישע געזעצן האָבן דעם קנעכט ניט געהאַלטן פאַר קיין מענטשן.



א פּויער גייט אפן מאַרק; זיין שקלאַפּ גייט נאָך פון הינטן און טראָגט דעם פּויערס מאַסע.

מע פלעגט אפ אים קוקן, ווי אפ א „לעבעדיק געצייג”, וואָס געהערט דעם באַלעבאָס. די קנעכט האָבן ניט געהאַט קיינע שום רעכט, דער געזעץ האָט זיי ניט באַשיצט. דער באַלעבאָס האָט געמעגט טאָן מיט די קנעכט, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט זיי געמעגט באַשטראָפן, שלאָגן און אפילע דערמאָרדן.

די גריכן די שקלאַפנבאַזיצער פלעגן זיך באַציִען צו די שקלאַפן מיט פאַראַכטונג, האַלטנדיק זיי פאַר פוילע און נאַרישע וועזנס. האָמער נאָך האָט געשריבן אין זיין „אָדיסייע”:

„פויל איז דער קנעכט: זאָל מיט פאַראָרדענונג שטרענג ער דער האַר אים ניט צווינגען
טאָן זיין באַפעל, וועט ער גערן צו אַרבעט אליין זיך ניט נעמען.
קוים פינצטערן גורל פון ביטערער קנעכטשאַפט געצייכנט האָט עמעצן, —
צעוס, די בעסטע העלפט מיילעס פון מענטשן פאַרניכטעט ער זיינע”.

נאָך פאַר די גריכיש-פּערסישע מילכאָמעס זיינען אין אַטען געווען א סאַך שקלאַפן. נאָך די מילכאָמעס איז די צאָל שקלאַפן נאָך מער אויסגעוואַקסן.

די שקלאַפן=אַרבעט אין דער האַנט=ווערקעריי.

די אַרבעט פון די שקלאַפן פלעגט מען אָנווענדן סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט סיי אין דער האַנטווערקעריי. נאָך די גריכיש-פּערסישע מילכאָמעס האָבן זיך געעפנט א סאַך געווערב-וואַרשטאַטן, ווו געאַרבעט האָבן שקלאַפן. אין די וואַרשטאַטן פלעגט מען מאַכן פּאַנצערס, שווערדן און פיילן, באַאַרבעטן פעל אאַוו. אייניקע שטעט זיינען דורך זייערע געווערב-אַרטיקלען געווען באַרימט אין גאַנץ גריכנלאַנד. אין פּיווע פלעגט מען מאַכן רייטוועגן, אין אַרגאָס — פּאַנצערס, אין מילעט — קאָלירטע געוועבן, אין אַטען — קעראַמישע קיילים (דה. קיילים פון ליים), אין קאָרינט — בראָנזענע כפייצים. אין די גרויסע וואַרשטאַטן פלעגן אַרבעטן פון 50 ביז 100 שקלאַפן. אינעם וואַרשטאַט פונעם אָראַטאָר ליסי, ווו מע פלעגט מאַכן פּאַנצערס, האָבן



שקלאַפן אין אַרצגרובנס.

געארבעט אפילע 120 שקלאפן. אין דעמאָספּענס ווארשטאטן, ווו מע פלעגט אויסארבעטן מעסערס און בעטן, זײַנען געווען באשעפטיקט צו 20—30 שקלאפן אין יעדן ווארשטאט. אזוינע ווארשטאטן איז אָבער געווען ניט קיין סאך. די מערהײַט איז באשטאנען פון קליינע ווארשטאטלעך, ווו עס פלעגן ארבעטן צו 5—10 שקלאפן.

א גרויסע צאָל שקלאפן האָט געארבעט באַם בארג-וועזן, אין די ארצגרובנס און שטיינהעקערײַען. אין אײניקע ארצגרובנס, צום בײַשפּיל, אין די לאוריאָנער זילבער-גרובנס (אטיקע), האָבן ג ארבעט ביז עטלעכע טויזנט שקלאפן.

די טעכניק פון דער פּראָדוקציע איז דאן געווען ניט קיין הויכע. דער שקלאפנבאזיצער איז ניט געווען פארינטערעסירט צו פארפולקומען די טעכניק. מע האָט געהאלטן, אז דער שקלאפ מוז אונטער אלע אומשטענדן קענען מאכן אלץ. דערצו האָט מען דעם שקלאפ ניט געטאָרט געבן אין די הענט אַרײַן קיין קאָמפּליצירטן אינסטרומענט. ניט זײַענדיק פארינטערעסירט אין דער ארבעט, פלעגט זיך דער שקלאפ זייער שלעכט באגיין מיטן געצײַג, ער האָט עס געבראָכן, אי-בערגעפּירט. דעריבער פלעגט מען בא אזוינע ארבעטן, ווי וועבערײַ, שפּינערײַ, האָלץ-באארבעטונג, בארג-ארבעטן, געברויכן איינפאכע האנט-אינסטרומענטן. די גריכן איז געווען באוווסט דער איינפאכער וועבשטול, די טעפּער-ראָד; אין בארג-וועזן — דאָס שפּיץ-העקל, דער גראָב-אײַזן און דער האמער. עטוואָס הע-כער איז געווען די טעכניק אין מעטאל-פאך און אין בויונגס-וועזן.

לאנדווירטשאפטלעכע און מעלוכישע שקלאפן.

אין דער לאנדווירטשאפט האָט מען די שקלאפן-ארבעט געברויכט ווייניקער איידער אין האנטווערקערײַ: שקלאפן האָט מען גענוצט דעריקער אין די בײַ-שטאָטי-שע ווירטשאפטן, ווו מע פלעגט פארזעצן גרינס, און אין די גרויסע פּלאנטאציעס, ווו עס זײַנען געוואקסן ווײַנטרויבן, איילבערטן און פרוכטן. אין די קליינע פּויערשע ווירטשאפטן האָט מען שקלאפן-ארבעט אָנגע-ווענדט ווינציק וואָס, ווײַל קליין-ווירטן האָבן ניט פארמאָגט קיין מיטלען אפ צו קויפן שקלאפן.

אכוץ פּריוואטע שקלאפן זײַנען נאָך אויך געווען געזעלשאפטלעכע שקלאפן, וואָס האָבן זיך געפונען אפ מעלוכישער דינסט. זיי פלעגט מען נוצן בא די שטאָטישע ארבעטן אָדער זיי פלעגן אויספילן די פליכטן פון נידעריקע באאמטע.

אינעם אופבלי-פעריאָד פון אטען איז די צאָל שקלאפן אויסגעוואקסן אזוי שטארק, אז אפ יעדן איינציקן פרײַען מענטשן פלעגט אויסקומען ניט ווייניקער ווי איין שקלאפ, און אפ יעדן איינציקן פרײַען דערוואקסענעם מאנצבל פלעגט אויסקומען צו עטלעכע שקלאפן.

די שקלאפערײַ האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פון דער ווירטשאפט אין גריכנלאנד און האָט געבראכט דערצו, אז די באפעל-קערונג איז ענדגילטיק צעטיילט געוואָרן אפ צוויי קעגנזעצלעכע לאגערן: פרײַע און שקלאפן.

§ 48. פעריקל. דער אופבלי פון דער שקלאַפנבאַזיצערישער דעמאָקראטיע.

נאָך די גריכיש-פערסישע מילכאָמעס איז דער קאמף צווישן דער אריסטאָקראטישער און דעמאָקראטישער פארטייען געוואָרן נאָך שארפער. די אריסטאָקראטן מיט קימאָנען בעראָש האָבן געזוכט צו פארקירצן די רעכט פונעם פאָלק. קימאָן האָט געהאָלפן אפילע דער ספארטאנישער אריסטאָקראטיע. אין יאָר 464 פאר דער נײַער ערע, ווען אין ספארטע איז, אין צוזאמענהאנג מיט דער שרעקלעכער ערדציטערניש, אויסגעבראָכן אן אופשטאנד פון די הילאָטן, איז קימאָן אוועק מיט אן אָטריאד מיליטער צו הילף דער ספארטאנישער אריסטאָקראטיע.

עפיאלט.

אָט די געלעגנהײַט האָט אויסגענוצט די דעמאָקראטישע פארטיי בעראָש מיט עפיאלטן. זי איז געווען קעגן קימאָנען און האָט געפאָדערט צו פארברייטערן די פאָלקס-רעכט. קימאָן איז פארטריבן געוואָרן, און דער קאמף קעגן דער אריסטאָקראטיע האָט זיך פארשטארקט.

אין אטען איז נאָך פארבליבן איין אריסטאָקראטישע אינסטיטוציע. דאָס איז געווען דער ארעאָפאג, וואָס די מיטגלידער זײַנען געווען אויסגעוויילט אפן גאנצן לעבן. עפיאלט האָט זיך דערשלאָגן, אז באם ארעאָפאג איז פארבליבן נאָר די פונקציע פון פאנאנדערקלײַבן קרימינעלע איניאָנים. אלע איבעריקע אָנגעלעגנהײַטן זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פאָלקס-פארזאמלונג, צו דעם ראט פון פינף הונדערט און צום געריכט פון געשוואָרענע. די פאָלקס-אינסטיטוציעס האָבן אצינד אזויארום גענומען שפילן אן ערשטראנגיקע ראָליע אין דער מעלוכע.

די אריסטאָקראטישע פארטיי האָט געהאסט עפיאלטן פאר זײַנע רעפאָרמעס. זי האָט אונטערגעשיקט מערדער, און עפיאלט איז אומגעקומען.

פעריקל און זײַנע רעפאָרמעס.

אפ עפיאלטס אָרט האָט זיך געשטעלט פעריקל. אין פעריקלס צײַטן האָט די אטענער דעמאָקראטיע דערגרייכט צו איר העכסטן אופבלי. דאָס פאָלק האָט געהאט גרויס צוטרוי צו פעריקלען. א גלענצנדיקער רעדנער, מיט א שארפן סייכל און ברייטער בילדונג, האָט זיך פעריקל ארויסגערוקט אלס זעלטענער מעלוכע-טוער פונעם אנטיקן גריכנלאנד.

קוידעמקאָל האָט פעריקל צעשמעטערט די אריסטאָקראטישע פארטיי. דאַן איז ענדגילטיק אויסגעפורעמט געוואָרן די קאָנסטיטוציע (מעלוכע-סיידער) פון דער אטענער דעמאָקראטיע. לויט אָט דער קאָנסטיטוציע פלעגט די אטענישע פאָלקס-פארזאמלונג צונויפגערופן ווערן דרײַ מאָל אין כוידעש (און צומאָל אפילע אָפטער). אין דער פאָלקס-פארזאמלונג האָבן זיך באטייליקט אלע דערוואקסענע בירגער פון אטען, די פראגן פלעגן געלייזט ווערן דורכ א מערהײַט שטימען. דער ראט פון פינף הונדערט האָט געהאט צו שאפן איבער די לויפנדיקע איניאָנים, ער פלעגט אויכ צוגרייטן די איניאָנים צום באהאנדלען אין דער פאָלקס-פארזאמלונג.

די מערהײַט געריכט-איניאָנים פלעגט באטראכטן די העליִעיע (געריכט פון געשוואָרענע).

פאַקטיש אָבער האָבנ ניט אַלע בירגער געהאַט די מעגלעכקײַט אויסצונוצנ דאָס רעכט צו באַטײליקנ זיכ אינ די פאָלקס-אינסטיטוציעס. די אָרעמשאַפט, וואָס איז געוועז פאַרנומענ אַפ דער אַרבעט, האָט קײנ צײַט ניט געהאַט צו גײנ אַפ די פאַרזאַמלונגענ אונ זיצונגענ. קעדײ צוציִענ אַפ זײַנ זײַט די אַטענער אָרעמשאַפט, האָט פעריקל אײַנגעפירט, אַז פאַר באַטײליקנ זיכ אינ געריכט זאָלנ די געשוואָרענע ריכטער באַקומענ אַ געוויסע (קלײנע) באַלוינונג, דאָס זעלבע האָט ער אויכ אײַנגעפירט אַ באַלוינונג פאַר אײניקע אַנדערע אַמטנ. כוץ דעמ האָט פעריקל פאַראָרדנט, מע זאָל אָרעמע מענטשנ אַרויסגעבנ געלט אַפ באַזוכנ טעאַטער.

פעריקל.

אָט אַזאַ אָרדענונג, ווו דאָס פאָלק באַקומט רעכט אונ ווערט צוגעצויגנ צו דער אַרבעט פונ רעגירנ מיטנ לאַנד, — הײסט דעמאָקראַטיע. אָבער די אַטענישע דעמאָקראַטיע איז פאַרבליבנ אַ שקלאַפנבאַזיצערישע. ווי פריִער, האָבנ אַלע בירגער-רעכט געהאַט בלויז די אַטענישע בירגער. די שקלאַפנ, מעטעקנ אונ אַפילע די פרײַ-געבוירענע פרויענ האָבנ קײנע פאָליטישע רעכט ניט געהאַט.

אַפילע בײַ אַזאַ אויפבלי, ווי די דעמאָקראַטיע האָט דערגרײכט אינ פעריקלס צײַטנ, האָט די אַטענישע מעלוכע-אָרדענונג ניט אָפגעשאַפט די שקלאַפערײַ אונ דאָס אײגנטומ. פאַרקערט, זי האָט די שקלאַפערײַ אונ דאָס אײגנטומ באַשיצט אונ פאַרפעסטיקט. אינ פעריקלס צײַטנ האָט זיכ די שקלאַפערײַ נאָכ ברײטער אַנטוויקלט.

דער אויפבלי פונ דער אַטענישער קולטור.

פעריקל איז געוועזנ אַ מענטש מיט אַ ברײטנ אינטעלעקטועלנ האָריזאָנט אונ גרויסנ קינסטלערישנ געשמאַק. ער האָט אַ סאַכ מיטגעווירקט דער אַנטוויקלונג פונ דער אַטענישער קולטור, קונסט אונ וויסנשאַפט.

אינ פעריקלס צײַטנ פלעגנ זיכ קײנ אַטענ צונויפפאָרנ קינסטלער, שרײַבער אונ פילאָסאָפנ פונ גאַנצ גריכנלאַנד. מע פלעגט זײ ווי ווײַט מעגלעכ העלפנ אונ שטיצנ. פעריקלס פרײַנט זײַנענ געוועזנ דער פילאָסאָפ אַנאַקסאַגאָר אונ דער סקולפטאָר פידי. פעריקל האָט זיכ אויכ אינטערעסירט מיט די סאָפיסטנ, ד. ה. וואַנדערנדיקע געלערנטע, וואָס פלעגנ אונטעריכטנ פילאָסאָפיע אונ אָראַטאָרישע קונסט.

פעריקל האָט געוואָלט מאַכנ פונ אַטענ, ווי ער זעלבסט האָט זיכ אויסגעדריקט, אַ „שול פאַר גאַנצ העלאַדע".

אינ פעריקלס צײַטנ זײַנענ אינ אַטענ אויסגעבויט געוואָרנ אַ סאַכ פרעכטיקע געבײַדעס. פעריקל האָט דאָ געהאַט אינ אויג צוויי צילנ: ערשטנס, מאַכנ אַטענ שײנ אונ רומפול; צווײטנס, האָט ער דערמיט געשאַפנ אַ האַכנאָסע-קוואַל פאַר דער אָרעמסטער באַפעלקערונג אונ אַזויאַרומ צוגעצויגנ זי אַפ זײַנ זײַט.

צו די באַרימטע געבײַדעס, וואָס פּעריקל האָט אויסגעבויט, געהערט קוידעמ-קאָל דער פּראַכטפולער טעמפּל פּ א ר פ ע נ אָ נ, וואָס איז געווידמעט דער געטנ אטענע (אינעמ אקראָפּאָל). דער פּארפענאָנ איז אויסגעבויט געוואָרנ פונ טײַערנ שניי-ווײַסנ מארמאָר אונ איז געווענ ארומגערינגלט מיט א ריי שיינע זײַלנ. אינ-ווייניק אינ טעמפּל איז געשטאַנענ א גרויסע סטאַטוע פונ דער געטנ אטענע, גע-מאַכט פונ גאָלד, העלפאַנדביינ אונ איידלשטיינער. די סטאַטוע האָט, לויט פּע-ריקלס באַשטעלונג, געמאַכט דער סקולפּטאָר פידי.

אינ אטענער אקראָפּאָל האָט געפירט א שיינער ארײַנגאַנג—פּראָפּילייענ, וואָס איז געווענ באַפּוצט דורכ די בעסטע גריכישע קינסטלער.

צו די גלענצנדיקע דענקמעלער פונ דער בוי-קונסט געהערט אויכ אָ ד ע אָ נ— א געבײַדע מיט א גרויסנ זאַל פאַר מוזיק-קאָנקורסנ.

דער פּירייער האַפנ איז אינ פּעריקלס צײַטנ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אנ ערשטקלאַסיקער בוכטע פאַרנ קריגס- אונ האַנדלס-פלאָט. דער האַפנ איז געווענ פאַרייניקט מיט אטענ דורכ א שיינעמ וועג. לענגויס דעמ גאַנצנ וועג זײַנענ צו-ליב שוץ-צילנ אויסגעבויט געוואָרנ די מאַסיווע „ל א נ ג ע ו ו ע נ ט".

אָט די אַלע געבײַעס זײַנענ געווענ אויסערגעוויינלעכ איינפאַכ, פײַנ אונ גלײַכ-צײַטיק מאַיעסטעטיש.

איינער א שרײַבער, וואָס האָט באַאָבאַכט אטענ אינ פּעריקלס עפּאָכע, זאָגט אזוי: „ביסטו דאָכ א גולעמ, אויב דו האָסט ניט געזענ אטענ; אנ איזל ביסטו, אויב דו האָסט יאָ געזענ אטענ אונ ניט ניספּאָעל געוואָרנ; ביסטו ווידער מיטנ אייגענעמ ווילנ אוועק פונ אטענ—ביסטו א קעמל".

מיטלענ אפ צו בויענ די שטאָט אונ טיילנ געלט צווישנ דער אָרעמשאַפט



דער פלאַנ פונ אטענ אונ פּיריי.



דער אַטענישער אַקראָפּאָל אין אַלטערטום (רעקאָנסטרוּירט).

האָט פּעריקל געשעפּט פונ די אָפּצאָלנ פונ די פאַרבינדעטע, פונעמ האַנדל אונ פונ עקספּלואַטירנ שקלאַפנ-אַרבעט. אָט די קוואַלנ האָבנ געדינט אַלס באַזע צו אונטערהאַלטנ די מיליטערישע מעכטיקײַט פונ אַטענ אונ מיטווירקנ דעמ אויפשטײַג פונ דער אַטענישער קולטור.

V. פּעלאָפּאָנעסער מילכאָמע.

§ 49. די סיבעס אונ דער אָנהייב פונ דער מילכאָמע.

די סיבעס פונ דער פּעלאָפּאָנעסער מילכאָמע.

ביים דעמ אויפבלי-פּעריאָד פונ דער אַטענישער דעמאָקראַטיע האָבנ אינ גריכנלאַנד עקזיסטירט צוויי הויפּט-קרעפטנ: די אַטענישע יאַמ-מעלוכע אונ דער פּעלאָפּאָנעסער פאַרבאַנד בעראָש מיט ספּאַרטע. אינ פיל פונקטנ זײַנענ זיכ די אינטערעסנ פונ אָט די צוויי קויכעס שאַרפ פאַנאַנדערגעגאַנגענ אונ אַנ אָפענער קאַמפ איז דעריבער געוואָרנ אומפאַרמײַדלעכ.

אַטענ האָט די גאַנצע צײַט באַדראָעט ספּאַרטע. אַטענ האָט געשטרעבט צו פאַרכאַפּנ אינ זײַנע הענט דעמ גאַנצנ האַנדלס-וועג פונ מיזרעכ קיינ מײַרעוו. אינ מײַרעוו האָט זיכ געפונענ די ברויטרײַכע סיציליע, אונ אַטענ האָט זי געוואָלט אַרײַנעמענ אינ זײַנע הענט. דער פּעלאָפּאָנעסער פאַרבאַנד ווידער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטנ דעמ וועג די אַטענער. דער מײַרעוו-האַנדל האָט זיכ פונ לאַנג אָנ געפונענ אינ די הענט פונ קאָרינפ, וואָס איז געווענ אַ מיטגליד פונ פּעלאָפּאָנעסער פאַרבאַנד.

דער וווּקס פונעמ האַנדל אונ פונ דער יאַמ-מעכטיקײַט פונ אַטענ האָט פאַרשטאַרקט זײַנ אײַנפלוס אויפ אַלע גריכישע מעלוכעס. ספּאַרטע האָט דערומ ניט געקאָנט אײַנגיינ. ספּאַרטע האָט אַליינ געוואָלט פאַרכאַפּנ אינ אירע הענט די העגעמאָניע איבער גריכנלאַנד. ביידע פאַרבאַנדנ האָבנ ניט געוואָלט אָפּטרעטנ איינע די אַנדערע דעמ אויבנאָנ אונ האָבנ זיכ געגרייט צומ קאַמפ.

צווישנ דעמ אַטענער פאַרבאַנד אונ דעמ פּעלאָפּאָנעסער פאַרבאַנד האָבנ עקזיסטירט אויכ פּאָליטישע ווידערשפּרוכנ. די אַטענער דעמאָקראַטנ האָבנ געהאַסט די אַריסטאָקראַטישע אָרדענונג פונ ספּאַרטע אונ פונ אירע פאַרבינדעטע, די פּעלאָפּאָנעסער אַריסטאָקראַטיע ווידער האָט געהאַסט די דעמאָקראַטישע אָרדענונג פונעמ אַטענער פאַרבאַנד. ספּאַרטע פלעגט העלפנ דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי אינ אַטענ צו פירנ דעמ קאַמפ קעגנ דער דעמאָקראַטיע, אַטענ ווידער פלעגט העלפנ די פּעלאָפּאָנעסער דעמאָקראַטנ צו פירנ דעמ קאַמפ קעגנ דער אַריסטאָקראַטישער אָרדענונג. די באַציִונגענ צווישנ אַטענ אונ ספּאַרטע זײַנענ געווענ זייער אָנגעשטרענגטע. די ספּאַרטאַנער אַריסטאָקראַטיע האָט אַרויסגעקוקט אויפ אַ באַקוועמער געלעגנהײַט, קעדיי אָנצוהייבנ אַנ אָפענע מילכאָמע קעגנ אַטענ.

די געלעגנהײַט פאַר דער מילכאָמע.

אַזאַ געלעגנהײַט האָט זיכ געמאַכט. אויפנ מײַרעוו-ברעג פונ גריכנלאַנד, אינ דער קליינער גריכישער קאָלאָניע עפּידאַמנ אונ אויפנ אינדזל קאָרקירע האָט זיכ פאַרקאָכט אַ קאַמפ צווישנ די אַריסטאָקראַטנ אונ די דעמאָקראַטנ. אינ אָט



דער אינערלעכער אויסזעג פונעם פּאַרפענאָן־טעמפּל (רעקאָנסטרויִרט).

דעם קאמף זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן ספּאַרטע און אַטען. וואָס ווײַטער איז דער קאמף געוואָרן אַלץ שאַרפער, און סאָפקאָלסאָפ איז ער אַריבער אין אַן אָפענער מילכאָמע. אַזוי ווי דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן דער פּעלאָפּאָנעסער פאַרבאַנד, האָט די מילכאָמע באַקומען דעם נאָמען פּעלאָפּאָנעסער. אָט די מילכאָמע האָט זיך געצויגן 27 יאָר (פונעם יאָר 431 ביזן יאָר 404 פאַר דער נײַער ערע).

דער אָנהייב פון דער מילכאָמע.

די ספּאַרטאַנער האָבן אַרויסגעשטעלט צו אַטען אַ פאָדערונג, אַז אַטען זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער הערשאַפט איבער די מעלוכעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַטענער יאַם-פאַרבאַנד, און זאָל זיי געבן פולע זעלבשטענדיקײַט. די פאָלקס-פאַרזאַמלונג האָט באַהאַנדלט די פאָדערונג, און אונטערן אײַנפלוס פון פּעריקלס רעדע האָט זי די פאָדערונג אָפּגעוואָרפן. דאַן האָט זיך קיין אַטיקע אַרײַנגעריסן ספּאַרטאַניש מיליטער, האָט רויִנירט די פעלדער און די ווירטשאַפט פון די ערדאַרבעטער און איז צוגעטראָטן צו די ווענט פון אַטען.

קיין אַטען זײַנען זיך צונויפגעלאָפן אַ מאַסע פּלייטים פון די פאַרוויסטע געגנטן פון אַטיקע. מאַכמעס דער שטאַרקער געדיכטקײַט פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן עפּידעמיעס. אין אַטען האָט זיך באַוויזן די שרעקלעכע קרענק — פּעסט (טשומא), וואָס האָט געשניטן די באַפעלקערונג און דאָס מיליטער. צווישן פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַן אומצופרידנקײַט און אופגעבראַכטקײַט אויף פּעריקלען. מע האָט אים גענומען באַשולדיקן אין די מאַפּאָלעס און אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן אַטען. פּעריקל איז אַפילו באַזײַטיקט געוואָרן פון דער מעלוכע-אָנפירונג.

די לאַגע פון די אַטענער האָט זיך אָבער ניט פאַרבעסערט. פּעריקל איז ווידער געקומען צו דער מאַכט, אָבער ניט אויף לאַנג. די פּעסט-מאַגייפע האָט געטראָפן אויך אים. אינעם יאָר 429 פאַר דער נײַער ערע איז פּעריקל געשטאָרבן.

די פּאַרטיי פון מילכאָמע און שאָלעם.

נאָך פּעריקלס טויט האָט זיך אין אַטען אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן צוויי פּאַרטייען: איין פּאַרטיי האָט פאַרלאַנגט פאָרצוזעצן די מילכאָמע, די צווייטע פּאַרטיי האָט געפאָדערט צו שליסן שאָלעם מיטן סוינע. בעראָש פון דער ערשטער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער אייגנטימער פון אַ לעדער-וואַרשטאַט קלעאָן. אים האָט געשטיצט דער פּראָסטער אוילעם, די קליינע האַנטווערקער און הענדלער. זיי האָבן געהאַסט די ספּאַרטאַנישע אַריסטאָקראַטישע אָרדענונג און האָבן געוואָלט ענדגילטיק אָפּרעכענען זיך מיט ספּאַרטע, פונוואַנען עס האָט שטענדיק געדראָעט די אַריסטאָקראַטישע געפאַר.

בעראָש פון דער צווייטער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער רײַכער שקלאַפנבאַזיצער ניקי. אים האָבן געשטיצט די ערדבאַזיצער, וואָס זײַנען געווען פאַר אַן אַריסטאָקראַטישער אָרדענונג און פאַר שאָלעם מיט ספּאַרטע. אַדאַנק דער ענערגישער שטיצע פונעם פאָלק האָט געזיגט קלעאָנס פּאַרטיי.

די פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף.

די פּעלאָפּאָנעסער מילכאָמע האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם קלאַסנקאַמף אין גריכנלאַנד. אין אַלע מעלוכעס האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי אויסגעשפּראָכנע פײַנטלעכע לאַגערן: אַריסטאָקראַטן און דעמאָקראַטן. אויף די אינדזלען לעסבאָס

און קאָרקירע האָבנ די אַריסטאָקראַטנ געפּרווט מאַכנ אַ איבערקערעניש און אַרויסרייַסנ די מאַכט בײַ דער דעמאָקראַטיע. די אַטענער האָבנ געשיקט אַהינ דעמ פלאָט מיט מיליטער, האָבנ דערשטיקט דעמ בונט און אופגעשטעלט די דע-מאָקראַטישע אָרדענונג. דער אַטענער פלאָט איז אויכ אַוועק צומ ספּאַרטאַנישנ האַפנ פּילאָס (אַפנ מייַרעוודיקנ ברעגלאַנד פונ פּעלאָפּאָנעס). דאָרט האָט ער צעשמעטערט די ספּאַרטאַנישע שיפנ, פאַרכאַפּט פּילאָס און אופגעהויבנ קעגנ ספּאַרטע די הילאָטנ.

דער ניקי-שאָלעמ.

נאָכ אָט די געשעענישנ האָבנ אָבער די אַטענער אָנגעהויבנ צו ליידנ מאַפּאָלעס. דער טאַלאַנטפולער ספּאַר-טאַנישער קריגספירער בראַסיד האָט אָנגעהויבנ אַ אָנגריפ אינ פראַקיע. די אַטענער זייַנענ שנעל אַוועק אַהינ מיטנ פלאָט און מיט מיליטער, זיי זייַנענ אָבער צעקלאַפּט געוואָרנ. אינ דער שלאַכט זייַנענ אומגעקומענ אי קלעאָנ אי בראַסיד. נאָכ קלעאָנס טויט האָט זיכ בײַ דער מאַכט אינ אַטענ געשטעלט ניקי, דער פי-רער פונ דער פּאַרטיי פונ די גרויסע שקלאַפנבאַזיצער און ערדבאַזיצער. ער האָט גע-פאָדערט צו שליסנ שאָלעמ מיט ספּאַרטע. אינ יאָר 421 פאַר דער נייַער ערע האָט ער געשלאָסנ שאָלעמ אַפ 50 יאָר. אָט דער שאָלעמ איז באַוווסט אונטערנ נאָמענ דער ניקי-שאָלעמ. לויטנ פרידנס-אָפּמאַכ איז צוריק אופגעשטעלט גע-וואָרנ די פריערדיקע לאַגע, וואָס איז געווענ פאַר דער מילכאָמע. אַכוצ דעמ האָבנ די אַטענער צוגעזאָגט צו העלפנ ספּאַרטע אינ פאַל, אויב דאָרט וועט פאָר-קומענ אַ אופשטאַנד פונ די שקלאַפנ.

דאָס, וואָס צו דער מאַכט איז געקומענ ניקי, דער פירער פונ די רייַכע, האָט אַזויאַרומ געבראַכט דערצו, אַז אַטענ האָט שאָלעמ געמאַכט מיט ספּאַרטע און מיט דער ספּאַרטאַנישער אַריסטאָקראַטישער אָרדענונג.

§ 50, דער סיציליער קריגס־מאַרש און די מאַפּאָלע פונ אַטענ.

דער ניקי-שאָלעמ איז געווענ ניט קיינ פעסטער. ער האָט ניט דערלייזט קיינ איינע פונ די פראַגנ, וואָס איבער זיי האָט זיכ אָנגעהויבנ די מילכאָמע. האָבנ זיכ טאַקע סײַ די אַטענער סײַ די ספּאַרטאַנער געגרייט צו אַ נייַער מילכאָ-מע. אינ 6 יאָר אַרומ נאָכנ ניקי-שאָלעמ איז די מילכאָמע ווידער אויסגעבראָכנ.

אַלקיוויאַד. דער סיציליער קריגס=מאַרש.

בעראָש פונ דער פּאַרטיי, וואָס האָט געפאָדערט צו פירנ ווייַטער דעמ קאַמפ קעגנ ספּאַרטע, איז געשטאַנענ אַלקיוויאַד. געווענ איז דאָס זייער אַ פייַקער און אַנטשיידענער מענטש. זייַנ שיינקייַט, זייַנ שיינ ריידנ, זייַנ ברייטע האַנט האָבנ אימ געמאַכט פּאָפּולער צווישנ פאָלק. אינעמ פּאָליטישנ קאַמפ האָט ער ניט גע-האַט קיינ פעסטע ליניע און איז געווענ זייער ניט-שטאַנדהאַפטיק. דערצו האָט ער גוואַלדיק ליב געהאַט מאַכט און קאָוועד. איבער אַ קאַפּריז פלעגט ער אָפט בייַטנ זייַנע צילנ און איז דערבײַ ניט געווענ קיינ איבערקלײַבער אינ די קאַמפס-מיטלענ.

אַלקיוויאַד האָט גענומענ אײַנריידנ די אַטענער פאָרצונעמענ אַ קריגס-מאַרש

קיין סיציליע קעגן דער שטאָט סיראקוזן, וועלכע האָט געשטיצט די ספּארטאנער. ער האָט פאָרגעלייגט א פילצוזאָגנדיקן פּלאן פון פארכאפּן סיציליע, דעראָבערן צאָפן-אפריקע און צעשמעטערן ספּארטע. די אטענער דעמאָקראטיע האָט דעם פּלאן געשטיצט. עס איז געשאפן געוואָרן א גרויסער פלאָט, און אין שפּיץ איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אלקיוויאַד. אין יאָר 415 פאר דער נײַער ערע האָט זיך דער פלאָט אוועקגעלאָזט פארכאפן סיציליע.

די אָנהענגער פון א שאָלעם מיט ספּארטע זײַנען געווען קעגן דעם סיציליער קריגס-מארש. קעדיי אים אראָפּצופּירן, האָבן זיי אויסגענוצט אזא געלעגנהײַט. מיט א טאָג פריִער, איידער דער פלאָט האָט באדארפט אָפּשווימען, זײַנען אין אטענע צעבראָכן געוואָרן אלע הערמען. דאָס זײַנען געווען שטיינערנע זײַלן מיטן קאָפּ פונעם גאָט הערמעס (מע האָט אים געהאלטן אויך פארן באשיצער פון די וועגן), וועלכע זײַנען געווען צעשטעלט אין די גאסן. די קעגנער פון דער מילכאָמע האָבן דערקלערט, אז די הערמען האָט צעבראָכן אלקיוויאַד, און האָבן אים באשולדיקט אין אפּיקאָרסעס. אין א שטיקל צײַט ארום איז אוועקגעשיקט געוואָרן א באפעל, אז אלקיוויאַד זאָל זיך טייקעף צוריקקערן און מעלדן זיך צום געריכט אין אטענע. דער באפעל האָט געטראָפן דעם פלאָט שוין אין סיציליע. אלקיוויאַד האָט זיך לעפּאָנעם וועגן אונטערגעוואָרפן דעם באפעל און איז אָפּגעפאָרן קיין אטענע. אונטערוועגס אָבער איז ער אנטלאָפן קיין ספּארטע און האָט אזויארום פארראטן זײַן היימלאנד.

דערווײַל האָט זיך אין סיציליע אָנגעהויבן אן אקשאָנעסדיקער קאמף פאר דער סיצילישער הויפּט-שטאָט סיראקוזן. צוהילף די סיראקוזער זײַנען געקומען ספּארטע און די סיצילישע שטעט. די אטענער האָבן געליטן א פולשטענדיקע מאפּאָלע. פון דער פערציק-טויזנטקעפּיקער ארמיי, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין סיציליע, האָבן זיך צוריקגעקערט אהיים בלויז עטלעכע צענדליק מענטשן. די איבעריקע זײַנען אומגעקומען אין די שלאכטן אָדער פארוואנדלט געוואָרן אין קנעכט.

די לאגע פון די אטענער ווערט ערגער.

אָט אזוי האָט זיך געענדיקט דער סיציליער קריגס-מארש פון די אטענער. קימאט אין איין צײַט מיטן קריגס-מארש האָט אטענע געטראָפן א נײַער אומגליק. לויט דער אייצע פונעם פארעטער אלקיוויאַד, האָבן די ספּארטאנער ווידעראמאָל פּירגענומען אן אָנגריף קעגן אטיקע. זיי האָבן פארכאפּט די פעסטונג דעקעלעא, וואָס האָט זיך געפונען קימאט אין רעכטן צענטער פון אטיקע. פארפעסטיקט זיך דאָ, האָבן די ספּארטאנער גענומען מאכן אָנפאלן אפן גאנצן לאנד. די אטענישע פעלדער פלעגן זיי פארוויסטן, די יִשוווים — כאָרעוו מאכן. דערצו נאָך זײַנען פון אטיקע אנטלאָפן 20 טויזנט שקלאפן. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז עס האָבן זיך פארמאכט די ווארשטאטן און עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די ארבעט אין די לאווריאָנער גרובנס. די אטענישעווירטשאפט האָט זיך געפונען אין א צושטאנד פון פולשטענדיקער יערידע.

ניט קיין בעסערע לאגע איז געווען אויך אין די איבעריקע געגנטן פון דער אטענישער מעלוכע. געשטיצט פון ספּארטע, האָבן די אריסטאָקראטן אומעטום געמאכט איבערקערענישן, האָבן זיך אָפּגעטיילט פון אטענע און זײַנען אריבער צו די ספּארטאנער.

מיט דער הילפ פונעמ פארעטער אלקיוויאַד האָט ספּארטע געשלאָסנ א בונד מיט פּערסיע, וואָס האָט צוגעזאָגט צו העלפנ די ספּארטאנער מיט געלט. אטענ איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ אינ א פארצווייפלטער לאגע. עס האָט געהאלטנ בא א פולשטענדיקער קאטאסטראָפע.

אלע קויכעס פונ דער רעאַקציע האָבנ זיכ אופגעהויבנ קעגנ דער אטענישער רעפּובליק, וואָס איז יענע צײַטנ געווענ א פאָרגעשריטענע מעלוכע.

51 §. דער סאָפ פונ דער מילכאָמע און די „טיראַניִע פונ די דרײַסיק“.

די איבערקערעניש (411-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע).

אינ אטענ גופע האָבנ די אריסטאָקראטנ אויכ אופגעהויבנ די קעפּ. נאָכ דעמ, ווי עס זײַנענ אנטלאָפנ 20 טויזנט שקלאפנ, האָבנ זיכ פארמערט די ווארשטאטנ, עס האָט זיכ אָפּגעשטעלט די ארבעט אפ די פעלדער פונ די שקלאפנבאזיצער. די גאנצע שולד פאר דער צערודערונג פונ דער ווירטשאפט האָבנ די אריסטאָקראטנ ארופגעוואָרפנ אפנ פאָלק. זיי האָבנ געטײַנעט, אז די סיבע דערפונ, וואָס אטענ האָט געליטנ א מאפּאָלע אינ דער מילכאָמע, ליגט אינ דער דעמאָקראטישער אָרדענונג, און זיי האָבנ זיכ גענומענ גרייטנ צו אראָפּווארפנ די דעמאָקראטיע. אינ יאָר 411 פאר דער נײַער ערע איז אינ אטענ פאָרגעקומענ אנ איבערקערעניש. די מאכט איז ארויסגעריסנ געוואָרנ פונ די הענט פונעמ פאָלק און איז איבערגעגעבנ געוואָרנ צו א קליינ הײַפל גווירימ (א ל י ג א ר כ נ). די רעכט פונ דער פאָלקס-פארזאמלונג און פונ די דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס זײַנענ באגרענעצט געוואָרנ. די אָליגארכנ האָבנ גענומענ פארפאָלגנ די פאָלקס-פארטרעטער, דערמאָרדנ די דעמאָקראטנ — די סאָנימ זייערע. די אָליגארכנ האָבנ זיכ געגרייט צו שליסנ א שאָלעמ מיט ספּארטע. פאר דער ספּארטאנישער אריסטאָקראטיע ווידער איז אזא איבערקערעניש געווענ ווי געוווּנטשנ. די אטענער אָליגארכנ און די ספּארטאנישע אריסטאָקראטנ האָבנ זיכ געקליבנ מיט געמיינזאמע קויכעס אראָפּצווארפנ די דעמאָקראטישע אָרדענונג.

די דעמאָקראטיע ווערט צוריק אופגעשטעלט.

דערווײַל האָט דער אטענישער פלאָט, וואָס איז דעמלט געשטאנענ באמ אינדזל סאמאָס, געמאָלדנ, אז ער אָנערקענט ניט די אָליגארכישע מאכט אינ אטענ און פאָדערט אופצושטעלנ צוריק די דעמאָקראטיע. דער פלאָט האָט איבערגעוויילט די סטראטעגנ (געוויילטע קריגס-נאטשאלניקעס) און גערופנ צוריק אלקיוויאַדנ. אלקיוויאַד האָט שוינ צו אָט דער צײַט באוויזנ צו צעקריגנ זיכ מיט ספּארטע און געוואָלט צוריקקערנ זיכ קיינ אטענ.

אלקיוויאַד האָט אוועקגעפירט דעמ פלאָט קעגנ די ספּארטאנער און אָפּגעהאלטנ אייניקע זיגנ. דאָס האָט ווידער אופגעהויבנ זײַנ אוטאָריטעט אינ די אויגנ פונ די אטענער. דערווײַל איז דאָס פאָלק אינ אטענ געקומענ צו-זיכ, האָט אראָפּגעוואָרפנ די מאכט פונ די אָליגארכנ און צוריק אופגעשטעלט די דעמאָקראטישע אָרדענונג. אלקיוויאַד האָט באקומענ א דערלויבעניש צוריקצוקערנ זיכ קיינ אטענ. דאָס פאָלק האָט אימ מויכל געווענ זײַנ פריִערדיקנ פאראט. אלקיוויאַד האָט אָבער בייס איינער פונ די שלאכטנ געליטנ א מאפּאָלע און ווידער פארלאָזנ אטענ.

די לאגע פונ אטענ איז נאָכ אָבער אלצ געווענ זייער אנ ערנסטע. די ווירטשאפט איז אלצ מער רויִנירט געוואָרנ. קיינ געלט איז ניט געווענ. די פארבינדעטע זײַנענ אָפּגעפאלנ פונ אטענ און זײַנענ ארויסגעטראָטנ פונעמ פארבאנד.

אינ אָט די באדינגונגענ האָבנ די אטענער צונויפגענומענ די לעצטע אויצרעס פונ פ א ר פ ע נ אָ נ-טעמפּל און אויסגעבויט א נײַעמ פלאָט. אינ יאָר 406 האָט דער דאָזיקער פלאָט צעקלאפּט די כפארטאנישע יאמ-קרעפטנ. געשענ איז עס לעבנ די א ר ג י נ ו ס ע ר אינדזלענ (צווישנ דעמ אינדזל לעסבאָס און דעמ ברעגלאנד פונ קליינ-אזיע). ניט געקוקט אפנ זיג, האָבנ אָבער די אטענער ניט געקאָנט אימ

פארפעסטיקנ. דעריבער האָבנ שפּעטער די ספּאַרטאַנער ווידער באַקומענ די אויבער־האַנט איבער די אַטענער.

די מאַפּאָלע פונ אַטענ.

אינ אָט דער צײַט האָט זיך צווישנ די ספּאַרטאַנער אַרויסגערוקט דער ענערגישער קריגספירער ליסאַנדער. ער האָט געשלאָסנ א בונד מיט פּערסיע, באַקומענ הילפ פונעם פּערסישנ שטאַטהאַלטער אינ קליינ־אַזיע קיר דעם ייִנגערנ און אויסגעבויט א נײַעם פלאָט. אינ יאָר 405 פאַר דער נײַער ערע זײַנענ ביידע פלאָטנ — דער אַטענישער און דער ספּאַרטאַנישער — געשטאַנענ ניט ווײַט איינע פונ די אַנדערע אינ העלעספּאָנט. ליסאַנדער האָט אויסגענוצט א פּאַסיקנ מאָמענט, איז אומגעריכט אָנגעפאַלנ אַפ די אַטענער און האָט זיי צעקלאַפּט בא עגאָספּאָטאַמ („ציגנ־טײַכנ"). אַטענ האָט שוינ מער ניט געקאָנט קומענ צו־זיך פונ דער מאַפּאָלע. אינ יאָר 404 פאַר דער נײַער ערע איז אַטענ גופע, וואָס איז באַלאַגערט געוואָרנ פונ יאַמ און פונ דער יאַבאָשע, געצוווּנגענ געווענ אונטערצוגעבנ זיך דעמ ספּאַרטאַנישנ קריגספירער ליסאַנדערנ. אַזויאַרומ האָט ספּאַרטע, אינ רעזולטאַט פונ דער לאַנגער פעלאָפּאָנעסער מילכאָמע, דערלאַנגט אַנ ענדגילטיקנ קלאַפּ איבער דער מעכטיקײַט פונ אַטענ.

די שאָלעמ־באַדינגונגענ און די „טיראַניע פונ דרײַסיק".

די אַטענער האָבנ געמוזט אָנעמענ די דערנידעריקנדיקע שאָלעמ־באַדינגונגענ, וואָס ספּאַרטע האָט דיקטירט. דער אַטענישער יאַמ־פאַרבאַנד איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרנ. די רעשטנ פונעמ אַטענישנ פלאָט זײַנענ אָפּגעגעבנ געוואָרנ די ספּאַרטאַנער. די „לאַנגע ווענט" זײַנענ צעשטערט געוואָרנ אונטער די קלאַנגענ פונ ספּאַרטאַנישער מוזיק. שווערער ווי אַלצ אָבער איז פאַרנ אַטענישנ פאָלק געווענ דאָס, וואָס אינ אַטענ איז פאַרניכטעט געוואָרנ די דעמאָקראַטישע אָרדענונג.

דער זיג פונ ספּאַרטע איז געווענ א זיג פונ דער אַריסטאָקראַטיע. די מאַכט איז איבערגעגעבנ געוואָרנ צו א קליינ הײַפל גווירימ (אָליגאַרכנ). מיט אַלע איניאָנימ פונ דער אַטענישער מעלוכע האָבנ גענומענ פאַרוואַלטנ 30 אָליגאַרכנ, בעראָש מיט קריטינ. זיי האָבנ אויסגענוצט זייער מאַכט, קעדיי אָנ ראַכמאָנעס צו צערעכענענ זיך מיט די פײַנט. דעמאָקראַטנ פלעגט מענ קעפּנ אָנ א געריכט, פאַרטרײַבנ פונ לאַנד און אָפּנעמענ די פּאָליטישע רעכט. די אָליגאַרכנ האָט געשטיצט דער ספּאַרטאַנישער גאַרניזאָנ, וואָס איז פאַרבליבנ אינ אַטענ. פאַר אַזא ברוטאַלער אויפירונג האָט די רעגירונג פונ די 30 אָליגאַרכנ באַקומענ דעמ נאָמענ „טיראַניע פונ דרײַסיק".

די „טיראַניע פונ דרײַסיק" ווערט אַראָפּגעוואָרפנ.

קעדיי צו ראַטעווענ זיך פונ די פאַרפאָלגונגענ פונ די 30 טיראַנענ, זײַנענ א סאַכ מענטשנ אַנטלאָפנ קיינ פיווע (בעאָטיע). די אַטענער דעמאָקראַטנ האָבנ דאָ אַרויסגעקוקט אַפ א געלעגנהײַט אַראָפּצוּוואַרפנ די אָליגאַרכיע. אינ יאָר 403 פאַר דער נײַער ערע האָבנ די אַטענישע פּליטימ זיך פאַריייניקט אינ פיווע, זײַנענ אונטער דער אָנפירונג פונ פראַסיבול אַוועק קיינ אַטענ און אַראָפּגעוואָרפנ די „טיראַניע פונ דרײַסיק". אינגיכנ איז אינ אַטענ צוריק אויפגעשטעלט געוואָרנ די מאַכט פונ דער דעמאָקראַטיע. אַפ דער דעמאָקראַטיע האָט אָבער שטענדיק געלויערט די געפאַר מיצאַד ספּאַרטע.

מיר זעען אלזאָ, אז די פּעלאָפּאָנעסער מילכאָמע איז געווען א קאמף צווישן דער אריסטאָקראטישער ספּארטע און דעם דעמאָקראטישן אטען. דער אויסערלע־כער קאמף איז געגאנגען באנאנד מיט אן אינערלעכן קאמף צווישן די רײַכע און די אָרעמע, צווישן די שקלאפנבאזיצער און די שקלאפן.

52 §. אופשטאנדן פון די שקלאפן און פון דער אָרעמשאפט.

דער קאמף צווישן די רײַכע און די אָרעמע האָט ניט אופגעהערט אין פאר־לויף פון דער גאנצער געשיכטע פון גריכנלאנד. דער גריכישער פילאָסאָף פלא־טאָן זאָגט אזוי: „אין יעדער שטאָט, ווי קליין זי זאָל ניט זײַן, געפינען זיך שטענדיק צווי שטעט: איינע — די שטאָט פון די אָרעמע, די צווייטע — די שטאָט פון די רײַכע. דאָרט, וווּ עס עקזיסטירט אָרעמקײַט און רײַכ־קײַט, דאָרט קעמפן צווישן זיך שטענדיק צווי לאגערן: איין לאגער — פון די אָרעמע, דער צווייטער — פון די רײַכע".

צווישן די צווי לאגערן האָט געהערשט א שטארקער האס. די אריסטאָקראטן פלעגן געווײנלעך דערקלערן: „איך שווער, אז איך וועל זײַן אן אייביקער סוינע דעם דעמאָס און וועל אים טאָן אזויפיל בייז, וויפל איך וועל נאָר זײַן אימ־שטאנד". און טאקע בעעמעס, די אריסטאָקראטן פלעגן זיך ניט אָפּשטעלן פאר קיין שום זאך און אויסנוצן אין דאָזיקן קאמף אלע מיטלען. אין מילעט, צום בײַשפּיל, האָבן איינמאָל די אריסטאָקראטן, אויס נעקאָמע פאר דעם פאָלקס-אופ־שטאנד, אויסגעהארגעט ניט נאָר אלע דעמאָקראטן, נאָר אפילע די קינדער פון די דעמאָקראטן.

אכוץ דעם קאמף צווישן די רײַכע און די אָרעמע איז אויך אָנגעגאנגען אן אָנגעשטרענגטער קאמף צווישן די שקלאפנבאזיצער און די שקלאפן. און אזוי ווי די רײַכע זײַנען דאָס געווען טאקע די זעלבע שקלאפנבאזיצער, פלעגן די שקלאפן אין קאמף קעגן זיי צומאָל פאראייניקן זיך מיט די אָרעמע. אזוי, צום בײַשפּיל, איז אין יאָר 427 פאר דער נײַער ערע, ווען אפן אינדזל קאָרקירע האָט זיך אָנ־געהויבן א בירגערקריג, האָבן זיך ביידע צדאָדים באמיט אריבערצוציִען אף זייער זײַט די שקלאפן, צוזאָגנדיק זיי פרײַהײַט. די מערהײַט שקלאפן איז אָבער אוועק מיטן פאָלק, ניט מיט דער אריסטאָקראטיע. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין דער שטאָט פלאטיי, וווּ די שקלאפן האָבן זיך פאראייניקט מיטן פאָלק.

די שקלאפן פלעגן ארויסטרעטן זעלבשטענדיק אויך. די ערשטע צײַט איז די איינציקע פאָרם פון זייער קאמף געווען — אנטלויפן. עס איז באוווּסט, אז בײַס דער מילכאָמע מיט ספּארטע זײַנען פון אטיקע אנטלאָפן 20 טויזנט קנעכט. מע פלעגט זיי אָבער אָפּכאפּן, ברענגען צוריק און ברוטאל באשטראָפן. דאן האָבן די שקלאפן אָנגעהויבן פאראייניקן זיך און ארויסטרעטן צוזאמען. אין גריכנלאנד פלעגן פאָרקומען שקלאפן־אופשטאנדן אָפטער איידער אין די לענדער פון אוראלטן מיז־רעך, ווײַל גריכנלאנד האָט פארמאָגט מער שקלאפן. אזוינע ארויסטרעטונגען פלעגן באזונדערס אָפט פאָרקומען אין מילכאָמע־צײַט. דער ערשטער גרויסער אופשטאנד פון די גריכישע שקלאפן איז אויסגעבראָכן אין דער שטאָט ארגאָס אין יאָר 494 פאר דער נײַער ערע. אין יענער צײַט איז אָנגעגאנגען א מילכאָמע צווישן ארגאָס און ספּארטע. די ארגאָסער זײַנען צעקלאפּט געוואָרן דורך די

ספּאַרטאַנער. די שקלאַפֿן האָבן עס אויסגענוצט, האָבן פֿאַרכאַפּט די שטאָט און אַראָפּגעוואָרפֿן די רעגירונג פֿון די שקלאַפֿנבאַזיצער. אײַנגיכן האָבן זיי פֿאַרכאַפּט די שטאָט טירינס, וואָס האָט זיך געפֿונען נישט ווײַט פֿון אַרגאָס. ערשט נאָך אַ דויערנדיקן קאַמף האָט זיך די אַרגאָסער אײַנגעגעבן צו דערשטיקן דעם אופֿשטאַנד פֿון די שקלאַפֿן.

אָפֿט פֿלעגן פֿאָרקומען שקלאַפֿן־אופֿשטאַנדן אין ספּאַרטע. אַזוי, צום בײַשפּיל, זײַנען אין יאָר 464 פֿאַר דער נײַער ערע אופֿגעשטאַנען די אײַנוווינער פֿון מעסעניע, וועלכע זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין הילאָטן. זיי זײַנען אַוועק אין די בערג, און דאָרט האָבן זיי זיך געהאַלטן העכער צען יאָר. מיט גרויס מי האָט זיך די ספּאַרטאַנער אײַנגעגעבן צו אונטערדריקן די אופֿגעשטאַנענע הילאָטן און ווידער אונטערטעניקן זיי.

אַ צווייטער אופֿשטאַנד פֿון די הילאָטן איז אויסגעבראָכן בײַס דער פּעלאָפּאָנעסער מילכאָמע. אין יאָר 425 פֿאַר דער נײַער ערע, ווען דער אַטענער פֿלאָט איז צוגעשוווּמען צו דער שטאָט פּילאָס, האָבן די הילאָטן געמאַכט טייקעף אַן אופֿשטאַנד. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זייערע הערשער זײַנען איצט אין אַ שווערער לאַגע, און דערפֿאַר האָבן זיי גראָד אָט דעם מאָמענט אויסגעקליבן פֿאַר אַן אופֿשטאַנד. די אַטענער האָבן געשטיצט די באַוועגונג פֿון די הילאָטן, ווײַל די אַטענער זײַנען געווען פֿאַרינטערעסירט אָפּצושוואַכן ספּאַרטע פֿון אינווייניק.

אופֿשטאַנדן פֿון שקלאַפֿן זײַנען פֿאָרגעקומען אויך אין אַנדערע גריכישע שטעט, אין סיציליע, אויף די אינדזלען פֿון עגייִשן ים און אין אַנדערע ערטער.

אינעם קאַמף קעגן דעם שקלאַפֿנבאַזיצערישן יאָך פֿלעגן זיך די שקלאַפֿן און די אָרעמשאַפֿט סטאַרען צו פֿאַרייניקן זיך און צוזאַמען קעמפֿן קעגן דער מאַכט פֿון די שקלאַפֿנבאַזיצער.

דער קאַמף קעגן די שקלאַפֿן פֿלעגט אָפּנעמען בײַ די שקלאַפֿנבאַזיצער אַ סאַך קויכעס און האָט זיי קעסיידער געהאַלטן אין אַן אָנגעשטרענגטן צושטאַנד. נישט אומזיסט זאָגט דער זעלבער פּלאַטאָן: „קנעכט — דאָס איז אַזאַ אייגנטום, וואָס ווען מע באַזיצט עס, האָט מען דערפֿון אַ סאַך אומאָנגענעמלעכקײַטן. די קנעכט וועלן דאָך קיינמאָל נישט ווערן קיין פֿרײַנט פֿון זייערע הארן".

דער קאַמף צווישן די רײַכע און אָרעמע, פֿון איין זײַט, און צווישן די שקלאַפֿנבאַזיצער און די שקלאַפֿן, פֿון דער צווייטער זײַט, — דערין איז באַשטאַנען דער גרונט־ווידערשפּרוך פֿון דער גריכישער געזעלשאַפֿט.

VI. די גריכישע קולטור.

§ 53. טעאַטער.

גריכנלאַנד האָט איבערגעלאָזט דער מענטשהײַט אַ ירושה פֿון אויסערגעוויינלעכע מוסטערן אין אַלע געביטן פֿון קונסט און ליטעראַטור. נישט נאָר דער גריכישער עפּאָס („איליאַדע" און „אָדיסייע"), נאָר אויך די דראַמאַטישע פּאָעזיע (טראַגעדיעס און קאָמעדיעס) צייכענען זיך אויס מיט גרויס מײַסטערשאַפֿט.

די אָפשטאמונג פונ טעאטער.

נאָכ אינ VI יאָרה. פאר דער נײַער ערע האָט מענ אינ אטענ אָנגעהויבנ אופירנ טעאטראלע פאָרשטעלונגענ. אופגעקומענ זײַנענ זיי פונ די כאָר-געזאנגענ, טענצ אונ דעקלאמאציעס, וואָס פלעגנ אײַנגעאָרדנט ווערנ בייס די יאָנטויווימ. לעכאטכילע פלעגנ די טעאטראלע פאָרשטעלונגענ געגעבנ ווערנ אפ די יאָנטויווימ פונעמ גאָט פונ ווײַנ אונ סימכע — דיאָניס. שטעלנ פלעגט מענ זיי אפנ גאס אָדער אפנ שטאָט-פלאצ, אפ א העכער אָרט.

דיאָניס.

שפעטער פלעגט מענ שוינ צוליב די פאָרשטעלונגענ בויענ אנ עסטראדע, אונ ארומ איר פלעגנ זיכ געפינענ די צושויער. אָט אזוי האָט גענומענ געשאפנ ווערנ „טעאטער", וואָס באטײַט אינ גריכיש „אנ אָרט פאר א שוישפיל". די ערשטע צײַט פלעגנ דער טעאטער אונ די טעאטראלע פאָרשטעלונגענ קימאט אינגאנצנ צונויפגיסנ זיכ מיט די פאָלקס-פײַערונגענ אונ רעליגיעזע צערעמאָניעס.

די יאָנטויווימ לעקאָוועד דעמ גאָט דיאָניס פלעגנ פאָרקומענ אָנהייב פרילינג, ווענ עס ווערט צײַטיק דער נײַער ווײַנ, ווענ אפ די ווײַנשטאָקנ באווײַזנ זיכ די ערשטע שפראָצונגענ אונ אפ די פעלדער — בלומענ. דעמ אָנקומ פונעמ גאָט דיאָניס פלעגט דאָס פאָלק אָפמערקנ מיט פײַערלעכע פראָצעסיעס אונ מיט כאָר-געזאנג. לעקאָוועד דיאָניסנ האָט מענ געזונגענ די פיראמבנ (דה. ליב-געזאנגענ) דערפאר, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיכ דעמ פרילינג אונ די דערוואכונג פונ דער נאטור.

דער כאָר פלעגט געוויינלעכ ארופציִענ אפ זיכ צאפנ-פעלנ. די זינגער פלעגנ צוטשעפענ זיכ צאפנ-הערנער, צוקלעפנ בערד פונ דעמבנ-בלעטער אונ אפנ קאָפ אָנטאָנ א קראנצ פונ פליושטש. דאָס פלעגנ זיי אזוי פאָרשטעלנ די צאפנ-הערנערדיקע סאטירנ — דיאָניסעס באגלייטער. גלײַכ נאָכנ אָנפירער פלעגט דער כאָר אויסזינגענ פארשיידענע לידער, וואָס האָבנ געהייסנ טראגעדיעס, דה. „צאפנ-לידער". ווענ די מאניפעסטאציע פונ די צאפעס פלעגט זיכ אָפשטעלנ ערגעצ אפ א פלאצ אָדער אפ א העכער אָרט, פלעגט זיכ פונ צווישנ די זינגער אויסטײלנ א פאָרזינגער אָדער קאָריפיי. ער פלעגט אָנפירנ מיטנ כאָר אונ איז גלײַכצײַטיק געוועזנ דער הויפט-אקטיאָר. דער קאָריפיי פלעגט זיכ אופהייבנ אפ א העכער אָרט אונ דערציילנ וועגנ דיאָניסעס וואנדערונגענ אונ פאסירונגענ. אלס



א גריכישער טעאטער.

ענטפער האָט דער כאָר געזונגענע דיפּיראמבן. די ערשטע צײַט פלעגט אלזאָ ארויסטרעטן בלויז איין אקטיאָר. שפּעטער האָט זיך גענומען אויסטיילן פונעם כאָר נאָך איין אקטיאָר, מיט וועמען דער קאָריפיי פלעגט פירן דעם געשפּרעך.

פון אזוינע פאָרשטעלונגען איז געשאפן געוואָרן די גריכישע דראמאטישע פאָרשטעלונג — די טראגעדיע.

הארבסט-צײַט, ווען עס ווערן צײַטיק די ווײַנטרויבן, פלעגן זיך ווידער אָנהייבן יאָנטויווים לעקאָוועד דעם גאָט דיאָניס. געווען זײַנען עס פריילעכע גערעטעניש-יאָנטויווים, עס פלעגן דאן אָרגאניזירט ווערן געזאנגען און טענץ, מענטשן האָבן געלאכט, געטריבן שפּאס און נאָכגעקרימט איינער דעם אנדערן. פון אָט די פריילעכערע פאָרשטעלונגען איז שפּעטער אופגעקומען די קאָמעדיע. דער דאָזיקער נאָמען שטאמט פונעם גריכישן וואָרט „קאָמאָס", וואָס באטײַט „פריילעכע פראָצעסיע".

דער געבוי פון טעאטער.

די טראגעדיע און קאָמעדיע האָבן צוביסלעכווײַז גענומען אלץ מער פארפולקומט ווערן. די ערשטע צײַט פלעגן זיי שילדערן בלויז דאָס לעבן און די פּאסירונגען פון דיאָניסן. שפּעטער האָבן זיי גענומען ווײַזן געשעענישן פונעם לעבן פון די העלדן די האלב-געטער, נאָך שפּעטער — אויך פון מענטשן. די צאָל אקטיאָרן האָט זיך פארגרעסערט. די האנדלונגען פון אָט די אקטיאָרן האָבן שוין אָנגעהויבן פארנעמען דאָס הויפּט-אָרט אין דער טראגעדיע. אין פּראָצעס פון דער שפּיל פלעגט דער כאָר זינגען לידער. דער עולם האָט אָנגעהויבן בעסער פארשטיין די פאָרשטעלונגען, זיי זײַנען געוואָרן לעבעדיקער און אינטערעסאנטער.

אינ אטענ אונ אינ אנדערע גריכישע שטעט האָט מענ אָנגעהויבנ בויענ גרויסע טעאטערס, וואָס פֿלעגנ ארײַננעמענ צו עטלעכע צענדליק טויזנט צושויער. אזוי, לעמאָשל, איז לעקאָוועד דעמ גאָט דיאָניס אויסגעבויט געוואָרנ אינ אטענ א טעאטער, וואָס האָט געקאָנט ארײַננעמענ ביז 30 טויזנט צושויער מיטאמאָל. דאָס איז געווענ א געבײַדע, וואָס איז געשטאנענ אפֿנ שיפּוי פֿונעמ אקראָפּאָל אונ האָט געהאט א פֿאָרמ פֿונ א האלב-קרײַז. דער טעאטער האָט זיכ געפֿונענ אונטערנ פֿרײַענ הימל, ער האָט ניט געהאט קיינ דאכ. די אייבערשטע רייענ פֿונ די צושויער-ערטער זײַנענ אויסגעהאקט געווענ אינ מעלדז גופֿע, אונטנ זײַנענ די ערטער געווענ פֿונ מארמאָר אונ האָלצ. אָט די רייענ, וואָס זײַנענ געגאנגענ טעראסעסווײַז פֿונ אויבנ אראָפּ אונ געהאט די פֿאָרמ פֿונ א האלב-קרײַז, האָבנ באקומענ דעמ נאָמענ אמפֿיטעאטער. פֿונ פֿאָרנט פֿאר דעמ אמפֿיטעאטער פֿלעגנ אפּ א גלאטנ אונ העכערנ פֿלאצ אופֿטרעטנ די ערשטע צײַט די אקטיאָרנ. געשטאנענ איז דאָרט אויכ דער כאָר. דאָס איז געווענ די אָרכעסטרע (פֿונדאנענ שטאמט דער נאָמענ „אָרקעסטער"). הינטער דער אָרכעסטרע, אפּ נאָכ א העכערנ פֿלאצ, פֿלעגט מענ אופֿהענגענ די דעקאָראציעס. דאָס איז געווענ די סצענע (אינ גריכיש „סקענע"). שפּעטער האָבנ דאָ גענומענ ארויסטרעטנ די אקטיאָרנ, אונ דער כאָר ווידער איז פֿארבליבנ אינ דער אָרכעסטרע.

אינ די גריכישע פֿאָרשטעלונגענ האָבנ געמעגט אָנטיילנעמענ בלויז מאנצבלענ. פֿלעגנ דעריבער די פֿרויענ-ראָלנ אויכ געשפּילט ווערנ דורכ מאנצבלענ. אינ דער טראגעדיע פֿלעגנ די אקטיאָרנ ארויסטרעטנ אינ לאנגע רײַכע בונטע קליידער. אינ דער קאָמעדיע, ווו עס איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרנ דאָס לעבנ פֿונ געוויינלעכע מענטשנ, האָבנ די אקטיאָרנ געשפּילט אינ פּאָשעטע קליידער. צו דער ארויסטרעטונג פֿלעגט מענ אָנטאָנ גרויסע, בונטפֿארביקע מאסקעס, מיט שארפֿע געזיכטשטריכנ אונ א ברייט צעפּראלט מויל. טאָנ פֿלעגט מענ דאָס, קעדיי אונטערצושטרײַכנ דעמ אויסדרוק פֿונעמ אקטיאָרס פּאָנעמ. אכוצ דעמ פֿלעגנ די אקטיאָרנ אופֿטרעטנ אינ אזויגערופֿענע קאָטורנס — קאמאשנ מיט הויכע קנאפּל אָדער אפֿילע מיט אונטערגעקלאפּטע קלעצלעכ, קעדיי אלע צושויער זאָלנ קאָנענ זענ די אקטיאָרנ.

דער טעאטער האָט געשפּילט אינ גריכנלאנד א גרויסע ראָליע. דאָס פֿאָלק פֿלעגט דורכ דעמ ארײַנגעצויגנ ווערנ אינעמ קרײַז פֿונ די קולטור-אינטערעסנ אונ דאָס האָט פֿאר אימ געהאט א גרויסע דערציִערישע באדײַטונג.

54 §. די גריכישע ליטעראטור (די טראגעדיע אונ די קאָמעדיע).

עסכיל, סאָפֿאָקל אונ עווריפּיד.

דער אופֿבלי פֿונ דער גריכישער טעאטראלער קונסט אינ אטענ געהערט צו פּעריקלס צײַטנ. די בארימטסטע גריכישע טראגיקער זײַנענ געווענ עסכיל, סאָפֿאָקל אונ עווריפּיד.

צווישנ עסכילס טראגעדיעס זײַנענ די מערקווירדיקסטע „דער צוגעשמידטער פּראָמעטיי" אונ דרײַ טראגעדיעס, וואָס זײַנענ א פֿאָרזעצונג איינע פֿונ דער אנדערער, — די טרילאָגיע „אָרעסטייע". א באזונדערע רעגונג האָט ארויסגערופֿנ בא די צושויער די מאיעסטעטישע געשטאלט פֿונ פּראָמעטיי. דאָס פֿאָלק

עסכיל.

האָט ליב געהאט אָט דעמ העלד, דעמ הויכמוטיקנ מענטשנ־פרײַנט. פראָמעטײ האָט דאָכ געגעבנ די מענטשנ פײַער, ער האָט זײ אויסגעלערנט צו ארבעטנ, ארײַנגעגעבנ זײ סײכל אונ אזויארומ אויס־געטײלט זײ פונ געװײנלעכע באַלעכאַימ. עסכיל האָט באַװיזנ, װיאזוי דער דער־צאָרנטער זעװס איז זיכ דערפאר נויקעמ אָנ פראָמעטײענ אונ באשטראָפט אימ. דער ברוטאלער װילנ פונ די געטער פארפאָלגט עסכילס העלדנ. אינ עסכילס טראגעדיעס שפילנ א גרויסע ראָליע די אידײ פונ בלוט-נעקאָמע, דאָס אָפּקומענ פאר די זינד פונ די אורפאָטערס, די שטראָף נאָכנ אלטנ געזעצ נאָכ „אנ אויג פאר אנ אויג, א צאָנ פאר א צאָנ". די פערזאָנענ פונ זײַנע טראגעדיעס זײַנענ מאיעסטעטיש שײנ, אָבער צו װײַט פונ װירקלעכנ לעבנ. זײַנע העלדנ זײַנענ גיכער ענלעכ צו די געטער אײדער צו די מענטשנ, װאָס האָבנ געלעבט אינ עסכילס צײַטנ.

עסכיל האָט דער ערשטער ארויסגעפירט אפ דער בינע דעמ צװײטנ אקטיאָר.

אינמיטנ V יאָרה. פאר זײער נײַער ערע האָט די טראגעדיע פארפולקומט סאָ־פאָקל. ער האָט ארויסגעפירט דעמ דריטנ אקטיאָר. סאָפאָקלס בארימטסטע װערק זײַ־נענ די טראגעדיעס: „עדיפ דער קײסער", „עדיפ אינ קאָלאָנ" אונ „אנטיגאָנע". אינ די טראגעדיעס װערט דערצײלט װעגנ דעמ אומגליקלעכנ גורל פונעמ לעגענדארנ קײסער עדיפ, פונ זײַנע זינ אונ פונ זײַנ טאָכטער אנטיגאָנע. זײ שטרעבנ צו בעסערס, זײ זײַנענ אינגאנצנ אומ־שולדיק, דאָכ קומענ זײ אומ, װײַל די אומשטענדנ האָבנ זיכ אזוי צוזאמענגעטראָפנ. דער קײסער עדיפ, לעמאָשל, זאָגט זיכ אָפ פונ דער מאכט אונ שטעכט זיכ אויס די אויגנ, װענ ער דער־װיסט זיכ, אז דער אומבאקאנטער רײַזנדער, װע־מענ ער האָט דערהארגעט, איז געװענ זײַנער א לײַבלעכער פאָטער. די אומגליקנ פארפאָלגנ עדיפנ אויכ װײַטער. זײַנע צװײ זינ קומענ אומ אינ א ברודער-קאמפ פאר דער מאכט. זײַנ הײס באליבטע טאָכטער אנטיגאָנע װערט פארורטײלט צו טויט-שטראָף בלויז דערפאר, װאָס זי האָט זיכ אנטשלאָסנ צו ברענגענ צו קװורע דעמ טויטנ

עוריפּיד.

קערפּער פון איר ברודער, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן צו פאַרשוועכונג.

אין די טראַגעדיעס באַווייזט סאָפאָקל מייסטערהאַפט, ווי מענטשן קומען אַן אַנדערש מאָל אום איבער דעם, וואָס זיי איז אַזוי אָנגעצייכנט דורכן גורל. ער באַווייזט אויך, וויאַזוי דער פרייער ווילן פונעם מענטשן פירט אַ קאַמף קעגן דעם בלינדן גורל. זיגן זיגט אָבער דערביי שטענדיק (לויט סאָפאָקלס מיינונג) דער ווילן פון די געטער, דער גורל, אין וועלכן די אַנטיקע גריכן האָבן געגלייבט. דאָך זיינען די פּערזאָנען פון סאָפאָקלס טראַגעדיעס אַ סאַך נעענטער צו די רעאַלע מענטשן איידער עסכילס העלדן.

סאָפאָקל.

דער דריטער גרויסער גריכישער טראַגיקער איז עוריפּיד. זיינע טראַגעדיעס „מעדייע", „איפּאָליט", „איפיגעניע אין אַוולידע", „איפיגעניע אין טאַווּרידע" זיינען ברייט באַקאַנט.

עוריפּיד האָט פאַרמאָגט זייער אַ פיינעם כוש צו מענטשלעכע איבערלעבונגען, צו די געפילן און ליידנשאַפטן פון די מענטשן. צווישן די גרויסע גריכישע טראַגיקער איז ער געשטאַנען אַם נאָענטסטן צום לעבן פון זיין צייט. עוריפּיד נעמט זיינע העלדן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, ער טיילט זיי אָבער איין אַלע שטרעבונגען און געפילן פון עכטע מענטשן.

אַריסטאָפאַן.

דער אָנגעזעענסטער גריכישער קאָמעדיע־שרייבער איז געווען דער אַטענער אַ ר י ס ט אָ פ אַ ן. אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אין די צייטן פון דער פּעלאָפּאָנעסער מילכאָמע. פון אַריסטאָפאַנס ווערק זיינען צו אונדז דערגאַנגען 11 קאָמעדיעס: „רייטער", „פרעש", „וואָלקנס", „פרויען אין דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג" אאַ.

אַריסטאָפאַן שפּעט אָפּ פון דער אַטענישער דעמאָקראַטיע, ער מאָלט זי אין געשטאַלט פון אַ זאָקן אַן אויווערבאָטל („רייטער"). עס ווערן אויסגעלאַכט די דעמלטיקע לערער און פילאָסאָפן („וואָלקנס"). אַריסטאָפאַן האָט ניט געשאַנעוועט אויך די רעליגיע.

דעם הויפּט־גאָט זעוסן שילדערט ער אַלס אַ גאַנעוו און אַ זשוליק, הער-

מעסנ — אלס א פרעסער, פאָטיידאָנענ — אלס א כאבארניק. דאָס פאָלק פלעגט זיכ שטארק אמוזירנ פונ אָט די קאָמעדיעס. באַם שטעלנ די קאָמעדיעס אפ דער בינע פלעגט זיכ באקומענ נאָכ א שטארקערער אײַנדרוק.

אינעם גריכישנ טעאטער פלעגט מענ שטעלנ אקטועלע פיעסנ: וועגנ דעמ קאמפ צווישנ דער דעמאָקראטיע אונ דער אריסטאָקראטיע, וועגנ די רעכט אונ פליכטנ פונ די בירגער, וועגנ די כעסרוינעס אינ דעמ מעלוכע-רעזשימ.

דער גרעסטער טייל גריכישע שרײַבער האָט געשטאמט פונעמ שקלאפנבאזי-צערישנ קלאס. זיי האָבנ אָבער געקענט אופכאפנ די כעסרוינעס סײַ פונ אָט דעמ קלאס סײַ פונעמ לעבנ פונ דער גאנצער געזעלשאפט. זיי האָבנ אויכ געקענט אופכאפנ די שוואכע אונ שטארקע זײַטנ פונעמ מענטשנ דעמ יאָכיד, פונעמ ביר-גער. דערמיט האָבנ זיי געוועקט דעמ מענטשלעכנ געדאנק, געצוווּנגענ צו פאר-טראכטנ זיכ, אויסצוקלײַבנ די ריכטיקע האנדלונג.

די גריכישע שרײַבער האָבנ געטריבנ פאָרויס די אנטוויקלונג פונ דער גרי-כישער קולטור.

55 §. די קונסט.

די גריכנ זײַנענ געווענ גרויסע מײַסטערס ניט נאָר אינ געביט פונ ליטערא-טור אונ טעאטער-קונסט, נאָר אויכ אינ אלע אנדערע געביטנ פונ קונסט.

ארכיטעקטור.

א פאָרשטעלונג וועגנ דער גריכישער ארכיטעקטור באקומענ מיר הויפטזאכלעכ פונ די טעמפלענ אונ געזעל-שאפטלעכע געבײַדעס פונ די גריכנ. די דאָזיקע געבײַדעס פלעגנ געבויט ווערנ פונ שטיינ, אָפטמאָל פונ מארמאָר, אונ האָבנ זיכ אויסגעצייכנט מיט אויסערגע-



א גריכישער טעמפל אינ דאָרישנ סטיל.



א זײַל אין קאָרינטער סטיל.





א זײַל אין יאָנישן סטיל.

ווײַנלעכע עלעגאַנץ און שײנקײַט. אײניקע טײלן פֿון די געבײַדעס־פֿלעגן באַפּוצט ווערן מיט סקולפּטורן און געמעלן. דאָס פֿולקומסטע אַרכיטעקטור־ווערק איז דער פּאַרפֿענאָן — דער טעמפּל פֿון דער געטין אַטענע, וועלכער איז געווען אויסגעבויט אויפֿן שפּיץ פֿונעם אַטענער אַקראָפּאָל. פּראַכטפֿול זײַנען אויך די אַטענער פּראָפּילייען — דער זעלטן שײנער אַרײַנגאַנג, וואָס פֿירט אין אַקראָפּאָל, און די טעמפּלען, וואָס זײַנען געווידמעט דעם לעגענדאַרישן אַטענער קײסער ערעכטײ (ערעכטײאָן) און העפֿעסטן (טעסײאָן).

עס האָבן דאַן עקזיסטירט דרײַ אַרכיטעקטור־סטילן: דער דאָרישער — דער סאַמע פּרײַקער און אײנפֿאַכסטער לויט דער פֿאָרם, דער יאָנישער, וואָס צײכנט זיך אויס מיט דער פֿײַנקײַט און בויגעוודיקײַט פֿון די ליניעס, און, ענדלעך, דער קאָרינטער — אַ קאָמפּליצירטער און געצאַצקעטער סטיל. די אַלע סטילן פֿלעגן צומאָל קאָמבינירט ווערן אין אײן געבײַדע. דער פּאַרפֿענאָן, אַשטײגער, פֿאַרײניקט אין זיך עלעמענטן פֿונעם דאָרישן און יאָנישן סטילן.

סקולפּטור.

אַ זײער אַ הויכער מאַדרײגע איז בײַ די גריכן געשטאַנען אויך די סקולפּטור. דעם העכסטן גראַד אַנטוויקלונג האָט זי דערגרייכט אין V און IV יאָרה. פֿאַר דער נײַער ערע.

דער באַרימטסטער גריכישער סקולפּטאָר איז געווען פֿידי. אין זײַן שאַפֿונג האָט ער בולעט אָפּגעשפּיגלט ו'עם פֿעריאָד פֿונעם העכסטן אויפֿבלי פֿון אַטען. פֿידי

פלעגט שאפן נאָר פיגורן פון געטער. אמערסטן פּאָפּולער זײַנען געווען צוויי גראַנדיעזע סטאַטועס זײַנע. איינע פון זיי איז — די סטאַטוע פון אַטענע אין פּאַרפענאָן. זי האָט געהאַלטן 12 מעטער די הייך און איז געווען געמאַכט פון העלפאַנדביין און פון גאָלד. די צווייטע סטאַטוע — זעוס זיצט אויפן טראָן. זי האָט זיך געפונען אין זעוס-טעמפּל אין אָלימפּיע. די סטאַטוע האָט געהאַט אַזאַ שעם, אַז יעדער גריך האָט געהאַלטן פאַר נייטיק א קוק צו טאָן אויף איר כאָטש איין מאָל אין לעבן.

די גריכישע סקולפּטאָרן פּאָליקלעט, פּראַקסיטעל און ליסיפּ האָבן געשטרעבט איבערצוגעבן אין זייערע ווערק די שיינקייט פון א געזונטן מענטשלעכן קערפּער. מוסטערן פון אַזאַ קערפּער האָבן זיי געזען בייס די גימנאַסטישע איבונגען און פּאַרמעסטונגען, וואָס פלעגן אין אַנטיקן גריכנלאַנד פּאָרקומען אַזוי אָפט.

אַחוץ די אָפּבילדונגען פון געטער און מענטשן, זײַנען אויך געווען שטייגער-סקולפּטורן: אַקטיאָרן, זקיינעס, שקלאַפן. פון אָט דעם מין אָפּבילדונגען איז צו אונדז דערגאַנגען גאָר א קליינע צאָל ווערק.

מאָלערײַ. די מאָלערײַ-קונסט איז בא די גריכן געווען ענג פאַרבונדן מיט דער סקולפּטור. די באַרימטסטע גריכישע מאָלער זײַנען: פּאָליגנאָט — געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון V יאָרה. פאַר דער נײַער ערע, און אַפּאָלאָדאָר — אין דער צווייטער העלפט פונעם זעלבן יאָרהונדערט. מיט אַפּאָלאָדאָרס נאָמען פאַרבינדט מען די קונסט פון אויסנוצן ליכט און שאָטן. ער האָט גלענצנדיק באַהערשט דאָס פּענדזל. די פיגורן זײַנע האָבן אויסגעזען, ווי רעליעפן און לעבעדיקע.

בא די גריכן האָט עקזיסטירט א ספּעציעלער מין מאָלערײַ — דאָס באַמאָלן פאַרשיידענע קיילים. די דאָזיקע קונסט הייסט וואַזע-מאָלערײַ. אויף וואַזעס פלעגט מען מאָלן איבערהויפּט סוזשעטן פון דער גריכישער מיפּאָלאָגיע. אין דער וואַזע-מאָלערײַ האָבן די גריכן דערגרייכט צו הויכער מײַסטערשאַפט.

מוזיק. די מוזיק איז אין גריכנלאַנד לעכאַטכילע געווען ענג פאַרבונדן מיט דער פּאָעזיע. אַזוי, לעמאָשל, לייענען מיר בא האָמערן, וויאַזוי דער פּאָעט דעמאָדאָק אַקאָמפּאַנירט זײַנע לידער אויפן סטרונע־אינסטרומענט קיפאַרע. די גריכישע פּאָעטן זײַנען גלײַכצײַטיק געווען אויך מוזיקאַנטן. אין א סאַך מיפן ווערט דערציילט וועגן פאַרמעסטונגען צווישן מוזיקאַנטן אויף סטרונע־אינסטרומענטן און בלאָז־אינסטרומענטן. די גריכן האָבן געגלייבט, אַז די סטרונע-מוזיק (די לירע, די קיפאַרע) איז פייִק צו שאַפן א האַרמאָניע און קאָנטאַקט צווישן אַלע מענטשלעכע געפילן, די בלאָז-מוזיק (די פלייט, די דודע) האָבן זיי געהאַלטן פאַר א „באַרבאַרישע" מוזיק, וואָס ברענגט אַרויס דעם מענטשן פון די קיילים.

מיט דער צײַט איז די מוזיק געוואָרן א זעלבשטענדיקע קונסט.

די גריכן האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַנאַנדעראַרבעטן די גאַמע פון די מוזיקאַלע טענער. דער פילאָסאָף און מאַטעמאַטיקער פּיפאַגאָר (VI יאָרה. פאַר דער נײַער ערע) און דער גרויסער מאַטעמאַטיקער עווקליד (III יאָרה. פאַר דער נײַער ערע) האָבן געשריבן ספּעציעלע ווערק וועגן מוזיק.

די גריכישע קונסט איז געווען דער יעסאָד פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קולטור פון רוים, און שפּעטער — אויך פון גאַנץ אייראָפּע.

§ 56. דער אופקומ פונ וויסנשאפט.

געשיכטע.

די גריכנ האָבנ אויכ איבערגעלאָזט א רײַכע ירושע אינ דער פאָרמ פונ ווערק אינ פארשיידענע געביטנ פונ דער וויסנשאפט (געשיכטע, מאטעמאטיק, נאטורוויסנשאפט אונ פילאָסאָפיע). דער היסטאָריקער הערָאָדאָט, וואָס האָט באקומענ דעמ נאָמענ „פאָטער פונ דער געשיכטע", האָט איבערגעלאָזט א באשרײַבונג פונ די גריכיש-פערסישע מילכאָמעס ביזנ יאָר 479 פאר דער נײַער ערע. זײַנ ווערק אנטהאלט א רײַכנ אונ לעבעדיק באשריבענעמ מאטעריאל. ער האָט א סאכ געפרײַזט אונ א סאכ געזענ. העראָדאָט האָט באזוכט עגיפּעט, איז געוועזנ אינ באָוול אונ אפילע אינ סקיפיע. אלצ, וואָס ער האָט געזענ אונ געהערט, האָט ער פארשריבנ אינ זײַנ געשיכטע. פארשטייט זיכ, אז העראָדאָט האָט נאָכ ניט געקאָנט געבנ קיינ וויסנשאפטלעכע באגרינדונג פונ די היסטאָרישע געשעענישנ. ער מאָטיווירט זיי מיטנ ווילנ פונ די געטער.

העראָדאָט.

די געשיכטע פונ דער פעלאָפּאָנעסער מילכאָמע ביזנ יאָר 411 פאר דער נײַער ערע האָט באשריבנ דער היסטאָריקער פוקידיד, וואָס איז אליינ געוועזנ אנ אָנטיילנעמער פונ אָט דער מילכאָמע. פוקידיד איז טיפער פונ העראָדאָטנ. פוקידיד באשרײַבט דעמ פארטייענ-קאמפ אונ דעקט אופ די סיבעס, פארוואָס אטענ האָט געליטנ א מאפּאָלע. אויב העראָדאָט דערקלערט פיל זאכנ מיט דער ארײַנמישונג פונ די געטער, איז פוקידיד זוכט די סיבעס פונ די היסטאָרישע געשעענישנ אינ די מײַסימ פונ די מענטשנ. וויסנשאפטלעכע טיפקײַט ווערט אינ פוקידידס ווערק צונויפגעפאָרט מיט גרויסער קינסטלערישקײַט פונ דער באשרײַבונג.

פונ די היסטאָריקער, וואָס האָבנ געלעבט אינ די שפּעטערע צײַטנ, דארפ מענ אָפּמערקנ קסענאָפאָנטנ. אינ דעמ ווערק „גריכישע געשיכטע" זעצט קסענאָפאָנט פאָר צו באשרײַבנ די געשעענישנ, אפ וועלכע פוקידיד האָט זיכ אָפּגעשטעלט.

די אנטיקע גריכנ האָבנ אזויארומ פארלייגט די ערשטע יעסוידעס אויכ פונ אָט דעמ געביט פונ וויסנשאפט.

די גריכנ האָבנ געזוכט צו דערגייננ די סיבעס פונ דער אנטשטייונג פונ די פארשיידענע נאטור-דערשײַנונגענ. זיי האָבנ געמאכט דעמ אָנהייב פונ דער נאטור-וויסנשאפט אונ פילאָסאָפיע.

פילאָסאָפיע.

באזונדערס איז אינ גריכנלאנד געוועזנ אנטוויקלט די פילאָסאָפיע. די דאָזיקע וויסנשאפט האָט געשטרעבט צו דערקלערנ, וואָס איז אזוינס די וועלט אינגאנצנ גענומענ אונ פונוואנענ שטאמט זי. די ערשטע פרוווּנ צו דערקלערנ די אָפּשטאמונג פונ דער וועלט האָבנ געמאכט

די כאַכאָמים (דענקער) פון די קליין-אַזיאַטישע [שטעט. דאָס זײַנען געווען די ערשטע געלערנטע, וואָס האָבן שטודירט מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און געאָגראַפיע. זיי האָבן זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט דער דערקלערונג, אַז אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן דורך די געטער, זיי האָבן געזוכט וויסנשאַפטלעכע דערקלערונגען. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט דער ערשטער פילאָסאָף — פ א ל ע ס דער מילעטער (VI יאָרה. פאַר דער נײַער ערע) געהאַלטן, אַז אַלץ שטאַמט פון וואַסער. דאָס וואַסער איז, לויט זײַן מיינונג, געווען דער אָנפאַנג פון אַלע זאַכן.

פון די עלטסטע גריכישע פילאָסאָפן איז באַזונדערס קעדײַ צו דערמאָנען הערא קליט ן פון עפעס (VI יאָרה. פאַר דער נײַער ערע) און דעמאָקריט ן פון אַבדער (V יאָרה. פאַר דער נײַער ערע). העראַקליט האָט אָנערקענט, אַז דער אורקוואַל פון אַלץ איז דאָס פ ײַ ע ר. ער האָט געלערנט, אַז אַלץ, וואָס עס עקזיסטירט, געפינט זיך אין אייביקער באַוועגונג און ענדערונג: „אַלץ פליסט. מע קאָן ניט אַרײַנגיין צוויי מאָל אין איין און דעם זעלבן שטראָם״. דעמאָקריט האָט געהאַלטן, אַז אין יעסאָד פון דער וועלט ליגט ניט קיין גאָט און ניט קיין גײַסט, נאָר מ א ט ע ר י ע (שטאָף). די מאַטעריע באַשטייט, לויט זײַן לערע, פון ביז גאָר קליינע טיילעכלעך (א ט א מ ע ן). די טיילעכלעך געפינען זיך אין שטענדיקער באַוועגונג: אָט פאַראייניקן זיי זיך, אָט צעטיילן זיי זיך. אַלע פאַרשיידנאַרטיקע נאַטור-דערשײַנונגען, האָט דעמאָקריט דערקלערט, קומען פאַר אַדאַנק די פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס פון די אַטאָמען. דורך אָט דער אָנשויונג האָט דעמאָקריט דערלאַנגט אַן אויסערסט שווערן קלאַפּ דער רעליגיע, וועלכע האָט אַלץ דערקלערט מיט דער טעטיקײַט פון די געטער. דעריבער איז דעמאָקריט דער ערשטער אָנגעזעענער מ א ט ע ר י א ל י ס ט און א ט ע י ס ט.

§ 57. סאָקראַט און פּלאַטאָן. אַריסטאָטעל.

די סאָפיסטן.

אין פאַרלויף פון די 27 יאָר פון דער פעלאָפאָנעסער מילכאָמע זײַנען אין אַטען פאָרגעקומען אַ סאַך פאַרשיידענע ענדערונגען אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. פריער פלעגן די גריכישע געלערנטע שטודירן הויפּטזאַכלעך די פראַגן וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער וועלט, וועגן דעם אָנפאַנג פון אַלע זאַכן. אין צוזאַמענהאַנג אָבער מיט דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף און פאַרטייִשן קאַמף האָבן דאָס הויפּט-אָרט אָנגעהויבן פאַרנעמען געזעלשאַפטלעכע פראַגן: מעלוכע, געזעלשאַפט, כויוו און פליכטן פונעם בירגער.

מיט די דאָזיקע פראַגן טאַקע האָבן זיך פאַרנומען די ס א פ י ס ט ן. געווען זײַנען עס וואַנדערנדיקע כאַכאָמים, וואָס האָבן פאַר געלט אונטעריכט ריטאָריק, דה. די קענטשאַפט צו ריידן איבערצײַגנדיק, שיין און פירן מײַסטערהאַפט אַ פּאָלעמיק. מיט זייער טעטיקײַט האָבן די סאָפיסטן געהאָלפן צו פאַרשפרייטן בילדונג צווישן פאָלק.

די סאָפיסטן האָבן באַהויפּט, אַז אין דער וועלט עקזיסטירן ניט קיין אַלגעמיינע לעבנס-קלאָלים, וואָס זאָלן זײַן גילטיק פאַר אַלע מענטשן. יעדער מענטש, יעדעס פאָלק האָט זיך זײַנע אָנשויונגען אויף טוגנד, זײַנע געזעצן און זײַנע לעבנס-

קלאָלימ. „דעריבער, — האָבנ געטײַנעט די סאָפיסטנ, — עקזיסטירט אינ אַטענ אײנ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, אינ ספּאַרטע — אַ צווייטע, אינ פּערסיע — אַ דריטע". פונ די סאָפיסטנ איז אַמערסטנ באַרימט געוועזנ פּראָטאַגאָר.

סאָקראַט.

קעגנ די סאָפיסטנ איז אַרויסגעטראָטנ דער פילאָסאָפ סאָקראַט. ער האָט געהאַלטנ, אַז די הויפּט-אויפגאַבע איז צו דערוועגנ אַזוינע קענטענישנ, וואָס זאָלנ זײַנ ריכטיקע אונ אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע מענטשנ. וועגנ זיכ זעלבסט פלעגט סאָקראַט זאָגנ, אַז ער „ווייסט בלויז דאָס, אַז ער ווייסט גאָרנישט". אַלס לעבנס-קלאַל האָט פאַר אימ געדינט די אויפשריפט אױפנ דעלפישנ טעמפּל: „באַגרײַפ זיכ זעלבסט".



סאָקראַט.

סאָקראַט פלעגט קיינמאָל ניט געבנ קיינ פאַרטיקע ענטפערס. מיט זײַנע פראַגנ אונ דערווידערונגענ פלעגט ער זיכ באַמיִענ צו פירנ דעמ מיטשפּרעכער אױפ אַזאַ וועג, אַז יענער זאָל אַליינ קומענ צו אַ ריכטיקער לייזונג. סאָקראַט האָט געשטרעבט, אַז דער מיטשמועסער זאָל זיכ אַליינ איבערצײַגנ אינ דער פאַלשקײַט פונ זײַנע אייגענע באַהויפּטונגענ.

סאָקראַטס ציל איז אַזוי־אַרומ געוועזנ — ניט די קענטעניש גופא, נאָר אויפוועקנ אינ די מענטשנ ליבע צו קענטעניש. דערינ איז באַשטאַנענ דער סאָקראַטישער מעטאָד פונ באַהאַנדלונג.

סאָקראַטנ האָט מענ באַשולדיקט אינ אַנטימעלוכישער טעטיקײַט, אונ מע האָט אימ צוגעצויגנ צומ געריכט. ער איז פאַרורטיילט געוואָרנ צו טויט-שטראָפ. זײַנע שילער אונ קרויווימ זײַנענ געקומענ צו אימ אינ טורמע זיכ געזעגענענ. זיי האָבנ אימ פאָרגעלייגט אָדער אַנטלויפנ פונ טורמע אָדער אָפּזאָגנ זיכ פונ זײַנע אָנשויונגענ. סאָקראַט איז אָבער ניט אײַנגעגאַנגענ דערויפ. ער האָט געהאַלטנ פאַר בעסער צו שטאַרבנ, אונ האָט אויסגעטרונקענ דעמ בעכער מיט סאַמ, וואָס איז געוועזנ פאַר אימ באַשטימט. סאָקראַט איז געשטאָרבנ אינ עלטער פונ 70 יאָר (399-טנ יאָר פאַר דער נײַער ערע).

פלאַטאָנ אונ זײַנע שילער.

סאָקראַטס לערע האָט פאָרגעזעצט זײַנ שילער פלאַטאָנ.

פלאַטאָנ.

פלאַטאָנ האָט געשטאַמט פונ אַנ אַריסטאָקראַטישנ אונ רײַכנ שטאַמ. צו צוואַנציק יאָר האָט ער אָנגעהויבנ גיינ הערנ סאָקראַטנ אונ געלערנט זיכ בײַ אימ צענ יאָר צײַט.

נאָכן לערערס טויט האָט פּלאַטאָן אַליינ געגומענ אונטעריכטנ פּילאָסאָפּיע. זײַנע צוהערער פלעגנ זיכ צונויפקומענ אינ א גרויסנ גאָרטנ מיט שאָטנדיקע אַלייענ, ווו עס האָט זיכ געפונענ די געבײַדע פאַר גימנאַסטישע איבונגענ (די אקאַדעמיע).

לעהייפעכ צו דעמאָקריטנ האָט פּלאַטאָנ געהאַלטנ, אַז אינ יעסאָד פונ דער וועלט ליגט ניט קיינ מאַטעריע, נאָר גאָט, דער געדאַנק אָדער די א י ד י י. פּלאַ-טאָנ איז געווענ דער ערשטער גרויסער א י ד ע א ל י ס ט. אינ פאַרגלײַכ מיט דע-מאָקריטנ האָט פּלאַטאָנ געמאַכט א טראָט צוריק פונ די פּרווונ־וויסנשאַפטלעכ צו דערקלערנ די נאַטור אונ די געזעלשאַפט.

פּלאַטאָנס יוגנט איז צונויפגעפאַלנ מיטנ פּעריאָד פונ דער פּעלאָפּאָנעסער מילכאָמע. באַאָבאַכטנ־דיק די מילכאָמע, די געשעעענישנ נאָכ דער מילכאָמע אונ ביפּראַט דעמ קאַמפ צווישנ דער אַריכטאָ־קראַטיע אונ דער דעמאָקראַטיע, האָט זיכ פּלאַטאָנ באַמיט צו פאַרשטיינ אָט די געשעעענישנ.

אינ איינעמ פונ זײַנע ווערק, וואָס הייסט „מעלוכע”, גיט פּלאַטאָנ א פּראָיעקט פונ אַנ „אידע־אַלער”, דה. סאַמע בעסטער, לויט זײַנ מיינונג, מעלוכע־אָרדענונג. אינ אָט דער אידעאַלער מעלוכע טיילנ זיכ אַלע מענטשנ אפ דרײַ שטאַנדנ: פּילאָסאָפנ, קריגסלײַט אונ אַרבעטנדיקע. די פּילאָסאָפנ רעגירנ מיט דער מעלוכע, די קריגסלײַט באַשיצנ זי, די אַרבעטנדיקע אַרבעטנ.

פאַר די פּילאָסאָפנ אונ קריגסלײַט שאַפט פּלאַטאָנ אָפּ דאָס פּריוואַטע אייגנטומ. זיי געברויכנ אַלצ געמיינזאַמ. פאַר די אַרבעטנדיקע אָבער בלײַבט אַלצ ווי געווענ. זיי זײַנענ מעכויעוו צו אַרבעטנ אונ אויסהאַלטנ די פּילאָסאָפנ אונ קריגסלײַט. די אַרבעטנדיקע דאַרפנ זיכ ניט מישנ אינ די איני־יאָנימ פונ רעגירנ מיט דער מעלוכע, זיי האָבנ ניט קיינע בירגערלעכע רעכט אונ געפינענ זיכ אינ דער לאַגע פונ קנעכט. אַזוי האָט זיכ דער אַריס־טאָקראַט פּלאַטאָנ פאָרגעשטעלט אַנ אידעאַלע מעלוכע.

אַלע מענטשנ האָט פּלאַטאָנ געטיילט אפ פרײַע, וועלכע האָבנ א פאַרשטאַנד, אונ אפ שקלאַפנ, וועלכע קאָנענ בלויז אויספילנ די באַפעלנ פונ די הארנ. דאָס איז געווענ א טיפּישע שקלאַפנבאַ־זיצערישע פּילאָסאָפיע.

אריסטאָטעל.

אריסטאָטעל.

דער גריכישער פּילאָסאָפ א ר י ס-ט אָ ט ע ל (די יאָרנ 384—322 פאַר דער נײַער ערע) איז געווענ דער גרעס-טער געלערנטער אינ אַלטערטומ. די מער-הײַט פונ זײַנע ווערק זײַנענ צו אונדז דערגאַנגענ. אריסטאָטעל האָט אונטערגע-פירט דעמ סאַכאַקל פונ דער אַנטוויקלונג פונ דער וויסנשאַפט אינ פאַרלויפ פונ דעמ גאַנצנ מעשעכ צײַט ביז אימ אונ האָט פאָרמולירט די וויסנשאַפט פונ איט-לעכנ געביט באַזונדער. אריסטאָטעלס ווערק, וואָס זײַנענ צו אונדז דערגאַנגענ, באַהאַנדלענ די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקסטע פראַגנ פונ דער וויסנשאַפט (פיזיק, זאָאָלאָגיע, פּילאָסאָפיע, געשיכטע, קונסט אא.).

אריסטאָטעל האָט דערצויגנ א רייי שילער, וואָס זײַנענ דערנאָכ געוואָרנ אָנ־

געזעענע געלערנטע. אריסטאָטעלס וויסנשאַפטלעכע ווערק האָבן געשטויסן פּאָרויס די אנטוויקלונג פון די סאַמע פארשיידנסטע וויסנשאפטן: פילאָסאָפיע, מאַטעמאַטיק, מעכאַניק אא. דורכ זײַנע גוואַלדיקע קענטענישן און גרויסע וויסנשאפטלעכע ווערק האָט אריסטאָטעל פאַרדינט דעם נאָמען „גיגאַנט פון דער אַנטיקער וויסנשאַפט". ניט געקוקט אָבער אַף אַלע זײַנע קענטענישן, האָט ער, פּונקט ווי א סאַך אַנ־דערע פילאָסאָפן, געהאַלטן די שקלאַפערײַ פאַר א נאָרמאַלער דערשײַנונג. אריס־טאָטעל פלעגט זאָגן, אז אַלע באַרבאַרן (דה. ניט־גריכן) דאַרפן זײַן שקלאַפן און אַז די שקלאַפערײַ איז אַן אייביקער געזעץ פון דער נאַטור.

אַפילע אָט דער גרויסער דענקער פון אַלטערטום איז ניט געווען אימשטאַנד צו באַפרײַען זיכ פון די אָנשויונגען, וואָס זײַנען אייגנטימלעכ דעם שקלאַפנבאַ־זיצערישן קלאַס.

VII. גריכנלאַנד אונטער דער מאַכט פון מאַקעדאָניע.

58 §. די לאַגע פון גריכנלאַנד אינ IV יאָרהונדערט פאַר דער נײַער ערע.

די העגעמאָניע פון ספּאַרטע.

פאַרניכטעט די מעכטיקײַט פון אַטען, האָבן די ספּאַרטאַנער באַקומען די העגעמאָניע איבער גאַנץ גריכנ־לאַנד. אומעטום האָבן די ספּאַרטאַנער אָראָפּגעוואָרפן די דעמאָקראַטישע אָרדענונג און אוועקגעשטעלט בא דער מאַכט אָליגאַרכן, וואָס האָבן זיכ ברוטאַל צערעכנט מיטן פאָלק.

די העגעמאָניע פון ספּאַרטע איז געווען זייער א שווערע לאַסט אַף די גריכישע מעלוכעס, און זיי האָבן געזוכט א מעגלעכקײַט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיכ דעם ספּאַר־טאַנישן יאָכ.

די אַטענער האָבן אויסגענוצט די שווערע לאַגע פון ספּאַרטע, וועלכע איז אינ אָנהייב IV יאָרה. פאַר דער נײַער ערע געווען פאַרנומען מיט דער מילכאָמע קעגן די פּערסן, און האָבן געמאַכט א פּרווו צו באַפרײַען זיכ פון דער ספּאַר־טאַנישער העגעמאָניע. מיט אָט דעם צוועק האָבן זיי דורכגעפירט א ריי מאָסמיט־לען. אַזוי ווי דאָס אַלטע מיליטער, וואָס איז באַשטאַנען פון אַטענישע בירגער, האָט געהאַלטן אינ צעפאַלן ווערן, האָבן די אַטענער געשאַפן א נײַע, גרויסע אַרמיי פון געדונגענע קריגסלײַט. אכוץ דעם האָבן זיי צוריק אויפגע־שטעלט די אַטענישע פעסטונגען און אויסגעבויט א נײַעם פלאָט.

די אַטענער האָט זיכ אָבער ניט אײַנגעגעבן צו באַפרײַען זיכ פון דער ספּאַרטאַנישער הערשאַפט (העגעמאָניע). ספּאַרטע האָט זיכ צונויפגערעדט מיטן פּערסישן קייסער אַרטאַקסערקס און געשלאָסן מיט אים שאָלעם (387־טנ יאָר פאַר דער נײַער ערע). לויט דעם שאָלעם־אָפּמאַכ איז געווען פאַרבאָטן צו שאַפן אינ גריכנלאַנד וואָסערע־ניט־איז נײַע פאַרבאַנדן. דאָס האָט צעשטערט די פּלענער פון אַטען וועגן שאַפן א פאַרבאַנד צו קעמפן קעגן ספּאַרטע.

די דערהויבונג פון פיווע.

דעם צווייטן פּרווו צו באַפרײַען זיך פון דער הער-שאַפט פון ספּאַרטע האָבן געמאַכט די דעמאָקראַטן פון פיווע, ווו די ספּאַרטאַנער האָבן אויך אײַנגעפירט אַן אָליגאַרכישע רעגירונג-סיסטעם. די פאַרטריבענע פיווער דעמאָקראַטן האָבן זיך באַזעצט אין אַטען. אין יאָר 379 פאַר דער נײַער ערע האָט אַ קליינער אָטריאַד פיווער דעמאָקראַטן בעראָש מיטן פירער פּ ע ל אָ פּ י ד איבערגעטאָן זיך אין פויער-שע קליידער און זיך דערקליבן קיין פיווע. דאָרט האָט דער אָטריאַד זיך פאַר-בונדן מיט זײַנע אָנהענגער און אויסגעהרגעט די אָליגאַרכן. די דעמאָקראַטיע האָט געשטיצט פּעלאָפּידן, און דער ספּאַרטאַנישער גאַרניזאָן איז געווען געצוווּנ-גען צו פאַרלאָזן די שטאָט. פיווע האָט גענומען שפּילן אַ גרויסע ראָליע אין גריכנלאַנד. געשטיצט פון פיווע, האָבן פיל גריכישע שטעט געטרוימט וועגן באַ-פרײַען זיך פון זייער אָפּהענגיקייט פון ספּאַרטע. אָט דער אומשטאַנד האָט דער-נעענטערט פיווע מיט אַטען, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט אַרויס-צוטרעטן קעגן ספּאַרטע. די זאַך האָט זיך אָבער ניט באַגרענעצט בלויז מיט אַ בונד פון אָט די צוויי מעלוכעס קעגן ספּאַרטע.

דער צווייטער אַטענער פאַרבאַנד.

די אַטענער האָבן געמאַכט אַ פּרווו אויפצושטעלן צוריק זייער פריִערדיקע מעכטיקייט. אין יאָר 378 פאַר דער נײַער ערע האָבן זיי אַריבערגעצויגן אויף זייער זײַט אַ סאַך פון זייערע געוועזענע פאַרבינדעטע און צוריק אויפגעשטעלט דעם אַטענער פאַרבאַנד. דאָס איז געווען דער **צווייטער אַטענער פאַר-באַנד**.

די פאַראייניקטע קרעפטן הייבן אָן דערלאַנגען ספּאַרטע איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן. באַזונדערס אַרויסגערוקט האָט זיך דאַן דער טאַלאַנטפולער פירער עפּאַמינאָנד. ער איז געשטאַנען בעראָש פון דער פיווער אַרמיי, און די ספּאַרטאַנער האָבן פון אים געכאַפּט איין מאַפּאָלע נאָך דער צווייטער. אָפּגעריי-ניקט פון די ספּאַרטאַנער גאַנצע בעאָטיע, האָט זיך עפּאַמינאָנד אַוועקגעלאָזט קיין פּעלאָפּאָנעס. ער איז דערגאַנגען אַפילע האַרט ביז ספּאַרטע. אין דער געשיכטע פון ספּאַרטע איז דאָס געווען דער ערשטער פאַל, אַז אַ סוינע זאָל שטיין בײַ די טויערן פון דער שטאָט.

אײַנעמען די שטאָט איז אים ניט געלונגען, ווײַל די קויכעס פונעם פיווער מיליטער האָבן זיך שוין גענומען אויסשעפּן. דערזעענדיק די דערהויבונג פון פי-ווע, האָבן זיך די אַטענער דערשראָקן און אַפילע פאַראַטן פיווע. זיי זײַנען אַריבער אויפן צאַד פון ספּאַרטע. דער אַטענער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן צעפאַלן ווערן. אָנשטאָט צו פירן אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן ספּאַרטע, האָבן זיך די פאַרבינדעטע צעקריגט צווישן זיך.

אין רעזולטאַט פונעם דויערנדיקן קאַמף זײַנען סײַ פיווע, סײַ אַטען, סײַ ספּאַרטע געוואָרן אַזוי אויסגעצערט, אַז זיי זײַנען מער ניט אימשטאַנד געווען אָנצופירן מיט די גריכישע שטעט.

§ 59. מאקעדאָניע. פיליפ דער מאקעדאָנער.

די נאטור אונ די באפעלקערונג פונ מאקעדאָניע.

אינ אָט דעמ פעריאָד האָט די הויפט-ראָליע גענומענ שפילנ מאקעדאָניע. מאקעדאָניע האָט זיכ געפונענ אינ צאָפנ פונ גריכנלאנד. די נאטור אירע איז געווענ א הארבערע. דאָרט זײַנענ געווענ א סאכ הויכע אָפריסיקע בערג, באוואָקסענע מיט געדיכטע אלטע וועלדער. די נאקעטע אונ טריבע פעלדזנ האָבנ צוגעגעבנ דעמ לאנד אנ אויסזענ פונ אנ אומצוטריטלעכ אָרט. אינ די בערג פלעגנ אָפט בלאָזנ קאלטע ווינטנ, ווינטער פלעגנ די טײַכנ באדעקט ווערנ מיט אײַז. די הארבע נאטור האָט צוגעוווינט די מאקעדאָנער צו קענענ אריבערטראָגנ שווועריקײַטנ. זיי האָבנ געוווּסט ווי צו קעמפנ קעגנ אלערליי אָפקומענישנ.

די מאקעדאָנער האָבנ געשטאמט פונ איינ שייוועט מיט די גריכנ אונ האָבנ אפילע באהויפט, אז זיי קומענ ארויס פונ די גריכישע געטער אונ העלדנ.

אינ אלטערטומ האָט בא די מאקעדאָנער, ווי בא אלע פעלקער, עקזיסטירט א שטאמ-אָרדענונג. אינוויייניק אינ שטאמ האָט שוינ דאנ גענומענ אופקומענ א ניט-גלײַכקײַט, א דיפערענצירונג אפ אָרעמע אונ רײַכע. איינ געמיינדע פלעגט באזיגנ די צווייטע, אונ זיי פלעגנ פארייניקט ווערנ אונטער דער מאכט פונ די שטארקע אונ רײַכע פירער. איינצײַטיק איז פונ פארכאפנ געפאנגענע אפ דער מילכאָמע אונ פונ קויפנ קנעכט אויסגעוואָקסנ די שקלאפעריי. אָט אזוי האָט זיכ מיט דער צײַט אויסגעבילדעט די מאקעדאָנישע מעלוכע.

פיליפ אונ זײַנע רעפאָרמעס.

דער גרונטלייגער פונ דער מאקעדאָנישער מעכטיקײַט איז געווענ דער קייסער פיליפ (פונ יאָר 359 ביז יאָר 336 פאר דער נײַער ערע). אינ פיליפס צײַטנ האָט מאקעדאָניע גענומענ שטארק דערהויבנ ווערנ. פיליפ האָט א סאכ זאכנ איבערגענומענ בא די גריכנ אונ האָט אײַנגעפירט אינ מאקעדאָניע א ריי רעפאָרמעס. ער האָט פארגרעסערט אונ פארבעסערט דאָס מיליטער. די באוואָפענונג אונ די אָרגאניזירונג פונעמ מאקעדאָנישנ מיליטער זײַנענ אינ פיל הינזיכטנ געווענ ענלעכ צו די גריכישע. פיליפ האָט אָבער פארפולקומט דאָס מיליטער-וועזנ: ער האָט אײַנגעפירט א מער געשלאָסענעמ אונ טיפערנ פראָנט אינ דער אינפאנטעריע (ביז 16 רייענ אינ דער טיפ). די אינפאנטעריסטנ זײַנענ געווענ באשיצט מיט גרויסע שילד-פאנצערס אונ באוואָפנט מיט שפיזנ ביז 5 מעטער די לענג. אזא פראָנט האָט באקומענ דעמ נאָמענ מאקעדאָנישע פאלאנגע. ווײַטער האָט פיליפ געשאפנ א פלאָט אונ פארבעסערט דאָס מינצ-וועזנ.

פיליפס פלענער.

אויסנוצנדיק די רײַסערײַענ צווישנ די גריכנ, האָט זיכ פיליפ געשטעלט פאר א ציל צו דערשלאָגנ זיכ צו דער הערשאפט איבער גאנצ גריכנלאנד. צוליב דעמ האָט ער געשטרעבט ארײַנצומישנ זיכ אינ די גריכישע איניאָנימ אונ געזוכט דערצו א געלעגנהײַט.

אזא געלעגנהײַט איז געווענ די אזויגערופענע „הייליקע מילכאָמע“. די מילכאָמע איז אויסגעבראָכנ אפ אזא אופנ. די אײַנוווינער פונ פאָקידע האָבנ פארכאפט די שטאָט דעלפנ, וואָס האָט זיכ גערעכנט אינ גריכנלאנד אלס א הייליקע אונ אומבארירלעכע שטאָט, אונ האָבנ אוועקגערויבט די אויצרעס פונעמ דעלפישנ טעמפל. די פיוער צוזאמענ מיט די פעסאליער האָבנ באשלאָסנ צו באשטראָפנ דערפאר פאָקידע.

דאָס פעסאלישע מיליטער האָט אָבער געליטנ א מאפּאָלע. דאנ האָט זיכ פע־סאליע געווענדט נאָכ הילפ צו מאקעדאָניע. פיליפ האָט שוינ דערופ ארויסגעקוקט. ער האָט זיכ טייקעפ א לאָז געטאָנ מיט זייַנ מיליטער קיינ פעסאליע אונ נאָכ א דויערנדיקנ קאמפ צעקלאפט די פאָקידישע געדונגענע ארמיי.

נאָכ דעם האָט זיכ פיליפ געגעבנ א וואָרפ צום פערמאָפילער דורכגאנג, קע־דיי צו פארכאפנ אים אונ ארייַנרייַסנ זיכ קיינ מיטל-גריכנלאנד. פיליפ האָט אָבער דאָס מאָל געמוזט אָפּהאלטנ זיכ פונ אָנצוגרייַפנ. באם פערמאָפילער דורכגאנג האָט זיכ קאָנצענטרירט אטעניש מיליטער אונ אויכ מיליטער פונ אנדערע גריכישע מע־לוכעס, וועלכע זייַנענ גרייט געווענ צו געבנ א ווידערשטאנד די מאקעדאָנער.

דער קאמפ צווישנ צוויי פארטייענ אינ אטענ.

אינ אטענ גופע איז אינ אָט דער צייַט פאָרגעקומענ א שארפער קאמפ צווישנ דער מאקעדאָנישער אונ אנטי־מאקעדאָנישער פארטייענ. בעראָש פונ דער דעמאָקראטישער אנטימאקעדאָנישער פארטיי, וואָס האָט געפאָדערט צו פירנ א קאמפ קעגנ מאקעדאָניע, איז געשטא־נענ דער גרויסער גריכישער אָראטאָר ד ע מ אָ ס פ ע נ ; בעראָש פונ דער אריס־טאָקראטישער מאקעדאָנישער פארטיי, וואָס האָט געשטויסנ גריכנלאנד אפנ וועג פונ אונטערווארפנ זיכ אונטער מאקעדאָניע, איז געשטאנענ א צווייטער אָראטאָר — ע ס כ י נ.

דעמאָספענ איז געווענ א זונ פונ אנ אייגנטימער פונ א געווער־ווארשטאט. ער האָט געטרוימט צו ווערנ אנ אָראטאָר, האָט שטודירט ריטאָריק (די רעדנער־קונסט) אונ האָט זיכ געיִבט אינ האלטנ רעדעס. אדאנק דער אקשאָנעסדיקער ארבעט איבער זיכ, איז דעמאָספענ ווירקלעכ געוואָרנ א בארימטער רעדנער. ער פלעגט ארויסטרעטנ קעגנ מאקעדאָניע. דעם קייסער פיליפ האָט דעמאָספענ גע־האלטנ פאר דעם געפערלעכסטנ סוינע פונ די גריכנ. ער האָט געהאלטנ פלאמיקע רעדעס קעגנ פיליפנ. די רעדעס האָבנ דערנאָכ באקומענ דעם נאָמענ „פיליפיקעס". דעמאָספענ האָט גערופנ די אטענער צו באוואָפענענ זיכ אונ געבנ א ווידערשטאנד די מאקעדאָנער. זייַנ טרוימ איז געווענ — אופשטעלנ צוריק די דעמאָקראטישע קאָנסטיטוציע פונ אטענ.

אפ פיליפס צאד זייַנענ געשטאנענ די רייַכע שקלאפנבאזיצער אונ די אלטע אריסטאָקראטנ. זיי האָבנ געהאָפט, אז מיט פיליפס הילפ וועט זיכ זיי אייַנגעבנ צו דערשטיקנ די באוועגונג פונ דער פרייַער אָרעמשאפט אונ פונ די שקלאפנ. דער גריכישער אָראטאָר עסכינ איז אונטערגעקויפט געווענ דורכ פיליפנ. אינ זייַנע רעדעס האָט עסכינ גערופנ די אטענער צו אָנערקענענ די מאכט פונ מאקעדאָניע.

די פאָלקס-פארזאמלונג האָט זיכ געוואקלט. זי האָט זיכ צוגעהערט אמאָל צו דעמאָספענענ, אמאָל צו עסכינענ. אינ דער זעלבער צייַט האָט פיליפ אונטערטע־ניקט צו זיכ גאנצ צאָפנ־גריכנלאנד אונ סאָפקאָלסאָפ ארייַנגעריסנ זיכ קיינ פאָקידע.

די שלאכט בא כעראָניע (338־טנ יאָר פאר דער נייַער ערע).

פיליפס דערפאָלגנ האָבנ איבערגעשראָקנ די אטענער. האָבנ זיי געשלאָסנ א בונד מיט די פיווער אונ זיכ גע־לאָזט קעגנ פיליפנ. די ערשטע צייַט האָבנ די אטענער געהאט א געוויסנ דערפאָלג, אָבער אינ דער שלאכט בא כ ע ר אָ נ י ע, אפ דער גרענעצ צווישנ פאָקידע אונ בע־אָטיע, האָט פיליפ צעקלאפט דאָס מיליטער פונ די פארבינדעטע (338־טנ יאָר פאר

דעמאָספען.

עסכין.

דער נײַער ערע). פיליפּ האָט זיך אָפּגעהאלטן פון ארײַנרײַסן זיך קיין אטיקע און האָט געשלאָסן שאָלעם מיט אטען.

פון דעם מאָמענט אָן איז די העגעמאָניע אין גריכנלאנד אריבער צו מאַקעדאָניע.

דער קאָרינפער צוזאמענפאָר.

אין א קורצער צײַט ארום נאָך דער כעראָניער שלאכט האָט פיליפּ צונויפגערופן אין קאָרינף אן אַל־גריכישן צוזאמענפאָר. אפן צוזאמענפאָר איז פראָקלאַמירט געוואָרן א שאָלעם צווישן אלע גריכישע מעלוכעס און עס איז דערקלערט געוואָרן מילכאָמע קעגן פערסיע. ווײַטער האָבן די גריכישע שקלאפנבאזיצער פּראָקלאמירט אפן קאָרינפער צוזאמענפאָר, אז דאָס אייגנטום זייערס מוז זײַן אומבאַרירלעך און אז עס ווערט פארבאָטן צו באפרײַען שקלאפן. אזוינע באשלוסן און מאָסמיטלען האָבן די שקלאפנבאזיצער אָנגענומען צוליב דעם, קעדיי עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין אופשטאנדן אָדער רעוואָליוציעס.

אינעם פּראָצעס פון קאמף קעגן דער דעמאָקראטיע און קעגן די שקלאפנ־

אופשטאנדן איז ביסלעכווייז געשאפן געוואָרן אַן איינפערזאָניקע מיליטערישע מאכט. אין גריכנלאנד האָט די דאָזיקע מאכט באקומען די פאָרם פון דער מאַקעדאָנישער מאָנארכיע.

§ 60. אלעקסאנדער דער מאקעדאָנער (אלעקסאנדער מוקדן) און זיינע מילכאָמעס.

אלעקסאנדער — קייסער פון מאקעדאָניע.

נאָך פיליפס טויט איז קייסער פון מאקעדאָניע געוואָרן זיין זון אלעקסאנדער. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 356 פאַר דער נייער ערע. פיליפ האָט געגעבן זיין זון א גלענצנדיקע בילדונג. אלעקסאנדערס דערציִער איז געווען דער גריכישער פילאָסאָף אריסטאָטעל. אלעקסאנדער האָט געקענט און ליב געהאט די גריכישע ליטעראטור. פון די פּאָעטישע ווערק האָט ער באזונדערס שטארק געשעצט די „איליאַדע". זיין באליבטער העלד איז געווען אכיל, און ער האָט זיך געסטארעט אין אלץ נאָכצוטאָן אכילן.

אלעקסאנדער מוקדן.

אלעקסאנדער האָט זיך שטארק אָפּגעגעבן מיטן מיליטער-וועזן. צו 16 יאָר האָט ער זיך שוין באטייליקט אין די קריגס-מארשן פון זיין פאָטער.

ווען אלעקסאנדער איז געוואָרן קייסער פון מאקעדאָניע (336-טן יאָר פאַר דער נייער ערע) איז ער אלט געווען סך-הכּל 20 יאָר. פאַר זיין הויפּט-אויפגאבע האָט ער געהאלטן די מילכאָמע קעגן פערסיע, קעדיי צו פארכאפן רייכטימער אין מיזרעך.

פריִער פאַר אלץ האָט ער אָבער געמוזט דערשטיקן דעם אופשטאנד פון אייניקע גריכישע מעלוכעס. די גריכן האָבן זיך געוואָלט באפרייען פון אונטער דער מאכט פון מאקעדאָניע און צוריק באקומען די פרייהייט. אלעקסאנדער האָט דורכגעפירט צוויי קריגס-מארשן קיין גריכנלאנד און געצוווּנגען די גריכן אונטערצוווארפן זיך אונטער מאקעדאָניע. נאָכדעם האָט ער אין פרילינג 334-טן יאָר פאַר דער נייער ערע געקאָנט אוועקלאָזן זיך מיט זיין מיליטער קיין אזיע.

צעקלאפּט די פערסן באם טייכל גראניק, האָט אלעקסאנדער זיך געלאָזט ווייטער קיין דאָרעם, פאזע דעם ברעג פון קליין-אזיע. די גריכישע שטעט האָט ער צוגעזאָגט פולשטענדיקע צו באפרייען פון אונטערן פערסישן יאָך און אזויארום איינע נאָך די אנדערע אונטערגעוואָרפן זיי אונטער זיין מאכט.

די שלאכט בא איס.

איינגענומען קליין-אזיע, האָט זיך אלעקסאנדער געלאָזט קיין סיריע. אין דער שלאכט בא איס האָט דאָס פערסישע מיליטער ווידעראמאָל געליטן א מאפּאָלע. דער קייסער דאריוס



די שלאכט בא איס.

איז אנטלאָפן און געלאָזט אפ הפקר זײַן הויזגעזינד און זײַן גאנצן רײַכן טראנס-פאָרט. דאריס מישפּאָכע און די רײַכטימער זײַנע זײַנען ארײַנגעפאלן צו אלעקסאנדערן אין די הענט.

נאָכן זיג בא איס האָט אלעקסאנדער באלאגערט און אײַנגענומען די וויכטיקסטע שטאָט פון פיניקיע — טיר (צויר).

אין אָט דער צײַט האָט דארי געמאכט א פרווו אָנצוקניפן מיט אלעקסאנדערן פרידנס-אונטערהאנדלונגען. ער האָט פאָרגעלייגט אלעקסאנדערן, יענער זאָל אים אומקערן די מישפּאָכע, און דערפאר וועט ער אים אָפגעבן קליין-אזיע, באצאָלן א ריזיקע סומע געלט און געבן אים איינע פון זײַנע טעכטער פאר א ווײַב. אלעקסאנדער האָט זיך אָבער אָפגעזאָגט פון די פאָרשלאָגן און געפאָדערט פונעם פערסישן קייסער אונטערצוגעבן זיך אָן קיינע באדינגונגען. די מילכאָמע איז פאָרגעזעצט געוואָרן.

אלעקסאנדער אין עגיפּטע.

פון פיניקיע האָט זיך אלעקסאנדער געלאָזט קיין פאלעסטינע, דערנאָך קיין עגיפּטע און אײַנגענומען זיי אָן שום מי. פארכאפּט עגיפּטע, האָט ער ניט געענדערט די אָרטיקע אָרדענונג און ניט אָנגערירט די טעמפּלען. די עגיפּטישע פּריסטערס האָבן דערפאר פּראָקלאמירט אלעקסאנדערן אלס זון פונעם גאָט אמאָן (א זון-גאָט).

ווען אלעקסאנדער איז געווען אין עגיפּטע, האָט ער אינעם מײַרעוו-טייל פון דער ניל-דעלטע געגרינדעט די שטאָט אלעקסאנדריע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן שטארק בארימט.

דער גאנצער מײַרעוו-טייל פונעם פערסישן קיניגרײַך (קליין-אזיע, פיניקיע, פאלעסטינע, עגיפּטע) האָט זיך איצט אזויארום געפונען אונטער דער מאכט פון מאקעדאָניע. קעדיי ענדגילטיק צו צעשמעטערן דאָס פערסישע קיניגרײַך, האָט מאקעדאָניע נאָך געדארפט דעראָבערן דעם מיזרעכ-טייל זײַנעם.

די שלאכט בא גאווגאמעלן.

זיך געלאָזט קיין מיזרעכ, איז אלעקסאנדער אומגעשטערט אריבער די טײַכן עפראט און טיגער. לעבן די רויִנען פון נינווע, באַם אסירישן דאָרף גאווגאמעלן, האָט ער ענדגילטיק צעקלאפּט דאָס פערסישע מיליטער (331-טן יאָר פאר דער נײַער ערע). דארי איז אנטלאָפן. אינגיכן איז ער דערמאָרדעט געוואָרן דורך זײַנע מעקוראָווים.

נאָך דער שלאכט בא גאווגאמעלן האָט די מאקעדאָנישע ארמיי קימאט אָן ווידערשטאנד פארנומען די וויכטיקסטע שטעט פון פערסיע: באָוול, סוזן, פערסעפאָל און עקבאטאנע.

אלעקסאנדער אין מיטל=אזיע.

דערנאָך האָט זיך אלעקסאנדער געלאָזט ווײַטער אפ מיזרעכ. ער האָט געוואָלט באפעסטיקן זײַן מאכט אפ די ווײַטסטע גרענעצן פון דער דאן באוווסטער וועלט. וועגן אינדיע זײַנען צווישן די גריכן געווען פארשפרייט א סאך וווּנדערלעכע מײַסעס. אלעקסאנדער האָט זיך געקליבן צו דעראָבערן אינדיע. גייענדיק פאזע דעם דאָרעמדיקן ברעגלאנד פון קאספּישן יאם, איז די מאקעדאָנישע ארמיי אָנגעקומען אין דער דעמלטיקער פארפיע און פונדאנען האָט זי זיך אוועקגעלאָזט צו דאָרעם-צו — אינעם איצטיקן אפגאניסטאן. דערנאָך האָבן די מאקעדאָנער פארנומען די טאָלן פון די טײַכן אמו-דאריא און סיר-דאריא.

דער קריגס=מארש קיינ אינדיע.

אינ יאָר 327 פאַר דער נייַער ערע האָט זיכ אלעקסאנדער ענדלעכ אריינגעריסנ קיינ אינדיע. דאָ האָבנ זיכ די מאקעדאָנער צום ערשטנ מאָל צוזאמענגעשטויסנ מיט קריגס-העלפאנדנ, וואָס די אינדוסנ פלעגנ באנוצנ אינ שלאכט. סאָפקאָלסאָפ האָבנ די מאקעדאָנער איינגענומענ אויכ דאָס פינפטייַכנ-לאנד.

פונדאנענ האָט אלעקסאנדער געפלאנעוועט אוועקצולאָזנ זיכ צום טאָל פונעמ טייַכ גאנג. נאָר בייסנ אריבערגיינ דעמ טייַכ גיפאסיס האָט זיכ אלעקסאנדערס מיליטער אָפגעזאָגט אויסצופילנ די באפעלנ. די טראָפּישע נאטור פונ אינדיע, די רעגנס אונ געוויטערס, די קרענק אונ די מידקייַט נאָכ אזא לאנגנ קריגס-מארש, — דאָס אלצ האָט ארויסגערופנ אנ אומצופרידנקייַט צווישנ מיליטער. דאָס מיליטער האָט געפאָדערט פונ אלעקסאנדערנ, מע זאָל זיכ אומקערנ צוריק אהיימ. דער קייסער איז געוועזנ געצוווּנגענ אונטערצוווארפנ זיכ אונ האָט אָפגעגעבנ א באפעל וועגנ צוריקקערנ זיכ. אפנ טייַכ הידאספ (א בייַטייַכ פונ אינד) האָט מענ אופגעבויט א פלאָט. א טייל מיליטער האָט זיכ ארופגעזעצט אפ די שיפנ אונ מיטנ וואסער צוריקגעקערט זיכ אהיימ. דער צווייטער טייל האָט זיכ געלאָזט לענגויס די טייַכ-ברעגנ. ער האָט זיכ אראָפגעלאָזט צו דער אינדלעפצונג אונ פאזע די אָקעאנ-ברעגנ אוועק מיט דער יאבאָשע קיינ מייַרעוו.

אלעקסאנדערס טויט.

אלעקסאנדער האָט פראָקלאמירט באָוול אלס הויפטשטאָט פונ זייַנ קאָלאָסאלער מעלוכע. ער האָט געטרוימט וועגנ נייַע קריגס-מארשנ קיינ מייַרעוו: דעראָבערנ צאָפנ-אפריקע אונ איטאליע. אָבער בייסנ גרייטנ זיכ צו די דאָזיקע קריגס-מארשנ איז אלעקסאנדער קראנק געוואָרנ (זומער 323-טנ יאָר פאַר דער נייַער ערע) אפ א שווערער פאָרמ פונ מאליאריע (קאדאָכעס). מיד פונ די אויסערסט שטארקע אָנשטרענגונגענ, האָט זייַנ אָרגאניזמ ניט אריבערגעטראָגנ די קרענק. אינ עטלעכע טעג ארומ איז אלעקסאנדער געשטאָרבנ. דערמיט ענדיקט זיכ דער קאמפ פאַר די רייַכטימער פונ מיזרעכ, פאַר די מיזרעכדיקע מערק אונ טעריטאָריעס.

נאָכ אלעקסאנדערס טויט זייַנענ אפ די טעריטאָריעס, וואָס אלעקסאנדער האָט איינגענומענ, אופגעקומענ א ריי נייַע מעלוכעס. גריכנלאנד, דערונטער אויכ אטענ, ווערנ דורכ אָט די מעלוכעס פארוקט אינ הינטערגרונט. פארלאָרנ די אומאָפהענגיקייַט, איז גריכנלאנד אינ א קורצער צייַט ארומ אינגאנצנ אראָפ פונ דער היסטאָרישער ארענע. געבליבנ לעבנ זייַנענ בלויז די גריכישע שפראכ אונ די גריכישע בילדונג, וואָס זייַנענ אדאנק די קריגס-מארשנ פונ אלעקסאנדער מוקדנ ברייט פארשפרייט געוואָרנ אינ מיזרעכ.

61 §. די העליניסטישע מעלוכעס אונ זייער קולטור.

דער קאמפ צווישנ די דיאדאָכנ.

אזוי ווי אלעקסאנדער האָט ניט געלאָזנ נאָכ זיכ קיינ יורעש, זייַנענ די טראָנפאָלגער געוואָרנ זייַנע קריגספירער, אָדער ווי מע פלעגט זיי רופנ „דיאדאָכנ" (נאָכפאָלגער). די דיאדאָכנ האָבנ אינגיכנ גענומענ פירנ צווישנ זיכ א לאנגנ אונ פארביטערטנ קאמפ פאַר דער מאכט אונ פאַר די טעריטאָריעס פונ דער קאָלאָסאלער מעלוכע. אינ יאָר 301 פאַר דער נייַער ערע, נאָכ א שלאכט בא דער שטאָט איפס (קליינ-אזיע) האָבנ זיכ די קריגספירער, ענדלעכ, איבערצייַגט, אז קיינער פונ זיי איז ניט אימשטאנד

איינצוהאלטנ אינ זײַנע הענט אזא ריזיקע מעלוכע. אלעקסאנדערס מאָנארכיע איז זיכ צעפאלנ אפ דרײַ גרויסע זעלבשטענדיקע קיניגרײַכנ אונ אפ עטלעכע קליינע.

די ערשטע גרויסע מעלוכע איז געווענ דאָס גריכיש־מאקעדאָנישע קיניגרײַכ. דאָס קיניגרײַכ האָט אײַנגעשלאָסנ אינ זיכ מאקעדאָניע אונ גריכנלאנד.

איבער דעמ גרעסטנ טייל פונ די אזיאטישע באזיצנ איז געוואָרנ הערשער דער קריגספירער סעלעוקוס; ער האָט זיכ געשטעלט בעראָש פונ דער מעלוכע פונ די סעלעוקידנ. דאָס איז געווענ דאָס צווייטע גרויסע קיניגרײַכ, וואָס האָט זיכ אויסגעטיילט פונ אלעקסאנדערס מאָנארכיע. די סעלעוקידנ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ איינצוהאלטנ אינ זייערע הענט אלע אזיאטישע באזיצנ. אלס באזע פונ דעמ סעלעוקידנ־קיניגרײַכ זײַנענ פארבליבנ סיריע אונ מעסאָפּאָטאמיע.

די דריטע גרויסע מעלוכע איז געווענ דאָס עגיפּטישע קיניגרײַכ, וואָס איז ארײַנגעפאלנ צו פּטאָלאָמייענ אינ די הענט.

אכוצ דעמ זײַנענ געווענ נאָכ קליינע מעלוכעס אינ קליינ־אזיע, ווי, אשטייגער, פּערגאמער, פּאָנטיער, אפנ אינדזל ראָדאָס אא.

העליניזמ.

אדאנק אלעקסאנדער מוקדנס דעראָבערונגענ איז די גריכישע קולטור פארשפּרייט געוואָרנ אינ די מיזרעכ־לענדער. דאָרט האָט זי זיכ צונויפגעמישט מיט דער אָרטיקער, מיזרעכדיקער קולטור. אָט די געמישטע גריכיש־מיזרעכדיקע קולטור הייסט העליניסטישע. די אופבלי־עפּאָכע אירע הייסט העליניזמ. אינ די מעלוכעס, וואָס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט נאָכ דער צעפאלונג פונ אלעקסאנדער מוקדנס מאָנארכיע, איז די גריכישע שפּראכ, די גריכישע ליטעראטור, וויסנשאפט אונ פילאָסאָפיע געווענ אינ גרויס כשיוועס.

שטארק אופגעלעבט אינ יענעמ פּעריאָד האָבנ אויכ די האנדלס־באציונגענ צווישנ די ווײַטסטע צענטערס פונ די פארשיידענע מעלוכעס. די גריכישע הענדלער אונ יאמ־רײַזנדער האָבנ געגומענ מאכנ רײַזעס אינ דער „וווּנדערלעכער“ אינדיע אונ אינ דער „גליקלעכער“ אראביע; עס האָבנ זיכ געגומענ אײַנשטעלנ האנדלס־באציונגענ מיט אנדערע ווײַטע לענדער.

די הויפּט־צענטערס פונ דער העליניסטישער קולטור זײַנענ געווענ: אלעקסאנדריע (אינ עגיפּעט), אנטיאָכיע (אינ סיריע), פּערגאמ (אינ קליינ־אזיע) אונ אייניקע אנדערע שטעט. באזונדערס האָט זיכ אויסגעטיילט די הויפּט־שטאָט פונ עגיפּעט — אלעקסאנדריע. אָט די שטאָט האָט



דער פּאראָסער לײַכט־טורעמ אינ אלעקסאנדריע (רעקאָנסטרוירט).



העליניסטישע קונסט. לאָקאָאָן.

אלס צענטער פון דער גריכיש־מיזרעכדיקער קולטור גהאט אין דער עפּאָכע פונעם העליניזם פונקט אזא באדײַטונג, ווי אטען בענעגייע דער גריכישער קולטור אין פעריקלס צײַטן.

אלעקסאנדריע איז געווען א ריזיקע שטאָט מיט זייער א גרויסער באפעלקערונג. דאָ האָבן געוווינט גריכן און עגיפּטער, מאקעדאָנער און ייִדן. אהער פלעגן קומען צו פאָרן סאָכרים פון אלע לענדער פון דער דעמלטיקער וועלט. צופאָרנדיק צו דער שטאָט מיטן יאם, פלעגט מען זען שטיין אפן אינדזל פאראָס א קאָלאָסאלן לײַכט־טורעם. ער איז געווען אזוי גרויס און שיין, אז מע האָט אים געהאלטן פאר איינעם פון די וועלט־וווּנדער. אין אלעקסאנדריע זײַנען געווען א סאך פרעכטיקע געבײַדעס: פּאלאצן, טעמפּלען, ווויליינגעאָרדנטע שטאָט־פלעצער און גערטנער. פון אלע געבײַדעס אין אלעקסאנדריע דארף מען באזונדער אויסטיילן דעם בארימטן מוזיי („מוסייאָן“). דאָס איז געווען דער צענטער פון דער דעמלטיקער וויסנשאפט, א מין וויסנשאפט־אקאדעמיע. אין

דעם מוזיי האָט זיך געפונען א ריזיקע ביבליאָטעק, וואָס האָט, ווי די לעגענדע דערציילט, פאַרמאָגט ביז 70 טויזנט מעגילעס — מאַנוסקריפּטן פון פאַרשיידענע ווערק. דאָ זיינען אויך געווען באַזונדערע זאַלן און קאַבינעטן צום שטודירן און זאַמלען קאָלעקציעס פאַר וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען.

דער אופקום פון ליטעראטור-קריטיק.

אין אלעקסאנדריע האָבן געוווינט א סאך געלערנטע, שרייבער, פּאָעטן און איבערשרייבער. פיל פון זיי האָבן שטודירט די ליטעראַרישע ווערק. אין אָט דעם פּעריאָד איז צום ערשטן מאָל אויפגעקומען די ליטעראַטור-קריטיק, דה. אן אנאליז און אן אָפּשאַצונג פון ליטעראַרישע ווערק. אן אָנגעזעענער ליטעראַטור-קריטיקער איז געווען אריסטארכ (II יאָרה. פאַר דער נייער ערע).

די געלערנטע פלעגן זיך אויך פאַרנעמען מיט אנאליזירן טעקסטן פון דעם אָדער יענעם ווערק. גלייכצייטיק פלעגט מען שטודירן די קלאַלים פון דער גריכישער שפּראַך, קעדיי אויסצולערנען זיך שרייבן און ריידן ריכטיק און שיין. אָט אזוי איז אויפגעקומען די גראמאטיק אלס וויסנשאַפט.

דער אלעקסאנדריער מוזיי פלעגט איינלאַדן אַף אַרבעט די בעסטע געלערנטע פון גריכנלאַנד.

די וויסנשאפט און דאָס קריגס-וועזן.

אין דער ערשטער העלפט פון III יאָרה. פאַר דער נייער ערע האָט אין אלעקסאנדריע געלעבט דער בארימטער מאַטעמאַטיקער עוו-קליד. ער האָט דער ערשטער שטרענג וויסנשאַפטלעך פאָרמולירט די יעדיעס איבער געאָמעטריע. נאָך ביז איצט ליגן אין יעסאָד פון דער געאָמעטריע די אקסיאָמעס און טעאָרעמעס, וואָס עווקליד האָט פאָרמולירט. א גרויסע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פון געאָמעטריע האָט געשפּילט ארכימעד פון דער שטאָט סיראקוזן. ארכימעד (III יאָרה. פאַר דער נייער ערע) איז באַקאַנט דערמיט, וואָס ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן נוצן מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען באַם בויען פאַרשיידנערליי קריגס-מעכאַניזמען (צום באַלאַגערן שטעט, צום שליי-דערן שטיינער און פייַלן). ארכימעד איז געווען דער גרונטלייגער פון מעכאניק.

באַם סאָף פון זיין לעבן האָט ארכימעד דערפונדן גלענצנדיק שליידער-געציַיג אַף צו קעמפן קעגן די רוימער, וואָס האָבן באַלאַגערט זיין געבורטסשטאָט סיראַקוזן. ווען די רוימער האָבן איינ-גענומען די שטאָט און אריינגעריסן זיך אין ארכימעדס הויז, האָט ער זיך מער פאַר אַלץ דער-שראָקן פאַר זיינע געאָמעטרישע צייכענונגען. אין פאַרצייטיקן גריכנלאַנד פלעגט מען דערציילן, אז ארכימעד האָט אָפּגעשטעלט דעם זעלנער, וואָס האָט זיך אריינגעריסן צו אים אין הויז, און געזאָגט: „טשעפּע נאָר ניט מיינע צייכענונגען". דער רוימישער זעלנער האָט זיך אָבער ארופגעוואָרפן אַף אים און דערמאָרדעט דעם גרויסן געלערנטן (212-טן יאָר פאַר דער נייער ערע). ארכימעד איז דאַן אַלט געווען 75 יאָר.

אָנווענדנדיק מאַטעמאַטיק און מעכאַניק אינעם קריגס-וועזן, האָבן די גריכן געשאַפן א ריי





העליניסטישע קריגס-טעכניק. רעכטס — א באוועגלעכער באלאגערונגס-טורעם. לינקס — שליידער-געווער;



העליניסטישע קריגס־טעכניק. א מויערברעכער אף רעדער.

קריגס־מעכאניזמען, וואָס פלעגן באנוצט ווערן דעריקער באם באלאגערן שטעט. דאָס זײַנען געווען די קאטאפולטעס און באליסטן (אווטאָמאטיש געווער אף צו ווארפן שטיינער, געווײַנלעכע פײַלן, פײַער־פײַלן און שלײַדער־שפּיזן). אכוץ דעם זײַנען אויך פארפולקומט געוואָרן די פארשיידענע מעכאניזמען צום צעשטערן שטאָט־ווענט: מויערברעכער, הויכע באוועגלעכע באלאגערונגס־טורעמס, וועלכע מע פלעגט צוקײַקלען צו די ווענט פון די באלאגערטע שטעט, אא.

אסטראָנאָמיע.

אין געביט פון אסטראָנאָמיע איז געווען באקאנט דער אלעקסאנדריַער געלערנטער עראטאָספען. מיט דרײַ יאָרהונדערטער פאר אונדזער ערע האָט ער זיך געפּרווט צו דערווײַזן וויסנשאפטלעך, אז די ערד האָט א פאָרם פון א קײַלעך און האָט קימאט ריכטיק אויסגערעכנט די גרייס פונעם ערדקײַלעך. אינטערעסאנטע און פינקטלעכע אסטראָנאָמישע באאָבאכטונגען האָבן געמאכט אריסטארך דער סאמאָסער (III יאָרה. פאר דער נײַער ערע) און היפּארך (II יאָרה. פאר דער נײַער ערע). אריסטארך האָט דער ערשטער ארויסגעזאָגט דעם געדאנק, אז די זון איז גרעסער פון דער ערד און אז די ערד דרייט זיך ארום דער זון און אויך ארום איר אייגענער אקס. היפּארך האָט אויסגערעכנט דעם מעהאלעך פון דער ערד ביז דער זון און ביז דער לעוואָנע. די דאָזיקע גענײַאלע האשאָרעס זײַנען אָבער אין אלטערטום ניט געוואָרן פארשפּרייט.

אין אלטערטום איז געווען אָנגענומען פּטאָלאָמייס אסטראָנאָמישע סיסטעם, וואָס איז פאנאנדערגעארבעט געוואָרן אין II יאָרה. פאר דער נײַער ערע. אָט די סיסטעם האָט באהויפּט, אז די ערד (וואָס האָט די פאָרם פון א קײַלעך) שטייט אומבאוועגלעך און ארום איר דרייען זיך: די זון, די לעוואָנע און אנדערע פּלאנעטעס און שטערן. פּטאָלאָמייס לערע האָט דעמלט אזוי ווײַט ניט ארויסגערופן קיין סאָפעק, אז זי איז אין מעשעך פון גאנצע אָנדערהאלבן טויזנט יאָר געווען די הערשנדיקע לערע, ביז קאָפּערניק האָט ניט דערוויזן, אז ניט די זון דרייט זיך ארום דער ערד, נאָר, פארקערט, די ערד דרייט זיך ארום דער זון.

די וויסנשאפטלעכע דערגרייכונגען פונעם העליניסטישן פעריאָד האָבן אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָליע אינעם לעבן פון דער מענטשהײַט. זיי האָט שפּעטער איבערגענומען רוים, דערנאָך אויך די אייראָפּייִשע פעלקער. אָן זיי וואָלט די וויסנשאפט ניט געקאָנט באקומען קיין ווײַטערדיקע אנטוויקלונג.

די שקלאפנבאזיצערישע קולטור האָט אונדז אזויארום איבערגעלאָזט א גאָר ווערטפולע יערושע אין פארשיידענע געביטן פון מענטשלעכן וויסן.

§ 62. דער קאמפ קעגנ מאקעדאָניע און קעגנ דער מאכט פונ די שקלאפנבאזיצער. גריכנלאנד ווערט אונטערטעניק צו רוים.

גריכנלאנד אונטער דער מאכט פונ מאקעדאָניע.

נאָכ אלעקסאנדערס טויט זײַנענ אינ גריכנלאנד ניט איינ מאָל פאָרגעקומענ אופשטאנדנ קעגנ דער מאקעדאָנישער הערשאפט. אנ אָנ־געזעענע ראָליע אינ אָט דעמ קאמפ האָט צוערשט געשפּילט דער אָראטאָר דעמאָספענ. ניט געקוקט אָבער אפ די טײלווײַזע דערפאָלגנ, האָט גריכנלאנד געמוזט סאָפקאָלסאָפ ווידער אונטערווארפנ זיכ צו מאקעדאָניע. באפרײַענ זיכ האָט זיכ די גריכנ ניט אײַנגעגעבנ דעריקער דערפאר, ווײַל אינ אָט דעמ פעריאָד פונ קאמפ קעגנ מאַ־קעדאָניע האָט דער אינערלעכער קאמפ צווישנ די אָרעמע אונ רײַכע אָפגענומענ אָנ א שיר קרעפטנ פונעמ לאנד.

אינעמ קאמפ פאר דער אומאָפהענגיקײַט פונ גריכנלאנד פלעגנ אפילע יאָ אופקומענ איינצלנע פארבאנדנ, זיי פלעגנ זיכ אָבער לאנג ניט האלטנ.

דער עטאָלישער אונ אכייִשער פארבאנד.

אינ III יאָרה. פאר דער נײַער ערע האָבנ זיכ אויסגעטײלט צוויי פארבאנדנ פונ גריכישע מעלוכעס, וואָס זײַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ מאקעדאָניע. איינ פארבאנד האָט זיכ אָרגאניזירט אינ דער געגנט עטאָליע, אינ מיטל־גריכנלאנד. שפעטער זײַנענ צומ עטאָלישנ פארבאנד צוגעשטאנענ אויכ אנדע־רע גריכישע מעלוכעס. בעראָש פונעמ פארבאנד איז געשטאנענ אנ אויסגעוויילטער סטראטעג.

דער צווייטער פארבאנד, וואָס האָט זיכ אָרגאניזירט אינ אָט דער צײַט, איז געווענ דער אכייִשער. ער האָט פארייניקט די שטעט פונ צאָפנ־פעלאָפּאָנעס. צו אָט דעמ פארבאנד האָבנ זיכ אָנגעשלאָסנ אזעלכע גרויסע שטעט, ווי סיקיאָנ אונ קאָרינפ.

ביסלעכווײַז האָבנ זיכ ארומ דעמ אכייִשנ פארבאנד פארייניקט א סאכ שטעט אונ געמיינדעס פונ פעלאָפּאָנעס. צומ סאָפ II יאָרה. פאר דער נײַער ערע האָט דער פארבאנד פארמאָגט א גרויסע קראפט. בעראָש פונעמ אכייִשנ פארבאנד איז אויכ געשטאנענ א געוויילטער סטראטעג. דער קאמפ קעגנ מאקעדאָניע פאר אומאָפהענגיקײַט פלעגט זיכ איבערפלעכטנ מיטנ קאמפ קעגנ דער מאכט פונ די שקלאפנבאזיצער.

דער קלאסנקאמפ אינ ספארטע.

אינ אָט דער צײַט איז אינ ספארטע אָנגעגאנגענ א פארביטער־טער קלאסנקאמפ. די געלט־רײַכטימער זײַנענ שטארק אויסגעוואקסנ. עס זײַנענ אופגעקומענ גרויסע שקלאפנבאזיצער אונ רײַכע אייגנטימער פונ ערד־גיטער. אָבער די גרונט־מאסנ פונ די ספארטאנער אונ די פעריִעקנ זײַנענ געבליבנ אָנ ערד. דאָס פאָלק, וואָס איז געבליבנ אָנ ערד, האָט געפאָדערט רעפאָרמעס, האָט געפאָדערט צוריקצוקערנ זיכ צו די אלטע „ליקורג־געזעצנ“.

אגיס דער IV. קלעאָמענ דער III.

אָט אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ די ברייטע באוועגונג, וואָס בע־ראָש פונ איר האָט זיכ אינ יאָר 245 געשטעלט דער יונגער קייסער אגיס דער IV. ער האָט געשטרעבט אויסצונוצנ די פאָלקס־באוועגונג אונ דורכצופירנ א ריי רעפאָרמעס.

אגיס האָט פאָרגעלייגט דעמ ראט צו אנולירנ די כויוועס אונ איבערפארטײלנ די ערד צווישנ אלע בירגער. דער ראט האָט אָפגעוואָרפנ אגיסעס פאָרשלאָג. אגיס זעלבסט איז אינגיכנ דערמאָר־דעט געוואָרנ.

צווישנ די פאָלקס־מאסנ האָבנ אָבער ניט אופגעהערט די אומרוענ, דאָס פאָלק האָט געפאָדערט רעפאָרמעס. דער פאָלגנדיקער קייסער, קלעאָמענ דער III, האָט באשלאָסנ דורכצופירנ די רעפאָר־מעס, וואָס אגיס האָט געהאט אָנגעמערקט. ער האָט געמאכט אנ איבערקערעניש אינ ספארטע: די עפאָרנ האָט מענ געטויט, די פעריִעקנ האָבנ באקומענ בירגער־רעכט. דערנאָכ האָט דער קייסער באפוילנ דורכצופירנ א נײַע איבערפארטײלונג פונ דער ערד, געבנ ערד די ערדלאָזע אונ אופשטעלנ צוריק די „ליקורג־געזעצנ“. דאָס איז געווענ א רעוואָליוציע קעגנ די גרויסע ערדבאזיצער.

דער אָנפירער פונעמ אכייִשנ פארבאנד אראט האָט זיכ איבערגעשראָקנ, טאָמער קומט פאָר א רעוואָליוציע אויכ בא אימ, האָט ער זיכ געווענדט נאָכ הילפ צו די מאקעדאָנער, וואָס ביז איצט האָט ער די גאנצע צײַט מילכאָמע געהאלטנ קעגנ זיי. די שקלאפנבאזיצער האָבנ מער געציטערט

פאַר דער באַוועגונג פון דער אָרעמשאַפט און פון די שקלאַפן איידער פאַר די פרעמדע פאַרכאַפער. די אכייער האָבן זיך פאַראייניקט מיט די מאַקעדאָנער. אין דער שלאַכט בא סעלאַסיע (אין יאָר 221 פאַר דער נייַער ערע) איז קלעאָמענ צעקלאַפט געוואָרן, און ער האָט געמוזט אַנטלויפן קיין עגיפּטע. קלעאָמענ האָט געהאָפט צו קריגן הילף בא די עגיפּטער. יענע האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו שטיצן אים, און ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

נאביס.

אין רעזולטאַט פונעם זיג פונעם אכייִשן פאַרבאַנד און פון די מאַקעדאָנער איז אין ספּאַרטע צוריק אופגעשטעלט געוואָרן די אָליגאַרכיע. די פאָלקס־מאַסן האָבן ניט געוואָלט שאָלעמ מאַכן מיטן ווילקיר פון די מאַקעדאָנער און מיט דער מאַכט פון די שקלאַפנבאַזיצער. דעמ לעצטן פּרווו אופצוהייבן אַן אופשטאַנד האָבן די פאָלקס־מאַסן געמאַכט אין די צייַטן פונעם טיראַן נאַביס. נאַביס האָט זיך געשטעלט בעראָש פון דער באַוועגונג פון די פּויערים־מאַסן. אין אָט דער באַוועגונג האָבן זיך באַטייליקט אויך די היילאָטן, וועמען נאַביס האָט צוגעזאָגט צו באַפרייַען פון קנעכטשאַפט. די שכייניש לענדער, ווו בא דער מאַכט זייַנען געשטאַנען גרויסע ערד־אייגנטימער, האָבן זיך פאַראייניקט קעגן נאַביסן. ניט געקוקט אַפן אַקשאָנעסדיקן קאַמף, האָט נאַביס דאָך געליטן אַ מאַפּאָלע, און אין יאָר 192 פאַר דער נייַער ערע איז ער דערמאָרדעט געוואָרן.

דער אופשטאַנד פון די שקלאַפן.

צוגלייַך מיט דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג ווערן אין גריכנלאַנד אין אָט דעם פּעריאָד אַלץ אָפטער אויך שקלאַפן־אופשטאַנדן. סאָפּ III יאָרה. פאַר דער נייַער ערע הייבן זיך אופ קעגן די שקלאַפנבאַזיצער די שקלאַפן פונעם אינדזל כיאָס. אונטער דער אָנפירונג פון זייער פירער דרימאַק האַלטן זיי אָפּ אַ זיג איבער די האַרן. עס ווערן אייַנגעפירט געזעצן, אונטער וועלכע עס מוזן זיך אונטערוואַרפן סייַ די שקלאַפן סייַ די האַרן. דער פירער פון די שקלאַפן האָט אפילע אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן געריכט אַפ פאַנאַנדערצוקלייַבן די סיכסוכימ צווישן די קנעכט און די האַרן. נאָך דרימאַקס טויט אָבער איז דאָס אַלץ ליקווידירט געוואָרן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ נייַער ארויסטרעטונג פון די שקלאַפן, וועלכע איז אויך אונטערדריקט געוואָרן.

שפּעטער, אין II יאָרה. פאַר דער נייַער ערע, זייַנען אויסגעבראָכן שקלאַפן־אופשטאַנדן אין אַטיקע, אין קליין־אַזיע און אין אַנדערע ערטער.

גריכנלאַנד ווערט אונטערטעניק צו רוים (146=טן יאָר פאַר דער נייַער ערע).

אין אָט דער צייַט האָט זיך אין מיירעוו היפּש פאַרשטאַרקט די רוימישע מעלוכע. רוים האָט שוין פון לאַנג גענומען אַרייַנמישן זיך אין די גריכישע איניאָנים. אים איז אפילע געלונגען צו דעראָבערן אייניקע גריכישע געגנטן. אין יאָר 146 פאַר דער נייַער ערע האָבן די גריכישע שקלאַפנבאַזיצער, וואָס האָבן מוירע געהאַט פאַרן וווקס פון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג און פון די שקלאַפן־אופשטאַנדן, אַליין גערופן די רוימער צו הילף.

דאָס רוימישע מיליטער האָט זיך אַרייַנגעריסן קיין גריכנלאַנד און דאָס מאָל אונטערטעניקט אונטער זייַן הערשאַפט דאָס גאַנצע לאַנד.

אַזויאַרום איז מאַכמעס דער אַרייַנמישונג פון רוים אונטערדריקט געוואָרן די באַוועגונג פון די שקלאַפן און פון דער אָרעמשאַפט. קעדיי צו דערגרייכן דאָס, זייַנען די גריכישע שקלאַפנבאַזיצער אייַנגעגאַנגען אפילע צו פאַרלירן די אומאָפּהענגיקייַט פון גריכנלאַנד. אָנגעהויבן פון 146־טן יאָר פאַר דער נייַער ערע ווערט די געשיכטע פון גריכנלאַנד אייַנגעשלאָסן אין דער געשיכטע פונעם אַנטיקן רוים.



ר ו י מ

I. דער פרײַקער פעריאָד פונ דער רוימישער געשיכטע.

63 §. די נאטור און די באפעלקערונג פונ דער אוראלטער איטאליע.

די נאטור און די באפעלקערונג פונ איטאליע.

איטאליע ליגט צו מײַרעוו-צו פונ גריכנלאנד, אפנ שמאָלנ און לאנגנ אפענינער האלב-אינדזל, וואָס איז ארויסגערוקט ווײַט אינ יאמ ארײַנ. דאָרעמ- און מײַרעוו-צו פונ איטאליע געפינענ זיכ דרײַ גרויסע אינדזלענ: סיציליע, סארדיניע און קאָרסיקע. קלײנע אינדזלענ זײַנענ ארומ אי-טאליע פאראנ ווײניק. דאָס מיזרעכדיקע ברעגלאנד פונעמ אפענינער האלב-אינדזל האָט פאר שיפגאנג א קנאפנ ווערט: דאָ איז קימאט ניטאָ קײנ בוכטעס, ווו שיפנ זאָלנ זיכ קאָנענ אָפשטעלנ, די ברעגנ זײַנענ אָפריסיק אָדער פול מיט זאמדבענק. דאָס מײַרעוודיקע ברעגלאנד איז פאר שיפגאנג מער פאסיק: די ברעגנ זײַנענ אָפלײגיקע און בילדנ עטלעכע גוטע בוכטעס.

דער באָדנ פונ איטאליע איז פרוכטבארער אײדער דער באָדנ פונ גריכנלאנד. האגאמ איטאליע איז אויכ אינ א היפשער מאָס א בארגיק לאנד (פונ צאָפנ אפ דאָרעמ שנײַדט דורכ דאָס לאנד דער אפענינער בארגרוקנ), אָבער די בערג זײַנענ דאָ ניט אזוינע שטײלע און אינ א סאכ ערטער גײענ זײ אריבער אינ ברײטע פרוכטבארע פלײנענ (קאמפאניא, לאציום). דעריבער זײַנענ אינ איטאליע די באדינגונגענ פאר ערדארבעט מער גינסטיקע אײדער אינ גריכנלאנד. אפ די הויכע בארג-אָפהאנגענ און אינ די טאָלנ געפינענ זיכ אויסגעצײכנטע פי-

טער-פעלדער. דער קלימאט איז אין איטאליע א גוטער, א פײַכטערער און א קילערער איידער אין גריכנלאנד, די טײַכן — פּאָ און טיבער — זײַנען פולוואַ-סערדיק. איטאליע איז א פרוכטבאר לאנד און איז רײַך אין וועלדער.

אפן אפּעניִנער האלב-אינדזל האָבן געוווינט א סאך שוואַטים. אין צפון, אינעם טאָל פון טײַך פּאָ, האָבן געוווינט פארשיידענע גאלישע שוואַטים. דאָ-רעם-צו פון די גאלן, אין מײַרעוו-טייל פונעם האלב-אינדזל, האָט זיך געפונען עטרוריע. די עטרוסקן האָבן געלעבט אין באזונדערע שטאָטישע געמיינדעס. זיי פלעגן פירן א האנדל מיט די גריכן פון דאָרעם-איטאליע און פון סיציליע און מיט דער שטאָט קארטאגענע אין צפון-אפריקע. די עטרוסקן האָבן זיך נאָך אויך באשעפטיקט מיט רויבעריי אפן יאם און אפן דער יאבאָשע.

די עטרוסקן זײַנען דערגאנגען צו א גאנץ הויכן קולטור-ניוואָ. עס האָבן זיך אופגעהיט זייערע רײַך באפוצטע קוואָרים-סקלעפּעס, רעשטן פון שטאָט-ווענט, קונסט-ארטיקלען: זילבערנע און בראָנזענע קײלים, קינסטלערישע באמאָלטע וואזעס, צירונג, סטאטועס.

די עטרוסקן האָבן פארמאָגט זייערע א שריפט, געגוצט האָבן זיי דעם גריכישן אלעפבייז. אָבער די שפּראך פון די עטרוסקן איז אונדז אומבאקאנט. די געלערנ-טע קענען לייענען די עטרוסקישע אופשריפטן, אָבער דעם זין זייערן פארשטייען זיי נאָך דערווײַל ניט. די עטרוסקן זײַנען געווען דאָס עלטסטע קולטורעלע פאָלק פון איטאליע.

מיזרעך- און דאָרעם-צו פון די עטרוסקן האָבן געוווינט פּילצאָליקע שוואַטים איטאליקן. זיי האָבן פארנומען גאנץ מיטל-איטאליע און טיילווײַז דאָרעם-איטאליע. אין לאציום, בא דער נידערשטרעמונג פון טיבער, האָבן געוווינט די



עטרוסקישע קוואָרים-סקלעפּעס.



אַן עטרוסקישער אַקערער.

לאַטײַנער. נאָך װײַטער צו דאָרעם, אין די געגנטן פון סאַמניום און אין דער בײַבערגיקער קאַמפּאַניאַ, האָט געװױנט אַ גרױסער איטאַלישער שבֿט סאַמניטן.

די מיזרעך-איטאַליקן האָבן געװױנט אין די בערג און אױפן ברעגלאַנד פון אַדריאַטישן ים. זײ זײַנען געװען אָפּגעשטאַנענע שבֿטים. בײַ זײ האָט זיך לענגער װי אומעטום אױפגעהיט דער שטאַם־שטײגער, און קײן שטעט האָבן זײ קימאַט אײַנגאַנצן ניט געהאַט.

די מײַרעװ־איטאַליקן — די לאַטײַנער און די קאַמפּאַניער סאַמניטן זײַנען געװען קולטורעלערע שבֿטים. זײ האָבן געװױנט נאָענט פון טירענישן ים, װאָס אױף זײַן ברעגלאַנד איז פרי אױפגעקומען דער האַנדל. דאָ זײַנען פון לאַנגע צײַטן אָן אױפגעקומען קלײנע שטעט. אין לאַציום, אַשטײגער, זײַנען געװען עטלעכע צענדליק קלײנע שטאָטישע געמײנדעס, װאָס האָבן זיך פאַראײניקט אין אַ פאַרבאַנד. אין דאָרעם־איטאַליע האָבן געװױנט גריכישע קאָלאָניסטן.

די אַנטשטײונג פון רױם.

צװישן די שטעט פון לאַציום האָט דאָס ערשטע אָרט פאַרנומען רױם. דאָרט, װוּ עס שטײט די שטאָט רױם, האָבן זיך נאָך אין טיפן אַלטערטום געפֿונען ייִשובֿים, װײַל די שטאָט האָט זיך געפֿונען אין זײער אַ גינסטיקער געאָגראַפישער לאַגע: זי איז געשטאַנען אױף זיבן בערגלעך, אױפן לינקן ברעג פונעם שיפבאַרן טײַך טיבער, אַ 25 קילאָמעטער װײַט פון ים. אַרום איר האָט זיך געפֿונען דער פרוכטבאַרער טאָל לאַציום. אין דער טיבער־לעפצונג פלעגט מען נאָך אין די עלטסטע צײַטן אַרױסבאַקומען זאַלץ. די אײַנװױנער פון די ייִשובֿים האָבן זיך באַשעפטיקט אױך מיט ערדאַרבעט און האַנדל, און כוץ דעם — מיט טײַך־ און ים־רױבערײַ. שפּעטער האָבן זיך די דאָזיקע ייִשובֿים צונױפגעגאָסן אין אײן רױמישער געמײנדע.

די לעגענדע װעגן דער אַנטשטײונג פון רױם.

עס האָט זיך אױפגעהיט אַ לעגענדע, װאָס דערצײלט װעגן דער אַנטשטײונג פון רױם. בײַם דעם אומקום פון טראָיע האָט זיך אײנער פון די העלדן פון דער טראָיאַנישער מילכאָמע ענײ געראַטעװעט און נאָך לאַנגע װאַנדערונגען איז ער אָנגעקומען קײן לאַציום. שפּעטער האָט דער זון זײַנער געגרינדעט דאָ די שטאָט אַלבע־לאָנגע, װוּ עס האָט געקיניגט דער ענײ־שטאַם. אין אַלבע־לאָנגע איז טאַקע געבאָרן געװאָרן דער צװילינג — די קומענ־

דיקע גרינדער פון רוים. מע האָט געהאלטן, אז זיי זײַנען זין פונעם גאָט מארס און פונעם קייסערס טאָכטער רייע-סילוויע. יענע צײַט האָט געקיניגט דער אכזער אמולי, וועלכער האָט אראָפּגעוואָרפן פון טראָן רייע-סילוויעס פאָטער. דערוווּסט זיך, אז עס איז געבוירן געוואָרן דער צווילינג, האָט אמולי אָנגעהויבן מוירע האָבן, ער זאָל ניט פארלירן די מאכט, און האָט באפוילן ארײַנצוווארפן דעם צווילינג אין טיבער ארײַן.

דער שטראָם האָט ארויסגעוואָרפן דעם צווילינג אפן ברעג. אפ זייער געשריי איז געקומען צו לויפן א וועלפיכע. זי האָט ניט נאָר ניט געטאָן די קינדער קיין בייז, נאָר זי האָט זיי אפילע געגעבן זויגן.


די קאפיטאָליער וועלפיכע.

דערנאָך האָבן דעם צווילינג דערזען דעם קייסערס פאסטעכער. איינער א פאסטעך האָט גענומען די אויפעלעך צו זיך אפ האָדעווען און האָט זיי א נאָמען געגעבן ראָמול און רעם. אז ראָמול און רעם זײַנען אויסגעוואקסן, האָבן זיי זיך נוקעם געווען אין דעם אכזער אמולין דערפאר, וואָס ער האָט זיי געוואָלט טויטן: זיי האָבן אפ אים געלויערט און אים דערמאָרדעט. ראָמול און רעם האָבן אָבער ניט געוואָלט פארבלײַבן אין אלבע-לאָנגע און האָבן באשלאָסן צו גרינדן א נײַע שטאָט אפ דעם זעלבן אָרט, ווו די פאסטעכער האָבן זיי געפונען. באַם גרינדן די שטאָט האָבן זיי זיך צעקריגט, און ראָמול האָט דערמאָרדעט רעמען. די נײַע שטאָט האָט ראָמול אָנגערופן מיט זײַן אייגענעם נאָמען (רוים הייסט אין לאטײַניש „ראָמא"). ווי די לעגענדע דערציילט, איז עס פאָרגעקומען אין יאָר 753 פאר דער נײַער ערע. פון אָט דעם יאָר האָבן די רוימער געפירט זייער צײַט-רעכענונג.

דער אופקום פון רוים געהערט צו אזוינע ווײַטע צײַטן, אז בא די רוימער האָבן וועגן דעם געקאָנט פארבלײַבן בלויז לעגענדעס. פונקט ווי בא די גריכן, זײַנען די העלדן אין די רוימישע לעגענדעס אָפט געטער. די רוימער האָבן געדינט צו זייער א סאך געטער. די הויפט-געטער זייערע זײַנען געווען: יופּיטער (דער גאָט פון דונער און בליץ, וואָס שענקט דער וועלט אלדאָסגוטס), זײַן פרוי יונאָנע (די באשיצערן פון מישפאָכע), מארס (דער גאָט פון מילכאָמע) אא.

64 §. פאטריציער און פלעבייער. סערווי טולי

פאטריציער.

אין רוים האָט לעכאטכילע עקזיסטירט די שטאמאָרדענונג. די שטאָטישע געמיינדע איז באשטאנען פון דער אָרטגעבירטיקער רוימישער באפעלקערונג, וואָס האָט געהייסן פאטריציער. דער נאָמען שטאמט דערפון, וואָס בעראָש פון יעדער מישפאָכע איז געשטאנען דער פאָטער — „פאטער", און זײַן מאכט איז געווען זייער שטארק: דער פאָטער האָט געהאט רעכט צו פארקויפן די מיטגלידער פון זײַן מישפאָכע פאר קנעכט און אפילע טויטן זיי.

די רעשטנ פונ דער פאטריארכאלער אָרדענונג האָבנ זיכ געהאלטנ אינ רוים א לאנגע צײַט.

בא די פאטריציער איז די ערשטע צײַט ניט געווענ קײנ פריוואט-אײגנטום אפ ערד. די ערד איז געווענ אנ אײגנטום פונ דער גאנצער געמײנדע און האָט געהײסנ געזעלשאפטלעכע ערד. צו באזונדערע מישפּאָכעס האָבנ געהערט בלויז קלײנע הויפ-נאכלעס (א גאָרטנ, א סאָד).

עטלעכע פאטריצישע מישפּאָכעס פלעגנ בילדנ א שטאם. 10 שטאמענ פלעגנ בילדנ א קוריע. 10 קוריעס — א טריבע. די עלטסטע פונ די פאטרי-צישע שטאמענ פלעגנ בילדנ דעמ סענאט, אָדער דעמ ראט פונ עלטסטע, וואָס איז באשטאנענ פונ 300 מיטגלידער. אלע דערוואקסענע מאנצבלענ פלעגנ זיכ פארזאמלענ קוריעסווײַז און לײזנ די וויכטיקסטע פראגנ: אויסוויילנ פירער, דער-קלערנ מילכאָמע, שליסנ שאָלעמ. די רוימישע געמײנדע האָט זיכ אויסגעבילדעט אינ א מעלוכע אינ גאָר אלטע צײַטנ. בעראָש פונ דער געשאפענער מעלוכע איז געשטאנענ א שײַועט-פירער, אָדער א קײסער. ער איז געווענ מיליטער-אָנ-פירער, אויבער-ריכטער און פויסטער.

פלעבייער.

די רוימישע באפעלקערונג, וואָס איז ניט ארײַנ אינ דער פאטריצישער שטאמ-געמײנדע, האָט געהײסנ פלעבייער. דאָס זײַנענ געווענ אזוינע שוואָטימ, וואָס זײַנענ באצווונגענ געוואָרנ דורכ דער רוימישער געמײנדע.

די פלעבייער האָבנ זיכ גערעכנט אלס פרײַע מענטשנ, אָבער קײנ בירגער-רעכט האָבנ זײ ניט געהאט: זײ פלעגנ זיכ ניט באטײליקנ אינ דער פאָלקס-פארזאמלונג, ניט דינענ אינ מיליטער און ניט דערלאָזנ ווערנ צומ אָפּריכטנ די רעליגיעזע ריטואלנ פונ די פאטריציער; אפילע שידוכימ צווישנ פלעבייער און פאטריציער האָבנ זיכ גערעכנט פאר אומגעזעצלעכע אקטנ. די פלעבייער האָבנ אויכ קײנ רעכט ניט געהאט צו באנוצנ זיכ מיט דער געזעלשאפטלעכער ערד.

די רעכטלאָזע לאגע האָט געדריקט ווי א שווערע לאסט אפ די פלעבייער, ביפראט אפ יענע, וואָס האָבנ שוינ באוויזנ צו ווערנ רײַכ. אינ אנ אויסערסט שווערער לאגע האָט זיכ געפונענ די פלעבייִשע אָרעמשאפט, וועלכע האָט גע-ליטנ דערפונ, וואָס זי האָט געהאט ווײניק ערד און איז געווענ פארזונקענ אינ כויוועס. א באלכויוו, וואָס פלעגט ניט אײַנצאָלנ צו דער צײַט דעמ כויוו, פלעגט דער קרעדיטאָר מעגנ ארעסטירנ און אינ פארלויפ פונ 60 טעג האלטנ אימ בא זיכ אינ שטוב געשמידט אינ קײטנ. איז אָבער דער כויוו נאָכנ ארעסט אויכ ניט אײַנגעצאָלט געוואָרנ, פלעגט מענ דעמ באלכויוו מעגנ פארקויפנ אינ דער פרעמד פאר א קנעכט.

כוץ פלעבייער זײַנענ נאָכ געווענ אזויגערופענע קליענטנ: פרײַע מענטשנ, וואָס זײַנענ געוואָרנ אָפּהענגיק פונ א רוימישנ אריסטאָקראט אָדער גוויר. דער לעצטער האָט אינ אזא פאל געהײסנ פאטראָנ. דער פאטראָנ פלעגט דעמ קליענט זײַנעמ געבנ א שטיקל ערד, שטיצנ אימ דורכ זײַנ כשיוועס, און דער קליענט פלעגט דערפאר מוזנ אָפּדינענ און צומאָל אפילע פּאָשעט ארבעטנ אפנ פאטראָנ.

די קליענטנ זײַנענ אזויארומ געווענ אָפּהענגיק פונ אײנצלנע פערזאָנענ, די פלעבייער דאגעגנ זײַנענ געווענ אָפּהענגיק פונ דער מעלוכע, וואָס האָט זײ א לאנגע צײַט ניט געגעבנ קײנ רעכט.

סערווי טוליס רעפאָרמע.

די לעגענדע דערציילט, אז אמאָל האָבן אין רוים רעגירט איינער נאָכן אנדערן זיבן קייסאָרים. דער ערשטער קייסער איז געווען ראָמול. אין יענער צײַט האָבן די פּלעבייער אָנגעהויבן פירן א קאמפ קעגן דער כויוועס-שקלאפערײַ, פאר בירגער-רעכט, פאר ערד. אין VI יאָרה. פאר דער נײַער ערע, דערציילט א לעגענדע, האָט דער קייסער סערווי טולי דורכגעפירט א רעפאָרמע, וואָס האָט געהאט זייער א וויכטיקע באדײַטונג פאר די פּלעבייער: זיי זײַנען צוגעלאָזט געוואָרן צו מיליטער-דינסט און האָבן באקומען אייניקע פּאָליטישע רעכט. סערווי טולי האָט, פונקט ווי סאָלאָן אין אטען, צעטיילט די גאנצע רוימישע באפעלקערונג (אי די פּאטריציער אי די פּלעבייער) אפ פינפ פארמעגנס-קאטעגאָריעס. אָט די קאטעגאָריעס האָבן געהייסן קלאסן. בירגער, וואָס האָבן ניט געהערט צו קיין איינעם פון די פינפ קלאסן, האָבן געהייסן פּראָלעטאריער („אומפארמעגלעכע“). יעדער קלאס האָט געמוזט ארויסשטעלן א באשטימטע צאָל קריגסלײַט, דערבײַ פלעגן די רײַכערע ארויסשטעלן מער קריגסלײַט.

אפ די זעלנער-פארזאמלונגען פון די צענטוריעס (אָטריאדן צו הונדערט קריגער) האָבן די רײַכע אזויארום געהאט א גרעסערע צאָל שטימען, פלעגן זיי זיך צונויפריידן צווישן זיך און באקומען אן איבערוואָג אפ דער פארזאמלונג.

די אויסבילדונג פון דער רעפּובליק.

אין די צײַטן, ווען ס'האָט געקיניגט דער זיבעטער קייסער — טארקוויני דער שטאָלצער איז די קיניגלעכע מאכט געפאלן. מיט זײַנע גוואלדטאטן און קעפונגען האָט ער ארויסגערופן קעגן זיך א שרעקלעכן צאָרן בא די פּאטריציער, און אין יאָר 510 פאר דער נײַער ערע זײַנען זיי אופגעשטאנען און האָבן אים פארטריבן.

נאָכן פארטרײַבן טארקווינין האָבן די פּאטריציער ארײַנגענומען אין זייערע הענט די אָנפירונג מיט דער מעלוכע. אפ די פארזאמלונגען פון די צענטוריעס פלעגט דאָס פאָלק אלע יאָר אויסוויילן פון צווישן די פּאטריציער צוויי קאָנסולן. די קאָנסולן האָבן געהאט א קלענערע מאכט איידער די פריערדיקע קייסאָרים, ווײַל קאָנסולן זײַנען געווען צוויי און יעדער איינער פון זיי האָט געקאָנט זיך קעגנשטעלן דעם צווייטן. אכוץ דעם איז זייער אמט געווען באגרענעצט בלויז מיט איין יאָר צײַט, און נאָכן יאָר האָט מען זיי געקאָנט צוציִען צו פאראנטוואָרטלעכקײַט, אויב נאָר זיי זײַנען באגאנגען פעלערן אָדער פארברעכנס. בלויז אין מילכאָמע-צײַט איז די מאכט פון די קאָנסולן געווען אומבאגרענעצט.

דער אריבערגאנג צו א רעפּובליק האָט אזויארום נאָך מער פארשטארקט די מאכט פון די פּאטריציער.

§ 65. דער קאמפ צווישן די פּאטריציער און פּלעבייער.

פאָלקס-טריבונען.

נאָכן פאלן פון דער צארישער מאכט האָט זיך דער קאמפ צווישן די פּאטריציער און פּלעבייער נאָך מער פארשטארקט. די פּאטריציער זײַנען צו יענער צײַט געווען די העכערע גרופּע פון דער באפעלקערונג, די אריסטאָקראטיע, וואָס האָט אכזאָריעסדיק אונטערדריקט דאָס פאָלק.

אלס ענטפער אפ די אונטערדריקונגען מיצאד די פּאטריציער, האָבן די פּלעבייער, דערציילט די לעגענדע, באשלאָסן אינגאנצן צו פארלאָזן רוים און האָבן

זיך אריבערגעקליבן אפֿן „הייליקן בארג״ (494-טן יאָר פֿאר דער נײַער ערע), וואָס האָט זיך געפֿונען ניט ווײַט פֿון רוים. די פּאַטריציער האָבן זיך איבערגע-שראָקן, ווײַל דורכן אוועקגיין פֿון די פּלעבייער וואָלט געקאָנט אָפּגעשוואַכט ווערן דאָס מיליטער, זײַנען זיי אײַנגעגאַנגען אױף גרויסע האַנאָכעס: די פּלעבייער האָבן באַקומען דאָס רעכט אויסצוויילן ספּעציעלע פֿאַרטיידיקער פֿון זייערע אינטע-רעסן — פֿ אָ ל ק ס - ט ר י ב ו נ ע ן. די ערשטע צײַט זײַנען געווען צוויי טריבונען, שפּעטער האָט זיך די צאָל זייערע פֿאַרגרעסערט ביז צען.

די פֿאָלקס-טריבונען האָבן באַקומען א גרויסע מאַכט; זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט אָפּצושטעלן יעטווידע פֿאַראָרדענונג פֿון די קאָנסולן און פֿון אַנדערע אַמט-פּערזאָנען (אויסער קריגס-באַפֿעלן). דערצו האָבן זיי געדאַרפֿט בלויז אַרויסריידן דאָס וואָרט „וועטאָ״ (veto — איך פֿאַרבאָט). די פּערזאָן פֿונעם טריבון איז געווען אומבאַרירלעך. קעדיי צו זײַן שטענדיק גרייט צו העלפֿן דעם פּלעבייער, פֿלעגן די פֿאָלקס-טריבונען ניט טאָרן אַרויספֿאָרן פֿון שטאָט, די טירן פֿון זייערע הײַ-זער פֿלעגן א קײַלעכדיקן מעת־לעת זײַן אָפֿן פֿאַר יעטווידן פּלעבייער. פּראַקטיש אָבער האָט דער טריבון געקאָנט העלפֿן דעם פּלעבייער בלויז מיט אַן אייצע.

דער געריכט אין רוים איז פֿאַרבליבן אין די הענט פֿון די פּאַטריציער. אַזוי ווי די געזעצן זײַנען ניט געווען אין ערגעץ פֿאַרשריבן און מישפּטים פֿלעגט מען לויט דער טראַדיציע, פֿלעגן די פּאַטריציער קאָנען מיסברויכן דערמיט אין זייערע אייגענע אינטערעסן. דאָס פֿאָלק האָט דעריבער געקומען פֿאָדערן, מע זאָל די געזעצן פֿאַרשרײַבן. די פּאַטריציער האָבן א לאַנגע צײַט אַרויסגעוויזן א ווי-דערשטאַנד, סאָפּקאָלסאָף אָבער זײַנען זיי געצוווּנגען געווען נאָכצוגעבן. אין יאָר 451 פֿאַר דער נײַער ערע איז אויסגעוויילט געוואָרן א ספּעציעלע קאָמיסיע פֿון 10 מענטשן (ד ע צ ע מ װ י ר ן), וואָס איז באַשטאַנען דורכויס פֿון פּאַטריציער. די קאָמיסיע האָט באַקומען אַן אויפֿטראָג — אין משך פֿון א יאָר צײַט פֿאַרשרײַבן די געזעצן. אַזוי ווי זי האָט אָבער אין פֿאַרלויף פֿון דעם יאָר ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן די אַרבעט, זײַנען אויפֿן 450-טן יאָר אויסגעוויילט געוואָרן נײַע דע-צעמווירן, דאָס מאָל זײַנען צווישן זיי געווען א העלפֿט פּלעבייער. די צווייטע קאָמיסיע האָט געענדיקט די אַרבעט. די געזעצן זײַנען אויסגעקריצט געוואָרן אויף 12 קופּערנע טאָוולען און אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויפֿן שטאָטישן הויפּט-פּלאַץ (פֿ אָ ר ו ם).

פֿון די געזעצן פֿון XII טאָוולען האָבן די פּלעבייער קנאַפּ וואָס געוואָסן. שידוכים צווישן פּאַטריציער און פּלעבייער זײַנען, ווי פֿריִער, געווען פֿאַרבאָטן, דאָס ברוטאַלע כויוו-רעכט איז געבליבן אָן ענדערונגען, האַגאַם די פּראָצענטן פֿאַר די כויוועס זײַנען עטוואָס פֿאַרקלענערט געוואָרן.

די פּלעבייער האָבן דעריבער ניט אויפֿגעהערט צו קעמפֿן פֿאַר זייערע רעכט.

דער קאַמף פֿאַר דער קאָנסולן־מאַכט און פֿאַר ערד.

די פֿאָלקס-טריבונען ל י צ י נ י און ס ע ק ס ט י האָבן פֿאָרגעלייגט דער פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג פֿאָלגנדיקע געזעץ-פּראָיעקטן:

1. קיינער האָט קיין רעכט ניט צו באַזיצן העכער 500 יוגערס[1] געזעלשאַפֿטלעכע ערד.

---

1 יוגער — בא 1/4 העקטאַר.

2. איינער פונ די קאָנסולנ מוז זײַנ א פלעבייער.

דאָס זײַנעג געווענ זייער וויכטיקע געזעצנ, און די פאטריציער האָבנ געטאָנ אלצ, וואָס זיי האָבנ געקאָנט, אז די געזעצנ זאָלנ ניט דורכגעפירט ווערנ. זיי האָבנ אָנגערעדט אנדערע טריבונענ ארופצולייגנ א „וועטאָ“ אפ די געזעצפּראָיעקטנ. צענ יאָר האָט זיכ געצויגנ דער קאמפ. צענ יאָר נאָכאנאנד האָבנ די פלעבייער אויסגעווײלט ליצינינ און סעקסטינ אלס פאָלקס-טריבונענ, און יענע האָבנ אלע יאָר פאָרגעלייגט זייערע געזעצפראָיעקטנ.

ליקטאָרנ — וואכלײַט פונ די רוימישע קאָנסולנ.

אינ יאָר 366 פאר דער נײַער ערע זײַנענ די פאטריציער, ענדלעכ, געצוווּנגענ געווענ נאָכצוגעבנ. די געזעצפראָיעקטנ זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ, סעקסטי איז געוואָרנ דער ערשטער פלעבייִשער קאָנסול.

צו אָט דער צײַט אנ ערעכ האָבנ די פלעבייער באקומענ דאָס רעכט צו פארנעמענ אויכ דעמ פאָסטנ פונ א דיקטאטאָר. א דיקטאטאָר פלעגט באשטימט ווערנ בלויז אינ אזא מאָמענט, ווענ דער מעלוכע האָט געדראָעט אנ אויסערגעוויינלעכע געפאר. לויטנ באשלוס פונעמ סענאט פלעגט איינער פונ די קאָנסולנ דארפנ באשטימענ א דיקטאטאָר פונ צווישנ די אָנגעזעענסטע בירגער. דער דיקטאטאָר האָט געהאט אומבאגרענעצטע מיליטערישע און ציווילע מאכט. באשטימט ווערנ פלעגט ער אָבער בלויז אפ 6 כאדאָשים צײַט. נאָכ אָט דעמ טערמינ פלעגט מענ אָפנעמענ בא אימ די פולמאכטנ.

ווענ די רוימישע מעלוכע האָט פארברייטערט אירע גרענעצנ, זײַנענ געשאפנ געוואָרנ נײַע אמטנ. די פרעטאָרנ האָבנ געהאט צו שאפנ איבער די געריכט-איניאָנים, די צענזאָרנ פלעגנ פאנאנדערטיילנ די בירגער לויט די פארמעגנס-קאטעגאָריעס און צונויפשטעלנ די צעטלענ פונ די סענאטאָרנ, די עדילנ האָבנ געזאָרגט וועגנ דער באוואכונג פונ רוימ און וועגנ באזאָרגנ די שטאָט מיט דערנערונג, די קוועסטאָרנ האָבנ פארוואלטעט מיט דער מעלוכע-קאסע.

נאָכ אנ אקשאָנעסדיקנ קאמפ האָבנ די פלעבייער באקומענ א צוטריט צו אָט די אלע מעלוכע-פאָסטנס. זינט דאנ האָבנ גענומענ שפּילנ א גרויסע ראָליע די קרײַז- (טריבע-) פארזאמלונגענ. די פלעבייער האָבנ דאָ געהאט די מערהײַט, פלעגנ זיי דעמ גרעסטנ טייל פראגנ קאָנענ לייזנ אזוי, ווי דאָס איז געווענ אינ זייערע אינטערעסנ.

דער זיג פון די פּלעבייער.

די פּלעבייער האָבן אַזוי־אַרום דערגרייכט דאָס רעכט צו פאַרנעמען די אַלע מעלוכע־פּאָסטנס, וואָס זיינען פריער געווען אין די הענט פון די פּאַטריציער. די כוויוס־שקלאַפעריי איז אָפּגעשאַפט געוואָרן: אין יאָר 326 פאַר דער נייער ערע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן צו פאַרוואַנדלען בירגער אין קנעכט.

די לאַגע פון דער פּלעבייִשער אָרעמשאַפט האָט זיך אַ ביסל פאַרבעסערט. אַלע פּלעבייער האָבן אַצינד באַקומען פּאָליטישע רעכט. דאָך אָבער איז די פּלע־בייִשע אָרעמשאַפט פאָרט ניט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער אָנפירונג מיט דער מעלוכע: מעלוכע־אַמטן האָבן געקאָנט פאַרנעמען בלויז רייכע לייט, ווייל פאַר אַזאַ אַמט פלעגט מען קיין געהאַלט ניט קריגן. ביסלעכווייז האָט זיך אין רוים אויסגעבילדעט אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק מישפּאָכעס, וואָס זייערע מיטגלי־דער פלעגן פון דאָר צו דאָר אויסגעוויילט ווערן אויף די העכסטע מעלוכע־פּאָסטנס: אַלס קאָנסולן, פּרעטאָרן, צענזאָרן אאַ. אָט די נייע אַמטלעכע אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז באַשטאַנען פון רייכע לייט און איז געזעסן אויף אַלע וויכטיקסטע מע־לוכע־פּאָסטנס אין רוים, האָט געהייסן נאָבילן („נאָביל“ — אַ מעיוכעס).

מיר זעען אַלזאָ, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס די פּלעבייער האָבן זיך דער־שלאָגן צו אַ סאַך רעכט, דאָך האָבן זיי די באַקומענע רעכט ניט געקאָנט אויס־נוצן אין דער פולער מאָס, ווייל דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן פריייע צייט און געלט.

§ 66. דעראָבערונג פון איטאַליע.

ניט געקוקט דערויף, וואָס אינעווייניק אין דער רוימישער מעלוכע איז די גאַנצע צייט פאָרגעקומען אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן די פּאַטריציער און פּלע־בייער, דאָך האָט רוים בעהאַדראָגעדיק דעראָבערט איטאַליע.

די דעראָבערונגען זיינען קודעמקאָל געווען אין די אינטערעסן פון די פּאַ־טריציער און רייכע פּלעבייער, ווייל דאָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרכאַפּן די ערד פון די באַצוווּנגענע פעלקער. אַ טייל ערד אָבער פלעגט אַריינ־פאַלן אויך צו דער פּלעבייִשער אָרעמשאַפט. דערפאַר נעמלעך איז דאָס רוימישע פויערטום געווען געגאַנגען אין מיליטער, און מיט די הענט פון אָט דעם פויער־טום איז אין פאַרלויף פון צוויי יאָרהונדערטער דעראָבערט געוואָרן קימאַט גאַנץ איטאַליע.

אין V יאָרה. פאַר דער נייער ערע האָבן די רוימער געפירט אַ סאַך מיל־כאָמעס מיט די שכייניש פעלקער. אין רעזולטאַט פון אָט די מילכאָמעס האָבן די רוימער פאַרכאַפּט בא די עטרוסקן דעם רעכטן ברעג טיבער בא זיין נידער־שטרעמונג.

די אינוואַזיע פון די גאַלן.

אין אָנהייב IV יאָרה. פאַר דער נייער ערע זיינען פונעם טאָל פון דעם טייך פּאָ אָנגעפאַלן אויף עטרוריע די גאַלן. דורכגעגאַנגען עטרוריע, זיינען זיי אָנגע־פאַלן אויך אויף רוים. אין יאָר 390 פאַר דער נייער ערע האָבן די גאַלן צע־שמעטערט די רוימישע אַרמיי, פאַרכאַפּט רוים, פונוואַנען די איינוווינער זיינען זיך צעלאָפן, און קימאַט אינגאַנצן כאָרעוו געמאַכט די שטאָט.

א לעגענדע דערציילט, אז בלויז א קליינער אָטריאַד פון יוגנט האָט זיך אויסבאַהאַלטן אינעם אומצוטריטלעכן רוימישן קרעמל — קאַפּיטאָלי. די גאַלן האָבן געפּרוווט אײַנעמען דעם קאַפּיטאָלי דורך א שטורעם-אָנגריף, עס איז זיי אָבער ניט געלונגען. דאַן האָבן זיי באַלאַגערט דעם קאַפּיטאָלי. איינמאָל באַנאַכט האָט א גאַלישער אָטריאַד גענומען פּאָרזיכטיק אַרופקלעטערן אַפן שטייליקן שיפּוי פונעם קאַפּיטאָלי. געגאַנגען איז דער אָטריאַד אַזוי פּאָרזיכטיק, אַז קיינער האָט ניט דערהערט. איינער א גאַל האָט אַפילע באַוויזן אַרופצוקלעטערן ביזן סאַמע שפּיץ. אין אָט דעם מאָמענט אָבער האָבן די גענדז, וואָס זײַנען געווען באַשטימט פאַר א קאָרבן צו דער געטן יונאָנע און האָבן זיך דעריבער געפונען אינעם קאַפּיטאָלי-טעמפּל, אופגעהויבן א גוואַלדיקן געהאָלדער. די רוימער האָבן זיך אופגעכאַפּט און אַראָפּגעשלײַדערט אין אָפּגרונט אַרײַן דעם גאַנצן גאַלישן אָטריאַד. פונדאַנען שטאַמט דאָס ווערטל „געגדז האָבן געראַטעוועט רוים".

א לײַכט-באַוואָפנטער רוימישער זעלנער — א שלײַדערער.

באַקומען בא די רוימער א קאָלאָסאַלן אויסקויף פון 1000 פונט[1] גאָלד, זײַנען די גאַלן אַוועק. שפּעטער אָבער זײַנען זיי עטלעכע מאָל ווײַטער אָנגעפאַלן אַף דער רוימישער טעריטאָריע, האָגאַם אײַנעמען די שטאָט איז זיי מער ניט געלונגען. נאָך די כורבוינעס, וואָס די גאַלן האָבן אָנגעמאַכט, האָט מען רוים ווידעראַמאָל אופגעבויט און שטאַרק פאַרפעסטיקט.

די לאַטײַנישע מילכאָמע.

אינמיטן IV יאָרה. פאַר דער נײַער ערע האָבן די רוימער פאַרטריבן פון דאָרעם-לאַציום דעם קריגערישן שייוועט וואָלסקן און געשלאָסן א בונד מיט די לאַטײַנישע שטעט. די לאַטײַנישע פאַרבינדעטע זײַנען אָבער געווען אומצופרידן פון די אונטערדריקונגען פון די רוימער און אין יאָר 340 פאַר דער נײַער ערע האָבן זיי אופגעהויבן אַן אופשטאַנד און געפאָדערט, אַז איינער פון די קאָנסולן און א העלפט פונעם סענאַט זאָלן אויסגעוויילט ווערן פון לאַטײַנער.

רוים האָט אונטערדריקט דעם אופשטאַנד, דער לאַטײַנישער פאַרבאַנד איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן און די געוועזענע פאַרבינדעטע האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן צו רוים.

די סאַמניטישע מילכאָמעס.

די שווערסטע און באַדײַטנדיקסטע מילכאָמע, וואָס רוים האָט געפירט אין IV יאָרה. און אין אָנהייב III יאָרה. פאַר דער נײַער ערע, איז געווען די מילכאָמע מיט די סאַמניטן. אָנגעהויבן האָט זי זיך איבער דער רײַכער און פרוכטבאַרער

1 א רוימישער פונט האָט באַטראָפן דורכשניטלעך בא 273 גראַם.

געגנט קאמפאניא און האָט זיך מיט געוויסע איבעררײַסן געצויגן פון יאָר 327 ביזן יאָר 290 פאַר דער נײַער ערע. אין אָנהייב פון דער מילכאָמע האָבן די רוימער געליטן אַ שווערע מאַפּאָלע. אין וואַלדיקן קאַוודינער באַרגשפּאַלט איז די רוימישע אַרמיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די סאַמניטן, און זי האָט קאַפּיטולירט אַף שענדלעכע באַדינגונגען. די רוימער האָבן געמוזט דורכגיין „אונטערן יאָך": אין דער ערד האָט מען אַרײַנגעשטעקט צוויי שפּיזן, פון אויבן צוגעבונדן אַ דריטן שפּיז, די אומבאַוואָפנטע רוימישע קריגסלײַט האָבן אונטער אַ האָגל פון פײַנטלעכע שטעכווערטער געמוזט אײנציקווײַז דורכגיין צווישן די שפּיזן.

אין דעם זעלבן פּעריאָד איז די לאַגע פון די רוימער געוואָרן גאָר שווער: קעגן זיי האָבן זיך אופגעהויבן סײַ די עטרוסקן און סײַ די גאַלן. אָט די שוואָכע זײַנען אָבער געווען שוואַך באַהעפט צווישן זיך, און רוים איז סאָפּקאָלסאָף אַרויס אַלס זיגער.

דער גרעסטער טייל סאַמניטן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רוימס פאַרבינדעטע. שפּעטער האָט רוים אונטערטעניקט אויך צאָפן-עטרוריע. אין רעזולטאַט פון די אַלע מילכאָמעס איז גאַנץ מיטל-איטאַליע און אַ טייל פון צאָפן-איטאַליע אַריבער צו די רוימער.

די מילכאָמע מיט
פּירן און די
באַצווינגונג פון
דאָרעם-איטאַליע.

צווישן די גריכישע שטעט, וואָס האָבן זיך געפונען צו דאָרעם-צו פון איטאַליע, איז די שטאַרקסטע שטאָט געווען די רײַכע טאַרענט. נאָך דעם, ווי די רוימער האָבן דעראָבערט מיטל-איטאַליע, האָבן זיי פאַרפירט אַ מילכאָמע טאַקע קעגן אָט דער שטאָט. די טאַרענטער האָבן גערופן צו הילף דעם עפּירישן קייסער — פּיר. דאָס איז געווען אַן ערגײַציקער מענטש, וואָס האָט געטרוימט וועגן אַלעקסאַנדער מוקדנס העלדנטאַטן. ער איז גערן מאַסקים געווען צו קומען צו הילף טאַרענט, און אין פרילינג פון יאָר 280 פאַר דער נײַער ערע איז ער אָנגעקומען קיין איטאַליע. צוזאַמען מיט אים איז געקומען אַן אַרמיי פון 20 טויזנט אינפאַנטעריסטן, 3 טויזנט קאַוואַלעריסטן און אַ סאַך שלאַכט-העלפאַנדן.



סאַמניטישע זעלנער.

די רוימער האָבן געכאַפּט אַ מאַפּאָלע שוין אין דער ערשטער שלאַכט. זיי האָבן נאָך דעמלט ניט געוווסט, ווי מילכאָמע צו האַלטן קעגן שלאַכט-העלפאַנדן, און די רוימישע קאַוואַלעריע האָט זיך פאַר זיי געשראָקן.


פּיר — דער קייסער פון עפּיר.

אין פאָלגנדיקן יאָר האָבן זיך די רוימער ווידער צונויפגעטראָפן מיט פּירן. די שלאַכט איז געווען זייער אַן אַקשאָנעסדיקע און האָט זיך געצויגן צוויי טעג. די רוימער זיינען ווידער צעקלאַפּט געוואָרן. פּיר אָבער האָט אויך געליטן אַזוינע גרויסע פאַרלוסטן, אַז ער האָט אויסגערופן: „נאָך איינער אַזאַ זיג, — בלייב איך אָן זעלנער!” (פונדאַנען שטאַמט דאָס ווערטל „פּירס זיג”).

פּיר האָט פאַרשטאַנען, אַז די מילכאָמע מיט רוים וועט זיך ציִען זייער לאַנג; זיינע קויכעס האָבן אָבער גענומען אויסגעצערט ווערן. האָט ער דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אַף אַ געוויסע צייט איטאַליע און איז אוועק מילכאָמע האַלטן קעגן סיציליע. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין איטאַליע, האָבן שוין די רוימער געהאַט אָנגעקליבן פרישע קויכעס און געמאַכט פון אים טיל-טעל.

נאָך דעם איז שוין די רוימער ניט שווער געווען איינצונעמען גאַנץ דאָרעם-איטאַליע. דער גאַנצער אַפּענינער האַלב-אינדזל, אַכוץ דעם טאָל פונעם טייַך פּאָ, איז אַצינד אַריבער צו רוים.

§ 67. דאָס רוימישע מיליטער. איטאַליע אונטער דער מאַכט פון רוים.

דאָס רוימישע מיליטער.

רוים פלעגט אָפט אָפּהאַלטן ניצחוינעס דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ גוט אָרגאַניזירטע און ווערליק יענע צייטן אויסגעצייכנט באַוואָפנטע אַרמיי.

דער וויכטיקסטער טייל פון דער רוימישער אַרמיי איז געווען די שווער-באַוואָפנטע אינפאַנטעריע, וואָס פלעגט רעקרוטירט ווערן דעריקער פון פויערים. די אינפאַנטעריסטן זיינען געווען באַוואָפנט מיט קורצע שווערדן, וואָס זיינען געווען אָנגעשאַרפט פון ביידע זייטן, און מיט לאַנגע שלייַדער-שפּיזן. אַלס שוץ האָט זיי געדינט: אַ פאַנצער, אַ העלם און אַ גרויסע שילד. די אַרמיי איז באַ-שטאַנען פון עטלעכע לעגיאָנען (פאָלקן). אין יעדן לעגיאָן זיינען, אַכוץ דער שווער-באַוואָפנטער אינפאַנטעריע, געווען אַ באַשטימטע צאָל לייַכט-באַוואָפנטע אינפאַנטעריסטן און רייַטער.

ביים אַ שלאַכט פלעגט דער לעגיאָן זיך אויסשטעלן אין דריי שלאַכט-ליניעס.

אין דער ערשטער ליניע זײַנען געשטאַנען יונגע זעלנער, אין דער צווייטער — עלטערע און אין דער דריטער — די סאַמע געניטע און פאַרהאַרטעוועטע זעלנער. אָנהייבן די שלאַכט פלעגן געווײנלעך די לײַכט־באַוואָפנטע אינפאַנטעריסטן, וואָס זײַנען געשטאַנען פאָרויס דעם פראָנט פון די לעגיִאָנען. ווען דער סוינע פלעגט נעמען אָנגרײַפן אַף זיי, פלעגן זיי צוריקטרעטן, און אין שלאַכט פלעגט אַרײַנטרעטן די ערשטע ליניע. קוידעמקאָל וואַרפן די זעלנער אינעם סוינע זייערע לאַנגע שלײַדער־שפּיזן. די שפּיזן בלײַבן שטעקן אין די שילדן און מיט זייער וואָג בייגן זיי אַראָפ די שילדן אַראָפצו אַזוי, אַז דער סוינע פאַרלירט די מעגלעכקײַט פרײַ צו מאַנעווורירן מיט זיי. נאָכדעם הייבט זיך אָן א שווערדן־געפעכט.

ווען די ערשטע ליניע ווערט אָפּגעשוואַכט, טרעט אַרײַן אין שלאַכט די צווייטע ליניע, און בלויז אין דעם אַנטשיידנסטן מאָמענט — אויך די דריטע ליניע.

א רוימישער לעגיִאָנער.

אין די לעגיִאָנען האָבן געדינט בלויז רוימישע בירגער. די געמיינדעס, וואָס זײַנען געווען אונטערטעניק צו רוים (די אַזוי־גערופענע פאַרבינדעטע), פלעגן אַרויסשטעלן הילפס־מיליטער. אַף יעדן רוימישן לעגיִאָן האָבן געדאַרפט זײַן בא 6 טויזנט פאַרבינדעטע.

דער באַפעסטיקטער לאַגער. די קריגס־מעכאַניזמען.

אין דער רוימישער אַרמיי האָט געשפּילט זייער א וויכטיקע ראָליע דער באַפעסטיקטער לאַגער. בײַם א מילכאָמע פלעגט דאָס רוימישע מיליטער שטענדיק בויען אַף די אָפּשטעל־ערטער א לאַגער. בויען אים פלעגט מען געווײנלעך אַפן שיפּוע פון א בערגל, אין דער פאָרם פון א גראָדעק. דער לאַגער פלעגט אַרומגערינגלט ווערן מיט א טיפן גראָבן און מיט א וואַל. אין אַלע פיר זײַטן זײַנען געווען אַרויסגענג. אינווייניק אין לאַגער זײַנען געשטאַנען די בײַדלעך. יעדער מיליטער־טייל האָט דאָ געהאַט זײַן באַשטימט אָרט. אין צענטער איז געווען א פּלאַץ, ווו ס'איז געשטאַנען דאָס בײַדל פונעם קריגספירער. אַף אָט דעם פּלאַץ האָט זיך אויך געפונען דער מיזבייעך און א ספּעציעל אָרט פאַר פאַרזאַמלונגען.

אַדאַנק אָט דער קענטשאַפט צו בויען א באַפעסטיקטן לאַגער האָבן די רוימער א סאַך שלאַכטן געוווּנען און א סאַך מאַפּאָלעס אויסגעמיטן.

אין דער רוימישער אַרמיי פלעגט מען געברויכן פאַרשיידענע מעכאַניזמען, ענלעכע צו די, וואָס עס פלעגן נוצן די גריכן און די מאַקעדאָנער: קאַטאַפּול־

טעט — אפ צו שלײַדערנ פײַלנ; באליסטנ — אפ צו ווארפנ שטײנער אונ גרויסע פײַלנ; ריזיקע באוועגלעכע הילצערנע טורעמס, וועלכע מע פלעגט צופירנ צו די ווענט פונ דער באלאגערטער שטאָט; פארשײדענע שוצ-דעכער, וואָס פלעגנ פאר-שטעלנ די באלאגערער בײס די שטורעמ-אָנגריפנ; מויערברעכער אפ צו צעשטערנ פעסטונגענ אונ שטאָט-ווענט אאוו.

איטאליע אונטער דער מאכט פונ רוימ.

דעראָבערט א געוויסע געגנט אינ איטאליע, פלעגנ די רוימער אײנ דריטל ערד אָפנעמענ פאר דער מעלוכע ווענג. די אָפגענומענע ערד פלעגט פארוואנדלט ווערנ אינ א געזעלשאפטלעכ פעלד. אײנ טײל פלעגט אָפגעגעבנ ווערנ אינ אלגעמײנעמ באנוצ פאר אלע רוימישע בירגער, דעמ צווײטנ טײל פלעגט מענ אײַנטײלנ אינ קלײנע ערד-כאלאָקימ אונ צעגעבנ די אָרעמסטע בירגער, דעמ דריטנ טײל — פארקויפנ.

מיט דער באפעלקערונג פונ די באצוואונגענע געגנטנ איז רוימ זיכ באגאנגענ ניט אומעטומ גלײַכ: אײניקע באצוואונגענע שטעט פונ איטאליע האָבנ באקומענ פולשטענדיקע בירגער-רעכט; אינ אנדערע שטעט פלעגנ די אײַנוווינער ניט בא-קומענ קײנ רעכט אונ ניט האָבנ קײנ שטימ אינ די רוימישע פאָלקס-פארזאמ-לונגענ.

אזא ניט גלײַכמעסיקע באהאנדלונג פונ די באצוואונגענע געגנטנ האָט רוימ פראקטיקירט צוליב דעמ, קעדײ אימ זאָל זײַנ לײַכטער צו הערשנ, אונ די אונ-טערטעניקטע זאָל זײַנ שווערער צונויפצורײדנ זיכ צווישנ זיכ אונ אופהײבנ אנ אלגעמײנעמ אופשטאנד. „צעטײל אונ הערש“ — אָט דאָס איז געווענ דער קלאל פונ דער רוימישער פאָליטיק.

די מערהײַט באצוואונגענע שוואָטימ פונ איטאליע האָט געהײסנ פארבינ-דעטע. די רוימער פלעגנ זײ געבנ דאָס רעכט אופצוהיטנ זײער אינערלעכנ סײדער, אָבער די אויסערנ-אינינאָנימ פונ די פארבינדעטע האָבנ זיכ געפונענ אינ די הענט פונ רוימ. די פארבינדעטע פלעגנ ארויסשטעלנ אינ דער רוימישער ארמײ הילפס-מיליטער. קײנ שטײַערנ פלעגנ זײ ניט צאָלנ, פונקט ווי אלע אי-בעריקע אײַנוווינער פונ איטאליע.

אזויאַרומ האָט זיכ מיט דער הילפ פונ דער דיסציפלינירטער פעסטער ארמײ אונ כיטרער פאָליטיק („צעטײל אונ הערש“) דער רוימישער מעלוכע אײַנגעגעבנ צו האלטנ די פארבינדעטע אינ געהאָרכזאמקײַט.

§ 68. די רעליגיע פונ די רוימער.

פאָליטעיזמ.

די אוראלטע באגריפנ וועגנ דער נאטור האָבנ ארויסגערופנ בא די רוימער דעמ גלויבנ אינ געטער. שיר ניט יעדער קעגנשטאנד אונ דערשײַנונג האָט געהאט זײַנעמ א גאָט. עס האָט עקזיסטירט א גאָט פונ די טײַכלעכ, א גאָט פונ די וועלדער, פונ די וועגנ, פונעמ פײַער-שטעל אאוו. די קערנער, וואָס מע פלעגט פארזײענ אינ פעלד, האָבנ געהאט א באזונדער גאָט, די וואקסנדיקע זאנגענ — אנ אנדער גאָט, די בליִענדיקע זאנגענ — א דריטע גאָטהײַט, די רײַפע — א פערטע. איז געבוירנ געוואָרנ א קינד, פלעגנ זיכ מיט דעמ אײסעקנ 43 געטער: דער גאָט פונעמ ערשטנ געשרײ פונעמ נײַ-געבוירענעמ, דער גאָט פונ וויג, דער גאָט פונעמ קינדס נײַנטנ טאָג אאוו. יעדעס געזינד פלעגט פארערנ די נעשאָמעס פונ די אור-

פּאַטערס די באַשיצער. די דאָזיקע גוטע מישפּאָכע־גײַסטער האָבנ געהייסנ לאַרנ. זייערע בילדער פלעגנ שטיינ אינ א ספּעציעל אַלמערל לעבנ שטובּיקנ פײַער־שטעל, ווענ דאָס געזינד פלעגט זיצנ עסנ מיטיק, פלעגט מענ פאר די לארנ־בילדער אויכ אוועקשטעלנ שפּײַז אפ קליינע טעלערלעכ. בייס א מישפּאָכע־יאָנטעוו פלעגט מענ די לארנ באַפּוצנ מיט בלומענ. צו די הויז־געטער האָבנ אויכ געהערט די פּענאַטנ — די געטער פונ די שפּײַכלערס אונ פונעמ פײַער־שטעל.

נאָכ אינ די גאָר פריִע צײַטנ זײַנענ שוינ אופגעקומענ בא די רוימער אויכ אלגעמיינע גאָט־הייטנ, אשטייגער, יאַנוס — דער גאָט פונ טירנ, טויערנ אונ פונעמ אָנהייב פונ יעדער ארבעט, וועסטע — די געטנ פונ פײַער־שטעל אא. די העכסטע געטער זײַנענ אינ אוראלטנ רוים געווענ יופּיטער, יונאָנע, מארס אונ קווירינ. יופּיטער איז געווענ הויפּט־גאָט, ער האָט געמאכט די ערד פרוכטבאר אונ געשיקט אפ דער ערד ליכט, רעגנ, בליצ אונ דונער. מארס אונ קווירינ זײַנענ געווענ געטער פונ מילכאָמע; יונאָנע, יופּיטערס ווײַב, איז געווענ די באַשיצערנ פונ כאסענעס אונ מישפּאָכע־לעבנ.

רעליגיעזע ריטואַלנ.

די רעליגיעזע ריטואלנ האָבנ געשפּילט א גוואלדיקע ראָליע אינ עמ לעבנ פונ די רוימער. מע האָט געמוזט פּינקטלעכ וויסנ, צו וואָס פאר א גאָטהײַט ווענדנ זיכ אינ דעמ אָדער יענעמ פאל, וואָסערע ווערטער מע דארפ דערבײַ זאָגנ, וואָסערע נעדאָרימ נעמענ אפ זיכ אָדער וואָסערע קאָרבאָנעס ברענגענ. די רוימער האָבנ געהאלטנ, אז דער קלענסטער טאָעס קאָנ אלצ קאליע מאכנ. דאָס פלעגט זיי אָבער אויכ ניט שטערנ בא א געלעגנהײַט צו נארנ זייערע געטער. האָט מענ, לעמאָשל, גענומענ אפ זיכ צו ברענגענ פאר א קאָרבנ צו גאָט 30 קעפּ (געמיינט פי), האָט מענ די קעפּ געמעגט פארבײַטנ מיט מאָנ־קעפּלעכ.

די פּריסטערס. דער איינפלוס פונ דער גריכישער רעליגיע.

בא אזא ארט רעליגיע האָבנ א גרויסע ראָליע געשפּילט די פּריסטער'ס. זיי זײַנענ געווענ פארייניקט אינ פארשיידענע קאָלעגיעס (פארבאנדנ). די וויכטיקסטע פּריסטערס זײַנענ געווענ די פּאָנטי־פיקנ — די אויסטײַטשער פונ די געריכט־געזעצנ אונ מינהאָגימ. די פּאָנטיפיקנ פלעגנ אויכ באשטימענ, וואָסערע טעג זײַנענ מאזלדיק אפ צו פירנ געזעלשאפטלעכע איניאָנימ אונ וואָסערע ניט מאזלדיק. זיי האָבנ געפירט דעמ רוימישנ קאלענדאר, וואָס איז די ערש־טע צײַט געווענ זייער קאָמפּליצירט אונ פארפּלאָנטערט.

אנדערע פּריסטערס פלעגנ זיכ באשעפטיקנ מיט טרעפנ קלוימערשט דעמ ווילנ פונ די געטער. איינע פלעגנ דאָס „טרעפנ" לויטנ פלי פונ די פייגל, אנדערע — נאָכנ איגגעווייד פונ די קאָרבאָנעס.

א וועסטע־פּריסטערנ.

שטארק געאכט זײַנענ געווענ די פּריסטערנס פונ דער געטנ וועסטע. זיי פלעגנ מוזנ אונטער־האלטנ שטענדיקנ פײַער אפ וועסטעס מיזבייעכ אונ געבנ א ניידער ניט כאסענע האָבנ אינ פארלויפ פונ 30 יאָר. אויב א וועסטע־פּריסטערנ פלעגט ניט אָפּהיטנ דעמ ניידער, פלעגט מענ זי לעבעדיקערהייט באגראָבנ.

אָנגעהויבנ פונ IV יאָרה. פאר דער גײַער ערע טרעטנ די רוימער ארײַנ אינ ענגע באציִונגענ מיט די גריכנ פונ קאמפּאניא אונ דאָרעמ־איטאליע. די מער אנטוויקלטע גריכישע רעליגיע קריגט א שטארקנ אײַנ־פלוס אפ דער רוימישער רעליגיע. די ערשטע צײַט האָבנ די געטער אינ די באגריפנ פונ די רוימער ניט געהאט קיינ פאָרמ פונ מענטשנארטיקע וועזנס. דעמ גאָט מארס, אשטייגער, פלעגט מענ שילדערנ אינ דער פאָרמ פונ א שפּיז, יופּיטער — אינ דער פאָרמ פונ א שטיינ־פײַל. אונטערנ אײַנפלוס פונ די גריכנ האָבנ בא די רוימער שפּעטער גענומענ אופקומענ די ערשטע מענטשנארטיקע געשטאלטנ פונ געטער. דעריבער האָבנ די רוימער געשאפנ זייער מיפּאָלאָגיע, דה. די דערציילונגענ וועגנ די געטער, לויט די גרי־כישע מוסטערנ.

ביסלעכווייז האָבנ זיכ אינ רוימ אָנגעהויבנ צו פאַרשפרייטנ גריכישע מיפנ אונ לעגענדעס, אשטייגער דער מיפ וועגנ הערקולעסנ (העראקל) אונ אנדערע געטער אונ העלדנ. די געטער הייבט מענ אָנ, לויט דער גריכישער טראַדיציע, פאַרשטעלנ אינ דער געשטאַלט פונ מענטשנ, מע הייבט אָנ מאָלנ זייערע בילדער. אינ דער רוימישער רעליגיע האָבנ זיכ געגומענ פאַרשפרייטנ נייע, גריכישע גאָטהייטנ, לעמאָשל, דער גאָט אפאָלאָנ. אייניקע רוימישע געטער הייבנ אָנ אידענטיפיצירט ווערנ מיט ענלעכע גריכישע געטער. דער רוימישער הויפט-גאָט יופיטער ווערט אידענטיפיצירט מיט זעווסנ, יונאָנע — מיט הערע, מינערווע — מיט אטענע אאוו.

די רוימער האָבנ, פונקט ווי די גריכנ, נאָכ ניט געקאָנט געפינענ קיינ וויסנשאַפטלעכע דערקלערונג פונ די נאַטור-דערשיינונגענ אונ פונעמ לעבנ פונ די מענטשנ. זיי האָט זיכ געדוכט, אז אלצ איז אָפּהענגיק פונעמ ווילנ פונ די געטער.

II. די רוימישע דעראָבערונגענ אויסער איטאַליע.

69 §. די ערשטע פונישע[1] מילכאָמע (די יאָרנ 264 — 241 פאר דער נייער ערע).

קאַרטאַגענ.

אינ צאָפנ-אפריקע, אינעמ איצטיקנ טוניס, האָט זיכ געפונענ די שטאָט קאַרטאַגענ. געגרינדעט די שטאָט האָבנ פאַרצייטנס מענטשנ, וואָס האָבנ געשטאַמט פונ דער פיניקיישער שטאָט טיר (צויר). אינ III יאָרה. פאר דער נייער ערע איז קאַרטאַגענ געווענ די רייכסטע אונ מעכטיקסטע שטאָט באַמ מיטללענדישנ יאַמ. די קאַרטאַגענער סאָכרימ האָבנ געהאַט האַנדלס-יישווימ אפנ גאַנצנ צאָפנדיקנ ברעגלאַנד פונ אפריקע, אינ סיציליע, סאַרדיניע, קאָרסיקע אונ שפאַניע. די דרייסטע קאַרטאַגענער יאַמ-רייזנדער פלעגנ אפילע מאַכנ רייזעס אינ אטלאַנטישנ אָקעאַנ.

קאַרטאַגענ האָט פאַרמאָגט א שטאַרקנ מיליטערישנ פלאָט. די יאַמ-לייט זיינענ דאָרט געווענ געניטע אונ דרייסטע. די קאַרטאַגענער האָבנ אויכ געהאַט א גרויסע אַרמיי.

די סיבעס פונ דער מילכאָמע.

די ערשטע צייט זיינענ צווישנ רוימ אונ קאַרטאַגענ געווענ פריינטלעכע באַציִונגענ. אָבער וואָס שטאַרקער רוימ איז געוואָרנ, אלצ מער זיינענ געוואָקסנ זיינע אפעטיטנ. די רוימישע ערדבאַזיצער אונ סאָכרימ האָבנ גענומענ וואַרפנ אנ אויג אפ דער פרוכטבאַרער סיציליע. דער גרעסטער טייל פונ אָט דעמ אינדזל האָט דאַנ געהערט צו קאַרטאַגענ, און אינעמ מיזרעכדיקנ ברעגלאַנד זיינעמ האָבנ זיכ געפונענ גריכישע שטעט, וואָס זיינענ געווענ אינ פיינטלעכע באַציִונגענ סיי מיט קאַרטאַגענ, סיי צווישנאַנאַנדער. די רוימער האָבנ זיכ אריינגעמישט אינ דעמ דאָזיקנ קאַמפ, אונ זייערער אנ אָטריאַד האָט פאַרכאַפּט די שטאָט מעסאַנע (איצט מעסינע). דאַנ האָט די קאַרטאַגענער רעגירונג אינ יאָר 264 פאר דער נייער

1 די מילכאָמעס פונ רוימ מיט קאַרטאַגענ הייסנ פונישע — פונעמ לאַטיינישנ וואָרט „פוני" דה. פיניקייער.

ערע דערקלערט דער רוימישער מעלוכע א מילכאָמע. אַט אזוי האָט זיך אָנגע-הויבן די ערשטע פונישע מילכאָמע צווישן קאַרטאַגען און רוים.

די רוימער פאַרכאַפּן סיצילִיע און בויען אויס א פלאָט.

די רוימער אין בונד מיט די סיראַקוזענער האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן קימאַט גאַנץ סיצילִיע, אַכוץ די פעסטונגען באַם ברעג יאַם. אָט די פעסטונגען זיינען געבליבן בא די קאַרטאַגענער דערפאַר, ווייל אפן יאַם האָט געהערשט דער קאַרטאַגענער פלאָט.

קעדיי צו קאָנען אָפּהאַלטן אַן ענדגילטיקן זיג איבער קאַרטאַגען, האָט זיך רוים געניייטיקט אין א שטאַרקן פלאָט. פאַרמאָגט האָבן אָבער די רוימער בלויז קליינע שיפן, מיט וועלכע מע האָט ניט געקאָנט מילכאָמע האַלטן קעגן די גרויסע קאַרטאַגענישע פינפדעקיקע שיפן. די רוימער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, און אין פאַרלויף פון איין יאָר צייט האָבן זיי אויסגעבויט 120 גרויסע שיפן. אַכוץ דעם פירן זיי איין איינע א טעכנישע נייס: זיי מאַכן אף די שיפן קלאַפּן-בריקלעך מיט האַטשיקעס באַם עק (אזוינע בריקלעך האָבן געהייסן „ראָבן"). בייס א שלאַכט, ווען די שיפן גייען צו נאָענט איינע צו די אַנדערע, לאָזט מען די „ראָבן" אַראָפּ און מע קלאַמערט זיך אָן אָן דעם באָרט פונעם סוינעס שיף. דאַן פלעגן די רוימישע קריגס-לייט אַריבערלויפן איבער די בריקלעך צום קעגנער אפן שיף-דעק, עס פלעגט זיך פאַרקניפּן א שלאַכט, און די אויסגעפּרוּווטע רוימישע אינפאַנטעריע פלעגט באַקומען די איבערהאַנט איבער די קאַרטאַגענער.

אַדאַנק אָט די קלאַפּן-בריקלעך האָט דער רוימישער פלאָט אין יאָר 260 פאַר דער נייער ערע אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן גרויסן זיג איבערן קאַרטאַגענער פלאָט. פאָרגעקומען איז עס באַם צאָפנדיקן ברעגלאַנד פון סיצילִיע.



א רוימישע קריגס-שיף.

די מאַפּאָלע פונ די רוימער אינ אפריקע.

נאָכנ זיג האָט דער רוימישער סענאט באשלאָסנ איבערצוטראָגנ די מילכאָמע קיינ אפריקע. די רוימער האָבנ צונויפגענומענ א גרויסנ פלאָט, אונ פרילינג 256-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע האָט דער פלאָט זיכ אוועקגעלאָזט צו די ברעגנ פונ אפריקע. די רוימישע ארמיי האָט זיכ ארויסגעזעצט ניט ווײַט פונ קארטאגענ. דאָ האָבנ זיכ די רוימער באלד גענומענ ראבעווענ די קארטאגענער טעריטאָריע: העכער 20 טויזנט געפאנגענע זײַנענ אָפגעשיקט געוואָרנ קיינ איטאליע אונ פארוואנדלט געוואָרנ אינ קנעכט.

אינגיכנ אָבער האָבנ די פויערימ, וואָס פונ זיי איז הויפטזאכלעכ באשטאנענ די רוימישע ארמיי אינ אפריקע, גענומענ פאָדערנ, מע זאָל זיי אָפשיקנ צוריק אהיימ, ווײַל זייערעווירטשאפטנ ווערנ רויִנירט. דער סענאט איז געצווּנגענ געווענ צו באפרידיקנ די דאָזיקע פאָדערונגענ. אינ אפריקע איז פארבליבנ בלויז א קליינע ארמיי אונטער דער קאָמאנדע פונעמ קאָנסול ר ע ג ו ל.

אינ דער צײַט, וואָס רעגול איז געשטאנענ ניט ווײַט פונ קארטאגענ אונ גאָרנישט ניט פירגענומענ (די ארמיי זײַנע איז געווענ צו קליינ, אז ער זאָל קאָנענ באלאגערנ די שטארק באפעסטיקטע שטאָט), האָבנ די קארטאגענער צונויפגענומענ א גרויסע געדונגענע ארמיי פונ נ ו מ י ד נ (אײַנוווינער פונ נ ו מ י ד י ע — אינ אפריקע) אונ גריכנ. מיט אָט די קרעפטנ האָבנ זיי דערלאנגט דער רוימישער ארמיי א צעשמעטערנדיקנ קלאפ, אונ זי האָט געליטנ אנ אנטשיידענע מאַפּאָלע. דער גרעסטער טייל רוימער איז פארניכטעט געוואָרנ, א טייל — איז ארײַנגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט, דערונטער אויכ רעגול אליינ. געראטעוועט האָט זיכ בלויז א קליינער רוימישער אָטריאד.

דער סאָפ פונ דער מילכאָמע.

דערמיט אָבער האָט זיכ די מילכאָמע ניט אויסגעלאָזט. זי האָט זיכ נאָכ געצויגנ א לאנגע צײַט. דערבײַ פלעגט אָפּהאלטנ א זיג אמאָל איינ צאד, אמאָל דער צווייטער. אינ יאָר 241 פאר דער נײַער ערע האָט דער קארטאגענער פלאָט, ענדלעכ, געכאפט א גרויסע מאַפּאָלע פונעמ רוימישנ פלאָט. געשענ איז דאָס באמ מײַרעוודיקנ ברעגלאנד פונ סיציליע. מיט אָט דער שלאכט האָט זיכ די מילכאָמע פארענדיקט.

לויטנ שאָלעמ-אָפּמאכ פונ 241-טנ יאָר זײַנענ צו רוימ אריבער די קארטאגענישע באזיצנ אינ סיציליע, אונ קארטאגענ האָט געמוזט אויסצאָלנ א גרויסע קאָנטריבוציע. סיציליע איז פראָקלאמירט געוואָרנ אלס רוימישע פ ר אָ ו י נ צ (פראָווינצנ האָבנ גענומענ הייסנ די געגנטנ, וואָס רוימ האָט פארכאפט אונ וואָס האָבנ זיכ געפונענ אויסער איטאליע). אכוץ דעמ האָט קארטאגענ פארלאָרנ אויכ די אינדזלענ קאָרסיקע אונ סארדיניע.

דער אופשטאנד פונ די געדונגענע קריגס־לײַט אונ פונ די שקלאפנ אינ קאר־טאגענ.

אז די מילכאָמע האָט זיכ געענדיקט, איז אינ קארטאגענ אויסגעבראָכנ אנ אופשטאנד. עס זײַנענ אופגעשטאנענ די געדונגענע קריגסלײַט, וואָס די קארטאגענער רעגירונג האָט זיי ניט אויסגעצאָלט דעמ געהאלט. צו זיי האָבנ זיכ אָנגעשלאָסנ די שקלאפנ אונ די אפריקאנישע אונטערטאנער פונ קארטאגענ. דער אופשטאנד האָט זיכ געצויגנ העכער דרײַ יאָר צײַט. אונ נאָר דאנ, ווענ בעראָש פונ דער

קאַרטאַגענער אַרמיי, וואָס האָט אָפּעריִרט קעגן די אויפשטענדלער, האָט זיך געשטעלט דער יונגער פייִקער קריגספירער האַמילקאַר, ערשט דאַן איז געלונגען צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד.

קאַרטאַגען גייט אונטערטעניקן שפּאַניע.

פאַרלאָרן סיציליע, סאַרדיניע און קאָרסיקע, האָבן די קאַרטאַגענער סאָחרים באַשלאָסן צו קאָמפּענסירן זייערע פאַרלוסטן דורך ווײַטערדיקע דעראָבערונגען אין שפּאַניע, וווּ צו זיי האָט פון לאַנגע צײַטן אָן געהערט דאָס דאָרעמדיקע בּרעגלאַנד. שפּאַניע איז געווען רײַך אין זילבער, די אײַנוווינער איִרע זײַנען באַשטאַנען פון קריגערישע שוואָטים, און די קאַרטאַגענער וואָלטן פון זיי געקאָנט רעקרוטירן פאַר זיך אַן אַרמיי.

האַניבאַל.

אײַנגענומען שפּאַניע האָט האַמילקאַר, וועמען מע האָט אַ נאָמען געגעבן „באַרקע”, ד.ה. „בליץ”. האַמילקאַר איז אָפּגעווען אין שפּאַניע אַכט יאָר צײַט און האָט דאָרט שטאַרק פאַרברייטערט די קאַרטאַגענישע באַזיצן. קיין שפּאַניע האָט האַמילקאַר מיטגענומען מיט זיך זײַן נײַניאָריקן זון האַניבאַל. מע זאָגט, אַז פאַרן אָפּפאָרן האָט ער צוגעפירט דעם זון צום מיזבייעך און געצוווּנגען אים צו שווערן, אַז ער וועט שטענדיק זײַן אַ סוינע פונעם רוימישן פאָלק.

אין שפּאַניע איז האַמילקאַר אומגעקומען אין דער מילכאָמע קעגן די דרייסטע שפּאַנישע שוואָטים.

האַניבאַל.

ווען האַניבאַל איז אַלט געוואָרן 26 יאָר, האָט אים די שפּאַנישע אַרמיי אויסגעוויילט אַלס איר קריגספירער אין קאַמף קעגן רוים. האַניבאַל איז געווען שטאַרק באַליבט צווישן זײַנע סאָלדאַטן. ער איז געווען ניט נאָר אַן אויסערסט פייִקער קריגספירער, נאָר אויך אַ שטאַרק געבילדעטער, טאַלאַנטפולער מענטש, אַ גרויסער מעלוכע-טוער. דער רוימישער היסטאָריקער ליווי שרײַבט אַזוי וועגן האַניבאַלן: „עס איז ניט געווען אַזאַ אַרבעט, בײַ וועלכער ער זאָל פיזיש מיד ווערן אָדער פאַרלירן די מוט. סײַ היץ סײַ קעלט פלעגט ער אַריבערטראָגן מיט דעם זעלבן געדולד; מע פלעגט אָפט זען, ווי ער ליגט אײַנגעוויקלט אין זײַן מיליטערישן מאַנטל און שלאָפט צווישן די זעלנער, וואָס שטייען אויף וואַך-פּאָסטן. סײַ אין דער קאַוואַלעריע סײַ אין דער אינפאַנטעריע פלעגט ער ווײַט אַריבעריאָגן אַלע אַנדערע: ער פלעגט דער ערשטער זיך לאָזן אין געפעכט און דער לעצטער נאָכן שטרײַט פאַרלאָזן דאָס שלאַכט-פעלד”.

§ 70. די צווייטע פונישע מילכאָמע (די יאָרן 218—201 פאַר דער נײַער ערע).

די מילכאָמע ווערט דערקלערט.

באקומענ די מאכט אינ שפאניע, האָט האניבאל גע-נומענ גרייטנ זיך צו א מילכאָמע קעגנ רוימ. סײַ די קארטאגענער סײַ די רוימער האָבנ געהאלטנ, אז די צווייטע מילכאָמע וועט זײַנ אנ אנטשיידנדיקע. עס האָט זיך איצט געהאנדלט וועגנ דעמ, ווער וועט הערשנ אפנ מיטללענדישנ יאמ—קארטאגענ צי רוימ. אינ פרילינג 219-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע האָט האניבאל באלאגערט די שטאָט סאגונט, וואָס איז געווענ רוימס א פארבינדעטע אונ איז געלעגנ אפנ מיזרעכ-ברעג פונ שפאניע. נאָכ אכט כאָדאָשימ באלאגערונג איז די שטאָט אײַנגענומענ געוואָרנ. קיינ קארטאגענ זײַנענ געקומענ רוימישע געזאנדטע אונ געפאָדערט ארויסצוגעבנ האניבאלנ. די קארטאגענער רעגירונג האָט די פאָדערונג אָפגעוואָרפנ. דאנ האָבנ די רוימישע געזאנדטע דערקלערט א מילכאָמע קארטאגענ.

האניבאלס קריגס־מאַרש.

די רוימער האָבנ געהאט בעדייע אָנצופאלנ אפ די קארטאגענער אײַנצײַטיק סײַ אינ אפריקע סײַ אינ שפאניע. האניבאל האָט אָבער איבערגעטוישט די רוימער אלע קאָרטנ.

אינ פרילינג 218-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע איז האניבאל אריבערגעגאנגענ די פירענייִשע בערג אונ האָט זיך געלאָזט קיינ איטאליע. ער האָט פארמאָגט א גוט צוגעקליבענע ארמיי פונ 50 טויזנט אינפאנטעריסטנ, 9 טויזנט קאוואלעריסטנ אונ עטלעכע צענדליק העלפאנדנ. האניבאל האָט זיך גערעכנט, אז די איטאלישע שוואָטימ, וואָס זײַנענ אונטערטעניקט געוואָרנ דורכ רוימ (באזונדערס די גאלנ), וועלנ אריבערגיינ אפ קארטאגענס צאד. האניבאלס ארמיי איז געגאנגענ לענגויס דעמ דאָרעמדיקנ ברעגלאנד פונ גאליע צו דער נידערשטרעמונג פונעמ טײַכ ראָנע. אריבערגעגאנגענ דאָנע, איז האניבאל אוועק ארופ-צו מיטנ טײַכ, האָט פארקערעוועט אפ מיזרעכ אונ צוגעגאנגענ צומ אלפישנ הויפט-בארגרוקנ.

אריבערגיינ איבער די בערג איז אָנגעקומענ זייער שווער. עס האָט זיך געשטעלט דער סענטיאבער כוידעש, אינ די בערג איז שוינ ארויסגעפאלנ שניי. העלפאנדנ, פערד אונ מענטשנ פלעגנ זיך אויסגליטשנ אונ אראָפפאלנ אינ טהאָמ ארײַנ. די בארגלײַט האָבנ באהאנדלט די קארטאגענער ווי פײַנט אונ פלעגנ אלע ווײַלע אָנפאלנ אפ זיי אומגעריכטערהייט. אינמיטנ אָקטיאבער האָט דאָס אויסגעמאטערטע מיליטער, ענדלעכ, אראָפגעלאָזט זיך צומ פליינ פונ צאָפנ-איטאליע. בא האניבאלנ זײַנענ פארבליבנ בלויז 20 טויזנט אינפאנטעריסטנ, 6 טויזנט רײַטער קימאט אָנ פערד אונ סאכאקל אייִנ העלפאנד. אָפגערוט אונ קאָמפלעקטירט די ארמיי מיט גאלנ, האָט זיך האניבאל ארײַנגעדריסנ אינ טאָל פונ טײַכ פאָ. דאָס רוימישע מיליטער האָט דאָ געליטנ א מאפאָלע (אינ יאָר 218).

די שלאַכט בא דער טראַזימענער אָזערע.

אינ פריִער פרילינג האָט זיך האניבאל געלאָזט קיינ עטרוריע, ווו אפ פארפעסטיקטע פאָזיציעס האָט געווארט אפ אימ די רוימישע ארמיי אינ דער שפיצ מיטנ קאָנסול פלאמיני. האניבאל האָט זי אָבער אויסגעמיטנ, ער האָט דורכגעפירט זײַנ מיליטער דורכ די געדיכטע זומפנ אונ איז ארויסגעקומענ פאָרויס, פאר דער רוי-

מישער ארמיי. פלאמיני האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגנ די קארטאגענער. האניבאל אָבער האָט אימ פארנארט אינעמ שמאָלנ טאָל באמ ברעג פונ דער טראזימענער אָזערע אונ דאָרט ארומגערינגלט אימ. די רוימישע ארמיי איז טיילווײַז פארניכטעט געוואָרנ, טיילווײַז גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט; דער קאָנסול פלאמיני זעלבסט איז אומגעקומענ אינ דער שלאכט.

פאבי מאקסימ.

אינ רוימ האָט די יעדיִע וועגנ דער נײַער מאפאָלע אָנגעיאָגט א גרויל. אזוי ווי די געפאר איז געווענ נאָענט, האָט מענ באשלאָסנ צו באשטימענ א דיקטאטאָר. דער אויסוואל איז געפאלנ אפנ אריסטאָקראט פאבי מאקסימ. פאבי האָט אינ קאמפ קעגנ האניבאלנ אָנגעווענדט א נײַע טאקטיק: די רוימער זײַנענ נאָכגעגאנגענ דער קארטאגענער ארמיי פוסטריט, האָבנ זי אויסגעמאטערט אינ קליינע צוזאמענשטויסנ, אָבער אנ אנטשיידענע שלאכט האָבנ זיי די גאנצע צײַט אויסגעמיטנ. די דאָרפישע אײַנוווינער האָבנ באקומענ א באפעל צו פארניכטנ די וווינונגענ, די דערנערונגס-רעזערוונ אונ אויסבאהאלטנ זיך אינ די שטעט. די דאָזיקע טאקטיק האָט געהאט די מײַלע, וואָס זי האָט אָפגענומענ בא האניבאלס ארמיי די דערנערונגס-קוואלנ, זי האָט אָבער אויך ארויסגערופנ אנ אופגעבראכטקײַט צווישנ די פויערימ, וואָס זייערע פארמעגנס אונ פעלדער זײַנענ רויִנירט געוואָרנ. פאבי מאקסימענ האָט דאָס פאָלק געגעבנ א צונעמעניש „קונקטאטאָר“, דאָס הייסט „לאנגזאמער“.

די שלאכט בא קאנ.

אינ יאָר 216 פאר דער נײַער ערע האָט די דעמאָקראטישע פארטיי דערשלאָגנ זיך, אז די אָנפירונג מיט דער מילכאָמע זאָל איבערגעגעבנ ווערנ ניט צו א דיקטאטאָר, נאָר צו די קאָנסולנ. אלס קאָנסולנ האָט מענ אויסגעוויילט טערענצי וואראָנ אונ עמילי פאול. עס איז געשלאָסנ געוואָרנ צו געבנ די קארטאגענער א גענעראלע שלאכט.

האניבאל האָט זיך דאנ געפונענ אינ אפוליע. אונ דאָ טאקע, לעבנ דער שטאָט קאנ, איז פאָרגעקומענ די בארימטע שלאכט.

האניבאל האָט צוגעטראכט אנ אײַנפאכנ אונ דרייסטנ פלאנ פונ דער שלאכט. ער האָט אויסגעשטעלט די ארמיי אינ דער פאָרמ פונ א האלבער לעוואָנע, מיט דער רעליעפער זײַט צו די רוימער. אינ צענטער האָט ער אוועקגעשטעלט דאָס ערגסטע מיליטער, אינ די פלאנגענ — דאָס בעסטע. די רוימישע אינפאנטעריע האָט זיך ראשיק א לאָז געטאָנ אפנ צענטער פונ דער קארטאגענער ארמיי, וועלכע האָט גענומענ צוריקטרעטנ.

אינ דעמ זעלבנ מאָמענט האָט האניבאל א זעצ געטאָנ מיט פרישנ מיליטער איבערנ פלאנג פונ די רוימער, די קארטאגענער קאוואלעריע ווידער האָט אומגעשלײַדערט די שוואכערע רוימישע קאוואלעריע אונ דאנ ארומגערינגלט די אינפאנטעריע פונ הינטערארומ. עס האָט זיך אָנגעהויבנ א שרעקלעכע שכיטע. די רוימישע ארמיי האָט פארלאָרנ בא 70 טויזנט מאנ. אינ דער שלאכט זײַנענ אומגעקומענ דער קאָנסול עמילי פאול אונ קימאט דער גאנצער העכערער קאָמאנדירנ-באשטאנד (יונ 216-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע).

רוימ אינ א שווערער לאגע.

האניבאלס זיג בא קאנ האָט שטארק פארערגערט די לאגע פונ רוימ. פונ רוימ איז אָפגעפאלנ סיראקוזנ. פאראטנ רוימ האָט אויך א טייל פונ דאָרעמ-איטאליע, דערונטער די גרויסע שטאָט קאפויע.



האניבאלס מיליטער גייט אריבער דעם טייַך ראָנע (פון א הייַנטצייַטיקער גראווירור).

די רוימער זײַנען אָבער ניט אראָפּגעפאלנ בא זיכ אונ האָבנ מיט דער גרעס־טער ענערגיע פאָרגעזעצט דעמ קאמפ. דער סענאט האָט געמאָלדנ א נײַעמ אופּ־נעמ אינ דער ארמיי, אָנגעהויבנ פונ זיבעצניאָריקנ עלטער. האניבאלנ ווידער איז זייער שווער געווענ צו קאָמפּלעקטירנ זײַנ כאַיל. די קארטאגענער רעגירונג האָט קימאט ניט געהאָלפנ איר קריגספירער: זי האָט מוירע געהאט, אז ווענ האניבאל וועט קומענ צוריק נאָכנ זיג איבער רוימ, וועט ער פארכאפּנ די קיניגלעכע מאכט. דערפאר נעמלעכ זײַנענ די קרעפּטנ פונ רוימ, ניט געקוקט אפ די מאפּאָלעס, געוואקסנ, דאגעגנ האניבאלס קרעפטנ זײַנענ געוואָרנ אלצ ווייניקער אונ ווייניקער.

די רוימער נעמענ איינ סיראקוזנ אונ קאפּויע.

אינ א קורצער צײַט ארומ האָט זיכ די רוימער אײַנ־געגעבנ צו פארכאפּנ סיראקוזנ. דערנאָכ האָט זיכ נאָכ א דויערנדיקער באלאגערונג אונטערגעגעבנ קאפּויע. אינ אָט דער צײַט האָט האניבאל געמאכט א פּרווו אָנצופאלנ אפּ רוימ גופא. ער איז שוינ געשטאנענ אכט קילאָמעטער פונ דער שטאָט. א גרויל האָט ארומגעכאפּט די רוימישע באפעלקערונג. עס האָבנ זיכ געהערט אויסגעשרייענ: „האניבאל בא די טויערנ!“ די קארטאגענער האָבנ זיכ אָבער ניט אנטשלאָסנ צו שטורעמענ רוימ.

האניבאל האָט ארויסגעקוקט אפּ הילפ פונ שפּאניע, ווו עס האָט זיכ געפונענ דאָס מיליטער פונ זײַנ ברודער האזדרובאל. די רוימער האָבנ אָבער איבער־געכאפּט דעמ בריוו, ווו האזדרובאל האָט צו וויסנ געגעבנ דעמ ברודער וועגנ זײַנ מארשרוט. קעגנ האזדרובאלנ איז ארויסגעשיקט געוואָרנ א שטארקע רוימישע ארמיי, אונ דאָס קארטאגענער מיליטער איז אינגאנצנ פארניכטעט געוואָרנ. האניבאל האָט די גאנצע צײַט אומזיסט געווארט אפּ א יעדיע פונעמ ברודער. ערשט דאנ, ווענ די רוימער האָבנ ארײַנגעוואָרפנ צו אימ אינ לאגער ארײַנ האזדרובאלס קאָפּ, האָט האניבאל פארשטאנענ, וואָס עס איז געשענ.

דער סאָפ פונ דער מילכאָמע.

פארפעסטיקט זייער לאגע אינ איטאליע אונ אָפּגע־רייניקט שפּאניע פונעמ קארטאגענער מיליטער, האָבנ די רוימער באשלאָסנ אריבערצופירנ די מילכאָמע קיינ אפּ־ריקע. דער רוימישער קריגספירער סציפּיאָנ האָט זיכ ארויסגעזעצט אינ אפריקע מיט א דרײַסיקטויזנטקעפּיקער ארמיי. דער קארטאגענער סענאט האָט ארויסגערופנ פונ איטאליע האניבאלנ. אינ יאָר 202 פאר דער נײַער ערע האָבנ ביידע קריגס־פירער זיכ צונויפגעטראָפנ לעבנ דער שטאָט זאמע, דאָרעמ־צו פונ קארטאגענ. אדאנק דער הילפ פונעמ נומידיער קייסער האָט סציפּיאָנס קאוואלעריע באקומענ די אויבערהאנט איבער דער קארטאגענישער, אונ האניבאל איז צעקלאפּט געוואָרנ.

די קארטאגענער רעגירונג איז געצוווּנגענ געווענ אײַנצוגייִנ אפּ די שאָלעמ־באדינגונגענ, וואָס די רוימער האָבנ דיקטירט. קארטאגענ האָט פארלאָרנ אלע זײַ־נע באזיצנ, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אויסער אפריקע, אונ האָט מער קיינ רעכט ניט געהאט צו פירנ מילכאָמע אָנ דער האסקאָמע פונ רוימ. אכוץ דעמ האָט קארטאגענ געמוזט אויסצאָלנ א ריזיקע קאָנטריבוציע אונ אָפּגעבנ אלע זײַנע העלפאנדנ אונ דעמ גאנצנ קריגס־פלאָט, אויסער 10 שיפנ.

אָט אזוי האָט זיכ אינ יאָר 201 פאר דער נײַער ערע געענדיקט די שווערס־טע אונ געפערלעכסטע מילכאָמע, וועלכע רוימ האָט ווענ־עס־איז געפירט. האני־באלס באזיגער, פּובלי קאָרנעלי סציפּיאָנ, האָט באקומענ דעמ צונאָמענ אפריקאנישער.

אין עטלעכע יאָר ארום נאָכן שליסן דעם שאָלעם האָט דער רוימישער סענאט געפאָדערט בא קארטאגענער ארויסגעבן האניבאלן. ניט וועלנדיק ארײַנפאלן אין די הענט פונעם סוינע, איז דער גרויסער קריגספירער אנטלאָפן קיין אזיע און איז דאָרט אומגעקומען.

די סיבעס פון האניבאלס מאפּאָלע.

רוים האָט באזיגט האניבאלן דערפאר, ווײַל די רוימישע פויערשע ארמיי איז געווען שטארקער פון דעם קארטאגענישן געדונגענעם מיליטער. דאָס רוימישע מיליטער, וואָס האָט מילכאָמע געהאלטן פאר זײַנע פעלדער, איז געווען שטאנדהאפטיקער איידער האניבאלס מיליטער, וואָס איז באשטאנען פון געדונגענע קריגסלײַט און איז געווען קנאפּ פארינטערעסירט אינעם זיג פון קארטאגען.

אכוץ דעם האָט קארטאגען ניט געשיקט דעם טאלאנטפולן קריגספירער קיין פרישע קרעפטן. אייניקע פארעטער קארטאגענער זײַנען אפילע ארויסגעטראָטן קעגן האניבאלן. אָט די אלע אומשטענדן האָבן געבראכט דערצו, אז דער רוימישער צאד האָט באקומען אן איבערוואָג און האָט געזיגט.

§ 71. דאָס דעראָבערן מאקעדאָניע און גריכנלאנד. די דריטע פונישע מילכאָמע (די יאָרן 149—146 פאר דער נײַער ערע).

אדאנק דעם זיג איבער קארטאגען, איז רוים געוואָרן די שטארקסטע מעלוכע אפן מיטללענדישן יאם. רוים האָט גענומען ארײַנמישן זיך אין די איניאָנים פון די מיזרעכ-מעלוכעס: מאקעדאָניע, גריכנלאנד, סיריע, עגיפּעט. דערין זײַנען מער פאר אלץ געווען פארינטערעסירט די רוימישע סאָכרים.

די מיזרעכ-מעלוכעס האָבן קעסיידער געפירט מילכאָמעס איינע קעגן די אנדערע. דעריבער איז זיי שווער געווען צו פארייניקן זיך צום קאמף קעגן רוים. די רוימער האָבן דאָס אויסגענוצט און האָבן איינציקווײַז צעקלאפּט אלע זייערע קעגנער. אין דער ערשטער העלפט פון II יאָרה. פאר דער נײַער ערע האָט רוים דעראָבערט מאקעדאָניע און גריכנלאנד און געבראכט א שווערע מאפּאָלע דער סירישער מעלוכע.

די דריטע פונישע מילכאָמע.

אין דער זעלבער צײַט איז קארטאגען שנעל געקומען צו-זיך נאָכ דער צווייטער פונישער מילכאָמע. דער האנדל און די ערדארבעט האָבן דאָ ווידער גענומען בליִען. דאָס האָט שטארק ניט געשמעקט די רוימישע ערדבאזיצער און סאָכרים. זיי האָבן מוירע געהאט פאר דער קאָנקורענץ פונעם קארטאגענער האנדל, און זייער פאנטאזיע האָט זיי געמאָלט א נײַעם האניבאל, וואָס וועט אָנפאלן אפ איטאליע. דער רוימישער שקלאפנבאזיצער און סענאטאָר קאטאָן פלעגט יעדע רעדע, וואָס ער פלעגט האלטן אין סענאט, אומאָפּהענגיק פון דער טעמע, שטענדיק ענדיקן מיט איין און דער זעלבער פראזע: „אכוץ דעם האלט איך, אז קארטאגען מוז מען כאָרעוו מאכן“.

אין יאָר 149 פאר דער נײַער ערע האָט דער רוימישער סענאט געפונען א געלעגנהײַט צו דערקלערן א מילכאָמע: קארטאגען האָט אָן א דערלויבעניש פון רוים פארפירט א מילכאָמע קעגן דעם נומידישן קייסער. רוים האָט ארויסגעשטעלט אן אולטימאטום און געפאָדערט, אז די קארטאגענער אײַנוווינער זאָלן

פארלאָזנ די שטאָט אונ זאָלנ זיך אויסקלײַבנ א נײַ אָרט צו באזעצנ זיך, װײַט פונ יאמ.

די פּאָדערונג האָט ארויסגערופנ אינ קארטאגענ א געוואלדיקנ צאָרנ אונ אופּרעגונג. עס איז באשלאָסנ געוואָרנ צו באשיצנ די שטאָט ביזנ לעצטנ טראָפּנ בלוט. די גאנצע באפעלקערונג האָט געארבעט טאָג אונ נאכט: געשמידט געווער, געבויט שלײַדער-מעכאניזמענ, פארפעסטיקט די שטאָט-ווענט. די פרויענ האָבנ זיך אָפּגעשאָרנ די האָר, קעדיי צו פלעכטנ פונ זיי שטריק פאר דעמ שלײַדער-געווער. ווענ די רוימישע ארמיי איז צוגעגאנגענ צו קארטאגענ, האָט זי געטראָפנ די שטאָט גלענצנדיק צוגעגרייט צומ באשיצנ זיך. די מעכטיקע קארטאגענער ווענט האָבנ אויסגעהאלטנ אלע שטורעמס פונ די רוימער, די גרויסע דערנערונגס-רעזערוונ האָבנ געגעבנ דער באפעלקערונג א מעגלעכקײַט אויסצוהאלטנ א דויערנדיקע באלאגערונג. דעריבער האָבנ די רוימער די ערשטע צוויי יאָר מילכאָמע קיינ דערפאָלג ניט געהאט.

די רוימער שטורעמענ קארטאגענ אונ מאכנ אימ כאָרעוו.

אינ פ ר י ל י נ ג 146-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע האָבנ די רוימער אָנגעהויבנ אנ אלגעמיינעמ שטורעמ קעגנ קארטאגענ. צו אָט דער צײַט האָט זיך אינ שטאָט אָנגעהויבנ א הונגער אונ עס האָבנ זיך גענומענ פארשפרייטנ קרענק. דורכ איינער א שטאָט-וואנט, וואָס דער אויסגעצערטער גארניזאָנ האָט שלעכט באשיצט, איז איינעמ א רוימישנ אָטריאד געלונגענ ארײַנצורײַסנ זיך אינ שטאָט ארײַנ. נאָכנ אָטריאד האָט זיך ארײַנגעריסנ די גאנצע ארמיי. זעקס טעג נאָכאנאנד זײַנענ אָנגעגאנגענ פארביטערטע שלאכטנ אפ די גאסנ פונ שטאָט: די קארטאגענער האָבנ מיט לײַב אונ לעבנ פארטיידיקט יעדעס הויז. ענדלעכ, האָבנ זיך די רעשטנ פונעמ גארניזאָנ אונ פונ דער גאנצ געבליבענער באפעלקערונג באהאלטנ אינעמ אומצוטריטלעכנ קרעמל. די רוימער האָבנ זיך גענומענ גרייטנ צו באלאגערנ אימ. דאנ האָבנ זיך 30 טויזנט מענער אונ 25 טויזנט פרויענ אונטערגעגעבנ אפנ גנאָד פונ די זיגער. איינ קליינער אָטריאד בלויז האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבנ. ער האָט אונטערגעצונדנ דעמ טעמפל, וואָס האָט זיך געפונענ אינ קרעמל, אונ איז קימאט אינגאנצנ אומגעקומענ אינ די פלאמענ.

די רוימער האָבנ זיך ברוטאל צערעכנט מיט די באזיגטע. די קארטאגענער אײַנוווינער זײַנענ פארקויפט געוואָרנ פאר קנעכט. די שטאָט איז איבערגעגעבנ געוואָרנ צו רויב אינ די הענט פונ די סאָלדאטנ, דער פארבליבענער טייל איז דערנאָכ, לויטנ באפעל פונעמ רוימישנ סענאט, פארברענט געוואָרנ אפ אש. 17 טעג נאָכאנאנד האָבנ געפלאקערט די רויִנענ פונ קארטאגענ. דאָס אָרט, ווו עס איז געשטאנענ די בליִענדיקע שטאָט, האָט מענ פאראקערט מיט אנ אקער, אונ ארויסגערופנ איבער דעמ אָרט א קלאָלע. די קארטאגענער געגנט האָט מענ פארוואנדלט אינ א רוימישער פראָווינצ אונ זי א נאָמענ געגעבנ א פ ר י ק ע.

די רעזולטאטנ פונ די רוימישע דעראָבערונגענ אינ III אונ II יאָרה. פאר דער נײַער ערע.

אינ רעזולטאט פונ די מילכאָמעס, וואָס די רוימער האָבנ געפירט אינ III אונ II יאָרה. פאר דער נײַער ערע, זײַנענ אונטער זייער מאכט ארונטערגעפאלנ שפאניע, א טייל פונ צאָפנ-אפריקע, דער באלקאנישער האלב-אינדזל אונ א סאכ אינדזלענ פונעמ מיטללענדישנ יאמ. רוימ איז געוואָרנ א מעכטיקע מעלוכע.

די אלע מילכאָמעס זײַנען געווענ רויבערישע. זיי זײַנען גייטיק געווענ בלויז די גרויסע רוימישע ערדבאַזיצער, די וווּכערניקעס אונ הענדלער, וואָס פלעגנ רײַכ ווערנ פונ עקספּלואַטירנ די אונטערטעניקטע פעלקער. אינ IV אונ V יאָרה., ווענ רוימ האָט דעראָבערט איטאַליע, האָט דאָס רוימישע פויערטומ עפּעס-וואָס יאָ געוווּנענ, אָבער פונ די גרויסע קריגס-מאַרשנ אפ יענער זײַט יאַמ האָט דאָס פויערטומ ניט באַקומענ גאָרנישט. פאַרקערט, אינ רעזולטאַט פונ די מילכאָמעס פונ III אונ II יאָרה. זײַנענ די רוימישע פויערימ אונ האַנטווערקער פולשטענדיק רויִנירט געוואָרנ.

III. דער שקלאַפנבאַזיצערישער רוימ (III—II יאָרה. פאַר דער נײַער ערע).

72 §. די אנטוויקלונג פונ דער שקלאַפנ-אַרבעט אונ די לאַגע פונ די שקלאַפנ.

די קוואַלנ פונ שקלאַפערײַ. די שקלאַפנ-מערק.

אינ רעזולטאַט פונ די רוימישע דעראָבערונגענ האָט זיכ אינ איטאַליע ברייט פאַרשפּרייט די שקלאַפנ-אַרבעט. די גרעסטע צאָל שקלאַפנ פלעגנ געבנ די מ י ל כ אָ מ ע ס. באַצווּנגענע א לאַנד, פלעגנ די רוימער דעמ גרעסטנ טייל באַפעלקערונג פאַרוואַנדלענ אינ קנעכט. אָפטמאָל פלעגנ די רוימישע קריגס-פירער אײַנלאַדנ צו זיכ אינ לאַגער אַרײַנ סאָכרימ אונ טאַקע דאָ אפנ אָרט פאַרקויפנ זיי קריגס-געפאַנגענע.

דער צווייטער קוואַל פונ שקלאַפערײַ זײַנענ געווענ כ ו י ו ע ס. די אײַנוווינער פונ די פּראָווינצנ, וואָס האָבנ געמוזט אויסצאָלנ די רוימער ריזיקע שטײַערנ, פלעגנ שנעל אַרײַנפאַלנ אינ די הענט פונ די וווּכערניקעס אונ יענע פלעגנ זיי פאַרקויפנ פאַר קנעכט.



מע באַשטראָפט א שקלאַפ.

דער דריטער קוואַל פונ שקלאַפערײַ איז געווענ י א מ - ר ו י ב ע ר ײַ — די פּיראַטנ (יאַמ-רויבער) פלעגנ פ א ר כ א פ נ מ ע נ ט ש נ אונ פאַרקויפנ זיי פאַר קנעכט. די פּיראַטנ פלעגנ אָנפאַלנ אפ שווימענדיקע שיפנ אונ באַראַבעווענ אויכ די ברעגלענדער. די כוצפּע זייערע איז דערגאַנגענ אַזוי ווײַט, אַז זיי פלעגנ אַפילע אָנפאַלנ אפ די ברעגנ פונ איטאַליע אונ פאַרכאַפנ ריזיקנ רויב.

דאָס אַלצ האָט געבראַכט דערצו, אַז אינ אײניקע פּראָווינצנ האָט זיכ שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל פרײַע באַפעלקערונג.

די קנעכט פלעגנ פאַרקויפט ווערנ אפ די שקלאַפנ-מערק. אינ די רוימישע צײַטנ האָט זיכ גאָר א גרויסער שקלאַפנ-מאַרק געפונענ אפנ אינדזל ד ע ל אָ ס. דאָ פלעגט מענ טאָגטעגלעכ פאַרקויפנ טויזנטער קנעכט, וועלכע מע האָט דערנאָכ פאַנאַנדערגעפירט איבער אַלע רוימישע באַזיצנ. די קנעכט, וואָס פלעגנ

אַרויסגעשטעלט ווערן צום פאַרקויף, האָבן געהאַט אַף זיך ספּעציִעלע סימאָנים: די פיס אויסגעשמירט אין קרײַד, א קראַנץ אָדער א וואָלן מיצל אַפן קאָפּ. צו־מאָל פלעגט מען דעם קנעכט אופהענגען אַפן האַלדז א ברעטעלע, ווו עס זײַנען געווען פאַרשריבן אַלע יעדיִעס, וואָס אינטערעסירן דעם קוינע: ווי אַלט דער קנעכט איז, זײַן אָפּשטאַמונג, זײַנע מײַלעס.

א שקלאַף, געשמידט אין קייטן.

נאָך א גרויסער מילכאָמע אָדער נאָך א געלונגע־נעם פּיראַטן-אָנפאַל פלעגן די פרײַזן אַף די קנעכט טיי־קעף פאַלן. אַשטייגער, נאָכן אונטערדריקן דעם אוף־שטאַנד אַפן אינדזל סאַרדיניִע האָט מען אין רוים פאַרקויפט קנעכט פאַר אַזא שפּאָט ביליקער פרײַז, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַפילע א שפּריכוואָרט: „ביליק, ווי א סאַרד".

מעלוכע=שקלאַפן.

די שקלאַפן האָבן אין רוים געהערט אָדער צו דער מעלוכע אָדער צו פּריוואַטע פּערזאָנען. די מעלוכע-שקלאַפן פלעגן אויסגענוצט ווערן אַף די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן: באַם בויען וואַסער-לייטונגען און געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס, ברוקירן וועגן אַאַוו. זיי פלעגן אויך פאַרנעמען פאַרשיידענע נידעריקע געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס: דינער אין די טעמ־פּלען, קוריערן, טורמע-אופזעער, הענקער. אינעם באַרג-וועזן האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך שקלאַפן. די אַרצגרובנס און די שטיין-קאַריערן האָבן געהערט צו דער מעלוכע. זיי פלעגט מען אָפּגעבן אין אַרענדע. די אַרענדאַטאָרן פלעגן פאַ־נאַנדעראַרבעטן די גרובנס און קאַריערן מיט אייגענע אָדער מיט געדונגענע שקלאַפן. אין די זילבער-גרובנס לעבן נ‍ײַ-קאַרטאַגען (אין שפּאַניע) זײַנען געווען באַשעפטיקט בא 40 טויזנט שקלאַפן. מעלוכע-שקלאַפן איז געווען ווייני־קער איידער פּריוואַטע, און דאָך האָבן זיי זיך אין א געווויסער הינזיכט געפונען אין א בעסערער לאַגע איידער די פּריוואַטע קנעכט.

שטאָטישע און דאָר־פישע שקלאַפן.

בא יעטווידן רוימישן גוויר זײַנען געווען צווייער־ליי שקלאַפן — שטאָטישע און דאָרפישע (זײַן פאַמיליע, ווי מע פלעגט דעמלט זאָגן). יעדער רײַכער רוימישער בירגער האָט פאַרמאָגט הונדערטער שטאָטישע שקלאַפן. צווישן זיי זײַנען גע־


א האַלדזבאַנד פאַר א שקלאַף, אַף וועלכן ס'איז אָנגעשריבן דער נאָמען פון זײַן האַר.



גלאדיאטארנ.

ווענ לייב-היטער, קוכערס, שערער (פאריקמאכערס), וועבער, שוסטער, פארבער, מולערער, ארכיטעקטארנ, איבערשרייבער, לערער, מוזיקאנטנ, אקטיארנ, — מיט איינ ווארט, מענטשנ פונ אלערליי פראפעסיעס, וועלכע זיינענ נייטיק אפ צו באדינענ א רייכ הויז.

די דארפישע שקלאפנ פלעגנ ארבעטנ אינעם שקלאפנבאזיצערס גיטער אונטערנ שטאט. די צאל פונ אט די שקלאפנ איז אפהענגיק געווענ פונ דער גרויס פונעמ גוט. אינעמ פעריאד, ווענ מע נעמט אראפ די גערעטעניש פונ די איילבערטנ אונ וויינטרויבנ, פלעגט מענ צו הילפ די שקלאפנ דינגענ פרייע ארבעטער פונ צווישנ די קנאפערדיקע אדער ערדלאזע פויערימ.

שקלאפנ גלאדיאטארנ.

א ספעציעלע קאטעגאריע שקלאפנ זיינענ געווענ די גלאדיאטארנ. קעדיי צו פארוויילנ דאס פובליקומ, פלעגט מענ אט די מענטשנ צווינגענ צו ראנגלענ זיכ ביז טויט איינער מיטנ אנדערנ אדער שלאגנ זיכ מיט ווילדע חייעס אונ שטארבנ אפ דער צירק-ארענע. פאר גלאדיאטארנ פלעגט מענ אפקלייבנ די שטארקסטע אונ דרייסטסטע מענטשנ פונ די קריגס-געפאנגענע אדער פארברעכער. צומאל האבנ די רייכע רוימער פארוואנדלט אינ גלאדיאטארנ א טייל פונ זייערע אייגענע קנעכט. די באזיצער פונ גלאדיאטארנ האבנ אדער אליינ זיי ארויסגעפירט אפ דער ארענע (ווענ די שפילנ זיינענ געווענ איינגעארדנט אפנ אייגענעמ כעזשבנ) אדער פארדונגענ זיי צוליב דעמ זעלבנ צוועק צו אנדערע פערזאנענ. די גלאדיאטארנ פלעגט מענ לערנענ אינ ספעציעלע שולנ. אזוינע שולנ האט אינ איטאליע עקזיסטירט א גאנצ היפשע צאל. מע האט זיי דארט געהאלטנ פארשפארט אונ פארנ מינדסטנ פעלער פלעגט מענ זיי הארב באשטראפנ.

די לאגע פונ די
שקלאפנ.

די לאגע פונ די רוימישע שקלאפנ איז געווענ זייער א שווערע. א שקלאפ האָט מענ ניט געהאלטנ פאר קיינ מענטשנ, דער געזעצ האָט אימ ניט באשיצט: דער שקלאפנבאזיצער האָט אימ געמעגט באשטראָפנ, ווי אימ האָט זיכ געגלוסט, אפילע דערמאָרדנ, אונ ניט טראָגנ דערפאר קיינ שומ פאראנטוואָרטלעכקייט.

אָנ דעמ הארס דערלויבעניש האָט א שקלאפ ניט געטאָרט האָבנ קיינ געזינד אונ קיינ פארמעגנ. אָפטמאָל פלעגט מענ די שקלאפנ שטעמפלענ, ווי פי. באזונ־דערס שווער האָט זיכ געלעבט די דאָרפישע שקלאפנ. ארבעטנ פלעגנ זיי אונ־טער דער האזשגאָכע פונ ברוטאלע אופזעער. ניט־געהאָרכזאמע שקלאפנ פלעגט מענ אפ באנאכט פארשפארנ אינ א ספעציעלער טורמע אונ אפ דער ארבעט ארויספירנ אינ קייטנ. די רוימער האָבנ זיכ צו די שקלאפנ באצויגנ מיט פא־ראכטונג, זיי פלעגנ זאָגנ, אז אלע ארבעטס־געצייגנ טיילנ זיכ אפ שטומע (אשטיי־גער וועגענער), מוקענדיקע (אשטייגער אָקסנ) אונ ריידנדיקע (שקלאפנ).

פרייגעלאָזענע.

א שקלאפ, וואָס פלעגט אָפגעלאָזנ ווערנ אפ דער פריי, פלעגט הייסנ פרייגעלאָזענער. עס פלעגט טרעפנ, אז א האר פלעגט אָפלאָזנ א שקלאפ אפ דער פריי אויס דאנק פאר גע־וויסע אופטוענ, וואָס דער שקלאפ האָט געטאָנ פארזייַנטוועגנ. אָפטער פונ אלצ אָבער פלעגט ער אימ אָפלאָזנ דערפאר, ווייַל דאָס האָט געלוינט אימ, דעמ האר. א פרייגעלאָזענער פלעגט ניט ווערנ פולשטענדיק פריי, ער איז נאָכ אלצ אינ א געוויסער מאָס געווענ אָפהענגיק פונ זייַנ פריִערדיקנ האר. דער האר איז געוואָרנ זייַנ „פאטראָנ“. דער פרייגעלאָזענער פלעגט באקומענ דעמ נאָמענ פונ דעמ פא־טראָנ אונ איז מעכויעוו געווענ אָפצוגעבנ אימ „קאָוועד“ אונ „זייַנ געהאָרכזאמ“. פלעגט ער ניט ארויסווייַזנ די געהעריקע געהאָרכזאמקייט צו דעמ פאטראָנ, האָט מענ אימ געמעגט ווידער פארוואנדלענ אינ א שקלאפ.

די שקלאפערייַ האָט געשפילט א קאָלאָסאלע ראָליע אינ דער אנטוויקלונג פונ דער רוימישער ווירטשאפט. אפ דער שקלאפערייַ האָט זיכ באזירט אי די לאנדווירטשאפט, אי די האנטווערקערייַ, אי דער האנדל.

73 §. די באריַיכערונג פונ די רוימישע פאכטערס אונ ווּכערניקעס.

די פארוואלטונג־
סיסטעמ אינ די
פראָווינצנ.

די רוימער פלעגנ באקומענ פונ די פראָווינצנ גוואלדיקע רייַכ־טימער. אינ די באצווּנגענע געגנטנ פלעגנ רעגירנ רוימישע שטאט־האלטערס. אפ די דאָזיקע פאָסטנס פלעגנ אוועקגעשטעלט ווערנ די געוועזענע קאָנסולנ אונ פרעטאָרנ, אונ הייסנ פלעגנ זיי פראָ־קאנסולנ אונ פראָפרעטאָרנ (דה. פארטרעטערס פונ די קאָנסולנ אונ פרעטאָרנ). די פראָ־ווינציעלע שטאטהאלטערס האָבנ געהאלטנ אינ זייערע הענט אי די מיליטעריִשע אי די ציווילע מאכט. זיי האָבנ געהאט דאָס רעכט צו שאפנ זיכ איבערנ לעבנ אונ טויט פונ די פראָווינצ־אייַנ־וווינער. די רוימישע שטאטהאלטערס פלעגנ עס אלצ אויסנוצנ אונ ראבירנ די פראָווינצנ אומבע־ראכמאָנעסדיק.

דער שטאטהאלטער פונ סיציליע ווערעס, אשטייגער, האָט אינ משך פונ דרייַ יאָר צייַט (פונ 73־טנ ביזנ סאָפ 71־טנ יאָר פאר דער נייַער ערע) געהאלטנ אינ איינ רויבירנ דאָס דאָזיקע לאנד. ער האָט גערעכט אונ פארשפארט אינ די טורמעס אָנ א שיר אייַנוווינער, דערונטער אויכ רוי־מישע בירגער. ער פלעגט זיי שלאָגנ אונ פייַניקנ, צונעמענ פאר זיכ זייער פארמעגנ, קאָנפיסקירנ דאָס

פארמעגנ פונ די טעמפלענ אונ פארוויסטנ גאנצע שטעט. אינ די דריי יאָר צייט האָט ווערעס אָנגערויבט אינ סיציליע 40 מיליאָנ סעסטערציעס[1].

פאכטערס אונ וווכערניקעס.

אפ די פראָווינצנ פלעגנ ארופגעלייגט ווערנ ריזיקע שטייערנ, וואָס האָבנ פולשטענדיק רוינירט די איינוווינער. די שטייערנ־זאמלונג האָט מענ אָפּגעגעבנ אינ פאכט (ארענדע) צו פריוואטע פערזאָנענ. די פאכטערס פלעגנ פאָרויס איינצאָלנ דער מעלוכע די גאנצע שטייערנ־סומע, וואָס מע האָט געדארפט צונויפנעמענ אינ דער פראָווינצ. דערנאָכ פלעגנ זיי מיט דער הילפ פונ די רוימישע שטאטהאלטערס ארויספרעסנ פונ די איינוווינער פיל מער, איידער זיי האָבנ איינגעצאָלט דער מעלוכע.

א רוימישער כאלפנ.

די פאכטערס פלעגנ זיכ אינ איטאליע באשעפטיקנ אויכ מיט וווכעריי, באזונדערס אינ די פראָווינצנ. זיי פלעגנ פארלייענ געלט ניט נאָר פריוואטע פערזאָנענ, נאָר אפילע שטעט אונ גאנצע מעלוכעס. די פראָצענטנ פאר די האלוואָעס זיינענ געווענ זייער הויכ אונ פלעגנ צומאָל דערגייג ביז 48 פראָצענט א יאָר.

אפ די רוימישע מערק האָבנ זיכ פונ לאנג אָנ געפונענ קלייטלעכ פונ כאלפאָנים. די כאלפאָנימ האָבנ זיכ באשעפטיקט מיט צעביטנ געלט. שפּעטער אָבער האָט זיכ זייער טעטיקייט גענומענ פארברייטערנ. זיי האָבנ אָנגעהויבנ נעמענ געלט צום היטנ אונ לאָזנ דאָס אינ אומזאצ, זיי האָבנ אָנגעהויבנ געבנ האלוואָעס אונ פירנ אנדערע געלט־אָפּעראציעס.

אזוי ווי אינ רוימ האָט זיכ אָנגעזאמלט א סאכ געלט, האָבנ דאָ גענומענ בליִענ פארשיידענע מינימ ספעקוליאציעס. אלס ביישפיל פונ א גרויסנ רוימישנ ספעקוליאנט קאָנ דינענ דער בארימטער גוויר קראס. ער פלעגט ספעקולירנ אינ רוימ מיט ערד־באכלעס. בייס א סריימע פלעגט ער פאר שפּאָט־ביליק אָפּקויפנ די ברענענדיקע געביידע אונ אויכ די שכיינעסדיקע געביידעס, דערנאָכ איבערפארקויפנ די ערד אָדער בויענ אפ איר הייזער. דורכ ספעקוליאציע איז קראס צוביסלעכווייז געוואָרנ דער אייגנטימער פונעמ גרעסטנ טייל שטאָט אונ דער רייכסטער מענטש אינ רוימ.

דער האנדל. די רייטער.

אינ רעזולטאט פונ דעראָבערנ דעמ מיטללענדישנ יאמ האָט זיכ ברייט אנטוויקלט דער רוימישער האנדל. ארייַנפירנ סכוירעס פלעגנ די רוימער א סאכ, אָבער ארויספירנ — ווייניק. פונ די פראָווינצנ פלעגט מענ ארייַנפירנ לוקסוס־זאכנ: טייַערע געוועבנ, גאָלדענע אונ זילבערנע כפייצימ, איידעלע סאָרטנ וויינ, העלפאנדביינ, קינסטלעריש באמאָלט געשיר. פונ די ארטיקלענ פונ ברייטנ געברויכ פלעגנ זיי דעריקער ארייַנפירנ טווּע.

די געלט־רייכטימער אינ רוימ האָבנ זיכ געפונענ דעריקער אינ די הענט פונעמ רייטערשטאנד. פריִער פלעגנ „רייטער" הייסנ די רייכסטע מענטשנ פונ דער ערשטער פארמעגנס־קאטעגאָריע, וועלכע האָבנ געדינט אינ רייטער־מיליטער. שפּעטער אָבער האָט דער נאָמענ „רייטער" פארלאָרנ זיינ אלטנ באטייט. „רייטער" האָבנ גענומענ הייסנ רייכע לייט, אייגנטימער פונ גרויסע געלט־קאפיטאלנ, אומאָפּהענגיק דערפונ, צי דינענ זיי יאָ אינ רייטער־מיליטער, צי ניט. קעדיי זיכ אייַנקויפנ אינ רייטער־שטאנד, האָט מענ געדארפט פארמאָגנ א באשטימטנ קאפיטאל.

דער גרויסער ערדבאזיצ אונ די רוינירונג פונעמ פויערטומ.

גרויסע ענדערונגענ זיינענ פאָרגעקומענ אויכ אינ דער לאנדווירטשאפט פונ איטאליע. ביזנ III יאָרה. פאר דער נייַער ערע האָט קימאט ניט עקזיסטירט קיינ גרויסער ערדבאזיצ. די אנטוויקלונג פונ שקלאפעריי אונ די אָנזאמלונג פונ געלט־קאפיטאלנ האָבנ אָבער אינ II יאָרה. פאר דער נייַער ערע געבראכט דערצו, אז עס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט גרויסע ערד־באזיצנ (לאטיפונדיעס). די באצווינגונגענ פלעגנ געבנ די רוימישע גוטבאזיצער א סאכ קנעכט, אונ די אָנגעזאמלטע קאפיטאלנ האָבנ געגעבנ א מעגלעכקייט אופצוקויפנ ערד. אכוצ דעמ פלעגנ די נאָבילנ אומגעזעצלעכ פארכאפּנ מעלוכע־ערד אונ פארוואנדלענ זי אינ פריוואט־אייגנטומ.

---

1 סעסטערצי — א זילבערנע מאטבייע, בא 10 קאָפּ. די ווערט.

דער גרויסער ערדבאזיץ איז געוואקסנ, אונ די פויערשע ווירטשאפט איז אינ דער זעלבער צײַט אלצ מער רויִנירט געווארנ. די רײַכע שקלאפנבאזיצער פלעגנ אפט ארױפטרײַבנ פונ דער ערד די פויערימ, וואס איז פונ זיי געקומענ געלט, אונ פלעגנ פארכאפנ זייערע ערד־באצירקנ.

טווע איז געווענ אזוי ביליק, אז פונ פארקויפנ זי פלעגט דער פויער געניסנ זייער ווייניק. באשעפטיקנ זיכ מיט פיצוכט האבנ די פויערימ ניט געקאנט, ווײַל דערצו האט מענ געדארפט האבנ א סאכ ערד. קעדיי צו קול־טיווירנ איילבערטנ אונ ווײַנטרויבנ, האט מענ געמוזט האבנ א געוויסנ קאפיטאל. די פויע־רימ איז אזויארומ שווער געווענ אויסצוהאלטנ די קאנקורענצ פונ דער גרויסער שקלאפנבאזי־צערישער ווירטשאפט. כוץ דעמ האבנ די דוי־ערנדיקע מילכאמעס אפ יענער זײַט יאמ אפ־געריסנ דעמ פויער פונ זײַנ ווירטשאפט. בייס די קריגס־מארשנ פלעגנ זיכ די פויערימ אפ־געווינענ פונ צו פירנ א הארעפאשנעמ לעבנ, זיי זײַנענ געווארנ צוגעווינט צו לעבנ פונ סאלדאטישנ געהאלט אונ פונ קריגס־רויב. דע־ריבער פלעגנ די פויערימ גערנ אוועקווארפנ די פארלאזענע ווירטשאפט אונ אוועקגייג אינ שטאט ארײַנ. אט אזוי האט זיכ אינ II יארה. פאר דער נײַער ערע אנגעהויבנ דער פראצעס פונ צעלויפנ זיכ פונ די איטאלישע דערפער.



א רוימישע האנדלס־שיפ.

געצויגנ די פויערימ קייג רוימ האבנ פארשיידענע קליינע פארדינסטנ אונ די נעדאוועס, וואס די שקלאפנבאזיצער פלעגנ טיילנ בייס די וואלנ. די רײַכע לײַט די שקלאפנבאזיצער האבנ פאר־שווענדט ריזיקע מיטלענ אפ אונטערצוקויפנ די וויילער: מע פלעגט אײַנארדענענ פארנ אוילעמ גלענצנדיקע צירק־שפילנ, טיילנ אומזיסטנ קיבעד, געלט אאוו.

אינ רעזולטאט דערפונ האט זיכ דער שטאטישער געמיינער אוילעמ צוביסלעכווײַז אפגעווינט פונ ארבעט, צוגעווינט זיכ צו לעבנ פונ נעדאוועס, וואס די רײַכע לײַט פלעגנ טיילנ, אונ איז אזויארומ פארוואנדלט געווארנ אינ א פוסטעפאסנעמ דעמאראליזירטנ האמוינ.

74 §. דער לעבנסשטייגער אונ די קולטור פונ רוימ אינ II אונ III יארה. פאר דער נײַער ערע.

די אנטוויקלונג פונ לוקסוס.

אינ צוזאמענהאנג מיט די ענדערונגענ אינעמ ווירטשאפטלעכנ לעבנ פונ איטאליע האבנ זיכ אויכ געענדערט דער לעבנסשטיי־גער אונ די זיטנ פונ די רוימער. די פריִערדיקע פאשטעס פונעמ לעבנ האט ביסלעכווײַז גענומענ פארשווינדנ. אינ רעזולטאט פונ דער אנזאמלונג פונ רײַכטימער אונ פונ דער באקאנטשאפט מיט די מיזרעכ־לענדער האט זיכ צווישנ די העכערע שיכטנ פונ דער רוי־מישער געזעלשאפט אלצ מער גענומענ אנטוויקלענ דער לוקסוס. זיי האבנ אנגעהויבנ אײַנפירנ אינ זייערע הײַזער לוקסוסרײַכנ מעבל, קליידנ זיכ אינ פרעכטיקע אנצוגנ. דער לוקסוס האט זיכ געלאזט פילנ אינ דער בויונג פונ געזעלשאפטלעכע אונ פריוואטע געבײַדעס, אינ די פײַערונגענ. נאכ אינ אנהייב III יארה. פאר דער נײַער ערע האבנ די קארטאגענער געזאנדטע, צוריקקערנדיק זיכ פונ רוימ, דערציילט, אז דער גאנצער סענאט געברויכט איינעמ אונ דעמ זעלבנ זילבערנעמ טיש־קרע־דענצ אזוי, אז אינ יעדנ סענאטארישנ הויז, ווו זיי פלעגנ אײַנגעלאדנ ווערנ צוגאסט, פלעגנ זיי טרעפנ אלצ דעמ זעלביקנ קרעדענצ.

אצינד אבער האבנ זיכ אינ אלע רײַכע הײַזער גענומענ ווײַזנ שיינ זילבערנ געשיר, פײַנ מעבל אונ טעפעכער פונ בראקאט. קיינ רוימ האט מענ אנגעהויבנ ארײַנפירנ גריכישע ווײַנענ, פיש פונ שווארצנ יאמ. אנשטאט די פריִערדיקע באשיידענע סודעס האט מענ גענומענ מאכנ פרעכטיקע

מאָלצײַטן. די היימישע געקעכצן האָבן שוין אהער ניט געפּאסט — מע האָט געמוזט האָבן קוכער־ספּעציאַליסטן. מיט יעדן יאָרצענדליק האָט זיך געמערט די צאָל יאַנטוירוים. און פּײַערן פלעגט מען זיי מיט אַן אַלץ גרעסערן גלאַנץ און פּראכט. די גלאַדיאַטאָרן־שלאכטן, דאָס רייצן ווילדע חיות זײַנען געוואָרן די באַליבטסטע פאַרווײַלונג פונעם רוימישן האַמוין. אָנגעהויבן פון II יאָרה. פאַר דער נײַער ערע האָט מען ספּעציעל געגומען אַרײַנפירן חיות פון אַפריקע.

דער אײַנפלוס פון דער גריכישער קולטור. אין II יאָרה. פאַר דער נײַער ערע האָבן די רוימער אָנגע־קניפּט דירעקטע באַציִונגען מיט גריכנלאַנד. האָט דעריבער דער אײַנ־פלוס פון דער גריכישער קולטור געגומען זיך פילן נאָך שטאַרקער ווי פריִער. אין איטאַליע איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן די גריכישע שפּראַך. זי איז ניי־טיק געווען פאַר די רוימישע סאָחרים און די געלט־מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטענ־דיקע באַציִונגען מיטן מיזרעך. קענען די גריכישע שפּראַך איז געוואָרן אַ מוז־זאַך פאַר יעדן מע־יוכעסדיקן רוימער, וואָס האָט געוואָלט, אַז מע זאָל אים האַלטן פאַר אַ געבילדעטן מענטשן, ווײַל די גריכישע ליטעראַטור האָט צו יענער צײַט אָנגעהויבן ברייט פאַרשפּרייט צו ווערן. אין די רײַכע רוימישע הײַזער האָבן זיך געגומען ווײַזן לערער גריכן, אָפטמאָל פלעגן דאָס זײַן קנעכט, וועמען מע פלעגט באַופטראָגן צו דערציִען די קינדער.

דער אופקום פון דער רוימישער ליטעראַטור. אין III—II יאָרה. פאַר דער נײַער ערע האָט זיך אונטערן גריכישן אײַנפלוס אָנגעהויבן שאַפן די רוימישע ליטעראַטור. צווישן די גרעסערע פּאָעטן פון יענער פריִיִקער צײַט דאַרף מען דערמאָנען ע נ י ו ס. ער האָט איבערגעזעצט אין לאַטײַניש און איבערגעמאַכט די ווערק פון די גריכישע שרײַבער. ענ י האָט אפּן שטייגער פון „איליאַדע“ און „אָדיסיע“ אָנגעשריבן אַ גרויסע פּאָעמע אונטערן נאָ־מען „כראָניקע“. אין אָט דער פּאָעמע ווערט דערציילט די געשיכטע פון רוים, אָנגעהויבן פון די לעגענדאַרע צײַטן און ביזן II יאָרה. פאַר דער נײַער ערע.

א מער זעלבשטענדיקער שרײַבער איז געווען מ א ר ק פּ אָ ר צ י ק אַ ט אָ ן. ער האָט אָנגע־שריבן אַ היסטאָריש ווערק (מיטן נאָמען „יעסוידעס“) וועגן דער געשיכטע פון רוים, אָנגעהויבן פון די לעגענדאַרע צײַטן און ביזן יאָר 149 פאַר דער נײַער ערע. כוץ דעם איז קאַטאָן געווען דער אווטאָר פונעם ווערק „וועגן דער לאַנדווירטשאַפט“.

די קאָמעדיע. שטאַרק פּאָפּולער איז אין דער רוימישער געזעלשאַפט געווען די ק אָ מ ע ד י ע. זי איז אויך אַנטשטאַנען דורך נאָכמאַכן די גרי־כישע מוסטערן. פון די רוימישע קאָמעדיע־אווטאָרן איז אַמערסטן באַקאַנט פּ ל אַ ו ט. ער פלעגט איבערמאַכן אַפּן רוימישן שטייגער די גריכישע קאָמעדיעס און פלעגט אויסלאַכן אין זײַנע ווערק די זײַטן פון דער געזעלשאַפט פון זײַן צײַט. פּלאַווטס קאָמעדיעס זײַנען אָנגעשריבן אין אַ לעבע־דיקער, פאָלקסטימלעכער שפּראַך.

IV. די אופשטאַנדן פון די שקלאַפן און פון דער פרײַער אָרעמשאַפט. דער אונטערגאַנג פון דער רוימישער רעפּובליק (די יאָרן 137—30 פאַר דער נײַער ערע).

§ 75. דער ערשטער שקלאַפן־אופשטאַנד אין סיציליע. אַריסטאָניקס אופשטאַנד אין קליין־אַזיע.

די שקלאַפערײַ אין סיציליע. אין סיציליע זײַנען געווען זייער פיל שקלאַפן. דער פּרוכטבאַרער באָדן און דער גוטער קלימאַט פונעם אינדזל האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו באַשעפטיקן זיך דאָ אין אַ ברייטן מאַסשטאַב מיט ערדאַרבעט. די רוימישע רײַטער פלעגן פּרעכ באַלע־באַטעווען אין דער שוצלאָזער פּראָווינץ, פאַרכאַפּן דאָרט גרויסע פלעצער ערד

און שאפנ פונ זיי גרויסע ווירטשאפטנ. אינ פארלויפ פונ א קורצער צייַט איז סיציליע פארוואנדלט געוואָרנ אינעמ „ברויט-שפּייַכלער פונ איטאליע". דער גאנ-צער אינדזל איז געווענ פול מיט א ריזיקער צאָל שקלאפנ, איבערהויפּט סיריער. די הארנ פלעגנ זיכ באגייננ מיט זיי העכסט ברוטאל. א סאכ סיציליער שקלאפנ-באזיצער פלעגנ זייערע שקלאפנ קימאט אינגאנצנ ניט געבנ קיינ עסנ און קיינ קליידונג. האָבנ די שקלאפנ געמוזט לעבנ פונ רויבערייַ און גזיילע.

איינמאָל זייַנעג צומ רייַכנ סיציליִשנ שקלאפנבאזיצער דאמאָפיל, וואָס האָט געווויִנט אינ דער שטאָט ענע, געקומענ עטלעכע נאקעטע שקלאפנ און גענומענ בעטנ אימ, ער זאָל זיי געבנ וואָס אָנצוטאָנ. דאמאָפיל האָט באפוילנ אָפּשמייַסנ די שקלאפנ און שיקנ זיי צוריק אפ דער ארבעט.

דער אָנהייב פונעמ אופשטאנד.

דאמאָפילס ברוטאלקייַט און איזדיעקענישנ האָבנ גע-בראכט דערצו, אז דער לאנג פארשטיקטער צאָרנ פונ די שקלאפנ האָט אופגעריסנ. עס איז אויסגעבראָכנ א מוירעדיקער אופשטאנד.

אָנגעהויבנ דעמ אופשטאנד האָבנ דאמאָפילס דאָרפישע שקלאפנ. אינמיטנ נאכט האָבנ זיי זיכ אריינגעריסנ קיינ ענע (137-טנ יאָר פאר דער נייַער ערע). צו זיי זייַנעג טייקעפ צוגעשטאנענ אנדערע שקלאפנ און האָבנ צוזאמענ אָנגע-הויבנ אויסהארגענענ די שקלאפנבאזיצער.

נאָכ א לאנגע צייַט פאר דעמ אופשטאנד פלעגנ זיכ די שקלאפנ פונ דער שטאָט ענע צונויפקומענ אפ געהיימע פארזאמלונגענ און צונויפריידנ זיכ, וויאזוי פּאָטער צו ווערנ פונ זייער שווערנ גורל. צווישנ זיי איז געווענ איינער א שקלאפ מיטנ נאָמענ עוונ, וואָס האָט געהאט א גרויסנ אייַנפלוס אפ זייַנע כא-ווײַרימ די סיריער.



א רוימישער פויער באמ אקערנ.

שטײנ-קאַריערנ אויפֿנ אינדזל סיציליע, דאָ פֿלעגט מענ אײַנזעצנ די אויפֿגעשטאַנענע קנעכט.

די שקלאַפֿנ זיגנ און אָרגאַניזירנ א מאכט.

פֿאַרכאַפּט די מאכט אינ זײערע הענט, האָבנ די אויפֿשטעענדלער אויסגעװײלט עװנעס אַלס קײסער. בא אימ איז אָרגאַניזירט געװאָרנ א ראַט. אַלס מיטגלידער פֿונעמ ראַט האָט ער באַשטימט די אינטעלעקטועל אַנטװיקלטסטע שקלאַפֿנ. אינ משך פֿונ דרײַ טעג איז געשאַפֿנ געװאָרנ אַנ אַרמײ פֿונ זעקס טױזנט מאַנ. מיט דער הילף פֿונ דער אַרמײ האָבנ די אויפֿשטעענדלער צעקלאַפּט עטלעכע קלײנע רױמישע אָטריאַדנ, װאָס זײַנענ געשיקט געװאָרנ צו אונטערדריקנ דעמ ענער אויפֿשטאַנד.

אינ דאָרעמ-מיזרעװדיקנ טײל פֿונעמ אינדזל איז אויסגעבראָכנ א צװײטער אויפֿשטאַנד. אינ שפּיצ האָט זיך געשטעלט קלעאָנ, א שקלאַפֿ פֿונ קלײנ-אַזיע. מיט אַנ אָטריאַד פֿונ 5 טױזנט מענטשנ האָט ער זיך אָנגעשלאָגנ צו עװנעס. מיט געמײנזאַמע קויכעס האָט זיך זײ אײַנגעגעבנ צו צעקלאַפּנ אַנ אַכט-טױזנטקעפּיקע רױמישע אַרמײ, װאָס האָט זיך געפֿונענ אונטער דער קאָמאַנדע פֿונ א קאָנסול, װעלכער איז אָנגעקומענ פֿונ רױמ.

די צאָל אויפֿשטעענדלער איז ביסלעכװײַז אויסגעװאַקסנ ביז 200 טױזנט מאַנ; צו זײ אינ די הענט איז אַריבער קימאַט די גאַנצע מיזרעכדיקע העלפֿט פֿונעמ אינדזל. די שקלאַפֿנבאַזיצערישע לאַטיפֿונדיעס האָט מענ פֿאַרניכטעט. די קלײנפּױערשע װירטשאַפֿטנ אָבער האָבנ די שקלאַפֿנ געשאַנעװעט, זײ האָבנ אויך ניט אָנגערירט יענע פּױערימ, װאָס האָבנ פֿרידלעך געטאָנ זײער אַרבעט.

דער אויפֿשטאַנד װערט דערשטיקט.

צומ אינדזל זײַנענ געשיקט געװאָרנ גרױסע מיליטער-קרעפֿטנ. די רױמער האָבנ באַלאַגערט די צװײ װיכטיקסטע שטיצפּונקטנ פֿונ די אויפֿשטעענדלער — די שטעט טאַװראָמעני אונ ענע. אַזױ װי אײַנעמענ זײ דורך א שטורעמ-אָנגריף איז געװענ אומעגלעך, איז דאָס רױמישע מיליטער אַריבער צו א דױערנדיקער בא-

לאַגערונג און האָט דערפֿירט די באַלאַגערטע ביז א שרעקלעכנ הונגער. און דאָכ האָט זיכ בלויז מיט דער הילפֿ פֿונ א פֿאַראַט אײַנגעגעבנ אײַנצונעמענ אָט די ביידע שטעט. בא 20 טויזנט אופֿשטענדלער זײַנענ דערבײַ אויסגעראָטנ געוואָרנ. קלעאָנ איז נאָכ פֿריִער אומגעקומענ בייס איינער אנ אטאַקע, עוונ ווידער איז לעבעדיקערהייט אַרײַנגעפֿאַלנ צו די רוימער אינ די הענט און איז פֿאַרפּײַניקט געוואָרנ אינ טפֿיסע.

נאָכנ אײַנעמענ טאַווראָמעניִ און ענע זײַנענ די רוימישע אָטריאַדנ דורכגעגאַנגענ דורכנ גאַנצנ אינדזל און האָבנ ענדגילטיק אונטערדריקט דעם אופֿשטאַנד (132-טנ יאָר פֿאַר דער נײַער ערע).

אַריסטאָניק. דער אופֿשטאַנד אין פּערגאַם.

דער סיציליער אופֿשטאַנד האָט געפֿונענ א שטאַרקנ אָפּקלאַנג אינ קליינ־אַזיע, אינעם פּערגאַמער קיניגרײַכ. די אומרוענ צווישנ די שקלאַפֿנ און דער אָרעמשאַפֿט האָט אויסגענוצט אינ זײַנע אינטערעסנ אַריסטאָניק, דעם פּערגאַמער קייסער אַטאַל דעם III-טנס א קאָרעוו. די מײַסע איז, וואָס אַטאַל דער III, וועלכער האָט ניט געהאַט קיינ דירעקטנ יורעש, וואָס זאָל זײַנ זײַנ טראָנפֿאָלגער, האָט אינ דער צוואָע פֿאַרנ טויט איבערגעגעבנ דאָס פּערגאַמער קיניגרײַכ צו רוים (133-טנ יאָר פֿאַר דער נײַער ערע). נאָכ א לאַנגע צײַט פֿריִער האָט ער געגעבנ די רוימישע הענדלער גרויסע רעכט אינ פּערגאַם. אַריסטאָניק אָבער האָט באַשלאָסנ ניט אָפּצוגעבנ די רוימער דאָס פּערגאַמער קיניגרײַכ. ער האָט געשטרעבט צו פֿאַרכאַפּנ דעם טראָנ. קעדיי צו דערגרייכנ צו אָט דעם ציל, האָט זיכ אַריסטאָניק געשטעלט אינ דער שפּיצ פֿונ דער ברייטער באַוועגונג פֿונ די שקלאַפֿנ אינ פֿונ דער פֿרײַער אָרעמשאַפֿט.

אייניקע שטעט פֿונ קליינ־אַזיע, וואָס זײַנענ געווענ געשטימט קעגנ די רוימער, האָבנ געשטיצט אַריסטאָניקנ. די רײַכע שקלאַפֿנבאַזיצער פֿונ עפֿעס האָבנ אָבער אײַנגעפֿונענ, אז זיי לוינט בעסער צו געפֿינענ זיכ אונטער דער הערשאַפֿט פֿונ רוים. זײַנענ זיי אַרויסגעטראָטנ קעגנ אַריסטאָניקנ, און ער האָט געליטנ א מאַפּאָלע בייס א יאַם־שלאַכט.

אַריסטאָניק אָבער האָט פֿונדעסטוועגנ ווײַטער געפֿירט דעם קאַמפֿ. ער האָט באַפֿרײַט די קנעכט און צוגעזאָגט זיי צו שאַפֿנ א „מעלוכע פֿונ דער זונ", אַזא, ווו אַלע בירגער וועלנ זײַנ פֿרײַ און גלײַכ. דאָס האָט צוגעצויגנ אַפֿ זײַנ צאַד קאָלאָסאַלע מאַסנ אונטערדריקטע. שטיצנדיק זיכ אַפֿ זיי, האָט אַריסטאָניק צעקלאַפּט דאָס שטאַרקע רוימישע מיליטער, ניט געקוקט דערופֿ, וואָס צו הילפֿ די רוימער זײַנענ געקומענ די קליינ־אַזיאַטישע קייסאָרימלעכ. דער רוימישער קאָנסול זעלבסט — דער קאָמאַנדיר פֿונ אָט דעם מיליטער — איז אַרײַנגעפֿאַלנ אינ געפֿאַנגענשאַפֿט און דערמאָרדעט געוואָרנ. צו אַריסטאָניקנ איז אַריבער קימאַט דאָס גאַנצע פּערגאַמער קיניגרײַכ.

דער סאָפֿ פֿונעמ אופֿשטאַנד.

אינ יאָר 130 פֿאַר דער נײַער ערע האָבנ די רוימער געשיקט קעגנ די אופֿשטענדלער אנ אַנדער קאָנסול. דורכ א פֿלוצלינגדיקנ אָנפֿאַל איז אימ געלונגענ צו צעקלאַפּנ אַריסטאָניקס מיליטער. אַריסטאָניק זעלבסט האָט זיכ אויסבאַהאַלטנ אינ איינער פֿונ די שטעט פֿונ קליינ־אַזיע. דאָרט האָט מענ אימ דורכ הונגער געצווונגענ אונטערצוגעבנ זיכ. אַריסטאָניקנ האָט מענ אוועקגעפֿירט קיינ רוים און דאָ האָט

מענ אימ דערשטיקט אינ טפיסע. דאָס פערגאמער קיניגרײַכ איז אָנגעשלאָסנ געוואָרנ צו די רוימישע באַזיצנ.

רוימ איז נאָכ געווענ שטארק, אונ די צעשפּליטערטע אופשטאנדנ פונ די קנעכט האָבנ ניט געקאָנט פארניכטנ די שקלאפנבאַזיצערישע אָרדענונג.

§ 76. די רעפאָרמעס פונ די ברידער גראקכ. טיבערי גראקכ (133־טנ יאָר פאר דער נײַער ערע).

די סיבעס פונ די רע־פאָרמעס.

אינ דער זעלבער צײַט, ווענ די רוימער זײַנענ געווענ פארנומענ מיט דערשטיקנ די סיציליער אונ פערגאמער שקלאפנ-אופשטאנדנ, האָט זיכ אָנגעהויבנ א באַוועגונג פונעמ פויערטומ אינ איטאליע גופא. אינעמ גאנצנ לאנד זײַנענ פאָרגעקומענ אומרוענ צווישנ דער אָרעמשאפט. אפ די ווענט פונ די געבײַדעס, אפ די מאַצייוועס האָבנ זיכ באַוויזנ אופשריפטנ, וואָס האָבנ געפאָדערט איבערצופארטיילנ די ערד.

דאָס פויערטומ פונ איטאליע האָט איבערגעלעבט זייער א שווערנ פעריאָד. די קליינע פרײַע ערדבאַזיצער זײַנענ אלצ מער רויִנירט געוואָרנ. אָנשטאָט זיי האָבנ זיכ אפ די פעלדער פונ איטאליע, וואָס זײַנענ שוינ איצט געוואָרנ דאָס אייגנטומ פונ די רײַכע, באַוויזנ אָנ א שיר קנעכט. אייניקע פאָרשטייער פונ דער אריסטאָקראטיע האָבנ פארשטאנענ, אז די מײַסע קאָנ זיכ ענדיקנ גאנצ ביטער. ערשטנס, ווערט די ארמיי רעקרוטירט פונ פויערימ, אונ דאָס, וואָס די פויערימ ווערנ רויִנירט אונ די פרײַע ארבעט ווערט פארביטנ אפ שקלאפנ-ארבעט, שוואכט אָפּ די מיליטערישע מעכטיקײַט פונ רוימ. צווייטנס, האָט דער סיציליער אופשטאנד באַוויזנ, אז די צונויפזאמלונג פונ א גרויסער צאָל שקלאפנ אינ איינ אָרט איז געפערלעכ פאר די שקלאפנבאַזיצער. דעריבער איז צווישנ די דאָזיקע קרײַזנ פונ דער אריסטאָקראטיע אופגעקומענ דער געדאנק, אז מע דארפ געבנ דעמ רויִנירטנ פויערטומ ערד אונ אזויארומ צוריק אופשטעלנ דאָס קליינ-פויערטומ אונ פארפעסטיקנ די רוימישע מעלוכע. קעדיי דאָס צו טאָנ, האָט מענ אָבער פריִער געמוזט אָפּנעמענ בא די גרויסע אייגנטימער די מעלוכישע ערד, וואָס זיי האָבנ אומגעזעצלעכ פארכאַפּט.

די גראקכנ.

אזא רעפאָרמ נעמלעכ האָבנ פארטראכט די ברידער גראקכ. זיי האָבנ געהערט צו אנ אריסטאָקראטישנ שטאמ. דער פאָטער זייערער האָט ניט איינ מאָל פארנומענ די העכסטע פאָסטנס אינ דער רעפובליק, אונ די מוטער זייערע קאָרנעליע איז געווענ סציפּיאָנ דעמ אפריקאנערס א טאָכטער. ביידע ברידער האָבנ באַקומענ גלענצנדיקע בילדונג אונ זײַנענ געווענ באַוווסט מיט זייערע דעמאָקראטישע אָנשויונגענ.

דער עלטערער ברודער — ט י ב ע ר י — איז אויסגעוויילט געוואָרנ אלס פאָלקס-טריבונ אפנ 133-טנ יאָר.

טיבערי גראקכס ערד־געזעצ.

געוואָרנ א פאָלקס-טריבונ, האָט טיבערי פאָרגעלייגט דער פאָלקס-פארזאמלונג זײַנ געזעצפּראָיעקט. אינ העסקעמ מיט דעמ פּראָיעקט האָבנ די באַזיצער פונ געזעלשאפטלעכער ערד ניט געהאט קיינ רעכט צו פארנעמענ מער ווי 500 יוגערס ערד (בא

125 הא) אפנ כײלעק פונ דעמ הויפט פונ דער מישפּאָכע אונ מער ווי 250 יוגערס אפנ כײלעק פונ יעדנ פונ די עלטסטע צוויי זינ. די איבעריקע מישפּאָכע-מיטגלי-דער האָבנ קיינ ערד ניט געזאָלט באקומענ. די באזיצנ פונ איינ מישפּאָכע האָבנ אזויארומ ניט געטאָרט זײַנ העכער פונ 1000 יוגערס מעלוכישע ערד. די באפרײַטע ערד האָט טיבערי פאָרגעלייגט צו צעטיילנ אפ קליינע כאלאָקימ צו 30 יוגערס א כײלעק אונ אוועקגעבנ זי די אָרעמע בירגער אינ ארענדע. די ארענדירטע ערד קאָנ אריבערגיינ בע-יערושע, פארקויפנ זי אָבער טאָר מענ ניט. מיט דער ארבעט פונ באטיילנ מיט ערד די בירגער דארפ פארוואלטנ א ספּעציעלע קאָמיסיע פונ דרײַ פערזאָנענ, וואָס ווערט אויסגעוויילט דורכנ פאָלק.

די ברידער גראקכ
(א הײַנטצײַטיקע סקולפּטור).

פארטיידיקנדיק דעמ געזעצ, איז טיבערי ארויסגעטראָטנ אינ דער פאָלקס-פארזאמלונג מיט א גלענצנדיקער רעדע. „די ווילדע כײַעס, וואָס נישטערנ ארומ איבער איטאליע, — האָט ער געזאָגט, — האָבנ נאָרעס אונ היילנ, ווו צו שלאָפנ, אונ די זעלבע מענטשנ, וואָס גייענ אפ מילכאָמע אונ לייגנ דעמ קאָפּ פאר אי-טאליע, — זיי פארמאָגנ בלויז לופט אונ שײַנ. זיי האָבנ ניט קיינ שטענדיקנ וווינ-אָרט, צוזאמענ מיט זייערע קינדער אונ פרויענ פירנ זיי א וואנדער-לעבנ. די סאָלדאטנ גייענ אפ מילכאָמע אונ ווערנ געהארגעט פאר פרעמדנ לוקסוס אונ רײַכקײַט, זיי הייסנ הערשער פונ דער וועלט, אינ דער זעלבער צײַט אָבער פאר-מאָגנ זיי ניט קיינ פיצל אייגנ ערד".

דער קאמפ קעגנ דעמ ערד-געזעצ.

די מערהײַט נאָבילנ איז אָבער געווענ קעגנ דעמ אגראר-געזעצ. זיי האָבנ געפּויעלט בא איינעמ פונ די טריבונענ — מ א ר ק אָ ק ט א ו ו י, — ער זאָל ארופלייגנ א „וועטאָ" אפנ געזעצ. אָקטאווי איז געווענ טיבעריס א נאָענטער פרײַנט. ער האָט אָבער פארמאָגט פיל מעלוכישע ערד אונ האָט זי ניט געוואָלט פארלירנ. א קורצע צײַט האָט זיכ אָקטאווי געוואקלט. סאָפּכאָלסאָפּ האָט ער מאסקימ געווענ ארויס-צוטרעטנ קעגנ דעמ געזעצפּראָיעקט אונ האָט ארופגעלייגט אפ אימ א „וועטאָ".

דאנ האָט טיבערי אָנגענומענ אנטשיידענע מאָסמיטלענ. ער האָט אוועקגעשטעלט אפ דער פאָלקס-פארזאמלונג צומ אָפּשטימענ די פראגע: צי קאָנ אזא איינער, וואָס גייט קעגנ דעמ ווילנ פונ פאָלק, בלײַבנ אפנ פאָסטנ פונ א פאָלקס-טריבונ? אינעמ טאָג פונ דער אנטשיידנדיקער אָפּשטימונג האָט טיבערי עפנטלעכ, פאר דער גאנ-צער פארזאמלונג אינ די אויגנ, גענומענ בעטנ אָקטאווינ, ער זאָל צוריקציענ זײַנ פּראָטעסט. צוערשט האָט זיכ אָקטאווי א וואקל געטאָנ, דערנאָכ אָבער האָט ער נאָכאמאָל באשטעטיקט זײַנ באשלוס. דאנ האָט טיבערי דורכגעפירט די אָפּ-שטימונג, אונ אָקטאווי האָט פארלאָרנ דעמ טיטל פאָלקס-טריבונ.

דער געזעצ ווערט באשטעטיקט.

נאָכ דעמ האָט די פאָלקס-פארזאמלונג באשטעטיקט דעמ אגראר-געזעצ. אינ דער קאָמיסיע פאר באטיילנ מיט ערד איז אויסגעוויילט געוואָרנ טיבערי גופע, זײַנ ברודער גײַ אונ זײַנ שווער — אפי קלאוודי.

ווענ די קאָמיסיע איז צוגעטראָטנ צו דער ארבעט, האָט זי זיכ אָנגעשטויסנ אפ גרויסע שוועריקײַטנ. אָפּקלײַבנ אונ איבערפארטיילנ האָט מענ געדארפט די מעלוכישע ערד. די באזיצער פונ דער מעלוכישער ערד האָבנ אָבער מיט איר אָפערירט, ווי מיט זייער אייגענער ערד: געשענקט, פארזעצט אאוו. איז דעריבער שווער געווענ פעסטצושטעלנ, וועלכע ערד איז מעלוכישע, וועלכע — פריוואטע.

אָט די אלע שוועריקײַטנ האָבנ אויסגענוצט טיבעריס פײַנט. זיי האָבנ אפילע ארויסגעלאָזט א קלאנג, אז טיבערי גראקכ שטרעבט צו באקומענ די קיניגלעכע מאכט. דערצו האָבנ זיי אימ באשולדיקט, אז ער האָט באליידיקט די אומבארירלעכע פערזענלעכקײַט פונעמ פאָלקס-טריבונ אָקטאווי. טיבערי האָט זיכ אָבער ניט אונטערגעגעבנ אונ האָט מוטיק געטאָנ זײַנ זאכ ביזנ סאָפ.

טיבערי גראקכ קומט אומ.

קעדיי צו דערפירנ די רעפאָרמע ביזנ סאָפ, האָט טיבערי געמוזט האָבנ אינ זײַנע הענט די מאכט אויכ אינעמ קומענדיקנ יאָר. האָט ער דעריבער ארויסגעשטעלט זײַנ קאנדידאטור פאר א פאָלקס-טריבונ אפנ 132-טנ יאָר. לויט די רוימישע געזעצנ איז געווענ פארבאָטנ אויסצוויילנ איינ אונ די זעלבע פערזאָנ צוויי מאָל נאָכאנאנד. די נאָבילנ האָבנ באשלאָסנ דאָס אויסצונוצנ.

אינ איינעמ א פרימאָרגנ האָט זיכ דער אוילעמ צונויפגעזאמלט אפנ שטאָט-פלאצ, ווו עס האָבנ געדארפט פאָרקומענ די וואלנ. ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די פארזאמלונג, האָבנ די אריסטאָקראטנ געפרווווט ניט דערלאָזנ דורכצופירנ די אָפּשטימונג. טיבערי האָט אָבער געגעבנ דעמ אָפּגערעדטנ צייכנ צו זײַנע אָנהענגער, יענע האָבנ זיכ באוואָפנט מיט וואָס עס איז געקומענ אינ האנט ארײַנ אונ דורכגעיאָגט די נאָבילנ.

אינ דער זעלבער צײַט איז פאָרגעקומענ א זיצונג פונ סענאט. עמעצער פונ די בײַוועזנדע האָט ארויסגעלאָזט א פאלשנ קלאנג, אז טיבערי האָט קלוימערשט געמונענ פאָדערנ די קיניגלעכע קרוינ. דאנ האָט דער אויבער-פריסטער סציפיאָנ נאזיקא, איינער פונ טיבעריס פארביסנסטע קעגנער, אויסגעשריענ: „ווער עס וויל ראטעווענ דאָס פאָטערלאנד, זאָל פאָלגנ נאָכ מיר!“. צוזאמענ מיט די איבעריקע סענאטאָרנ אונ מיט א האמויג באוואָפנטע קליענטנ איז ער ארויסגעלאָפנ צומ שטאָט-פלאצ, ווו עס איז פאָרגעקומענ די פאָלקס-פארזאמלונג. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א ביטערער געשלעג. אינ דעמ געשלעג זײַנענ דערמאָרדעט געוואָרנ טיבערי אונ בא 300 זײַנע אָנהענגער. באנאכט האָט מענ די טויטע קערפערס זייערע ארײַנגעוואָרפנ אינ טיבער ארײַנ.

נאָכנ דערמאָרדנ טיבערי גראקכנ האָבנ זיכ די נאָבילנ ברוטאל צערעכנט מיט זייערע קעגנער. א סאכ פרײַנט אונ אָנהענגער פונ דעמ אומגעקומענעמ טריבונ זײַנענ געקעפט געוואָרנ. אינגיכנ האָט זיכ דער אריסטאָקראטיע אײַנגעגעבנ אָפּצושטעלנ די טעטיקײַט פונ דער קאָמיסיע. מע האָט בא איר אָפּגענומענ דאָס רעכט צו באשליסנ, וועלכע ערד איז מעלוכישע, וועלכע — פריוואטע.

טיבעריס געזעצ איז געבליבנ ניט פארווירקלעכט, די אינטערעסנ פונעמ פויערטומ זײַנענ, ווי פריער, געבליבנ ניט באפרידיקט.

77 §. גײַ גראקכ (די יאָרנ 123—121 פאר דער נײַער ערע).

גײַ גראקכ איז געווענ מיט 9 יאָר יינגער פונ טיבעריִנ. ער האָט פארמאָגט אנ אויסערגעוויינלעכנ רעדנער-טאלאנט אונ איז געווענ אנטשיידענער איידער דער ברודער. נאָכ טיבעריִס טויט האָט ער געשוואָרנ צו נוקעמ זײַנ זיכ אָנ די אריסטאָקראטנ אונ דערפירנ די ערד-רעפאָרמע ביזנ סאָפ. דאָס פאָלק האָט געקוקט אפ גײַענ, ווי אפנ פאָרזעצער פונ טיבעריס זאכ, אונ האָט אימ אויסגעוויילט אלס פאָלקס-טריבונ אפנ 123-טנ יאָר.

גײַ גראקכס געזעצנ.

גײַ האָט קוידעמקאָל באשלאָסנ צו שאפנ זיכ אנ אָנהאלט צווישנ דער רוימישער געזעלשאפט. צוליב אָט דעמ צוועק האָט ער דורכגעפירט דעמ ברויט-געזעצ. אינ העסקעמ מיט אָט דעמ געזעצ האָט דאָס פאָלק באקומענ ברויט אינ די מעלוכישע קראָמענ לויט אראָפגעזעצטע פרײַזנ. דערמיט האָט גײַ צוגעצויגנ אפ זײַנ צאד די רוימישע שטאָטישע אָרעמשאפט. קעדיי, ווײַטער, צו האָבנ אויכ די שטיצע פונ די האנדלס-עלעמענטנ, האָט ער דורכגעפירט דעמ געריכט-געזעצ. ביז דאנ פלעגט מענ בא אלע וויכטיקסטע פראָצעסנ באשטימענ אלס ריכטער א סענאטאָר. גײַס געזעצ האָט דאָס דאָזיקע רעכט אָפגענומענ בא די סענאטאָרנ אונ איבערגעגעבנ די רײַטער (דעמ האנדלס-שטאנד). אזויארומ האָבנ די רײַטער גענומענ שפּילנ א גרויסע ראָליע אינ דער מעלוכע. צוליב דעמ זעלבנ צוועק האָט ער דורכגעפירט נאָכ א מאָסמיטל: די שטײַערנ-ארענדע אינ קליינ-אזיע האָט ער איבערגעגעבנ די רוימישע פאכטערס.

אכוצ דעמ זײַנענ אינ די אינטערעסנ פונעמ אָרעמסטנ פויערטומ געגרינדעט געוואָרנ אינ איטאליע עטלעכע קאָלאָניעס. מע האָט געהאט בעדייע צו גרינדנ א קאָלאָניע אויכ אויסער איטאליע, — אינ אפריקע, אפנ אָרט פונעמ רויִנירטנ קארטאגענ. די טעטיקײַט פונ דער קאָמיסיע פאר צעטיילנ די ערד איז באנײַט געוואָרנ.

דער קאמפ קעגנ גײַ גראקכס געזעצ.

שטיצנדיק זיכ אפ די פאָלקס-מאסנ אונ אפ די האנדלס-עלעמענטנ, איז גײַ אינ יאָר 123 פאר דער נײַער ערע פאקטיש געוואָרנ דער אומבאגרענעצטער רעגירער פונ דער מעלוכע אונ איז אפנ יאָר 122 ווידער אויסגעוויילט געוואָרנ אלס פאָלקס-טריבונ. די נאָבילנ האָבנ מוירע געהאט ארויסצוטרעטנ קעגנ אימ אָפנ אונ האָבנ באשלאָסנ צו האנדלענ אפ אנ אנדער אויפנ. לויט זייער אייצע, האָט איינער פונ די פאָלקס-טריבונענ פאָרגעלייגט א געזעצפּראָיעקט וועגנ גרינדנ אינ איטאליע 12 קאָלאָניעס, צו 3 טויזנט קאָלאָניסטנ אינ יעדערער, אונ אינגאנצנ באפרײַענ זיי פונ באצאָלנ פאר דער ערד. דער סענאט האָט דעמ געזעצפּראָיעקט באוויליקט. דערמיט האָבנ די סאָנימ געוואָלט ארונטערײַסנ גײַס אײַנפלוס אפנ פאָלק. פאקטיש אָבער איז אינ איטאליע ניט געווענ קיינ פרײַע ערד, אז מע זאָל קאָנענ גרינדנ אזא צאָל קאָלאָניעס, אונ דער געזעצפּראָיעקט איז געבליבנ ניט מער ווי א פּראָיעקט. די פאָלקס-פארזאמלונג האָט אָבער פונ דאנ אָנ גענומענ באציִענ זיכ קאלט צו איר פירער.

באזונדערס האָט זיכ געענדערט די באציִונג צו גײַענ, ווענ ער האָט פאָרגעשלאָגנ דער פאָלקס-פארזאמלונג א געזעצפּראָיעקט וועגנ שענקענ בירגער-רעכט די

פאַרבינדעטע. אָט דער געזעצפּראָיעקט האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פונעם פּויערטום פון גאַנץ איטאַליע, דערפאַר איז ער ניט געפעלן געוואָרן דער רוימי־שער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, ווײַל דאָס רוימישע פּויערטום האָט ניט געוואָלט זיך טיילן מיט די איטאַליקן מיט זײַנע פּריווילעגירטער לאַגע. דערזען אַזאַ באַציִונג, האָט גײַ דעם געזעצפּראָיעקט צוריקגעצויגן, אָבער אויפן יאָר 121 איז ער שוין מער ניט אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָלקס־טריבון.

דער אופשטאַנד און דער אומקום פון גײַ גראַקכן.

דאַן זײַנען די אַריסטאָקראַטן אַריבער צו אַן אָפענעם אָנגריף. אין דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַרניכטן די קאָלאָניע, וואָס גראַקכן האָט געגרינדעט אין אַפריקע.

דערבײַ האָט מען זיך פאַרופן אָף פאַרשיידענע שלעכטע סימאָנים, וואָס שטערן קלוימערשט צו גרינדן קאָלאָניעס. אין דעם טאָג, ווען עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די דאָזיקע פראַגע, האָט דער סענאַט דערקלערט קריגס־צושטאַנד. גײַ מיט זײַנע אָנהענגער האָבן פאַרכאַפּט אַ טייל שטאָט, דער קאָנסול האָט אָבער אַרויסגעשטעלט קעגן זיי גרויסע באַוואָפנטע קרעפטן, און נאָך אַ קורצן קאַמף זײַנען די אופ־שטענדלער צעטריבן געוואָרן.

בײַס דעם צוזאַמענשטויס האָט גײַ אויסגעגלוסקט אַ פוס, און ניט וועלנדיק אַרײַנפאַלן צו די פײַנט אין די הענט אַרײַן, האָט ער באַפוילן דעם קנעכט, ער זאָל אים דערמאָרדן. די סאָנים האָבן ניט געלאָזט צורו אַפילו גײַס טויטן קערפּער, מע האָט אים אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אַרײַנגעוואָרפן אין טיבער אַרײַן. באַ 3 טויזנט גײַס אָנהענגער זײַנען געקעפּט געוואָרן (121־טן יאָר פאַר דער נײַער ערע).

אין אַ קורצער צײַט אַרום נאָכן טויט פונעם ייִנגערן גראַקכן איז אָפּגע־שטעלט געוואָרן די אַרבעט פון פאַנאַנדערגעבן די בירגער ערד, די צעטיילטע כאַלאָקים איז דערלויבט געוואָרן צו פאַרקויפן. דאָס פּויערטום איז ווידער גע־בליבן אָן ערד.

די ערד־רעפאָרמע האָט אַזויאַרום צו איר ציל ניט דערגרייכט. פון דער באַ־וועגונג, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט די ברידער גראַקכן, האָבן געווונען בלויז די רײַטער, דה. די האַנדלס־ און געלט־שיכטן פון רוים; דער פּראָצעס פון פאַרלירן די ערד האָט זיך צווישן פּויערטום ניט אָפּגעשטעלט. דער קלאַסן־קאַמף אין רוים איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן.

§ 78. מאַרי און די מיליטערישע רעפאָרמע. די מילכאָמע מיט די קימורן און טעווטאָנען.

די יוגורטישע מילכאָמע.

אין יאָר 146 פאַר דער נײַער ערע, ווען די קאַר־טאַגענער געגנט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוימי־שער פּראָווינץ, האָט די שכייניש נומידיע איר אומאָפּהענגיקײַט ניט פאַרלאָרן. די רוימישע רײַטער האָבן אָבער מיט גיריקע אויגן געקוקט אויפן רײַכן לאַנד און געוואָלט עס אַרונטערוואַרפן אונטער זייער מאַכט. אונטערן דרוק פון די רײַטער האָט רוים אין יאָר 111 פאַר דער נײַער ערע אָנ־געהויבן אַ מילכאָמע קעגן נומידיע.

די ערשטע צײַט האָבנ די רוימער געליטנ מאפּאָלעס אינ דער מילכאָמע, ווײַל דער נומידיער קייסער יוגורטא פלעגט אונטערקויפנ די רוימישע קריגספירער, אונ יענע האָבנ ניט געפירט קעגנ אימ קיינ אנטשיידנדע קריגס-אָפעראציעס.

גײַ מארי. די מילכאָמע ווערט פארענדיקט.

די לאגע האָט זיכ אָבער געענדערט דאנ, ווענ די פאָלקס-פארזאמלונג האָט אויסגעוויילט אלס קאָנסול אונ הויפט-קאָמאנדיר פונ דער מילכאָמע אינ אפריקע גײַ מארינ. דאָס איז געווענ זייער א פייִקער קריגספירער, וואָס האָט ניט געוואָלט אײַנגייִנ אפ קיינע פשאָרעס מיט יוגורטענ. ער האָט שנעל געמאכט א סאָפ צומ נומידיער קייסער. יוגורטא איז ארײַנגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט צו די רוימער. געפאנגענ האָט אימ מאריס געהילפ — קאָרנעלי סולא. די מילכאָמע האָט זיכ געענדיקט. יוגורטענ האָט מענ אוועקגעפירט קיינ רוימ אונ געקעפט. מארי איז געוואָרנ שטארק פאָפולער אינ רוימ.

גײַ מארי.

מאריס מיליטערישע רעפאָרמעס.

אינ יאָר 104 האָט מענ אימ א צווייט מאָל אויסגעוויילט אלס קאָנסול אונ הויפט-קאָמאנדיר. מארי האָט דורכגעפירט גרויסע רעפאָרמעס אינ דער ארמיי. פריִער האָבנ אינ דער רוימישער ארמיי געמעגט דינענ בלויז יענע, וועלכע זײַנענ געווענ פארעכנט צו דער אָדער יענער פארמעגנס-קאטעגאָריע. מארי האָט אָנגעהויבנ אופנעמענ אינ דער ארמיי אלעמענ, ווער עס האָט נאָר פארלאנגט, דערונטער אויכ ניט-פארמעגלעכע מענטשנ. דאָס האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט צו פארגרעסערנ דעמ דינסט-טערמינ אונ פיל בעסער אויסשולנ די סאָלדאטנ. אינ רעזולטאט איז די טעכניק פונעמ קריגס-וועזנ שטארק געשטיגנ.

מאריס מיליטערישע רעפאָרמע האָט געשפילט א גרויסע ראָליע פאר דער ווײַטערדיקער געשיכטע פונ רוימ. אדאנק דער רעפאָרמע איז די רוימישע ארמיי פארוואנדלט געוואָרנ אינ א געדונגענער ארמיי. יעדער קריגספירער, וואָס איז געווענ באליבט בא די סאָלדאטנ, האָט געקאָנט אויסנוצנ די ארמיי אינ זײַנע פערזענלעכע צילנ.

די אינוואזיע פונ די קימורענ אונ טעווטאָנענ. די מאפּאָלע זייערע.

אינ דעמ זעלבנ יאָר 104 פאר דער נײַער ערע זײַנענ פונ צאָפנ-זײַט אָנגעפאלנ אפ איטאליע די קימורענ אונ די טעווטאָנענ (גאלישע אונ גערמאנישע שוואָטימ). קעגנ זיי איז געשיקט געוואָרנ מארי, וואָס איז באריִמט געווענ מיט זײַנע קריגס-דערפאָלגנ.

די הויפט-שלאכט קעגנ די טעווטאָנענ איז פאָרגעקומענ ניט ווײַט פונ מאסיליע (מארסעל). נאָכ א לאנגער אונ אקשאָנעסדיקער שלאכט האָבנ די רוימער, אונטער מאריס קאָמאנדע, אָפּגעהאלטנ אנ אנטשיידנדעמ זיג. די מערהײַט טעווטאָנענ איז פארטיליקט געוואָרנ, די איבעריקע זײַנענ ארײַנגעפאלנ אינ געפאנגענ-

שאַפֿט (102-טן יאָר פֿאַר דער נײַער ערע). אין אַ יאָר אַרום האָבן די פֿאַרייניקטע רוימישע אַרמייען צעשמעטערט אויך די קימוורען (101-טן יאָר פֿאַר דער נײַער ע׳ ע). נאָך אָט די צוויי זיגן האָבן די רוימישע שקלאַפֿנבאַזיצער באַקומען נײַע 150 טויזנט שקלאַפֿן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער דאָזיקער גרויסער צוזאַמענשטויס צווישן רוים מיט די גאַלישע און גערמאַנישע שוואָטים.

אין פֿאַרלויף פֿון דער גאַנצער צײַט פֿון דער מילכאָמע קעגן די קימוורען און טעווטאָנען האָט מאַריִ געהאַט אַ געוואַלדיקן אײַנפֿלוס אין רוים און פֿלעגט אַלע יאָר אויסגעוויילט ווערן אַלס קאָנסול.

§ 79. דער צווייטער שקלאַפֿן־אויפֿשטאַנד אין סיציליע
(די יאָרן 104—100 פֿאַר דער נײַער ערע).

דער אָנהייב פֿונעם אויפֿשטאַנד.

אין דער זעלבער צײַט, ווען די רוימער האָבן געפֿירט די שווערע מילכאָמע אין צאָפֿן, איז אין סיציליע ווידער אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד פֿון די שקלאַפֿן.

לעבן דער שטאָט העראַקלייע, אין דאָרעם־מײַרעוו־טייל פֿון סיציליע, האָבן 30 שקלאַפֿן פֿון איינעם אַ רוימישן רײַכער געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג און דערהאַרגעט זייער האַר (104־טן יאָר פֿאַר דער נײַער ערע). מוירע האָבנדיק פֿאַר פֿאַרפֿאָלגונגען, זײַנען זיי אַוועק פֿון דער שטאָט און האָבן פֿאַרנומען דעם נאָענטסטן באַרג. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן די שקלאַפֿן פֿון דער אומגעגנט. דער סיצילישער שטאַטהאַלטער האָט אַרויסגעשיקט קעגן די אויפֿשטענדלער אַן אָטריאַד פֿון 600 זעלנער. די אויפֿשטענדלער האָבן צעקלאַפּט דעם אָטריאַד און דערבײַ פֿאַרכאַפּט אַ סאַך געווער.

דער אויפֿשטאַנד איז זיך ביסלעכווײַז צעוואַקסן — די שקלאַפֿן האָבן שוין געהאַט אַן אַרמיי פֿון 6 טויזנט מענטשן. בעראָש פֿון דער באַוועגונג האָט זיך געשטעלט דער שקלאַף סאַלווי, וואָס די אויפֿשטענדלער האָבן אים געהאַלטן פֿאַר זייער קייסער. סאַלווי האָט צעטיילט דאָס מיליטער אויף דרײַ טיילן, און אין שפּיץ פֿון יעדן אָטריאַד האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ ספּעציעלן נאַטשאַלניק. אינגיכן איז זײַן אַרמיי אויסגעוואַקסן ביז 20 טויזנט גוט געשולטע קריגסלײַט. די אַרמיי פֿון די שקלאַפֿן האָט שוין געהאַט אַפֿילע אַ קאַוואַלעריע.

אין דער זעלבער צײַט האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַן אויפֿשטאַנד אינעם מײַרעוו־טייל פֿונעם אינדזל סיציליע. אָנפֿירער פֿון אָט דעם אויפֿשטאַנד איז געווען דער דרייסטער און געשיקטער אַטיניאָן, אַ געוועזענער פּיראַט פֿון קליין־אַזיע. אין זײַן אַרמיי אַרײַן האָט ער גענומען בלויז אַזוינע שקלאַפֿן, וואָס האָבן אַמבעסטן געטויגט צום קריגס־וועזן. די איבעריקע האָבן געדאַרפֿט באַזאָרגן די אַרמיי מיט דערנערונג, אַרבעטן אין דער ווירטשאַפֿט און האַלטן זי אין פֿולשטענדיקער אָרדענונג. „מע מוז, — פֿלעגט אַטיניאָן זאָגן, — דאָס לאַנד צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים און רעזערוון, וואָס געפֿינען זיך אין אים, היטן, ווי דאָס זאָל זײַן אונדזער אייגנס“.

די פֿאַרברייטערונג פֿונעם אויפֿשטאַנד.

אינגיכן האָבן די אַרמייען פֿון סאַלווי און אַטיניאָן זיך פֿאַראייניקט. צונויפֿגעגאַנגען זײַנען זיי זיך אין דער שטאָט טריאַקאַלע, אינעם מײַרעוו־טייל פֿון סיציליע. אַטיניאָן האָט זיך פֿרײַוויליק אונטערגעוואָרפֿן סאַלווין און אָנערקענט אים אַלס קייסער, זיך זעלבסט — בלויז אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר. אַצינד האָט זיך דער בירגערקריג פֿאַרשפּרייט אויף אַ היפּשן טייל פֿון סיציליע. אין די שטעט, וואָס די אויפֿשטענדלער האָבן נאָך ניט געהאַט פֿאַרכאַפּט, זײַנען די קנעכט יעדע מינוט געווען גרייט אויפֿצושטיין און אָנשליסן זיך צו זייערע כאַווײרים.

דער רוימישער סענאַט איז געווען געצווונגען צו שיקן קיין סיציליע אַ גרויסע אַרמיי. די רוימער איז געלונגען צו צעקלאַפּן די פֿאַראייניקטע קרעפֿטן פֿון די שקלאַפֿן. סאַלווי צוזאַמען מיטן גאַנצן געבליבענעם טייל פֿונעם מיליטער האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט אין טריאַקאַלע.

די שקלאַפֿן האָבן באַשלאָסן צו קעמפֿן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. דאָס רוימישע מיליטער האָט ניט געקאָנט אײַננעמען די אומצוטריטלעכע און שטאַרק באַפֿעסטיקטע טריאַקאַלע.

אין אָט דער צײַט איז סאלווי געשטאָרבן, זײַן מאכט איז אריבער צו אטינ׳אָנען. אײַנהאלטן די שטאָט איז וואָס ווײַטער געוואָרן אלץ שווערער. עס האָט אויסגעפעלט דערנערונג. די לאגע פון די באלאגערטע איז געווען אן אויסוועגלאָזע. דאָך אָבער איז דער איבערבראָך לטובת די רוימער אָנגעקומען ערשט אין יאָר 101.

דער אופשטאנד ווערט דערשטיקט.

אין אן אנטשיידענער שלאכט אונטער טרי׳אָקאלע האָט דאָס רוימישע מיליטער צעקלאפט די אופגעשטאנענע שקלאפן. אטינ׳אָן איז אומגעקומען אין דער שלאכט, די רעשטן פון זײַן ארמיי זײַנען אָפּגעטראָטן קיין טרי׳אָקאלע. דערפירט צו פארצווייפלונג דורכן הונגער, האָט זיך די מערהײַט שקלאפן אונטערגעגעבן. טויזנטער קנעכט אָבער האָבן נאָך אלץ ניט אופגעהערט צו קעמפן. דאן האָבן די רוימער צוגעזאָגט צו שענקען זיי דאָס לעבן, און די דרייסטע קריגער האָבן זיך אונטערגעגעבן. מע האָט זיי אוועקגעשיקט קיין רוים און געצוווּנגען זיי ארויסצוטרעטן אף דער סצענע אלס גלאַדי׳אַטאָרן. ניט וועלנדיק דינען אלס לוסט־שפיל פארן רוימישן האמויך, האָבן זיי אין די אויגן פון דער וואך און פון די צושויער אויסגעשאָכטן איינע די אנדערע.

די שקלאפן-אופשטאנדן אין אטען און אין באָספאָר.

דער צווייטער סיציליער אופשטאנד האָט, פונקט ווי דער ערשטער, געפונען א לעבהאפטן אָפּקלאנג צווישן אנדערע אונטערדריקטע. די אטענער שקלאפן, וואָס האָבן געארבעט אין די לאוורי׳אָנער גרובנס, זײַנען אופגעשטאנען, האָבן אויסגעהארגעט די וואך און פארכאפט די פעסטונג באם ברעג יאם. פונדאנען פלעגן זיי א לאנגע צײַט מאכן רויבערנדיקע אָנפאלן אף אטיקע, ביז זיי זײַנען אונטערדריקט געוואָרן.

אין דער זעלבער צײַט איז פאָרגעקומען א גרויסער אופשטאנד פון די שקלאפן אין דער ווײַטער ראנד־געגנט פון דער גריכיש־רוימישער וועלט, אינעם באָספאָר־קיניגרײַך. דאָס קיניגרײַך האָט זיך געפונען אף דער טעריטאָריע פון די איצטיקע קערטשער און טאמאנער האלב־אינדזלען. געגרינדעט עס האָבן גריכישע קאָלאָניזאטאָרן נאָך אין VI יאָרה. פאר דער נײַער ערע. אין סאמע סאָף II יאָרה. פאר דער נײַער ערע זײַנען דאָרט אופגעשטאנען די שקלאפן די סקיפן אונטער דער אָנפירונג פון סאוומאקן. דעם באָספאָרישן קייסער האָבן זיי דערמאָרדעט און אף זײַן אָרט אויסגעוויילט סאוומאקן. ער האָט רעגירט אן ערעך צוויי יאָר און אפילע ארויסגעלאָזט מאטבייעס מיט זײַן נאָמען.

סאָפקאָלסאָף האָט דעם אופשטאנד דערשטיקט דאָס מיליטער פונעם פאָנטישן קיניגרײַך, וואָס האָט זיך געפונען אפן דאָרעמ־ברעג פון שווארצן יאם.

אָט די אלע אופשטאנדן זײַנען געווען צעשפליטערטע, זיי זײַנען אויסגעבראָכן ווײַט איינער פונעם אנדערן, דערפאר פלעגן זיי לײַדן א מאפּאָלע.

80 §. דער אופשטאנד פון די איטאליקן. סולעס דיקטאטור.

דער אופשטאנד פון די איטאליקן.

צום קאמף קעגן דער רוימישער הערשאפט, קעגן די רײַכע שקלאפנבאזיצער און דער אריסטאָקראטיע פלעגן זיך אופהייבן ניט נאָר די פויערים און שקלאפן. עס פלעגן אויך אופשטיין די אײַנוווינער פון די באצוווּנגענע געגנטן פון דאָרעמ־איטאליע, די אזויגערופענע איטאליקן. זיי האָבן נאָך אלץ געהייסן פארבינדעטע, ווײַל זיי פלעגן צושטעלן קיין רוים הילפס־מיליטער. ניט געקוקט דערויף, וואָס די פארבינדעטע פלעגן מילכאָמע האלטן צוזאמען מיט די רוימער, פלעגן זיי דאָך קריגן בלויז א נישטיקן טייל פונעם רויב און פון די מילכאָמע־אײַנקונפטן. דעם גרעסטן טייל פלעגן באקומען די רוימישע סאָלדאטן. אכוץ דעם האָבן די פארבינדעטע ניט געהאט קיין בירגער־רעכט. פאר זיי איז פארמאכט געווען דער צוטריט צו די רוימישע מעלוכישע און געזעלשאפטלעכע פאָסטנס. די אומצופרידנקייט פון די איטאליקן קעגן דער רוימישער אריסטאָקראטיע איז מיט יעדן יאָר געוואקסן אלץ מער.

אין יאָר 91 פאר דער נײַער ערע איז אלס פאָלקס-טריבון אויסגעוויילט געוואָרן ל י וו י ד ר ו ז. אין זײַן קאמף קעגן דער אריסטאָקראטיע האָט ער געוואָלט באוואָרענען זיך מיט דער שטיצע פון די איטאליקן. פאר דער שטיצע האָט ער זיי צוגעזאָגט צו דערשלאָגן זיך, אז זיי זאָלן באקומען ב י ר ג ע ר-ר ע כ ט. די רוימישע אריסטאָקראטיע האָט זיך אָבער דערוווּסט וועגן דעם און האָט אונטערגעשיקט צו דרוזן א מערדער. איינמאָל אין אָוונט, ווען דרוז האָט זיך אומגעקערט אהיים, איז ער דערמאָרדעט געוואָרן. דאן האָט דאָס איטאלישע פויערטום פארשטאנען, אז אפ א פרידלעכן אופן וועט עס קיין רעכט ניט באקומען, און עס האָט זיך גענומען צום געווער.

אין יאָר 90 פאר דער נײַער ערע איז דער אופשטאנד שוין געווען אין פולן ברען. ער איז גוט צוגעגרייט געוואָרן און האָט זיך טייקעף פארשפרייט איבער גאנץ מיטל- און דאָרעם-איטאליע. אלע קרעפטן פונעם פויערטום זײַנען מאָביליזירט געוואָרן קעגן די רוימער. יעדער איטאלישער שייוועט האָט זיך געהאט זײַן פירער.

די אופגעשטאנענע איטאליקן האָבן געשאפן א זעלבשטענדיקע מעלוכע צו מיזרעך-צו פון רוים. אלס הויפּט-שטאָט האָבן זיי דערקלערט די שטאָט ק אָ ר פ י נ י ע. די מעלוכע פון די איטאליקן האָט געהאט א סענאט פון 500 מיטגלידער און א פאָלקס-פארזאמלונג. די אָנפירונג מיטן לאנד האָט זיך (לויטן רוימישן מוסטער) געפונען אין די הענט פון צוויי קאָנסולן. די איטאליקן האָבן אפילע גענומען אויסשלאָגן אייגענע מאטבייעס.

די מעלוכע האָט אָבער עקזיסטירט ניט לאנג. אינגיכן זײַנען קעגן איר ארויסגעטראָטן די רעגירנדיקע גרופעס פון רוים. צו דערשטיקן דעם אופשטאנד זײַנען געשיקט געוואָרן די צוויי בעסטע רוימישע קריגספירער — מארי און סולא. איינצײַטיק איז ארויסגעגעבן געוואָרן א געזעץ, אז אלע פארבינדעטע, וואָס האָבן קיין אופשטאנדן ניט אופגעהויבן, באקומען בירגער-רעכט. א צווייטער געזעץ האָט צוגעזאָגט צו געבן בירגער-רעכט אויך יענע, וואָס וועלן אין פארלויף פון 60 טעג אוועקלייגן דאָס געווער. רוים האָט אזויארום געוואָלט צעטיילן די פארבינדעטע און דערנאָך אָפּרעכענען זיך מיט יעדער גרופע באזונדער. צווישן די פארבינדעטע איז ווירקלעך פאָרגעקומען א שפאלטונג, זייערע קרעפטן זײַנען צעשטויבט געוואָרן, און רוים האָט דעם אופשטאנד דערשטיקט. איינער פון די פירער פון אופשטאנד, ו י ד א צ י ל י, האָט, ניט וועלנדיק ארײַנפאלן לעבעדיקערהייט צו די רוימער, זיך אליין אונטערגעצונדן.

אין יאָר 88 פאר דער נײַער ערע זײַנען די איטאליקן ווידער אונטערטעניקט געוואָרן אונטער דער רוימישער הערשאפט.

אין רעזולטאט פון אָט די אלע אופשטאנדן — פון די שקלאפן, פויערטום און אונטערטעניקטע געגנטן — איז רוים אויסגעצערט געוואָרן.

סולעס דיקטאטור.

נאָך ניט באוויזן צו אונטערדריקן דעם אופשטאנד פון די איטאליקן, האָט זיך פון מיזרעך-זײַט אָנגערוקט אף רוים א נײַער פײַנט. מ י ט ר י ד א ט, דער קייסער פון פאָנט, האָט צונויפגענומען א גרויסע ארמיי, אופגעהויבן די שוואָטים, וואָס זײַנען געווען אונטערטעניק צו רוים, און זיך געלאָזט קעגן די רוימער.

די שקלאפנבאזיצער זײַנען געקומען צום אויספיר, אז מע דארף קאָנצענטרירן

די מאכט אינ די הענט פונ א שטארקנ קריגס-דיקטאטאָר. די אלטע אָרדענונג פונ דער שקלאפנבאזיצערישער רעפובליק האָט מענ פלאנירט צו פארבײַטנ אפ דער מאכט פונ דער מיליטער-קליקע. די גרויסע שקלאפנבאזיצער אונ די אריסטאָקראטנ האָבנ ארויסגעשטעלט סולענ אלס קאנדידאט אפנ פּאָסטנ פונ דיקטאטאָר אונ הויפט-קאָמאנדיר. די מיטלסטע אונ אונטערשטע שיכטנ פונ דער רוימישער באפעלקערונג האָבנ אָבער געשטיצט מאריס קאנדידאטור. אינ רוים האָט זיכ אָנגעהויבנ א פארביטערטער קאמפ צווישנ דער אריסטאָקראטישער אונ דעמאָקראטישער פארטייענ. יעדע פארטיי האָט געוואָלט, אז עס זאָל דורכגיינ איר קאנדידאט. סאָפקאָלסאָפ האָבנ זיכ די אריסטאָקראטנ דערשלאָגנ, אז סולא איז באשטימט געוואָרנ אלס קאָמאנדיר פונ דער ארמיי, וואָס איז געשיקט געוואָרנ קעגנ דעמ פּאָנטישנ קייסער מיטרידאט.

קאָרנעלי סולא.

ווי נאָר סולא איז אָפּגעפאָרנ אפ דער מילכאָמע קעגנ מיטרידאטנ, האָבנ מאריס אָנהענגער פארכאפט די מאכט אינ רוים. סולא האָט זיכ געמוזט צוריקקערנ אונ אופשטעלנ זײַנע דיקטאטאָרישע רעכט. ווענ ער איז אָבער צוריק אוועק קיינ מיזרעכ, האָבנ די מאריאנער ווידער געקראָגנ אינ רוים די אויבערהאנט.

סולא האָט געשטרעבט וואָס גיכער צו קומענ קיינ רוים, קעדיי ארויסצושטויסנ מארינ. ער האָט זיכ געאײַלט צו פארענדיקנ די מילכאָמע. אינ יאָר 83 פאר דער נײַער ערע איז געשלאָסנ געוואָרנ שאָלעמ מיט מיטרידאטנ. דער פּאָנטישער קייסער האָט זיכ פארפליכטעט אָפּצוּוייניקנ אלע געגנטנ, וואָס ער האָט געהאט פארנומענ, אויסצאָלנ די רוימער א קאָנטריבוציע אונ אָפּגעבנ זיי א טייל פונ זײַנ פלאָט.

נאָכ דעמ האָט זיכ סולא מיט זײַנ פערציקטויזנטקעפיקער ארמיי צוריקגעקערט קיינ איטאליע. מאריס אָנהענגער האָבנ ניט געוואָלט אָפּגעבנ רוימ. דער פארביסענער קאמפ האָט זיכ געצויגנ העכער א יאָר צײַט. אינ יאָר 82 פאר דער נײַער ערע האָט סולא סאָפקאָלסאָפ פארכאפט רוים אונ אײַנגעפירט א מיליטערישע דיקטאטור.

סולא האָט זיכ גענומענ אָפּרעכענענ מיט די מאריאנער. ער האָט אײַנגעפירט פּראָסקריפּציעס. אזוי האָבנ געהייסנ די רעשימעס פונ סולעס קעגנער. יעדנ איינעמ, וואָס איז ארײַנגעפאלנ אינ אזא צעטל, האָט געמעגט דערהארגענענ יעטווידער רוימער. סולא פלעגט נאָכ דערפאר באלוינענ אונ ארויסגעבנ דעמ מערדער א טייל פונעמ דערמאָרדעטנס פארמעגנ. אינ גאנצ איטאליע האָבנ זיכ אָנגעהויבנ דערמאָרדונגענ, מעסירעס אונ פארמעגנס-קאָנפיסקאציעס.

סולא איז פּראָקלאמירט געוואָרנ אלס דיקטאטאָר אפנ גאנצנ לעבנ.

פריער פלעגט א דיקטאטאָר באַקומען פולמאַכטן בלויז אַף 6 כאַדאָשים. איצט איז די דעמאָקראַטישע אָרדענונג אָפּגעשאַפט געוואָרן, סולא האָט אײַנגעפירט א מיליטערישע דיקטאַטור. די מאַכט פון די פאָלקס-טריבונען איז געמאַכט געוואָרן צו נישט. די רעכט פון דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג זײַנען געוואָרן באַגרענעצט. דער געריכט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער סענאַטאָרישער אַריסטאָקראַטיע. דער סענאַט איז פאַרגרעסערט געוואָרן ביז 600 מיטגלידער, דערבײַ בלויז פון סולעס אָנהענגער.

אזוי איז אין קאַמף קעגן דער סאָציאַלער באַוועגונג פון די אונטערשטע שיכטן אויפגעקומען די מאַכט פון דער מיליטערישער קליקע. פאַרניכטנדיק די דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין דער רוימישער רעפובליק, האָט סולא אויפגעפאָדערט אַלע שקלאַפנבאַזיצער צו פאַראייניקן זיך קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די אָנהענגער פון דער פריערדיקער אָרדענונג פון דער רעפובליק (די רעפובליקאַנער) האָבן אָבער אַרויסגעוויזן א ווידערשטאַנד, און סולא האָט ניט געקאָנט דערפירן ביזן סאָף אַלע זײַנע פּראָיעקטן. אַכוץ דעם איז ער שווער קראַנק געוואָרן און אין יאָר 79 פאַר דער נײַער ערע האָט ער זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון דער מאַכט פון דיקטאַטאָר.

אין א יאָר אַרום (אין יאָר 78) איז סולא געשטאָרבן. אָבער די רוימישע שקלאַפנבאַזיצער האָבן פאָרגעזעצט דעם קאַמף פאַר דער מיליטערישער דיקטאַטור.

81 §. דער קאַמף פון שפּאַניע קעגן רוים. ווירִיאַט און סערטאָרי.

די פעלקער, וואָס זײַנען געווען אונטערטעניק צו רוים, האָבן ניט אויפגעהערט צו מאַכן אויפשטאַנדן. ניט איין מאָל שוין האָבן זיך קעגן רוים אויפגעהויבן די גאַלישע שוואָטים אין צאָפן, די איטאַליקן — אין דאָרעם, די פעלקער פון קליין-אַזיע — אין מיזרעך. אַצינד האָט זיך קעגן דער רוימישער הערשאַפט אויפגעהויבן שפּאַניע.

שפּאַניע טרעט אַרויס קעגן רוים.

נאָך די פונישע מילכאָמעס זײַנען די פעלקער פון שפּאַניע (די לוזיטאַנער, קעלטיבערן, איבערן) אונטערטעניק געוואָרן צו רוים. דאָס לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א רוימישער פּראָווינץ. אין שפּיץ פון דער פּראָווינץ איז געשטאַנען א רוימישער שטאַטהאַלטער, וואָס האָט באַלעבאַטעוועט אין לאַנד, ווי זײַן האַרץ האָט זיך געגלוסט.

אויפשטאַנדן קעגן די רוימישע אונטערדריקער פלעגן אויסברעכן ניט איין מאָל. נאָך אין יאָר 218 פאַר דער נײַער ערע, ווען דאָס רוימישע מיליטער איז צום ערשטן מאָל אַרײַנגעדרונגען קיין שפּאַניע, זײַנען די שפּאַנישע פעלקער אַרויסגעטראָטן צו באַשיצן זייער פרײַהײַט. דער קאַמף פון די שפּאַניער פאַר זייער אומאָפּהענגיקײַט האָט ניט אויפגעהערט אין פאַרלויף פון זייער א לאַנגער צײַט.

ווירִיאַט.

איינע פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן צום קאַמף קעגן די רוימער, זײַנען געווען די לוזיטאַנער (וואָס האָבן געוווינט אין דער געגנט, ווו עס געפינט זיך די איצטיקע פּאָרטוגאַליע) און די קעלטיבערן (וואָס האָבן באַפעלקערט דעם צענטראַלן טייל

פונעם פירענייִשן האלב-אינדזל). דער גרעסטער אופשטאנד איז פֿאָרגעקומען אַן ערעך אין יאָר 150 פאר דער נײַער ערע. צו א גרויסן פארנעם האָט דער אופשטאנד דערגרייכט דאַן, ווען אין שפּיץ האָט זיך געשטעלט דער פּאַשעטער פאסטעך ווירִיאַט. געווען איז דאָס א טאלאנטפולער קריגספירער, דערצו האָט ער פארמאָגט א ריזיקע פיזישע קראפט. אומזיסט פלעגן די רוימער ארויסשיקן קעגן אים זייערע לעגיאָנען מיט די בעסטע קריגספירער. ווירִיאַט פלעגט זיי צעקלאפּן און אָן ראכמאָנעס פאַרניכטן. אזוי, צום בײַשפּיל, האָט ער אין יאָר 147 פאר דער נײַער ערע צעקלאפּט די ארמיי פונעם רוימישן קריגספירער וועטילי, וואָס איז געווען א סאך א גרעסערע איידער ווירִיאַטס ארמיי. וועטילי זעלבסט איז ארײַנגעפאלן אין געפאנגענשאפט און דערמאָרדעט געוואָרן.

יאָרנלאנג האָט ווירִיאַט געפירט א דערפאָלגרײַכן קאמף קעגן די רוימישע פארכאפּער. אין פּראָצעס פון דעם קאמף האָבן זיך צו אים אָנגעשלאָסן א סאך פארשיידענע שוואָטים. פאר דער פאַרייניקונג פון שפאניע און פאר זײַנע פירן א דערפאָלגרײַכן קאמף קעגן רוים איז ווירִיאַט פּראָקלאמירט געוואָרן אלס „קייסער פון שפאניע". ער האָט אָבער ניט געוואָלט טראָגן קיין קיניגלעכע קליידער, ער פלעגט זיך אָנטאָן ווי א געוויינלעכער זעלנער און ארויסטרעטן אין די ערשטע רייען פון זײַן ריזיקער ארמיי. דערפאר איז ער געווען בארימט אלס פירער פון גאנץ שפאניע. אפילע די רוימער זײַנען געווען געצוווּנגען צו אָנערקענען די פייִקײַטן פונעם שפאנישן פירער. זיי האָבן א נאָמען געגעבן ווירִיאַטן דער „ראָמול פונעם שפאנישן פאָלק", דה. דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט א פּרווו צו שאפן די שפאנישע מעלוכע. אין ווירִיאַטס לאגער האָבן זיך אָבער ארײַנגעשמוגלט פארעטער און אָרָפּגעריסן דעם קאמף פאר באפרײַען שפאניע פון אונטער דער מאכט פון די רוימער. אינמיטן נאכט, ווען ווירִיאַט איז געשלאָפן אין זײַן בײַדל, האָבן זיך צו אים ארײַנגעריסן מערדער און דערשטאָכן אים מיט קינזשאלן. אזוי איז פארעטעריש דערמאָרדעט געוואָרן דער לוזיטאנער פירער (אין יאָר 139 פאר דער נײַער ערע).

אין דער דאָזיקער צײַט האָבן אין צענטראלן טייל שפאניע פאָרגעזעצט דעם קאמף די קעלטיבערן. א באזונדערס פארביסענעם ווידערשטאנד קעגן די רוימער האָט ארויסגעוויזן די פעסטונג נומאנציע. יאָרנלאנג האָט דאָס רוימישע מיליטער באלאגערט די פעסטונג, נאָר אָן דערפאָלג. די נומאנציער האָבן ניט איין מאָל געצוווּנגען די רוימער מיט ביזיונעס אָפּצוטרעטן צוריק. ערשט אין יאָר 133 פאר דער נײַער ערע, נאָך דעם, ווי די אײַנוווינער פון דער באלאגערטער שטאָט האָבן איבערגעלעבט א שרעקלעכן הונגער, זײַנען זיי געצוווּנגען געווען אונטערצוגעבן זיך. די שטאָט איז צעראבירט געוואָרן און, פונקט ווי קארטאגען, איז זי כאָרעוו געוואָרן ביזן גרונט.

נאָך דעם, ווי נומאנציע איז געפאלן, זײַנען די שפאניער צוריקגעטראָטן. רוים האָט ווידער גענומען הערשן אין זייער לאנד, אָבער ניט אף לאנג.

סערטאָרי.

אין יאָר 81 פאר דער נײַער ערע איז אין שפאניע ארויסגעבראָכן אַן אופשטאנד קעגן רוים. אָנגעפירט מיטן אופשטאנד האָט דער רעפּובליקאנער סערטאָרי, וואָס איז אנטלאָפן פון סולעס פארפאָלגונגען קיין שפאניע. סערטאָרי האָט פון פארשיידענע שפאנישע שוואָטים צונויפגענומען א גרויסע ארמיי. ער האָט געבויט זײַן מיליטער אפן רוימישן

מע דערמאָרדעט סערטאָרינ (פונ א הײַנטצײַטיקער גראװיור).

שטײגער, ער האָט געעפנט שולן, װוּ די שפּאַנישע יוגנט האָט באַקומענ א מי־ליטערישע דערציִונג, אונ האָט זיכ צוגעקליבנ גוטע געהילפנ אונ קאָמאַנדירנ. פונ צװישנ זײ איז באַזונדערס באַרימט געװאָרנ מיט זײַנע ניצכוינעס איבער די רוימער — הירטולײ.

רוימ האָט אַרױסגעשיקט קעגנ סערטאָרינ גרױסע מיליטערישע קרעפטנ אינ דער שפּ״צ מיט די בעסטע קריגספירער. סערטאָרי פלעגט אָבער שטענדיק אָפּ־האַלטנ א זיג. פאַר די אױגנ פונ דעמ רוימישנ קריגספירער פּאָמפּײ האָט ער אײַנגענומענ אײנ שטאָט נאָכ דער אַנדערער. בײַס אײנער א שלאַכט (אַפנ מיזרעכ־דיקנ ברעגלאַנד פונ שפּאַניע) האָט סערטאָרי שיר ניט פאַרכאַפּט אינ געפאַנגענ־שאַפט פּאָמפּײענ גופע. פּאָמפּײ איז אָבער אַנטלאָפנ אונ אַזױאַרומ ניצל געװאָרנ.

מיט דער מילכאָמע קעגנ די רוימישע קריגספירער איז סערטאָרי אױסנ גע־װענ צו קעמפנ קעגנ דער אימ פאַרהאַסטער סולעס דיקטאַטור. אינ אָט דעמ קאַמפּ האָט זיכ סערטאָרי געשטיצט אַפנ שפּאַנישנ פאָלק, װעמענ ער האָט פאַר דער הילפ אינ דער מילכאָמע קעגנ רוימ צוגעזאָגט פרײַהײַט. אַכוץ דעמ האָט סערטאָרי געשלאָסנ א בונד מיטנ פּאָנטישנ קײסער מיטרידאַט, װאָס איז אױכ אַרױסגעטראָטנ קעגנ רוימ.

באַ צענ יאָר צײַט האָט זיכ געצױגנ די מילכאָמע פונ די שפּאַניער קעגנ רוימ. נאָר דאָ האָבנ זיכ אַרײַנגעמישט פאַרעטער אונ האָבנ זיכ באַמיט צו שטערנ דעמ שפּאַנישנ פאָלק צו פירנ װײַטער דעמ קאַמפּ. פּונקט װי בײַס דעמ קאַמפּ קעגנ װיריִאַטנ, האָט זיכ אױכ איצט קעגנ סערטאָרינ אָרגאַניזירט א גרופּע פאַ־

רעטער אונ געמאכט א פארשווערונג. אינ יאָר 72 פאר דער נײַער ערע האָבנ די פארעטער דערמאָרדעט סערטאָרינ בײַס א מאָלצײַט. צווישנ שפאנישנ מיליטער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אומאָרדענונגענ. רוימ האָט דאָס אויסגענוצט אונ אָפגערעכנט זיכ מיט די אופשטענדלער. אינ יאָר 71 פאר דער נײַער ערע איז דער אופשטאנד ענדגילטיק דערשטיקט געוואָרנ.

דערמיט האָט זיכ אָבער דער קאמפ פונ די שפאניער פאר זייער אומאָפהענגיקײַט ניט געענדיקט. זיי האָבנ אויכ שפעטער פאָרגעזעצט דעם קאמפ קעגנ רוימ.

§ 82. ספארטאקס אופשטאנד.

ספארטאק.

בײַס ס'איז אָנגעגאנגענ די מילכאָמע אינ שפאניע, האָט זיכ אינעווייניק אינ איטאליע אָנגעהויבנ א נײַע באוועגונג פונ די שקלאפנ. אינ שפיצ פונ דער באוועגונג איז געשטאנענ דער בארימטער ספארטאק (די יאָרנ 74—71 פאר דער נײַער ערע). ספארטאק האָט געשטאמט פונ פראקיע, פאר א שקלאפ האָבנ אים פארקויפט די רוימער. ער איז געווענ א גלאדיאטאָר אינ דער שטאָט קאפויע, אונ קעדיי אמוזירנ דעם עולעמ, האָט ער זיכ געמוזט ראנגלענ אינ צירק מיט אנדערע גלאדיאטאָרנ. פאר א גוטנ גלאדיאטאָר האָט מענ געהאלטנ יענעמ, וואָס פלעגט שנעל אונ שיינ דערמאָרדנ זײַנע קעגנער.

געלעבט האָט זיכ די קאפויער גלאדיאטאָרנ זייער שווער. דעריבער איז די אומצופרידנהײַט צווישנ זיי געווענ באזונדערס שטארק. אינ דער קאפויער גלאדיאטאָרנ-שול האָבנ צוויי הונדערט שקלאפנ מיט ספארטאקנ אינ דער שפיצ געמאכט א פארשווערונג. זיי האָבנ באשלאָסנ אופצוהייבנ אנ אופשטאנד אונ באפרײַענ די שקלאפנ. דער אופשטאנד האָט זיכ אופגעהויבנ אינ אזא צײַט, ווענ די רוימישע קויכעס זײַנענ געווענ פארנומענ אינ מײַרעוו (מיטנ קאמפ קעגנ שפאניע) אונ אינ מיזרעכ (מיטנ קאמפ קעגנ מיטרידאטנ).

א גלאדיאטאָרנ-געראנגל.



ספארטאק, א פארוואונדעטער אינ דיכ, ווערט זיכ קעגנ דעמ אָנפאל פונ הינטנ (א רעקאָנסטרויִרטע דעטאל אפ א פּאָמפּייער פרעסקע).

די פארשווערונג איז אָבער אופגעדעקט געוואָרנ. ספארטאק מיט זײַנע אָנהענגער זײַנע אנטלאָפנ אפנ בארג וועזוווי. פונ אלע זײַטנ זײַנענ זיכ צו ספארטאקנ צונויפגעקומענ קנעכט אונ פרײַע אָרעמשאפט.

ספארטאקס ארויס-טרעטונג.

קעגנ ספארטאקנ איז ארויסגעשיקט געוואָרנ א שטארקער אָטריאד. דאָס רוימישע מיליטער האָט באלאגערט די שקלאפנ אונ פארכאפט דעמ איינציקנ וועג, וואָס פירט אפנ ווולקאנ. ספארטאק אָבער האָט דאָ ארויסגעוויזנ די גרעסטע דערפינדערישקײַט אונ האָט ארויסגעראטעוועט זײַנ מיליטער. לויט זײַנ באפעל האָבנ די גלאדיאטאָרנ אָנגעשניטנ פעסטע ווײַנשטאָקנ אונ אויסגעפלאָכטנ פונ זיי שטריק. מיט די שטריק האָבנ זיכ די שקלאפנ אראָפגעלאָזט דורכ דער ווערטיקאלער זײַט פונ דעמ בארג, ווו קיינ רוימער זײַנענ ניט געווענ, אונ זײַנענ אָנגעפאלנ אפ די רוימער פונ הינטערלאנד. דער רוימישער אָטריאד איז אנטלאָפנ אונ איבערגעלאָזט די שקלאפנ דעמ גאנצנ לאגער זײַנעמ.

די ווײַטערדיקע ארויסטרעטונגענ פונ די רוימער קעגנ די שקלאפנ (אינ יאָר 73 פאר דער נײַער ערע) האָבנ אויכ קיינ דערפאָלג ניט געהאט. ספארטאק האָט צעקלאפט דאָס רוימישע מיליטער. זײַנ ארמיי איז אלצ געוואקסנ. אינ יאָר 72 זײַנענ קעגנ ספארטאקנ ארויסגעטראָטנ ביידע רוימישע קאָנסולנ. אויכ זיי אָבער האָבנ געליטנ א מאפּאָלע.

די לאגע פונ רוימ איז געווענ א שווערע. ספארטאק איז געוואָרנ אלצ מעכ-

2694—15

טיקער און שרעקלעכער. קיינער האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט צו נעמען אפ זיך די קאָמאנדע איבער דער ארמיי און ארויסטרעטנ קעגנ דעמ פירער פונ די שקלאפנ. ענדלעך, איז דערופ אײַנגעגאנגענ דער רוימישער גוויר און ספעקוליאנט מארק קראס.

ספארטאקס קריגס־מארשנ.

ספארטאק האָט פארשטאנענ, אז ענדגילטיק אײַנ־ברעכנ רוימ וועט ער ניט זײַנ אימשטאנד, האָט ער דעריבער געוואָלט ארויספירנ די שקלאפנ אויסער די גרענעצנ פונ איטאליע. בייס דעמ ערשטנ קריגס־מארש זײַנעמ האָט זיך ספארטאק געלאָזט דורכ גאנצ איטאליע צו די אלפנ. מיט אָט דעמ וועג האָט ספארטאק געוואָלט ארויספירנ די שקלאפנ און ברענגענ זיי אינ זייער היימלאנד — קיינ גריכנלאנד און קיינ גאליע. אזוי ווי אָבער דורכגיינ דורכ די אלפנ איז געווענ אויסערסט שווער, איז ספארטאק געצווונגענ געווענ צו ענדערנ די ריכטונג.

ספארטאק האָט פארטראכט א נײַעמ פלאנ. דאָס מאָל האָט זײַנ מיליטער זיך געדארפט לאָזנ קיינ סיציליע, אופהייבנ דאָרט אנ אופשטאנד און מיט דער הילפ פונ די אָרטיקע שקלאפנ דערקלײַבנ זיך קיינ גריכנלאנד. ספארטאקנ איז אָבער אויכ ניט געלונגענ אריבערצופירנ זײַנ ארמיי קיינ סיציליע. די פיראטנ, וואָס האָבנ זיך אונטערגענומענ אריבערצופירנ די שקלאפנ, האָבנ אָפּגענארט.

דאנ האָט ספארטאק באשלאָסנ אליינ אויסצובויענ פליטנ און אריבערשווימענ אפ זיי קיינ סיציליע. די שקלאפנ האָבנ זיך שנעל גענומענ בויענ פליטנ. קעדיי מאכנ זיי שטארקער, האָט מענ אונטער די פליטנ צוגעפעסטיקט פעסלעך. עס איז אָבער אויסגעבראָכנ א שטארקער שטורעמווינט און האָט אוועקגעטראָגנ אלע פליטנ אינ יאמ ארײַנ. אזוי איז געוואָרנ צונישט נאָכ איינ האָפענונג זיך ארויסצורײַסנ פונ קנעכטשאפט.

דערווײַל האָט קראס' מיליטער די גאנצע צײַט פארפאָלגט ספארטאקנ. ווענ נאָכ די אומגעלונגענע פרווונ אריבערצושיפנ זיך קיינ סיציליע האָבנ די שקלאפנ געוואָלט אומקערנ זיך צוריק, האָט זיך ארויסגעוויזנ, אז קראס האָט מיט א גראָבנ אָפּגעשניטנ זיי דעמ וועג פונ צאָפנ־זײַט. „בעסער אומקומענ פונ אײַזנ איידער פונ הונגער", — האָט געזאָגט ספארטאק. ער האָט זיך א ריס געטאָנ מיט זײַנ מי־ליטער פאָרויס און באנאכט דורכגעריסנ קראס' באפעסטיקונגענ.

דעמ דריטנ קריגס־מארש האָט ספארטאק פאָרגענומענ צומ פאָרט ברונדיזי. פונדאנענ האָט מענ לײַכטער און גיכער געקאָנט דערקלײַבנ זיך קיינ גריכנלאנד.

די מיינונגס־פארשיידנ־הײַטנ אינ ספארטאקס לאגער.

אָט די אלע לאנגע מארשנ האָבנ ארונטערגעריסנ די קרעפטנ פונ די ספארטאקיסטנ. דערצו נאָכ זײַנענ צווישנ זיי אופגעקומענ מיינונגס־פארשיידנהײַטנ. די שקלאפנ אינ שפיצ מיט ספארטאקנ האָבנ געוואָלט אוועקגיינ פונ איטאליע, ווו זיי זײַנענ געווענ פארקנעכטעט, און אומקערנ זיך אהיימ. די פויע־רימ ווידער, וואָס האָבנ זיך געפונענ אינ ספארטאקס מיליטער, האָבנ ניט גע־וואָלט אוועקגיינ פונ איטאליע, זיי האָבנ געוואָלט קעמפנ פאר דער ערד, פאר זייערע רעכט אינווייניק אינ איטאליע. אפנ צאד פונ די פויערימ איז געשטאנענ א קליינע צאָל שקלאפנ פונ די גערמאנישע שוואָטימ, וואָס האָבנ זיך שוינ לאנג אײַנגעלעבט אינ איטאליע.

צווישנ די שקלאפנ און די פויערימ האָבנ אזויארומ געהערשט כלוקעדייעס.



מע צערעכנט זיך מיט די אופגעשטאנענע קנעכט. בילד פונעם קינסטלער בראָניקאָוו (מעלוכישע טרעטיאַקאָווער גאַלעריי).

די שקלאַפן אַלײן זײַנען צװישן זיך אױך ניט געװען אײנשטימיק. דערצו איז רוים אין אָט דעם פּעריאָד נאָך געװען זײער שטאַרק. דער רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז געװען, אַז בײַם דער גרױסער שלאַכט, װאָס איז פאָרגעקומען אין פרילינג 71-טן יאָר, האָבן די ספּאַרטאַקיסטן ניט אױסגעהאַלטן דעם דראַנג פון גוט באַװאָפנטן פרישן רױמישן מיליטער און זײַנען צעקלאַפּט געװאָרן. ספּאַרטאַק האָט מוטיק געקעמפט ביזן סאָף. ער האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער סאַמע געדיכטעניש פונעם רױמישן מיליטער. אַ פאַרװונדעטער אין דיך, האָט ער זיך אָראָפּגעלאָזט אױף די קני און װײַטער געשלאָגן זיך, ביז ער איז ניט צעהאַקט געװאָרן אױף שטיקער. זײַן קערפּער האָט מען דערנאָך אַפילו ניט געקאָנט געפינען.

זעקס טױזנט געפאַנגענע שקלאַפן זײַנען געקרײציקט געװאָרן לענגאױס דעם גאַנצן װעג פון קאַפּוּיע ביז רוים. אָבער די געבליבענע רעשטן פון ספּאַרטאַקס אַרמײ זײַנען אַנטלאָפן קײן דאָרעם און דאָרט האָבן זײ נאָך אַ לאַנגע צײַט געקעמפט קעגן די רױמישע אָטריאַדן.

ספּאַרטאַקס מוט האָט איבעראַשט אַפילו די רױמער; זײ האָבן געזאָגט, אַז דער פירער פון די שקלאַפן די איז אומגעקומען „װי אַ גרױסער קריגספירער". ספּאַרטאַק איז אַרײַן אין דער געשיכטע, װי אַ מעסירעסנפעסטדיקער קעמפער קעגן די אונטערדריקער. ניט אומזיסט האָט לענין געזאָגט, אַז „ספּאַרטאַק איז געװען אײנער פון די אָנגעזעענסטע העלדן פון אײנעם פון די גרעסטע שקלאַפן-אױפשטאַנדן".

§ 83. קאַטילינעס פאַרשװערונג. פּאָמפּײ און צעזאַר.

קאַטילינאַ. נאָך די מאַסן-אױפשטאַנדן פון די שקלאַפן האָבן די פאָרשטײער פון דער רױמישער אַריסטאָקראַטיע װי-דער גענומען פאָדערן, אַז עס זאָל אײַנגעפירט װערן אַ מיליטערישע מאַכט. די מיליטערישע דיקטאַטור האָט בעסער געקאָנט באַשיצן די אינטערעסן און דאָס פאַרמעגן פון די שקלאַפנבאַזיצער. פּרעטענדענטן אױפן פּאָסטן פון אַ רױמישן דיקטאַטאָר זײַנען געװען אַ סאַך. אַנטשײדענער װי אַלע זײַנען אַרױסגעטראָטן די פאָרשטײער פון די רויִנירטע אַריסטאָקראַטן. צװישן זײ האָט זיך באַזונדערס אױסגעטײלט סולעס געװעזענער אָנהענגער — ק אַ ט י ל י נ אַ. ער האָט עטלעכע מאָל אַרױסגעשטעלט זײַן קאַנדידאַטור אַלס קאָנסול, זי איז אָבער ניט דורכגעגאַנגען. אין יאָר 65 פאַר דער גײַער ערע האָט ער מיט דער שטיצע פון די באַרימטע רױמער — צעזאַר און קראַס — געװאָלט דערמאָרדן די קאָנסולן און פאַרכאַפּן די מאַכט אין רוים. דער דאָזיקער פּלאַן האָט זיך אים אָבער אױך ניט אײַנגעגעבן.

אין יאָר 63 האָט קאַטילינאַ װידעראַמאָל אַרױסגעשטעלט זײַן קאַנדידאַטור אױפן פּאָסטן פון אַ קאָנסול. אין דער זעלבער צײַט האָט ער געגרײט אַ פאַרשװערונג קעגן דער רעפּובליק. קעדײ צוציִען דאָס פאָלק אױף זײַן צאַד, האָט קאַטילינאַ צוגעזאָגט אָפּצושאַפן אַלע כױװעס. דער גרעסטער טײל פון זײַנע אָנהענגער איז אָבער באַשטאַנען פון יאָרדישע אַריסטאָקראַטן. קאַטילינען האָבן כּוץ דעם געשטיצט סולעס װעטעראַנען (אַלטע סאָלדאַטן), װאָס האָבן זײַנערצײַט געהאַט באַקומען ערד־כאַלאָקים, נאָר צו אַרבעטן האָבן זײ זיך ניט צוגעװױנט און האָבן

שוינ צו אָט דעם מאָמענט באוויזנ צו רוּינירט ווערנ. קאטילינא האָט אויכ געהאט אָנהענגער צווישנ דעם האמוינ פּוסטעפּאסניקעס, וואָס האָבנ געלעבט ניט פונ ארבעט, נאָר פונ גווירישע נעדאָוועס.

די פארשווערונג קעגנ דער רעפּובליק האָט באצײַטנס אויפגעדעקט דער רעפּובליקאנער — דער קאָנסול צ י צ ע ר אָ נ. דאָס איז געווענ א גלענצנדיקער אָראטאָר, וואָס האָט געשעצט אינ רוים מיט זײַנ רעדנער-קונסט. ניט געקוקט אפ זײַנע וואקלונגענ, איז ציצעראָנ געווענ א קאָנסעקווענטער פארטיידיקער פונ דער רעפּובליקאנישער אָרדענונג. ער האָט געהאלטנ קעגנ קאטילינענ פלאמיקע רעדעס, ער האָט געפאָדערט צו קעפּנ קאטילינענ דערפאר, וואָס ער האָט געוואָלט ארויפוארפנ די רעפּובליק. אינעם סענאט האָט מענ זיכ אָבער געוואקלט. ענדלעכ, האָבנ די רעפּובליקאנער דאָכ באקומענ די איבערוואָג. עס איז באשלאָסנ געוואָרנ צו קעפּנ קאטילינענ אונ די אנדערע פארשווערער. קאטילינעס אָנהענגער, וואָס זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ אינ רוים, האָט מענ געקעפּט. קאטילינא אליינ אָבער האָט צוזאמענ מיט א טייל פונ זײַנע מענטשנ באוויזנ צו אנטלויפנ קיינ עטרוריע, ווו עס האָבנ זיכ געפונענ די ערד-כאלאָקימ פונ סולעס וועטעראנענ, וועלכע האָבנ אימ געשטיצט. דאָרט האָט ער צונויפגענומענ זײַנע אָנהענגער אונ איז מיט זיי ארויסגעטראָטנ קעגנ דעם רעגירונגס-מיליטער. די שלאכט איז פאָרגעקומענ אינ יאָר 62 פאר דער נײַער ערע. קאטילינא האָט זיכ פארביטערט געשלאָגנ, זײַנ מיליטער איז אָבער צעקלאפּט געוואָרנ אונ ער אליינ איז געפאלנ אפנ שלאכטפעלד.

מארק טולי ציצעראָנ.

די רעפּובליקאנישע אָרדענונג איז אײַנגעהיט געוואָרנ, אָבער ניט אפ לאנג. די שקלאפנבאזיצערישע אריסטאָקראטיע האָט ניט אויפגעהערט צו קעמפנ פאר א מיליטערישער דיקטאטור. אפ דער סצענע זײַנענ ארויסגעטראָטנ נײַע פּאָליטישע טוער: פּ אָ מ פּ י י אונ צ ע ז א ר.

פּאָמפּיי און צעזאַר.

גנײַ פּאָמפּיי איז אויכ געווענ סולעס אַנ אָנהענגער. ער האָט זיכ ארויסגערוקט נאָכ בײַסנ אונטערדריקנ סערטאָריס אויפשטאנד אינ שפּאניע. דערנאָכ האָט ער באקומענ אנ אויפטראָג צו מאכנ א סאָפ צו די פּיראטנ אינ מיטללענדישנ יאם. די פּיראטנ פלעגנ פארהאלטנ אפנ יאם די טוווע-פראכטנ, וואָס זײַנענ געגאנגענ קיינ איטאליע, זיי פלעגנ ראבירנ די ברעגלענדער אונ אוועקפירנ אינ געפאנגענשאפט אָנגעזעענסטע רוימער. פּאָמפּיי האָט זיכ שנעל ספראוועט מיט די פּיראטנ אונ איז געוואָרנ שטארק פּאָפּולער.

נאָכ דעם איז פּאָמפּיי געשיקט געוואָרנ קיינ מיזרעכ צו קעמפנ קעגנ דעם פּאָנטישנ קייסער מיטרידאט, וואָס איז ווידער ארויסגעטראָטנ קעגנ רוים. די מילכאָמע קעגנ מיטרידאטנ האָט פּאָמפּיי פארענדיקט מיט דערפאָלג. דערנאָכ איז

ער אוועק קיין סיריע און אונטערטעניקט זי צוזאמען מיטן קיניגרײַך יעהודע. קיין רוים האָט ער זיך צוריקגעקערט אין יאָר 62 מיט קאָלאָסאלע אָנגעראבעוועטע רײַכטימער און באקרוינט מיט רום.

א גרויסע ראָליע האָט אין אָט דער צײַט אויך גענומען שפּילן גײַ יוליוס צעזאר. ער איז געווען פון אן אריסטאָקראטישער אָפּשטאמונג און איז געוואָרן פּאָפּולער דורך דעם, וואָס ער פלעגט אײַנאָרדענען פארן פאָלק פארשיידענע שוישפּילן. צעזאר איז געווען א קלוגער און א פאָרזיכטיקער מענטש. די ערשטע צײַט איז ער אליין ניט ארויסגעטראָטן, נאָר באמיט זיך צו קומען צו דער מאכט דורך אנדערע פּערזאָנען. צוליב דעם האָט ער פריִער געשטיצט קאטילינען. אז קאטילינעס פארשווערונג איז דורכגעפאלן, האָט צעזאר געוואָלט דערגרייכן צו דער מיליטערישער דיקטאטור דורך קראסן און פּאָמפּייען. צוזאמען מיט זיי האָט ער אָרגאניזירט א פארשווערונג קעגן דער רעפּובליק.

גנײַ פּאָמפּײ.

§ 84. דער ערשטער טריִומוויראט. צעזארס דיקטאטור.

דער ערשטער טריִומוויראט.

אין יאָר 60 פאר דער נײַער ערע איז צווישן צעזארן, פּאָמפּייען און קראסן געשלאָסן געוואָרן א געהיימער בונד אונטער צעזארס אָנפירונג. דער בונד האָט געהייסן טריִומוויראט[1]. דער ציל פונעם בונד איז געווען — פארכאפּן די מאכט און צעטיילן זי צווישן די טריִומווירן. דער טריִומוויראט האָט געזאָלט ווערן א פאָרם פון דער מיליטערישער דיקטאטור.

מיט פּאָמפּייס און קראס' הילף איז צעזאר געוואָרן קאָנסול. ער האָט זיך דערשלאָגן, אז פּאָמפּייס סאָלדאטן זאָלן באקומען ערד, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער סענאט איז געווען קעגן דעם. צעזאר האָט דאָס געטאָן, קעדיי צו האָבן א שטיצע צווישן דעם מיליטער. עס זײַנען אויך באשטעטיקט געוואָרן אלע פאראָרדענונגען, וואָס פּאָמפּיי האָט אָפּגעגעבן אפן מיזרעך. ווען עס האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון זײַן קאָנסול־פולמאכט, האָט צעזאר באקומען דעם פּאָסט פון שטאטהאלטער פון גאליע (58־טן יאָר פאר דער נײַער ערע).

צעזאר אין גאליע.

גאליע איז נאָך אָבער ניט געווען דעראָבערט; צו די רוימער האָט געהערט בלויז דער דאָרעם־מיזרעכדיקער ווינקל פון גאליע. צעזאר האָט געדארפט באצווינגען דאָס גאנצע לאנד.

די באפעלקערונג פון גאליע איז באשטאנען פון א סאך שוואָטים. בעראָש פון די שוואָטים זײַנען געשטאנען די אריסטאָקראטיע און די פּריסטערס. די גאלישע

---

1 טריִומוויראט — א בונד פון דרײַ פּערזאָנען.

שוואָטים האָבנ געפירט קעסיידערדיקע מילכאָמעס צווישנ זיכ. דאָס האָט זיי אָפּ-געשוואכט אונ אזויארומ לײַכטער געמאכט צעזארנ אויסצופילנ זײַנ אופגאבע.

דאָכ איז די מילכאָמע קעגנ די גאלנ אָנגעקומענ זייער שווער, ווײַל זיי האָבנ פארמאָגט א גרויסע ארמיי, וואָס איז באשטאנענ פונ דרייסטע קריגער. צעזארס ארמיי האָט ניט איינ מאָל געליטנ א מאפּאָלע. די רוימישע קריגס-טעכניק איז אָבער געווענ א העכערע, דאָס מי-ליטער — אָרגאניזירטער, צעזאר אליינ האָט פאר-מאָגט גלענצנדיקע פייִקײַטנ — דאָס אלצ האָט גענומענ די אויבערהאנט. פונ צעזארנ זײַנענ מיט ביזויענ אנטלאָפנ די גערמאנער מיט אריאָ-וויסטנ אינ שפּיצ. צעזאר האָט ענדגילטיק צע-קלאפּט דאָס מיליטער פונ די גאלנ בעראָש מיט זייער פירער ווערצינגעטאָריקס. עס איז אונטערטעניקט געוואָרנ גאנצ גאליע; גלײַכ נאָכ דעמ האָט זיכ צעזאר געלאָזט קיינ בריטאניע.

גײַ יוליוס צעזאר.

די צאָל רויב, וואָס צעזאר האָט פארכאפּט אינ גאליע, איז געווענ זייער גרויס. ער האָט אויסגעליידיקט די גאלישע הייליקטימער, וואָס זײַנענ געווענ פול מיט געשאנקענ, אונ האָט אָפּט כאָרעוו געמאכט גאנצע שטעט אויסשליס-לעכ צוליב דעמ, קעדיי צו פארכאפּנ רויב. דער רעזולטאט איז געווענ, אז ער האָט אָנגע-ראבעוועט אזויפיל גאָלד, אז ער האָט דערנאָכ געהאנדלט דערמיט אינ איטאליע אונ אינ די פּראָ-ווינצנ, פארקויפנדיק צו 3 טויזנט סעסטערציעס א פונט.

צעזאר פלעגט אויכ ניט פארגעסנ אָנ די סאָלדאטנ. קעדיי צו באהעפטנ די ארמיי ארומ זיכ, האָט ער אינצווייענ פארגרעסערט דאָס גע-האלט פונ די לעגיאָנערנ אונ פלעגט צומאָל אפילע שענקענ זיי קנעכט.

די צעפאלונג פונעמ טריומוויראט.

אינ דער צײַט, וואָס צעזאר איז געווענ פארנומענ מיט דעראָבערנ גאליע, איז קראס אומגעקומענ אפנ מיזרעכ אינ קאמפ קעגנ די פארפיאנער. דער טריומוויראט איז זיכ צעפאלנ. צעזאר אונ פּאָמפּיי האָבנ אינגאנצנ אײַנגערעדט איינער מיטנ אנדערנ אונ ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ צווישנ זיי א קאמפ פאר דער מאכט.

צעזארס פולמאכטנ אינ גאליע האָבנ זיכ געענדיקט אינ אָנהייב 49-טנ יאָר. דער סענאט האָט אימ פאָרגעלייגט פאנאנדערצולאָזנ דאָס מיליטער אונ קומענ קיינ רוימ. צעזאר האָט זיכ אָבער אָפּגעזאָגט אויסצופילנ די פאָראָרדענונג. ער האָט גע-וואָלט מיט דער הילפ פונ זײַנ מיליטער פארכאפּנ די מאכט אינ רוימ.

אינ יאנוואר 49-טנ יאָר איז צעזאר מיט איינ לעגיאָנ אונ מיט דער קאוואלעריע

אריבערגעגאנגענ דאָס טײַכל רוביקאָנ, וואָס האָט געדינט אלס גרענעצ פונ איטאַ־ליע, קעדיי אוועקצולאָזנ זיכ אפ רוימ. מע זאָגט, אז צעזאר איז לאנג געשטאנענ לעבנ רוביקאָנ אונ געוואקלט זיכ. ענדלעכ, האָט ער מיט די ווערטער „דער גורל איז געוואָרפנ“ אָפּגעגעבנ א פאַראָרדענונג אריבערצופירנ דאָס מיליטער. דערנאָכ האָט ער זיכ מיט א שנעלנ מארש אוועקגעלאָזט אפ רוימ.

דערהערט, אז צעזאר גרײַכט אָנ, זײַנענ די קאָנסולנ אונ א טייל פונ די סע־נאטאָרנ אנטלאָפנ פונ רוימ. פּאָמפּיי איז אוועקגעפאָרנ אפנ באלקאנישנ האלב־אינדזל אונ האָט זיכ דאָרט גענומענ גרייטנ צו מילכאָמע.

צעזאר האָט אײַנגענומענ רוימ אָנ קאמפ. ער איז זיכ באגאנגענ זייער מילד מיט זײַנע פײַנט אונ האָט קיינעמ ניט געקעפּט. אָפּגעווענ אינ רוימ עטלעכע טעג, האָט זיכ צעזאר אוועקגעלאָזט קיינ שפּאניע, ווו עס איז געשטאנענ פּאָמפּייס א סאכ מיליטער. צעזאר האָט זיי געצווּנגענ אונטערצוגעבנ זיכ. דערנאָכ האָט ער זיכ גע־לאָזט צומ באלקאנישנ האלב־אינדזל קעגנ דער ארמיי פונ פּאָמפּייענ גופע. אינ יונ 48־טנ יאָר איז צווישנ זיי פאָרגעקומענ א שלאכט בא פארסאל (אינ פעסאליע). פּאָמפּייס מיליטער איז צעקלאפּט געוואָרנ. פּאָמפּיי גופע איז אנטלאָפנ קיינ עגיפּעט אונ דאָרט האָט מענ אימ דערמאָרדעט לויטנ באפעל פונעמ עגיפּטישנ קייסער.

צעזאָר אינ עגיפּטנ.

צעזאר האָט זיכ אויכ אוועקגעלאָזט קיינ עגיפּעט. אינ אלעקסאנדריִע איז דאנ פאָרגעקומענ א קאמפ צווישנ די קינדער פונ דעמ פארשטאָרבענעמ קייסער, וואָס איז געווענ איינער פונ די פּטאָלאָ־מייענ. צעזאר האָט זיכ ארײַנגעמישט אינעמ קאמפ אונ זיכ געשטעלט אפנ צאד פונ דער קייסערינע קלעאָפּאטרע, וואָס די אלעקסאנדריִער האָבנ זי געהאט פארטריבנ.

מיט דער ארײַנמישונג פונ די רוימער אינ די אינערלעכע איניאָנימ פונ עגיפּעט אונ מיט זייער צאפנ געלט האָבנ זיי ארויסגערופנ קעגנ זיכ אנ אופ־שטאנד. צעזאר איז באלאגערט געוואָרנ אינעמ קיניגלעכנ פּאלאצ. בײַס דער באלאגערונג פונעמ פּאלאצ איז אָפּגעברענט געוואָרנ אויכ די בארימטע אלעק־סאנדריִער ביבליאָטעק. צעזאר האָט די ערשטע צײַט געהאט ווייניק מיליטער אונ די לאגע זײַנע איז געווענ זייער א געפערלעכע. ערשט דאנ, ווענ צעזארנ זײַנענ געקומענ צו הילפ פרישע קויכעס פונ אזיע, איז אימ געלונגענ צו דערשטיקנ דעמ אופשטאנד. אוועקגעזעצט קלעאָפּאטרענ אפנ עגיפּטישנ טראָנ, האָט ער אינ פרילינג 47־טנ יאָר פארלאָזט עגיפּעט.

נאָכ דעמ האָט זיכ צעזאר אוועקגעלאָזט קעגנ מיטרידאטס זונ פארנאק, וואָס האָט געהאט פארכאפּט א טייל פונ קליינ־אזיע. צעזאר האָט אימ אזוי שנעל צעקלאפּט, אז ער האָט אָנגעשריבנ וועגנ דעמ קיינ רוימ סאכאקל דרײַ ווערטער: „געקומענ, געזענ, געזיגט“. דערנאָכ האָט ער אינ צוויי גרויסע שלאכטנ פארניכ־טעט די פּאָמפּייער אינ אפריקע אונ אינ שפּאניע.

צעזאר — הערשער פונ רוימ.

אומגעקערט זיכ קיינ רוימ, איז צעזאר געוואָרנ אומבאגרענעצטער הערשער. ער איז באשטימט געוואָרנ אלס דיקטאטאָר אפנ גאנצנ לעבנ. איינצײַטיק איז ער אויכ געווענ קאָנסול, האָט געהאט די מאכט פונ א פאָלקס־טריבונ אונ די רעכט פונ א צענזאָר. אינ יאָר 44 האָט אימ איינער פונ זײַנע אָנהענגער, דער קאָנ־סול מארק אנטאָני, פאָרגעלייגט צו ווערנ קייסער. צעזאר האָט זיכ אָבער אָפּגעזאָגט: ער האָט מוירע געהאט פאר פאָלקס־אומרוענ אונ האָט באשלאָסנ



יוליוס צעזאר ווערט דערמאָרדעט בייס א זיצונג אין סענאט (פון א בילד פון א היינטצייטיקן קינסטלער).

דערווײַל אָפּצוהאַלטן זיך פון פּראָקלאַמירן אָפיציעל א מאָנארכיע. דעריבער האָט אין רוים אויסערלעך נאָך אַלץ עקזיסטירט די רעפּובליק: עס זײַנען פּארבליבן אי דער סענאַט, אי די פאָלקס-פארזאמלונג, אי די געוויילטע אמט-פערזאָנען. פאקטיש אָבער איז צעזאר געווען אן אומבאגרענעצטער מאָנארך. די צאָל סענאַטאָרן האָט צעזאר פארגרעסערט ביז 900, קאָמפּלעקטירנדיק דעם סענאט מיט זײַנע אָנהענגער, און די פאָלקס-פארזאמלונג פלעגט שטימען לויט צעזארס אָנווײַזונגען.

קאָלזמאן צעזאר האָט זיך געריסן צו דער מאכט, האָט ער געמאכט אן אָנשטעל פון אן אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע; ווען ער האָט אָבער די מאכט באַקומען, האָט ער אײַנגעריסן מיטן פאָלק. צעזאר האָט אָפּגעוואָרפן דעם געזעץ וועגן אָפּשאפן די כויוועס, ער האָט פארקלענערט די אומזיסטע ארויסגעבונגען פון ברויט און האָט פארבאָטן די פאראייניקונגען פון האנטווערקער, די אזויגערופענע „קאָלעגיעס”. די אומרוען אין איטאליע האָט ער ניט איין מאָל דערשטיקט מיט באוואָפנטער קראפט.

צעזארס אומקום.

עס האָט געגומען וואקסן די אומצופרידנקייט קעגן צעזארן. צווישן דעם רעפּובליקאנישן טייל פון די סענאַטאָרן האָט זיך אָרגאניזירט א פארשווערונג קעגן זײַן לעבן. בעראָש פון דער פארשווערונג זײַנען געשטאנען די רעפּובליקאנער ברוט און קאסי. דעם 15-טן מארט 44-טן יאָר פאר דער נײַער ערע האָבן די פארשווערער דערמאָרדעט צעזארן בײַס א זיצונג פונעם סענאט.

מיט זײַן טעטיקײַט האָט צעזאר אונטערגעריסן די רעפּובליק. אין פּראָצעס פון קאמף קעגן דער רעפּובליקאנישער אָרדענונג האָבן די שקלאַפנבאזיצער בעהאדראָגעדיק פארלייגט די יעסוידעס פון דער אימפּעריע.

§ 85. דער אונטערגאנג פון דער רעפּובליק.

דער צעזאר-מאָרד האָט ניט געבראכט דערצו, אז די רעפּובליק זאָל צוריק אופגעשטעלט ווערן. דער שקלאַפנבאזיצערישער קלאס האָט ניט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון דער מיליטערישער דיקטאטור. די רעפּובליקאנער די פארשווערער האָבן געמוזט אנטלויפן. עס האָבן זיך באוויזן נײַע פּרעטענדענטן אפן פּאָסטן פון א דיקטאטאָר. צעזארס אָרט האָבן געטרוימט צו פארנעמען דער ערגײַציקער קריגספירער, צעזארס פרײַנט — מארק אנטאָני און דער שעף פון דער קאוואלעריע בײַס צעזארס הערשאפט — לעפּיד.

אָקטאוויאַן. דער צווייטער טריומוויראט.

אין אָט דעם מאָמענט האָט זיך אין רוים באוויזן א נײַער פּאָליטישער טוער. געווען איז דאָס א כיטרער און פלינקער יונגערמאן, צעזארס שוועסטערס אן אייניקל, מיטן נאָמען אָקטאוויאַן. צעזאר האָט אים אדאָפּטירט און געמאכט פארן יורעש פונעם גרעסטן טייל פון זײַן פארמעגן. דאָס האָט צוגעצויגן אפ אָקטאוויאַנס צאד צעזארס וועטעראנען און ארום אים האָט זיך צונויפגעזאמלט א גרויסע ארמיי. מיט דער דאָזיקער ארמיי איז אָקטאוויאַן ארויסגעטראָטן קעגן אנטאָנין. צעקלאפּט אנטאָנין, האָט אָקטאוויאַן אָבער געשלאָסן מיט אים א בונד, ווײַל ער האָט ניט

געגלייבט, אז ער איינער אליינ וועט זײַנ אימשטאנד צו באפעסטיקנ זײַנ מאכט אינ רוים. צום בונד איז אויכ צוגעצויגנ געוואָרנ לעפיד.

אנטאָני, אָקטאוויִאנ אונ לעפיד האָבנ געבילדעט דעמ צווייטנ טריִומוויראט (אינ 43-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע), וועלכער איז, צומ אונטערשייד פונעמ ערשטנ טריִומוויראט, באשטעטיקט געוואָרנ דורכ דער פאָלקס-פארזאמלונג. די טריִומווירנ האָבנ באקומענ אנ אומבאגרענעצטע מאכט אפ 5 יאָר צײַט, „קעדיי אײַנצואָרדענענ די מעלוכע-איניאָנימ".

קוידעמקאָל האָבנ די טריִומווירנ געמוזט קריגנ געלט אפ צו באלוינענ זייערע סאָלדאטנ. האָבנ זיכ דעריבער אינ איטאליע ווידער אָנגעהויבנ קעפונגענ אונ קאָנפיסקאציעס. עס זײַנענ דאנ אומגעקומענ בא 2 טויזנט רײַטער אונ 300 סענאטאָרנ, דערונטער אויכ ציצעראָנ, וואָס איז ארויסגעטראָטנ קעגנ אנטאָנינ צו באשיצנ די רעפובליק.

דער אומקומ פונ די לעצטע רעפובליקאנער.

א גרויסע געפאר פאר די טריִומווירנ זײַנענ געווענ ברוט אונ קאסי, וואָס האָבנ צונויפגעזאמלט אינ מיזרעכ אנ ארמיי אפ צו באשיצנ די אונטערגייענדיקע רעפובליק. אנטאָני אונ אָקטאוויִאנ האָבנ זיכ אוועקגעלאָזט קיינ מאקעדאָניע אונ דאָרט לעבנ דער שטאָט פיליפנ צעקלאפט די רעפובליקאנישע ארמיי (42-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע). ברוט אונ קאסי זײַנענ באגאנגענ זעלבסטמאָרד, אונ די רעשטנ פונ זייער מיליטער זײַנענ אריבער אפנ צאד פונ די טריִומווירנ.

אצינד האָבנ די טריִומווירנ געדארפט האָבנ געלט אפ צו צעצאָלנ זיכ מיט די נײַע סאָלדאטנ. קעדיי צו קריגנ געלט, איז אנטאָני אוועקגעפאָרנ קיינ מיזרעכ, אָקטאוויִאנ האָט זיכ אומגעקערט קיינ איטאליע, האָט דאָרט אָנגעהויבנ אָפנעמענ ערד בא די באזיצער אונ פאנאנדערטיילנ זי צווישנ זײַנע וועטעראנענ.

אינ איטאליע איז געוואָקסנ די אומצופרידנקײַט מיט אָקטאוויִאנענ. די אומצופרידענע האָבנ זיכ גרופירט ארומ סעקסט פאָמפייענ, דעמ בארימטנ קריגס-פירער פאָמפייס א זונ. סעקסט פאָמפיי האָט אויסגענוצט קעגנ אָקטאוויִאנענ די פיראטנ אונ די סיצילישע שקלאפנ.

אנטאָני אינ מיזרעכ. די שלאכט בא אקציומ.

אינ אָט דער צײַט האָט אנטאָני זיכ אופגעפירט אינ מיזרעכ ווי א זעלבסטהערשער. ער איז זיכ אינ די מיזרעכדיקע קיניגרײַכנ באגאנגענ מײַסע באלעבאָס, איז געוואָרנ נאָענט מיט קלעאָפאטרענ אונ געשענקט איר רוימישע באזיצנ. די מילכאָמע, וואָס ער האָט אונטערגענומענ קעגנ די פארפיאנער, האָט ער פארשפילט. דאָס אלצ האָט ארויסגערופנ א שטארקע אומצופרידנקײַט אינ דער רוימישער געזעלשאפט. אויסגענוצט האָט עס אָקטאוויִאנ. דער סענאט האָט אָפגענומענ בא אנטאָנינ זײַנע פולמאכטנ, אונ דערנאָכ האָט זיכ צווישנ אנטאָנינ מיט אָקטאוויִאנענ אָנגעהויבנ אנ אָפענע מילכאָמע.

דעמ 2-טנ סענטיאבער 31-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע איז באמ קאפ אקציומ, אפנ מײַרעוו-ברעג פונ גריכנלאנד, פאָרגעקומענ אנ אנטשיידענער צוזאמענשטויס צווישנ אָקטאוויִאנס אונ אנטאָניס מיליטער. נאָכ אינ אָנהייב פונ דער שלאכט זײַנענ קלעאָפאטרע מיט אנטאָנינ אנטלאָפנ קיינ עגיפעט. געבליבנ אָנ אנ אָנפירער, האָט זיכ אנטאָניס ארמיי אונטערגעגעבנ אָקטאוויִאנענ.

אינ 30-טנ יאָר פאר דער נײַער ערע זײַנענ אנטאָני אונ קלעאָפּאַטרע באגאנגענ זעלבסטמאָרד. געשענ איז דאָס אינ אלעקסאנדריִע. דאָס לאנד עגיפּעט האָט פארכאפּט אָקטאוויִאנ.

אָפּגעהאלטנ א זיג איבער אנטאָנינ, האָט אָקטאוויִאנ ניט געהאט מער קיינ קאָנקורענטנ, זײַנ מאכט איז געוואָרנ אנ אײַנפּערזאָניקע. די רוימישע רעפּובליק איז ענדגילטיק אונטערגעגאנגענ, עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די געשיכטע פונ דער אימפּעריע.

די סיבעס פונעמ אונטערגאנג פונ דער רעפּובליק.

פארוואָס איז אונטערגעגאנגענ די רעפּובליק? דעמ טויט-קלאפּ האָבנ איר דערלאנגט די שקלאפנבאזיצער. אינ אָט דעמ פעריאָד האָבנ זיכ אלע גרופּעס שקלאפנבאזיצער פאראייניקט צווישנ זיכ. קעדיי צו קעמפנ קעגנ די אופשטאנדנ פונ די אונטערשטע שיכטנ, האָבנ זיי זיכ אָפּגעזאָגט פונ דער אלטער רעפּובליקאנישער מעלוכע-פאָרמ אונ געשאפנ אנ אײַנפּערזאָניקע מיליטערישע דיקטאטור.

די מיליטערישע דיקטאטור האָט זיכ אויסגעבילדעט בעהאדראָגעדיק, אינ פּראָצעס פונ קאמפּ קעגנ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ סיציליע, שפּאניע אונ איטאליע גופא. סולא, פּאָמפּיי, צעזאר, אָקטאוויִאנ — דאָס זײַנענ געווענ קריגספירער, וואָס האָבנ זיכ געשטיצט אפּ אנ ארמיי פונ פּראָפעסיאָנעלע קריגסלײַט, פאר וועלכע מילכאָמע איז געווענ זייער גרונט-באשעפטיקונג. קעדיי צו קריגנ מילכאָמע-רויב, זײַנענ אָט די קריגסלײַט גרייט געווענ צו גיינ, וווהינ מע וועט זיי נאָר שיקנ. יעדער פייִקער קריגספירער, וואָס האָט געוווּסט ווי דורכצוקומענ מיט די סאָלדאטנ אונ געבנ זיי א מעגלעכקײַט רײַכ צו ווערנ, האָט זיכ געקאָנט שטיצנ אפּ זיי צוליב פארכאפּנ די מאכט. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג איז צעשמעטערט געוואָרנ טאקע דורכ אזא מינ ארמיי. אָבער שוינ נאָכנ צעשמעטערנ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג האָבנ זיכ די פירער פונ דער ארמיי ניט געוואָלט אָפּזאָגנ פונ דער מאכט.

אזוי ארומ איז די צײַטווײַליקע מיליטערישע דיקטאטור פארוואנדלט געוואָרנ אינ אנ אימפּעריע, מיט אנ אימפּעראטאָר אינ שפּיצ.

V. די רוימישע אימפּעריע פונ I אונ II יאָרה. פונ דער נײַער ערע (פּרינציפּאט).

§ 86. דאָס רעגירנ פונ אָקטאוויִאנ אווגוסט (פונ 30־טנ יאָר פאר דער נײַער ערע ביזנ 14־טנ יאָר פונ דער נײַער ערע).

מיט דער הילפ פונ דער מיליטערישער דיקטאטור האָט זיכ די רוימישע שקלאפנבאזיצער אײַנגעגעבנ צו דערשטיקנ די שקלאפנ-אויפשטאנדנ אונ די באוועגונגענ פונ די אונטערשטע שיכטנ. די פארמעגלעכע קלאסנ, וואָס זײַנענ געווענ אָנגעשראָקנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ

דער רעפּובליק און האָבן באַגריסט אָקטאַוויאַנס איינפּערזאָניקע מאַכט. דער דאַנקבאַרער סענאַט האָט אים באַשאָנקען מיטן טיטל „א ו ג ו ס ט“, ד. ה. „הייליקער“. מע האָט לעקאָוועד אים געבויט מיזבייכעס, ווי צו גאָט, די פּאָעטן האָבן צו אים געזונגען לויב־געזאַנגען אין לידער.

אווגוסטס פּרינציפּאַט.

אָקטאַוויאַן איז אָבער געווען א פּאָרזיכטיקער מענטש און האָט זיך ניט אַנטשלאָסן אָפן צו פּראָקלאַמירן זיך אַלס מאָנאַרך. ער האָט גוט פאַרגעדענקט, וויאַזוי ס׳איז אומגעקומען צעזאַר און ניט וועלנדיק האָבן יענעמס סאָף, האָט ער זיך באַמיט אײַנצוהיטן די איליוזיע פון א רעפּובליק. די רעפּובליקאַנישע מאַכט־אָרגאַנען (דער סענאַט, די פאָלקס־פאַרזאַמלונג, די געוויילטע אַמט־פּערזאָנען) האָבן ווײַטער עקזיסטירט. אווגוסט האָט זיך אפילע באַמיט אופצוהייבן דעם אווטאָריטעט פונעם סענאַט און צוריק אופשטעלן אין דער רוימישער געזעלשאַפט דעם אַלטן שטייגער און די אַלטע זיטן.

אווגוסט האַלט א רעדע פאַרן מיליטער.

פּונקט ווי צעזאַר, האָט אווגוסט אַרײַנגענומען אין זײַנע הענט די וויכטיקסטע רעפּובליקאַנישע פּאָסטנס. אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר (א י מ פּ ע ר א ט אָ ר), האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו באַשטימען אַף אַלע מיליטערישע פּאָסטנס, רופן רעקרוטן אין דער אַרמיי, מעלדן מילכאָמע און שליסן שאָלעם. ער האָט באַקומען די מאַכט איבער די וויכטיקסטע פּראָווינצן: איבער צאָפן־שפּאַניע, גאַליע, סיריע און עגיפּעט. אַכוץ דעם האָט אווגוסט געהאַט די מאַכט פון א פאָלקס־טריבון, ער איז געווען אויבער־פּריסטער און האָט אויך א סאַך מאָל פאַרנומען די פּאָסטנס פון קאָנסול און צענזאָר. אָט די פּאָסטנס, וואָס אווגוסט האָט פאַרנומען, האָבן אים געגעבן די פולשטענדיקע מיליטערישע און ציווילע מאַכט.

די פאָלקס־פאַרזאַמלונג פלעגט שטענדיק אָנעמען אַזוינע באַשלוסן, וועלכע אווגוסט האָט געוואָלט, און פלעגט אויסוויילן אַזוינע פּערזאָנען, וועלכע אווגוסט פלעגט אָנווײַזן. אווגוסט איז געווען זייער רײַך. פון צעזאַרן האָט ער באַקומען בעירושע א קאָלאָסאַלן פאַרמעגן. דעם פאַרמעגן האָט ער פאַרגרעסערט דורך די קאָנפיסקאַציעס און אײַנקונפטן פון די אימפּעראַטאָרישע פּראָווינצן. האָט ער דעריבער פאַרמאָגט גענוג מיטלען אַף צו טיילן געלט צווישן דעם אוילעם, אָרגאַניזירן שוישפּילן און דערמיט אונטערקויפן די פאָלקס־פאַרזאַמלונג.



א פאָרשטעלונג אינ אמפיטעאטער. א שלאכט מיט ווילדע כײַעס.

די רעגירונג-סיסטעמ, וואָס אווגוסט האָט געשאפנ, הייסט פרינציפאט, דה. עס רעגירט דער ערשטער מענטש אינ דער מלוכע — דער פרינצעפס. דאָס איז געווענ א מאָנארכיע אונטערנ אויסזענ פונ א רעפובליק, אנ איינפער-זאָניקע מאכט, אײַנגעהילט אינ רעפובליקאנישע פאָרמענ. די שקלאפנבאזיצער האָבנ געשטיצט די דאָזיקע מאכט, ווײַל זי האָט אנטשפראָכנ זייערע אינטערעסנ.

די פרעטאָריאנישע גוואַרדיע.

האגאמ די שקלאפנ-אופשטאנדנ אונ די באוועגונגענ פונ די פויערימ זײַנענ דערשטיקט געוואָרנ, דאָך פלעגנ נאָך פונ צײַט צו צײַט ערגעץ-ווו אויסברעכנ נײַע אומ-רוענ. קעדיי צו קעמפנ קעגנ אזוינע אומרוענ אונ צו פארפעסטיקנ זײַנ מאכט, האָט אווגוסט געשאפנ א ספעציעלע פרעטאָריאנישע (היפישע) גוואַרדיע, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ דער הויפט-שטאָט אונ אינ די נאָענטסטע שטעט פונ איטאליע.

די פרעטאָריאנער פלעגנ אוועקגעשטעלט ווערנ אינ פיל בעסערע באַ-דינגונגענ איידער די איבעריקע ארמיי. דער דינסט-טערמינ איז געווענ קלענער, דער געהאלט א סאכ גרעסער.

געשאנקענע אונ פארווײַלונגענ פארנ פאָלק.

קעדיי צו דערשטיקנ די אומצופרידנקייט פונעמ פאָלק, פלעגט אווגוסט אָנעמענ אויכ אנדערע מאָסמיטלענ. אינ זײַנ צײַט פלעגט מענ צעטיילנ ברויט אונ געלט צווישנ 200—300 טויזנט מאנ פונ דער אָרעמסטער באפעלקערונג פונ רוימ. אכוצ דעמ האָבנ העכער 300 טויזנט מענטשנ באקומענ ערד-כאלאָקימ אָדער געלט. אינ די גלאדיִאטאָרישע פארמעסטונגענ, וואָס אווגוסט פלעגט אָפט אײַנאָרדענענ, האָבנ זיכ באטייליקט ארומ אונ ביז 10 טויזנט מענטשנ, אינ דער כײַעס-העצערײַ זײַנענ אומגעקומענ ביז 3500 באלעכאִימ. איינמאָל האָט אווגוסט אײַנגעאָרדנט פארנ פאָלק א גראנדיִעזע פאָרשטעלונג פונ א יאמ-שלאכט. צוליב אָט דער פאָרשטעלונג איז פונ יענער זײַט טיבער אויסגעגראָבנ געוואָרנ א וואסער-רעזערוואר פונ 1800 טריט די לענג אונ 1200—די ברייט. אינ דער שלאכט האָבנ זיכ באטייליקט 30 גרויסע קריגס-שיפנ אונ א גרויסע צאָל קלענערע שיפנ. די מאנשאפט פונ די שיפנ איז, אכוצ די רודערער, באשטאנענ פונ 30 טויזנט מענטשנ.

אווגוסטס אויסערנ־פאָליטיק.

אווגוסט האָט געפירט געלונגענע מילכאָמעס אינ צאָפנ פונעמ באלקאנישנ האלב-אינדזל אונ אינ די אלפנ. אינ זײַנ צײַט זײַנענ געשאפנ געוואָרנ א ריי נײַע פראָווינצנ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ לענגויס דעמ דונײַ,—פונ שווארצנ יאמ ביזנ אויבערשטנ ריינ.

דער קאמפ פאר דער ריינ-גרענעצ איז געגאנגענ מיט א קלענערנ דערפאָלג. די ערשטע צײַט האָט זיכ אײַנגעגעבנ אָפצוקעמפנ בא די גערמאנער קימאט דאָס גאנצע לאנד צווישנ ריינ אונ עלבע. די גערמאנער אָבער האָבנ ניט געקאָנט אריבערטראָגנ די אכזערישע אונ אייגננוציקע פאָליטיק פונעמ רוימישנ שטאטהאלטער וואר, אונ זיי האָבנ אופגעהויבנ אנ אופשטאנד. אינ 9-טנ יאָר פונ דער נײַער ערע איז וואר מיט זײַנע דרײַ לעגיִאָנענ ארומגערינגלט געוואָרנ אינ טעווטאָבורגער וואלד. נאָכ א פירטאָגיקער שלאכט האָבנ די גערמאנער בעראָש מיט ארמינינ פארניכטעט ווארס גאנצע ארמיי. נאָכ אָט דער געשעעניש האָבנ די רוימער פארלאָרנ אלע באזיצנ, וואָס זיי האָבנ דעראָבערט אפ יענער זײַט ריינ, אכוצ די טעריטאָריעס צווישנ די אויבערשטרעמונגענ פונ דונײַ אונ ריינ.

§ 87. דער לעבנסשטייגער אונ די קולטור פונ רוימ צומ סאָפ פונ דער רעפובליק אונ אינ I יאָרה. פונ דער נײַער ערע.

דער וווּקס פונ די רײַכטימער אונ די אנטוויקלונג פונ לוקסוס.

אינעמ לעצטנ יאָרה. פונ דער רעפובליק האָבנ די רײַכטימער פונ די שקלאָפנבאזיצער געהאלטנ אינ איינ וואקסנ. געוואקסנ זײַנענ זיי אפנ כעזשבנ פונעמ מילכאָמע-רויב, וואָס איז ארײַנגעפאלנ אינ די הענט פונ די קריגספירער, אפנ כעזשבנ פונ די פאכטערײַ-שטײַערנ אונ פונ דער וווּכערײַ אינ די פראָווינצנ, אונ אויכ אפנ כעזשבנ פונ די קאָנפיסקאציעס אינ סולעס, צעזארס אונ אָקטאוויִאנס צײַטנ. אָט די גרויסע פארמעגנס פלעגנ פונקט אזוי לײַכט צעטרענצלט ווערנ, ווי לײַכט זיי זײַנענ דערוואָרבנ געוואָרנ.

ריזיקע געלט-סומעס פֿלעגן פֿאַרשווענדט ווערן אַף פֿאַרשיידענע לוקסוס-זאַכן, וואָס מע האָט אַרײַנגעפֿירט פֿון מיזרעך, אַף אַרויסגעגעבן אומזיסט ברויט און געלט, קעדיי אונטערצוקויפֿן דעם אוילעם, אַף אײַנאָרדענען די טײַער-קאָסטנדיקע שויִשפּילן — גלאַדיִאַטאָרן-געראַנגלען, כײַעס-העצערײַ אאַזוו. אָן אַ שיר געלט פֿלעגט מען פֿאַטערן אַף די לוקסוסרײַכע מאָלצײַטן, פֿײַנעם שטוב-מעבל, קליידער און אַף אויסהאַלטן גאַנצע כאָפּטעס דינערשאַפֿט — שקלאַפֿן, קליִענטן און פֿאַרשיידענע אַנדערע לאַקייען, וואָס מיט זיי זײַנען געווען איבערפֿולט די הײַזער פֿון די גרויסע שקלאַפֿנבאַזיצער. אָט די ריזיקע פֿאַרשווענדערײַ פֿלעגט אַרײַנברענגען אין כויוועס. אַ סאַך אַריסטאָקראַטישע רוימער זײַנען געווען אײַנגעטונקען אין כויוועס בײַ די וווכערניקעס. ווען צעזאַר האָט געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן קיין שפּאַניע, האָבן אים די קרעדיטאָרן ניט געוואָלט אָפּלאָזן פֿון רוים. באַרימט מיט זײַנע כויוועס איז אויך געווען צעזאַרס פֿרײַנט — אַנטאָני.

עס פֿאַלן די זיטן פֿון דער רוימישער געזעל-שאַפֿט.

צווישן די העכערע קלאַסן פֿון דער רוימישער געזעלשאַפֿט זײַנען די זיטן געפֿאַלן זייער נידעריק. די רײַכטימער, וואָס זיי פֿלעגן דערווערבן אָן שום מי, און דער פּאַראַזיטאַרער אַרט לעבן האָבן געווירקט דעמאָראַליזירנדיק. אַלע אַמט-פּערזאָנען פֿון צווישן די אַריסטאָקראַטן זײַנען געווען קאָרומפּירט, פֿאַר געלט זײַנען זיי גרייט געווען אַף אַלץ. די אַלטע רוימישע אַריסטאָקראַטיע האָט פֿאַרלאָרן איר פֿריִערדיקע אומאָפּהענגיקײַט און האָט זיך געבויגן אין דרײַען פֿאַר יעדן גוויר אָדער באַרמאַזלדיקן קריגספֿירער.

די זיטן פֿון דער פֿרײַער רוימישער אָרעמשאַפֿט זײַנען געווען ניט אַף קיין סאַך העכער.

אין די לעצטע יאָרן פֿון דער רעפּובליק איז דאָס פּויערטום נאָך מער רויִנירט געוואָרן און האָט פֿאַרפֿולט די רייען פֿונעם ליידיקגייערישן שטאָטישן האַמוין. צעזאַרס און אָקטאַוויאַנס וועטעראַנען, וואָס האָבן אין פֿאַרלויף פֿון די לאַנגע קריגס-מאַרשן אָפּגעוווינט זיך פֿונעם האָרעפּאַשנעם לעבן, האָבן שנעל פֿאַרטאַכלעוועט זייערע ערד-כאַלאָקים. פֿון אַלע פּרוּוון אופֿצושטעלן צוריק די פּויערשע ווירטשאַפֿט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. די אונטערשטע שיכטן פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעוווינט פֿון אַרבעט און האָבן געלעבט פֿון די קאָלערליי נעדאָוועס, וואָס פֿלעגן צו זיי אַרײַנפֿאַלן פֿון דער מעלוכע און פֿון איינצלנע גווירים: פֿון די אומזיסטע קיבודים, פֿונעם געלט און ברויט, וואָס מע פֿלעגט צעטיילן, אאַזוו. צווישן אָט דעם ליידיקגייערישן אוילעם האָט זיך אַנטוויקלט די לײַדנשאַפֿט צו ברוטאַלע און בלוטיקע שויִשפּילן. „ברויט און שויִשפּילן" — איז געוואָרן דער לאָזונג פֿונעם רוימישן האַמוין. די פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון דער זעלבער דעמאָראַליזירטער, ניט אַרבעטנדיקער מאַסע, האָט זיך פּונקט אַזוי לײַכט געלאָזט אונטערקויפֿן, ווי דער סענאַט.

דערפֿאַר נעמלעך פֿלעגט זיך די רוימישע קריגספֿירער אין די לעצטע יאָרן פֿון דער רעפּובליק אַזוי לײַכט אײַנגעבן צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט.

די אָראַטאָרישע קונסט.

אינעם לעצטן יאָרהונדערט פֿון דער רעפּובליק און בײַס דעם פּרינציפּאַט האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט די אָ ר אַ ט אָ ר י ש ע ק ו נ ס ט. אַ מענטש, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ רעדנערישן טאַלאַנט, האָט געהאַט אַ מעגלעכקײַט אַרויסצורוקן זיך אינעם פּאָליטישן לעבן. דע-

ריבער האָבן זיך דערמיט פּלײַסיק פאַרנומען אַלע מעלוכע-טוער. דער באַרימטער אָראַטאָר פון אָט דער עפּאָכע איז געווען צ י צ ע ר אָ נ (די יאָרן 106—43 פאַר דער נײַער ערע). ער האָט אַ לאַנגע צײַט שטודירט די גריכישע אָראַטאָרישע קונסט און פילאָסאָפיע. זײַנע אײַנגעבוירענע פייִקייטן האָט ער אַנטוויקלט אין דער פּראַקטיק, ער פלעגט אַרויסטרעטן אין די געריכטן און אויף די פאָלקספאַרזאַמלונגען. זײַנע רעדעס זײַנען געווען זאָרגזאַם געשליפן און אָנגעשריבן אין אַ גלענצנדיקער שפּראַך.

מעצענאַטס קרײַז.

אין אויגוסטס צײַטן האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אויך די ל י ט ע ר אַ ט ו ר. דער אימפּעראַטאָר זעלבסט און זײַנע מעקוראָווים פלעגן מיט אַ ברייטער האַנט פּראָטעזשירן די שרײַבער און געלערנטע, וואָס האָבן אין זייערע ווערק געשטיצט די נײַע מאַכט.

אין אָט דער הינזיכט איז באַזונדערס באַרימט געווען אויגוסטס פרײַנט — מ ע צ ע נ אַ ט, זייער אַ רײַכער רײַטער, וואָס האָט זיך אײַנגעשאַפן אַ פאַרמעגן אינעם פּעריִאָד פון די פּראָסקריפּציעס. צו אים אין הויז פלעגן אַרײַנקומען די גרעסטע פּאָעטן און שרײַבער, דאָרט האָט מען געלייענט און באַהאַנדלט ליטעראַרישע ווערק. מעצענאַט פלעגט געבן ברייטע מאַטעריִעלע הילף די שרײַבער: געלט, ערד אאַוו.

ווערגילי.

צווישן דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען צו מעצענאַטן, האָט זיך געפונען דער אָנגעזעענסטער פּאָעט פון יענער צײַט — ו ו ע ר ג י ל י (די יאָרן 70—19 פאַר דער נײַער ערע). געווען איז ער אַ קליינער ערדבאַזיצער, וואָס האָט באַקומען אַ גלענצנדיקע בילדונג. ווערגילי איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון אויגוסטן.



דער אַפּי-וועג.



דער אופנעם־זאַל בא מעצענאַטן (פונעם קינסטלער באָקאַלאָוויטשעס בילד).

אין דער „ענעִידע" — א גרויסע עפּישע פּאָעמע — דערציילט ווערגילי, וויַאזוי דער געטן ווענערעס זון, דער טראָיאַנער ענײַ, איז נאָך לאנגע וואנדערונגען אָנגעקומען קיין איטאליע און איז געוואָרן דער שטאמפּאָטער פונעם הויז פון די יוליוסעס, פונוואנען עס שטאמט אויך אווגוסט. דערמיט האָט ווערגילי געוואָלט ווײַזן אווגוסטס געטלעכע אָפּשטאמונג.

האָראצי.

אין מעצענאטס קרײַזל האָט זיך געפונען אויך א צווייטער גרויסער פּאָעט פון יענער צײַט — ה אָ ר א צ י (די יאָרן 65—8 פאר דער נײַער ערע). ער האָט געשטאמט פון די אונטערשטע שיכטן פון דער רוימישער געזעלשאפט און איז אין דער יוגנט געווען א רעפּובליקאנער. אָבער שפּעטער איז ער אריַין אין מעצענאטס קרײַזל און, פּונקט ווי ווערגילי, אויך גענומען זינגען לויב-לידער צו אווגוסטן און צו זײַנע מעקוראָווים. א היפּשע צאָל לידער האָט האָראצי אָנגעשריבן וועגן די זיטן און וועגן דעם לעבנסשטייגער פון יענער צײַט.

אָווידי.

צווישן די פּאָעטן, וואָס האָבן זיך ניט געפונען אין מעצענאטס קרײַזל, איז דער טאלאנטפולסטער געווען אָ ווי ד י (פון יאָר 43 פאר דער נײַער ערע ביזן יאָר 17 פון דער נײַער ערע). ער האָט געהערט צו א פארצײַטיקער רײַטער-מישפּאָכע. פון אלע אָווידיס ווערק זײַנען אמערסטן בארימט זײַנע „מעטאמאָרפאָזעס" („פארוואנדלונגען") — אלטע מיפן, געשריבן אין לידער.

אין רעכטן בלי-פעריִאָד פון אָווידיס שאפן — אין 8-טן יאָר פאר דער נײַער ערע — האָט אים אווגוסט פארשיקט אין א קליין שטעטל ט אָ מ י אפן ברעג פון שווארצן יאם (איצט ק אָ נ ס ט א נ צ). די סיבעס, פארוואָס ער איז פארשיקט געוואָרן, זײַנען גענוי ניט באוווּסט. אָווידי האָט פון דאָרטן פיל מאָל געשיקט צו אווגוסטן ביטעס וועגן באגנעדיקונג, אווגוסט אָבער האָט די אלע ביטעס אָפּגעוואָרפן, און אָווידי איז געשטאָרבן אין פארשיקונג.

טיט ליווי.

גרויסע דערפאָלגן האָט אין אָט דעם פעריִאָד דערגרייכט אויך די ג ע ש י כ ט ע. אין אווגוסטס צײַטן האָט געלעבט דער בארימטער רוימישער היסטאָריקער ט י ט ל י ו ו י (ארום 59-טן יאָר פאר דער נײַער ערע — 17-טן יאָר פון דער נײַער ערע). ליווי האָט אָנגעשריבן די געשיכטע פון רוים (פון זינט די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן ביזן 9-טן יאָר פון דער נײַער ערע). אין דער געשיכטע האָט ער זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו דערהויבן דעם אלטן רעפּובליקאנישן רוים.

פּליני דער עלטערער.

צווישן די רוימישע געלערנטע דארף מען אָפּמערקן פ ל י נ י ן דעם ע ל ט ע ר ן, וואָס האָט געלעבט אין I יאָרה. פון דער נײַער ערע (די יאָרן 28—79 פון דער נײַער ערע). דאָס איז געווען א ברייט געבילדעטער מענטש, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט אלע וויסנשאפטן. פּליניס ארבעטזאמקייט איז געווען אן אומגעווײנלעכע. קעסיידער און אומעטום פלעגט ער ניט אופהערן צו לייענען און מאכן אויסצוגן: געפינענדיק זיך אין וועג, אפן שפּאציר, אין באָד א.א.וו. באם שאפן זײַן הויפּטווערק — „די נאטור-געשיכטע" — האָט פּליני אויסגענוצט 2 טויזנט ביכער און צונויפגעזאמלט א ריזיקן פאקטישן מאטעריאל. אגעוו גערעדט, זײַנען אָט די פאקטן ווייניק סיסטעמאטיזירט. אין 79-טן יאָר פון דער נײַער ערע, ווען עס האָט זיך



קאָליזײ — דער ריזיקער אמפיטעאטער, וואָס וועספאסיִאנ (אספּאסיִאָנוס) אונ טיטוס האָבנ אויסגעבויט (דער איצטיקער אויסזעַנ).

צעשפּילט דער וווּלקאנ וועזווי, איז פּליני געפאלנ א קאָרבנ פונ זײַנ וויסנשאפט-לעכער נײַגעריקײַט: ער האָט געוואָלט נאָענט באַאָבאכטנ די מוירעדיקע נאטור-דערשײַנונג, האָט ער זיכ צו שטארק דערנעענטערט צומ וווּלקאנ אונ איז אָפּ-געסאמט געוואָרנ פונ די גיפטיקע גאזנ.

פילאָסאָפיע. דער פילאָסאָפ לוקרעצי קאר (ערשטע העלפט פונ I יאָרה. פאר דער נײַער ער'ע) האָט אָנגעשריבנ א פילאָ-סאָפישע פּאָעמע מיטנ נאָמענ „וועגנ דער נאטור פונ זאכנ". אָנגעשריבנ איז דאָס ווערק מיט א גרויסנ טאלאנט. אינ א פּאָעטישער פאָרמ האָט לוקרעצי אנטוויקלט דעמ געדאנק, אז די גאנצע וועלט איז אונטערגעאָרדנט די נאטור-געזעצנ, אונ האָט דערוויזנ, אז די געטער האָבנ קײנ שומ אײַנפלוס ניט אפנ נאטירלעכנ גאנג פונ די געשעענישנ. די געטער זעלבסט, באהויפּט לוקרעצי, זײַנענ באשאפנ גע-וואָרנ דורכ די מענטשנ. לוקרעצי האָט געפירט א קאמפ קעגנ אָבערגלויבנס אונ האָט געלייקנט אינ יענער-וועלט.

די בוי-קונסט. אינ אָט דעמ פעריִאָד איז פיל אופגעטאָנ געוואָרנ אפ פײַנער צו מאכנ רוימ אונ די פראָווינצנ. די פרעכ-טיקע רוימישע שאָסיי-וועגנ אונ געמויערטע בריקנ אינ איטאליע אונ אינ די פראָווינצנ האָבנ זיכ ערטערווײַז אופגעהיט נאָכ ביז איצט. אינ דער שטאָט רוימ האָבנ געוווינט העכער א מיליאָנ מענטשנ. דאָ זײַנענ געווענ א סאכ שיינע פאלאצנ, שטאָט-פלעצער, בעדער אונ אמפיטעאטערס, אויכ עטלעכע וואסערלײ-טונגענ, וואָס פלעגנ דערלאנגענ גוטנ טרינק-וואסער פונ דער שטאָטישער אומ-געגנט. פונ די גרעסטע געבײַדעס דארפ מענ אָפּמערקנ דעמ ריזיקנ אמפיטעאטער קאָליזײ, וועלכנ עס האָבנ אויסגעבויט די אימפּעראטאָרנ וועספאסיִאנ



דער רוימישער פאָרום פונעם פעריאָד פון דער אימפעריע (רעקאָנסטרויִרט).

(אספאסיאַנוס) און טיטוס. די רוינען פון קאָליזיי האָבן זיך אופגעהיט נאָך ביז איצט. דער קאָליזיי פלעגט קאָנען ארייַנעמען בא 100 טויזנט צושויער.

באגלייַך מיט אָט די פּרעקטיקע געבייַדעס זייַנען אָבער אין רוים געווען גאנצע קווארטאלן, ווו עס האָט זיך אופגעהאלטן די שטאָטישע אָרעמשאפט, וואָס האָט געבידעוועט אין נעבעכדיקע הײַזקעס אָדער אין שלעכט געבויטע און כאָ-רעווע גרויסע פּילשטאָקיקע הייַזער.

די רוימישע וויסנשאפט און טעכניק זייַנען געשטאנען אף א הויכער מא-דרייגע. אין געביט פון בוי-טעכניק איז צו אונדז דערגאנגען א טראַקטאט פונעם רוימישן אינזשעניער וויטרוווי, וואָס האָט געלעבט אין צעזארס צייַטן. ווי-טרוווי האָט געשריבן וועגן אלע געביטן פון דער טעכניק, דערונטער אויך וועגן דער מיליטערישער טעכניק.

די רוימישע קולטור, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אונטערן אייַנפלוס פון דער גריכישער, איז געווען ווייניקער זעלבשטענדיק איידער די גריכישע קולטור.

אָבער די לאטייַנישע שפּראך, די רוימישע ליטעראטור און וויסנשאפט זייַנען שפּעטער פארשפּרייט געוואָרן צווישן די סאמע פארשיידנסטע פעלקער פון איי-ראָפּע און זייַנען ארייַן אינעם אויצער פון דער אייראָפּייִשער קולטור.

§ 88. די רוימישע אימפּעריע אין I יאָרה. פון דער נייַער ערע.

טיבערי.

נאָך אווגוסטן איז אימפּעראטאָר געוואָרן זייַן שטיפ-זון טיבערי. טיבערי איז ניט געווען פּאָפּולער ניט צווישן פאָלק, ניט צווישן די סאָלדאטן.

אין זייַנע צייַטן האָבן זיך אין לאנד ווידער אָנגעהויבן אומרוען. אין דאָ-רעם-איטאליע, אין דער אומגעגנט פון ברונדיזי, איז אופגעדעקט געוואָרן א פארשווערונג פון שקלאפן פאסטעכער. בעראָש פון דער פארשווערונג איז גע-שטאנען איינער א געוועזענער סאָלדאט פון דער פּרעטאָריאנישער גווארדיע. ער פלעגט אָרגאניזירן אין ברונדיזי און אין די שכנישע שטעט געהיימע פארזאמ-לונגען פון שקלאפן. אף די פארזאמלונגען און אין די אופרופן, וואָס פלעגן אויסגעהאנגען ווערן אף די ווענט, האָט ער גערופן די שקלאפן צו אן אופשטאנד. טיבערי האָט געשיקט קיין ברונדיזי א שטארקן מיליטערישן אָטריאד. דעם אָנ-פירער פון דער פארשווערונג און די שקלאפן, וואָס זייַנען געשטאנען נאָענט צו אים, האָט מען געבראכט קיין רוים און דאָרט געקעפּט.

פייַנטלעכע שטימונגען קעגן דער אימפּעראטאָרישער מאכט האָבן געהערשט אויך צווישן די רוימישע בירגער.

די פארשטארקונג פון דער מיליטערישער דיקטאטור.

אין טיבעריס צייַטן איז פארשטארקט געוואָרן די מאכט פונעם אימפּעראטאָר. דאָס רעכט אויסצוויילן אמט-פּערזאָנען איז אָפּגענומען געוואָרן בא דער פאָלקס-פארזאמלונג און איבערגעגעבן געוואָרן דעם סענאט. עס איז אייַנגעפירט געוואָרן א געזעץ „וועגן באליידיקן די מאיעסטעט”. אפן סמאך פון דעם דאָזיקן געזעץ האָט מען געמעגט פארורטיילן אפילע אזוינע מענטשן,

וואָס זײַנען געווען שולדיק בלויז דערינ, וואָס זיי האָבנ זיכ אַרויסגעכאַפּט מיט אַנ אומפאַרזיכטיקנ אויסדרוק וועגנ דעמ אימפּעראַטאָר.

אויס מוירע אונ אויס שקלאַפישער אונטערטעניקײַט צומ אימפּעראַטאָר פלעגט דער געריכט פאַרורטיילנ צו האַרבע שטראָפנ סײַ שולדיקע סײַ אומשולדיקע.

נעראָנ.

צווישנ די אימפּעראַטאָרנ, וואָס זײַנען געקומענ באַלד נאָכ טיבעריוּנ, איז אַמערסטנ באַרימט דער אימפּעראַטאָר נ ע ר אָ נ (די יאָרנ 54—68 פונ דער נײַער ערע). אימפּעראַטאָר איז ער געוואָרנ, ווענ ער איז נאָכ געווענ אַ ייִנגל פונ 17 יאָר. די מוטער זײַנע איז געווענ אַ פרוי, וואָס האָט זיכ געיאָגט נאָכ מאַכט אונ קאָוועד, אונ זי האָט נאָכ פונ קינדווײַז אָנ איבערגעפירט נעראָנס כאַראַקטער. ווענ ער איז געוואָרנ אימפּעראַטאָר, האָט די אַלגעמיינע פאַרערונג אינגאַנצנ פאַרדרייט אימ דעמ קאָפּ.

נעראָנ.

נעראָנ האָט זיכ געהאַלטנ פאַר אַ גרויסנ אַרטיסט אונ פלעגט אָפט אַליינ אַרויסטרעטנ אַפ דער סצענע. די צושויער האָבנ אימ געמוזט הייס אַפּלאָדירנ, אונ אָכ-אונ-וויי איז געווענ צו יענעמ, וואָס איז ניט איבעריקס ניספּאָעל געוואָרנ פונעמ אימפּעראַטאָר דעמ אַרטיסט.

אינ נעראָנס צײַטנ האָט זיכ די געזעלשאַפטלעכע אומצופרידנקײַט נאָכ מער פאַרשטאַרקט. פאַרשווערונגענ פונ שקלאַפנ אונ דערמאָרדונגענ פונ שקלאַפנ-באַזיצער זײַנען געוואָרנ אַזאַ אָפטע זאַכ, אַז דער סענאַט האָט אָנגענומענ אַ ספּעציעלע באַשטימונג קעגנ אַזוינע דערשײַנונגענ. אינ רוימ האָט עקזיסטירט אַ פאַרצײַטיקער געזעץ, אַז ווענ אַ שקלאַף דערמאָרדעט זײַנ האַר, ווערנ באַשטראָפט מיט טויט אַלע שקלאַפנ, וואָס האָבנ געוווינט אינעמ הויז פונעמ דערמאָרדעטנ. אַצינד האָט דער סענאַט אַרויסגעגעבנ אַ נײַע באַשטימונג, אַז צוגלײַכ מיט די שקלאַפנ דאַרפנ געקעפּט ווערנ אויכ די פרײַגעלאָזענע, וואָס האָבנ געוווינט אינעמ הויז פונעמ דערמאָרדעטנ. איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז דעמ פּרעפעקט פונ דער שטאָט רוימ האָט דערמאָרדעט זײַנ קנעכט. דער סענאַט האָט באַשלאָסנ צו קעפּנ דעמ פּרעפעקטס אַלע 400 קנעכט. עס איז אָבער שווער געווענ אויסצופילנ די באַשטימונג, ווײַל עס האָט זיכ צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער האַמוינ אונ געדראָעט מיט פּאָגראָמענ אונ אונטערצינדונגענ. מע האָט געמוזט אַרויסרופנ מיליטער אונ אַרומרינגלענ דעמ גאַנצנ וועג ביזנ קעפּונגס-פּלאַץ. אָבער אויכ נאָכ דער געשעעניש האָט די באַוועגונג פונ די שקלאַפנ ניט אויפגעהערט. עס האָבנ זיכ געטראָגנ קלאַנגענ, אַז עס גרייט זיכ אַ נײַער ספּאַרטאַקנ-אויפשטאַנד.

די רוימישע סרייפע.

טאָמער איז נאָכ קאַרג, איז אינ 64-טנ יאָר אויסגעבראָכנ אינ רוימ אַ שרעקלעכע סרייפע, וואָס האָט זיכ געצויגנ 6 טעג דורכאַנאַנד. פונ די פערצנ שטאָט-ראַיאָנענ זײַנען גאַנצ געבליבנ בלויז פיר; דרײַ ראַיאָנענ זײַנען אָפּגעברענט געוואָרנ אינגאַנצנ, אינ זיבנ ראַיאָנענ זײַנען פאַרבליבנ בלויז נעבעכדיקע רעשטלעכ — רויִנירטע אונ האַלב-אָפּגעברענטע



פּלאַן פון אַלטן רוים.

הײַזער. צווישן פאָלק האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די שטאָט האָט מען אונטערגעצונדן לויט נעראָנס באַפעל, ווײַל נעראָן האָט קלוימערשט געוואָלט פאַרניכטן דעם אַלטן רוים און אויף זײַן אָרט אויסבויען אַ נײַע, לוקסוסרײַכערע שטאָט.

אומצופרידן מיטן אימפּעראַטאָר איז אויך געווען די רוימישע אַריסטאָקראַטיע. זי האָט געגרייט אַ פאַרשווערונג אויף זײַן לעבן. אין אַ יאָר אַרום נאָך דער סרייפע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסע פאַרשווערונג קעגן נעראָנען. אין איר האָבן זיך באַטייליקט אַ סך אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע. די פאַרשווערער האָבן אָבער געטאָן זייער זאַך לאַנגזאַם און ניט אַנטשיידן. די פאַרשווערונג איז אויפגעדעקט געוואָרן.

נעראָנס ברוטאַלקייטן.

דאָס אַלץ האָט געצווונגען דעם אימפּעראַטאָר אָנצווענדן ברוטאַלע מאָסמיטלען. בײַ אַזאַ איבערגעפּירטן כאַראַקטער, ווי נעראָנס, האָבן די דאָזיקע מאָסמיטלען זיך אויסגעלאָזט צו בלוטיקע פאַרפאָלגונגען, צו ווילקירלעכע קעפּונגען און קאָנפיסקירונגען פון פאַרמעגנס.

ער האָט באַנײַט די פּראָצעסן וועגן „באַליידיקן די מאַיעסטעט", און אַ סך רײַכע לײַט (נעראָן האָט זיך גענייטיקט אין געלט) זײַנען געפאַלן אַלס קאָרבאָנעס פון אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען. נאָך אין סאַמע אָנהייב פון זײַן הערשאַפט האָט נעראָן אָפּגעסאַמט זײַנעם אַ ברודער, מוירע האָבנדיק, אַז יענער זאָל ניט



אין צירק. נאָך דער פאָרשטעלונג (א בילד פון א היינטצייטיקן קינסטלער).

פארכאפן דעם טראָן. דערנאָך האָט נעראָן באפוילן צו דערמאָרדן די מוטער, ווײַל איר הערשערישער כאראקטער האָט אים געשטערט צו טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. לויט נעראָנס ווילן איז אומגעקומען זײַן געוועזענער דערציִער, דער פילאָסאָף סענעקא און א סאך פאָרשטייער פון דער העכערער רוימישער אריסטאָקראטיע.

אין דער זעלבער צײַט האָט זיך נעראָן געכיינדלט צו די פּרעטאָריִאנער און צו די שטאָטישע אונטערשיכטן: ער האָט געהעכערט די געהאלטן, פארגרעסערט די געלט-טיילונגען און אײַנגעאָרדנט גלענצנדיקע שוישפּילן.

נעראָנס אומקום.

אן אָפענע באוועגונג קעגן נעראָנען האָט זיך אָנגעהויבן אין די פּראָווינצן, וואָס זײַנען געווען אומצופרידן מיטן וווקס פון די שטײַערן. די ערשטע איז אופגעשטאנען גאליע. צו איר האָט זיך אָנגעשלאָסן שפּאניע. דאן האָבן זיך אין רוים אופגעהויבן קעגן נעראָנען די פּרעטאָריִאנער, און דער סענאט האָט אים דערקלערט אלס „סוינע פונעם פאָטערלאנד”. נעראָן איז אנטלאָפן פון רוים און אין וועג איז ער באגאנגען זעלבסטמאָרד (68-טן יאָר פון דער נײַער ערע).

ווען נעראָן איז אראָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן א קאמף צווישן די פּראָווינציִעלע ארמייען; יעדע ארמיי האָט ארויסגערוקט איר אייגענעם אימפּעראטאָר. אין פארלויף פון אָנדערהאלבן יאָר האָבן זיך אין רוים געביטן דרײַ אימפּעראטאָרן. סאָפקאָלסאָף איז אלס זיגער ארויס דער קאָמאנדיר פון דער סירישער ארמיי טיטוס פלאווי וועספאסיאן (אספּאסיִאָנוס) (69-טן יאָר פון דער נײַער ערע).

§ 89. די לאגע פון דער אימפעריע.
אופשטאנדן אין די פּראָווינצן.

ווּעספּאַסיאַנוס רעפאָרמעס.

אין דעם מאָמענט, ווען ווּעספּאַסיאַן האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, איז די לאגע פון דער אימפעריע געווען זייער א שווערע. אין די פּראָווינצן זיינען פאָרגעקומען אופשטאנדן. נעראָנס פאַרשווענדערײַ האָט אויסגעליידיקט די גאַנצע מעלוכע-קאַסע; די דיסציפּלין אין דער ארמיי איז געווען געפאַלן. אדאַנק דער פעסטער און פאַרזיכטיקער פּאָליטיק האָט זיך ווּעספּאַסיאַנען אײַנגעגעבן אין א קורצער צײַט ווידער צו פאַרפעסטיקן די אימפּעריע. די אופשטאנדן זיינען דערשטיקט געוואָרן. דער אימפּעראַטאָר האָט שטרענג פאַרקירצט די הוצאָעס, אײַנרעגולירט די שטײַערן און דערמיט פאַרבעסערט די פינאַנצן. די מיליטערישע דיסציפּלין איז צוריק אופגעשטעלט געוואָרן. די גרענעצן פון דער אימפּעריע זיינען פאַרפעסטיקט געוואָרן.

ווּעספּאַסיאַן (אספּאסיאַנוס).

ווּעספּאַסיאַנס הויפּט-מאָסמיטל איז געווען — פאַרברייטערן און באַנײַען דעם באַשטאַנד פון דער רוימישער אריסטאָקראַטיע. צוליב דעם צוועק האָט ער אריבערגעפירט קיין רוים בא 1000 רײַכע און אריסטאָקראַטישע מישפּאָכעס פון די פּראָווינצן און אײַנגעשלאָסן זיי אין סענאַטאָרן- און רײַטער-שטאַנדן. אָט די נײַע אריסטאָקראַטיע האָט געזאָלט באַהעפטן די פּראָווינצן צו רוים און דינען אלס אָנשפּאַר פון דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט.

דער אופשטאנד אין יעהודע.

אין ווּעספּאַסיאַנס צײַטן איז ענדגילטיק באַצוווּנגען געוואָרן דאָס קיניגרײַך יעהודע. יעהודע איז נאָך אין נעראָנס צײַטן, אין 66-טן יאָר, אופגעשטאַנען קעגן די אונטערדריקונגען פון די אימפּעראַטאָרישע באַאַמטע און האָט ארויסגעוויזן אַן אקשאָנעסדיקן און דויערנדיקן ווידערשטאַנד דעם רוימישן מיליטער. דערשטיקן דעם אופשטאַנד האָט זיך גענומען ווּעספּאַסיאַן, וועמען נעראָן האָט געשיקט אַהין אלס קאָמאַנדיר פון דער ארמיי. ווען ווּעספּאַסיאַן איז געוואָרן אימפּעראַטאָר, האָט ער די אָנפירונג מיט די קריגס-אָפּעראַציעס איבערגעגעבן צו זײַן זון טיטוסן. טיטוס האָט צונויפגעצויגן צו יערושאָלאַיִם פריש מיליטער און אָנגעהויבן באַלאַגערן די שטאָט. יערושאָלאַיִם איז געווען ארומגערינגלט מיט א דרײַפאַכן רונג פון ווענט. די גרויסע באַפעלקערונג פון דער שטאָט האָט זיך העלדיש פאַרטיידיקט. צווישן די באַלאַגערטע האָט זיך אָבער אָנגעהויבן א שרעקלעכער הונגער, און די רוימער איז סאָפקאָלסאָפ געלונגען צו פאַרכאַפּן די שטאָט. יערושאָלאַיִם

איז כאָרעוו געוואָרן (70-טן יאָר פון דער נײַער ערע). אין די פלאַמען איז אויך אומגעקומען דער באַרימטער ירושאָלאַימער טעמפל (בייס-האַמיקדעש). יעהודע איז פאַרנומען געוואָרן דורכן רוימישן מיליטער.

די ווײַטערדיקע פאַרפעסטיקונג פון דער אימפעריע האָט דורכגעפירט וועספא-סיאַנס טראָנפאָלגער — טיטוס. אין זײַן צײַט האָט די אימפעריע געטראָפן א שרעקלעכער אומגליק — עס האָט אויסגעבראָכן דער ווולקאַן וועזוווי. בייסן אויס-ברוך זײַנען פאַרשאָטן געוואָרן די שטעט פאָמפייע און הערקולאַנום. מיט א צײַט שפעטער (אין XIX יאָרה.) האָבן די ארכעאָלאָגן אויסגעגראָבן די שטאָט און געפונען דאָרט גוט אופגעהיטע גאַסן, הײַזער, שטוב-כפייצים אדג.

טראיאַן.

אין יאָר 98 פון דער נײַער ערע איז אפן אימפע-ראַטאָרישן טראָן ארופ איינער פון די אָנגעזעענסטע קריגספירער פון דער אימפעריע — טראיאַן. ער האָט געשטאַמט פון שפאַניע.

טראיאַן.

דער נײַער אימפעראַטאָר האָט זיך שטאַרק אָפגעגעבן מיטן אופהייבן די איטאַלישע ערדארבעט, וואָס איז צום סאָף I יאָרה. געווען אין א צושטאַנד פון פולשטענ-דיקער יערידע. די קליינע ערדארבעט האָט גענומען פאַרשווינדן נאָך אין די צײַטן פון דער רעפובליק, און אצינד איז זי קימאַט אינגאַנצן אײַנגעשלונגען גע-וואָרן דורך די גרויסע מאיאָנטקעס פון די רײַכע לײַט. „די לאַטיפונדיעס (גרויסע גיטער) האָבן אומגעבראַכט איטאַליע", — האָט אין I יאָרה. פון דער נײַער ערע געשריבן דער רוימישער שרײַבער פליני. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין די פראָווינצן. אין נעראָנס צײַטן, צום בײַ-שפיל, האָט צו זעקס מענטשן געהערט א העלפט פון דער אפריקאַנישער פראָ-ווינצן.

קעדיי צו קעמפן קעגן דער יערידע פון דער איטאַלישער ערדארבעט, פלעגט טראיאַן ארויסגעבן די נויטבאַדערפטיקע ערדארבעטער האַלוואָעס אפ אײַנצוקויפן ערד און פאַרבעסערן די ווירטשאַפט. די פראָצענטן פון אָט די האַלוואָעס פלעגן אויסגעגעבן ווערן אפ צו דערציִען קינדער פון אָרעמע עלטערן און יעסוימים.

טראיאַן האָט אויך ארויסגעגעבן א געזעץ, אז די סענאַטאָרן מוזן ניט ווייני-קער פון א דריטל פון זייער פאַרמעגן ארײַנלייגן אין דער לאַנדווירטשאַפט פון איטאַליע. דער געזעץ האָט געבראַכט בלויז דערצו, אז די לאַטיפונדיעס האָבן זיך ווײַטער גענומען אַנטוויקלען אפן כעזשבן פון דער קליינער ערדארבעט. קיין שום נוצן האָט אויך ניט געבראַכט די מעלוכישע פילאַנטראָפיע; די לאַגע פון די נידעריקערע קלאַסן איז געוואָרן אלץ ערגער און ערגער.

טראַיאַן האָט געפירט צוויי בלוטיקע מילכאָמעס מיטן שייוועט דאַקן, וואָס האָבן געוווינט אַפ דער טעריטאָ- ריע, ווו עס געפינט זיך איצט רומעניע. דאַקיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א רוימישער פּראָווינץ און איז באַפעלקערט געוואָרן מיט רוימישע קאָלאָניסטן. פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון דער מילכאָמע מיט די דאַקן ווערן געשילדערט אַפן זײַל, וואָס טראַיאַן האָט אופגעשטעלט אין רוים. דער זײַל האָט זיך אופגעהיט ביז אונדזערע צײַטן.

די אויסערן־פּאָליטיק.

צום סאָף פון זײַן לעבן האָט טראַיאַן פאָרגענומען א גרויסן קריגס-מאַרש קעגן דעם פאַרפיאַנישן קיניג־רײַך און האָט דאָרט אונטער- טעניקט א ריי געגנטן. אין דער זעלבער צײַט אָבער איז אין הינטערלאַנד פונעם רוימישן מי- ליטער, אין מעסאָפּאָטאמיע, אויס- געבראָכן אן אופשטאַנד. דאָס האָט געצווונגען טראַיאַנען אָפּ- צושטעלן דעם ווײַטערדיקן אָנ- גריף און צוריקקערן זיך. אונ- טערוועגס קיין רוים איז ער געשטאָרבן (117-טן יאָר פון דער נײַער ערע).

אדריִאַן (אדריִאַנוס).

אין טראַיאַנס צײַטן האָט די רוימישע אימפּעריע דער- גרייכט צו דעם העכסטן פונקט פון איר אויסערלעכער מעכ- טיקײַט.

אדריִאַן.

נאָך טראַיאַנען איז געוואָרן אימפּעראַטאָר זײַן קאָ- רעוו אדריִאַן (אדריִאַנוס) (די יאָרן 117—138 פון דער נײַער ערע). ער האָט זיך אָפּגעזאָגט קימאַט פון אַלע געגנטן, וואָס טראַיאַן האָט פאַרכאַפּט באַ די פּאַר- פיאַנער.

קעדיי אופצוהיטן די ריזיקע מעלוכע, האָט זיך געפאָדערט זייער א גרויסע אָנשטרענגונג פון אַלע קרעפטן פון דער אימפּעריע. עס האָבן איר אָבער דערצו שוין קיין קרעפטן ניט געקלעקט. אדריִאַן האָט גענומען פירן א פרידלעכע פּאָליטיק און האָט זיך באַמיט בלויז צו פאַרפעסטיקן און אײַנהיטן די עקזיסטירנדיקע גרע- נעצן פון דער אימפּעריע.

די אנטוויקלונג פון דער ביוראָקראַטי־שער סיסטעם.

אין אדריִאַנס צײַטן האָט זיך אנטוויקלט די ביוראָקראַטישע (קאַנצעליאַריש- באַאַמטישע) רעגירונג-סיסטעם. אן אָנהייב פון שאַפן אַזאַ סיסטעם איז געמאַכט געוואָרן נאָך אין די צײַטן פון די ערשטע אימפּעראַטאָרן. אַפ צו פאַרוואַלטן מיט דער ריזיקער אימפּעריע האָבן די אַלטע רעפּובליקאַנישע מאַכט-אָרגאַנען לאַכלוטן ניט געטויגט. עס איז נייטיק געווען צו האָבן א שטענדיקן אַפּאַראַט פון באַאַמ- טע. די געוויילטע אַמטן און דער סענאַט גופע האָבן אין אדריִאַנס צײַטן גע-

שפּילט זייער אַ קנאַפּע ראָליע. אַף די וויכטיקסטע מעלוכע-שטעלעס פּלעגט אדריאַן באַשטימען מענטשן מיט יורידישער בילדונג, און אויך אַזוינע, וואָס האָבן אַ לאַנגע צײַט געדינט אין די אימפּעראַטאָרישע קאַנצעליאַריעס אָדער אין דער אַרמײ.

דער אופשטאַנד פון די ייִדן.

אין אדריאַנס צײַטן, אין 132-טן יאָר, איז פּאָרגעקומען אַ נײַער אופשטאַנד פון די ייִדן. בעראָש פונעם אופשטאַנד איז געשטאַנען שימען מיטן צונאָמען באַר-קאָכבאַ („דער זון פון אַ שטערן“). דרײַ יאָר האָט זיך געצויגן דער קאַמף פון די ייִדן פאַר זייער אומאָפּהענגיקײַט, ביז גרויסע רוימישע קרעפטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו צעקלאַפּן די ייִדישע אַרמײ און צו דערשטיקן דעם אופשטאַנד. יעהודע איז אינגאַנצן פּאַרוויסט געוואָרן. צענדליקער טויזנטער ייִדן זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן אָדער פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט, די שטאָט ירושאָלאַים איז ענדגילטיק כאָרעוו געוואָרן און אַף איר אָרט איז אויסגעבויט געוואָרן אַ נײַע שטאָט.

דורך דערשטיקן די אופשטאַנדן, אונטערדריקן די פּראָווינצן און אַנטוויקלען דעם ביוראָקראַטיזם אינוויינייק אין דער מעלוכע האָבן די אימפּעראַטאָרן געשטרעבט צו פאַרפעסטיקן די רוימישע מעלוכע.

§ 90. די רוימישע אימפּעריע אַף דער גרענעץ פון II און III יאָרה. פון דער נײַער ערע. דער קאַמף קעגן די באַרבאַרן.

מאַרק אורעלי. די פאַרערגערונג פון דער לאַגע פון דער אימפּעריע.

פונעם יאָר 161 ביזן יאָר 180 פון דער נײַער ערע האָט רעגירט דער אימפּעראַטאָר מאַרק אורעלי. אין זײַנע צײַטן האָט זיך די לאַגע פון דער אימפּעריע פאַרערגערט ביז גאָר. די מאַסן באַפעלקערונג זײַנען געוואָרן אַלץ אָרעמער, די מעלוכע-קאַסע אַלץ ליידיקער. נאָך אין אָנהייב פון מאַרק אורעליס רעגירן האָט פּריִער דער הונגער, דערנאָך די שרעקלעכע פּעסט-מאַגייפע, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן אַהער פון מיזרעך, וויסט געמאַכט די אימפּעריע. אין רעזולטאַט זײַנען אין פאַרשיידענע טיילן פון דער אימפּעריע — עגיפּעט, גאַליע — די גאַנצע צײַט אויסגעבראָכן אופשטאַנדן.

די אינוואַזיע פון די באַרבאַרן.

ניט אין קיין בעסערן צושטאַנד האָט זיך אויך געפונען די אויסערלעכע לאַגע פון דער אימפּעריע. דערזען, אַז רוים איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָבן די שכײנישע באַרבאַרישע שוואָטים גענומען אָנפאַלן אַף די רוימישע גרענעצן. די פּאַרפיאַנער האָבן זיך אַרײַנגעריסן קיין סיריע. מאַרק אורעליס קריגספירער האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצושטויסן זיי פון דאָרטן, אָבער דער הונגער און די פּעסט-מאַגייפע האָבן געצוואונגען די רוימער זיך צוריקציִען.

מיט די פּאַרפיאַנער האָט מען געמוזט שליסן שאָלעם.

נאָך געפערלעכער איז געוואָרן די דויערנדיקע מילכאָמע מיט די שוואָטים, וואָס האָבן געוווינט אַף דער דונײַער גרענעץ. זיי האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער גרענעץ און זײַנען דערגאַנגען האַרט ביז איטאַליע. די געגנטן, וואָס זיי

האָבנ פארנומענ, זײַנענ שרעקלעכ פארוויסט געוואָרנ, הונדערטער טויזנטער אײַנווינער זײַנענ אוועקגעפירט געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט. דעמ אימפעראטאָר איז מיט גרויס מי געלונגענ צו פארטרײַבנ די דאָזיקע שוואָטימ אונ צײַטווײַליק אונטערטעניקנ זיי.

די געפאנגענע בארבארנ האָט מענ באזעצט אפ דער רוימישער גרענעצ-טעריטאָריע אונ געגעבנ דאָס רעכט צו באארבעטנ די ערד, אפ וועלכער זיי האָבנ געוווינט. דערפאר זײַנענ זיי געווענ פארפליכטעט צו דינענ אינ רוימישנ מיליטער.

אזא גאנג איז נייטיק געווענ דערפאר, ווײַל די מעלוכע האָט זיכ געפונענ אינ א שווערער לאגע. שפּעטער איז פונ דעמ דאָזיקנ מאָסמיטל ארויסגעקומענ פאר רוימ א גוואלדיקע געפאר.

די מאָנארכיע פונ סעפטימי סעווער.

אינ יאָר 193 פונ דער נײַער ערע האָט די אימפעראטאָרישע מאכט פארכאפט דער שטאטהאלטער פונ איינער פונ די פראָווינצנ, סעפטימי סעווער. ער האָט געמאכט דעמ לעצטנ פרווו צו פארפעסטיקנ די מעלוכע דורכ פארייניקנ די ארמיי מיטנ באאמטנטומ. אינ דער ארמיי זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ גרויסע רעפאָרמעס. די לאגע פונ די סאָלדאטנ איז פארבעסערט געוואָרנ: מע האָט זיי דערלויבט צו האָבנ אייגענע געזינדנ, וועלכע האָבנ געמעגט וווינענ נאָענט פונ די שטענדיקע מיליטערישע לאגערנ. אינ די גרענעצ-געביטנ האָט סעווער דערלויבט די סאָלדאטנ צו באארבעטנ די ערד. אכוצ דעמ האָבנ זיי באקומענ א מעגלעכקײַט צו אויסדינענ זיכ ביז די העכסטע מיליטערישע אמטנ.

סעווער האָט אינ א גרויסנ מאסשטאב גענומענ באשטימענ אויסגעדינטע מיליטער-לײַט אלס באאמטע פונ זײַנע קענצעליאריעס. דער סענאט האָט אינ זײַנ צײַט קיינ שומ ראָליע ניט געשפילט. סעווער האָט אזויארומ געמאכט א פרווו צו רעגירנ אויסשליסלעכ מיט דער הילפ פונ סאָלדאטנ אונ באאמטע. מע דערציילט,



די רוימער נעמענ אײַנ א בארבארישע באפעסטיקונג.

דער אימפעראטאָר מארק אורעלי אונ די אונטערטעניקטע מארקאָמאנישע פירער.

א שלאכט צווישן די רוימער און גערמאנער.

אז ווען ער האָט געהאלטן בא שטארבן, האָט ער געזאָגט צו זײַנע זין: „מאכט רײַך די סאָלדאטן, ווענג אלע איבעריקע זאָרגט זיך ניט!“.

זײַן זון און טראָנפאָלגער, דער אימפעראטאָר קאראקאלא, האָט דורכגעפירט זייער א וויכטיק מאָסמיטל: אלע פרײַע אײַנוווינער פון דער אימפעריע האָבן באקומען רוימישע בירגער-רעכט (אין יאָר 212 פון דער נײַער ערע).

אָט די אלע מאָסמיטלען: דאָס פארייניקן די ארמײ מיטן באאמטנטום, דאָס געבן בירגער-רעכט אלע אײַנוווינער פון דער אימפעריע, די ארמײ-רעפאָרמע — זײַנען אויסן געווען צו פארפעסטיקן די לאגע פון דער אימפעריע. פארפעסטיקן זי איז שוין אָבער אומעגלעך געווען. עס האָט גענומען רײַפּ ווערן די רעוואָליוציע קעגן דער שקלאפנבאזיצערישער אָרדענונג.

VI. די רעוואָליוציע פונ די שקלאפנ. די באַרבאַרישע דעראָבערונגענ אונ דער אומקום פונ דער אימפעריע.

§ 91. דער אָנקום פונ דער רעוואָליוציע.

אינ פארלויפ פונ די ערשטע צוויי יאָרהונדערטער פונ דער עקזיסטענצ פונ דער אימפעריע איז די לאַגע פונ די פאָלקס-מאַסנ געוואָרנ אַלצ ערגער אונ ערגער. רוים פלעגט מער אַרײַנפירנ סכוירעס אײדער אַרויספירנ. דאָס געלט האָט דעריבער ביסלעכווײַז געגומענ אַוועקפליסנ פונ רוים, ווערטפולע מעטאַלנ (גאָלד אונ זילבער) איז געוואָרנ אַלצ ווייניקער. אינ רעזולטאַט האָט זיכ שוינ צום סאָפ II יאָרה. צעשפּילט א געלט-קריזיס. דער געלט-קריזיס האָט געהאַט א קאַטאַסטראָפאַלע ווירקונג אַפנ האַנדל אונ אַפ די געווערבנ. דערצו האָבנ זיי אויכ שטאַרק געליטנ פונ די מעלוכע-שטײַערנ. דער האַנדל אונ די געווערבנ האָבנ גענומענ אונטערגייִנ. די לאַנדווירטשאַפט האָט אויכ איבערגעלעבט א יערידע-צושטאַנד. עס איז געוואַקסנ די פּאַופּעריזירונג פונ דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

קאָלאָנוס.

די שקלאַפנ-אַרבעט האָט אופגעהערט אײַנצוברענגענ די שקלאַפנבאַזיצער די פריִערדיקע האַכנאָסע. אויסהאַלטנ שקלאַפנ איז געוואָרנ א טײַערע זאַכ, די פּראָדוקטיווקײַט ווידער פונ דעם שקלאַפ איז געבליבנ פּונקט אַזוי נידעריק ווי פריִער. דעריבער האָט מענ גענומענ אַריבערגייִנ צו דער אַרבעט פונ קליינע ערד-אַרענדאַטאָרנ.

אַפילע די גרויסע ערדבאַזיצער האָבנ אַלצ אָפטער גענומענ צעטײלנ זייערע גיטער אַפ קליינע ערד-כאַלאָקימ אונ פאַרדינגענ זיי אינ אַרענדע צו קליינע אַרענדאַטאָרנ — קאָלאָנס.

פאַרוואַנדלט ווערנ אינ קאָלאָנס פלעגט די שטאָטישע אונ דאָרפישע אָרעמשאַפט, וואָס האָט קיינ אַנדער ברײרע ניט געהאַט. אַכוץ דעם פלעגנ די שקלאַפנבאַזיצער צומאָל פאַרוואַנדלענ אינ קאָלאָנס א טייל פונ זייערע שקלאַפנ. די לאַגע פונ אָט די אַלע קאָלאָנס, סײַ פונ די פרײַע סײַ פונ די שקלאַפנ, איז געווענ זייער א שווערע. פאַר באַנוצנ זיכ מיט דער ערד פלעגנ זיי מוזנ צאָלנ געלט אָדער אָפּגעבנ א טייל פונ דער גערעטעניש. די אַרענדע-פּרײַזנ האָבנ גענומענ שטײַגנ. דערצו פלעגנ די קאָלאָנס בעדאַלעס ווערנ פונ די אומדערטרעגלעכע מעלוכע-שטײַערנ. דער סאָפ איז געווענ, אַז די קאָלאָנס זײַנענ געוואָרנ באַלעכויוועס בא די גוטבאַזיצער. אונ קוים זײַנענ זיי געוואָרנ באַלעכויוועס, האָבנ זיי שוינ פונ דער דאָזיקער לאַגע ניט געקאָנט אַרויסקריכנ. אַזוי פלעגט פאַרשקלאַפט ווערנ דער פרײַער קאָלאָנ, ער האָט שוינ ניט געטאָרט פאַרלאָזנ די ערד, אַפילע ווענ ער זאָל געווענ וועלנ; פּאַקטיש איז ער שוינ איצט געווענ צוגעפעסטיקט צו זײַנ ערד-כיילעק. פונ דער שקלאַפערײַ האָט מענ גענומענ אַריבערגייִנ צו דער אַרבעט פונ אָפּהענגיקע פויערימ. דער קאָלאָנ איז געווענ א האַלב-לײַבייגענער פויער.

דערצו נאָכ זײַנענ אינ דער רוימישער אימפעריע צום סאָפ II יאָרה. אַלצ אָפטער געוואָרנ די אינוואַזיעס פונ פאַרשיידענע שוואָטימ. דאָס אַלצ אינאיינעמ האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבנ פונ דער אימפעריע איז געוואָרנ פולשטענדיק צערודערט.

קאַלאָנס צאָלן אײַנן דעם ארענדע־אָפּצאָל.

אַן אויסוועג איז געווען בלויז אײנער — די רעוואָליוציע. און זי האָט זיך גענומען דערנעענטערן, פאַרייניקנדיק ביסלעכווײַז אַלע קרעפטן: די שקלאַפן, די קאָלאָנס, די באַרבאַרן.

די אופשטאנדן פון די שקלאפן און פון די האנטווערקער. די אינוואזיע פון די בארבארן.

אינמיטן III יאָרה. פון דער נײַער ערע איז אין סיציליע אויסגעבראָכן אַ נײַע באַוועגונג פון די שקלאַפן. דערשטיקן די באַוועגונג איז אָנגעקומען מיט גרויס מי. אין רוים גופא איז פּאָרגעקומען אַן אופשטאַנד פון די שטאָטישע האַנטווערקער און שקלאַפן. דער אופשטאַנד איז געווען אַזוי ווײַט ערנסט, אַז בײַסן דערשטיקן אים האָט דאָס רעגירונג-מיליטער פאַרלאָרן 7 טויזנט זעלנער. ענלעכע אופשטאַנדן זײַנען דאַן פּאָרגעקומען אויך אין אַנדערע שטעט פון דער אימפּעריע.

דער אָנגריף אַפ רוים איז געוואַקסן אויך פון אויסן. די „באַרבאַרן“ (גערמאַנער, גאַלן, פּערסן, סקיפן) האָבן גענומען אַרײַנדרינגען אין דער אימפּעריע. אין יאָר 260 פון דער נײַער ערע איז בײַס אַ שלאַכט מיט די פּערסן אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט דער אימפּעראַטאָר וואַלעריאַן. אין געפאַנגענשאַפט איז ער טאַקע געשטאָרבן.

די באַרבאַרן פלעגן ניט נאָר אָנפאַלן אַפ די גרענעצן פון דער אימפּעריע, נאָר אויך אַרײַנדרינגען טיף אין לאַנד. אין די גרענעץ-געביטן פון ריין און דונײַ האָבן די באַרבאַרישע שוואָטים גענומען פאַראייניקן זיך אין גרויסע פאַרבאַנדן. אין נידער-דונײַ האָבן זיך באַוויזן די גאָטן; אַפן ריין — די פראַנקן און די זאַקסן. דאַקיע האָבן די רוימער אינגאַנצן פאַרלאָרן; קליין-אַזיע און דער באַלקאַנישער האַלב-אינדזל זײַנען שרעקלעך פאַרוויסט געוואָרן דורך די גאָטן, סקיפן און אַוואַרן. קעגן רוים האָט זיך אויך אופגעהויבן דער מיזרעך: די מעלוכעס פון פּאַרפיע און פּאַלמירע (אין סיריע).

דער אופשטאנד פון די באגאודן.

דער פּראָצעס פון פאַראייניקן די אויסערלעכע קויכעס (די באַרבאַרן) און די אינערלעכע (די שקלאַפן און פּויערים) צום קאַמף קעגן דעם שקלאַפנבאַזיצערישן רוים האָט זיך געצויגן אין פאַרלויף פון העכער הונדערט יאָר. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך

אָט דער פּראָצעס ארויסגעוויזן אין גאליע. סאָפ III יאָרה. פון דער נײַער ערע האָט זיך אין גאליע אָנגעהויבן א ריזיקער אופשטאנד. די אופשטענדלער האָט מען א נאָמען געגעבן „באגאודן״, וואָס באטײַט אין גאליש „קעמפערישע״ אָדער „קעמפער״. דערפירט ביז פארצווייפלונג דורך די שטײַערן, דורך די שווערע פליכט-ארבעטן און דורך די אונטערדריקונגען פון די אימפעראטאָרישע באאמטע, האָבן זיך די פּאָלקס-מאסן אופגעהויבן אין גאנץ גאליע. עס זײַנען דאָ געווען אי שקלאפן, אי קאָלאָנס, אי באטראקעס פון די גרענעץ-געביטן. זיי האָבן געשאפן אן עכטע ארמיי; די ערדארבעטער האָבן געבילדעט די אינפאנטעריע און די פּילצאָליקע פאסטעכער אפ פערד — די קאוואלעריע.

די באגאודן האָבן פארכאפּט און כאָרעוו געמאכט די מאיאָנטקעס פון די הארן און די שלעכט-באשיצטע שטעט. די איבערגעשראָקענע ערדבאזיצער זײַנען אנטלאָפן און זיך ארויסבאהאלטן אין די עטלעכע גרויסע שטעט. די אופגעשטאנענע האָבן פּראָקלאמירט די אָפּטיילונג פון גאליע און האָבן ארויסגעוויילט אלס אימפעראטאָרן צוויי פירער זייערע: עליאנ און אמאנד.

קעגן די באגאודן זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן גרויסע קרעפטן און דער אופשטאנד איז צײַטווײַליק דערשטיקט געוואָרן. ער איז אָבער אויסגעבראָכן נאָך עטלעכע מאָל און האָט זיך פארשפרייט אפילע אין שפאניע. ארום און ארום האָט זיך דער אופשטאנד פון די באגאודן געצויגן בא 150 יאָר. אזוינע מאסן-אופשטאנדן האָבן געדינט אלס סימען, אז עס דערנעענטערט זיך די רעוואָליוציע און עס הייבט זיך אָן דער אונטערגאנג פון רוים.

92 §. דיאָקלעציאן. דאָס קריסטנטום.

די פארשטארקונג פון דער אליינהערשונג.

אין יאָר 284 האָט די מאכט אין דער אימפּעריע פארכאפּט דער נאטשאלניק פון דער הויף-וואך דיאָקלעציאן. די גאנצע פּאָליטיק זײַנע איז געווען געווענדעט אין דער ריכטונג פון פארשטארקן די זעלבסטהערשערישע מאכט פונעם אימפעראטאָר און דערשטיקן די רעוואָליוציע. קעדיי נאָך מער צו פארגרעסערן זייער אייגענעם אווטאָריטעט, האָבן די רוימישע אימפעראטאָרן, אָנגעהויבן פון דיאָקלעציאנען, באפוילן, מע זאָל זיי רופן „דאָמינוס״ (dominus) — הארר. דעריבער האָט מען די מאכט-פאָרם, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט אין רוים זינט דיאָקלעציאנען, געגומען רופן ניט „פּרינציפּאט״, נאָר „דאָמינאט״. די אימפעראטאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן קליידן אין רײַכע קליידער לויטן מיזרעך-מוסטער, ארומרינגלען זיך מיט א גרויסער צאָל הויף-לײַט, פאָדערן, מע זאָל זיי אָפּגעבן געטלעכן קאָוועד (בוקן זיך אפ די קני). דעם אימפעראטאָרס פערזענלעכקײַט איז פארעכנט געווען פאר א געטלעכער, פאר א הייליקער.

אין דיאָקלעציאנס צײַטן און אין די צײַטן פון די אימפעראטאָרן, וואָס האָבן געהערשט נאָך אים, האָט דער סענאט ענדגילטיק אופגעהערט צו באטייליקן זיך אין דער ארבעט פון רעגירן מיט דער אימפּעריע. דער רעגירונגס-רודער איז אריבער צום אימפעראטאָרישן ראט, וואָס די מיטגלידער זײַנע זײַנען געווען געוויינלעכע באאמטע. מיט דער צײַט איז די צאָל פון אזוינע באאמטע שטארק אויסגעוואָקסן.

די צעטיילונג פון דער אימפעריע אף פיר טיילן.

שוין די ערשטע יאָרן, וואָס דיאָקלעציאַן האָט רעגירט, האָבן אים באוויזן, אז ער איינער אליין וועט זיך ניט קאָנען ספראווען מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג און מיטן אָנגריף פון די בארבארן אף די גרענעצן פון דער אימפעריע. דעריבער האָט ער זיך באשטימט דריי געהילפן, מיטרעגירער. יעדער געהילף זיינער האָט רעגירט מיט א באשטימטער געגנט פון דער אימפעריע.

די רוימישע מעלוכע איז אזויארום צעטיילט געוואָרן אף פיר טיילן.

אף א געוויסער צייט האָט זיך איינגעגעבן צו דערשטיקן די אופשטאנדן, אָפשליידערן די בארבארישע שוואָטים און ווידער פארפעסטיקן די גרענעצן פון דער מעלוכע.

דיאָקלעציאַן.

די איגערלעכע רעפאָרמעס.

דאָס אלץ האָט געפאָדערט גרויסע מיטלען און א פארשטארקונג פון דער ארמיי. דעריבער זיינען די שטייערן פארגרעסערט געוואָרן, ניט געקוקט דערוף, וואָס צונויפזאמלען זיי איז אָנגעקומען אלץ שווערער, ווייל די באפעלקערונג איז געווען אויסגעצערט. עס איז איינגעפירט געוואָרן א צווייענדיקער טשינש: א קאָפּ-טשינש, וואָס פלעגט גענומען ווערן פון יעדן דערוואקסענעם מענטשן, און אן ערד-טשינש, וואָס מע פלעגט אופמאָגן ווענדליק דער צאָל און קוואליטעט פון דער ערד.

דיאָקלעציאַן האָט אויך געמאכט א פרווו צו אויסבעסערן די געלט-סיסטעם. קעדיי צו קעמפן קעגן יאקרעס, האָט ער באשטימט פרייזן אף די וויכטיקסטע סכוירעס, און האָט אויך איינגעשטעלט א פעסטן לוין פאר ארבעט. דער געזעץ האָט אָבער ניט געגעבן קיין שום רעזולטאטן און מע האָט אים געמוזט אָפשאפן.

דאָס קריסטנטום.

די אָנגעשטרענגטע לאגע פון דער אימפעריע האָט געצווונגען צו באציען זיך מיט כשאד צו אלערליי מאסנבאוועגונגען. אזא באוועגונג איז די ערשטע צייט געווען אויך דאָס קריסטנטום. די רעדיפעס קעגן די קריסטן האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין נעראָנס צייטן, באזונדערס אָבער האָבן זיי זיך פארשארפט אין דיאָקלעציאַנס צייט.

דאָס קריסטנטום איז אופגעקומען אין I יאָרה. פון דער נייער ערע, ווען די עקספלואטירטע מאסן פון דער רוימישער געזעלשאפט האָבן זיך געפונען אין א צושטאנד פון אויסערסטער פארצווייפלונג. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג איז דאָך דאן געווען דערשטיקט. די מיליטערישע דיקטאטור האָט געדריקט דאָס פאָלק. די ארבעטנדיקע האָבן ניט געזען קיין שום אויסוועג, די מאטעריעלע לאגע זייערע איז געוואָרן אלץ ערגער און ערגער. אף אָט דעם באָדן האָבן זיך צווישן די

שקלאפנ, צווישנ דער רוימישער אָרעמשאפט, צווישנ די פּראָלעטאריער אונ קליי־נע האנטווערקער גענומענ פארשטארקנ די רעליגיעזע שטימונגענ. ע נ ג ע ל ס ווײַזט אָנ, אז דאָס קריסטנטומ איז די ערשטע צײַט געווענ א באוועגונג פונ די אונ־טערדריקטע, אז דאָס קריסטנטומ איז אנטשטאנענ אלס רעליגיע פונ די שקלאפנ, פונ די פרײַגעלאָזענע, אָרעמע אונ רעכטלאָזע לײַט, אָדער פונ די פעלקער, וואָס רוימ האָט אונטערטעניקט אונ געדריקט. אינ דער ייִדישער רעליגיע האָט פונ לאנגע צײַטנ אָנ עקזיסטירט דער גלויבנ אינ „מאָשיִעכנ” („גאָט־געזאלבטנ”). מאָ־שיִעכ — דאָס זאָל זײַנ דער גאָט—מענטש, וואָס דארפ קלוימערשט אראָפּקומענ אפ דער ערד אונ ראטעווענ די מענטשהײַט פונ בייז אונ ליידנ. אזא פאָר־שטעלונג וועגנ א מאָשיִעכ האָט עקזיסטירט אויכ אינ אייניקע אנדערע רעליגיעס.

אָט די אלע מיזרעכדיקע רעליגיעזע באגריפנ פונ I אונ II יאָרה. פונ דער בײַער ערע זײַנענ געווענ ברייט פארשפרייט אויכ אינ דער מײַרעוו־העלפט פונ דער רוימישער אימפעריע. דערשטיקט דורכ דעמ אומדערטרעגלעכנ יאָכ, האָט די פאָלקס־מאסע ניט געזענ קיינ אויסוועג פונ איר לאגע אונ גענומענ גלייבנ, אז ראטעווענ וועט זי מאָשיִעכ.

אומעטומ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צו ווײַזנ וואנדערנדיקע נעוויִימ אונ פריידי־קער. זיי האָבנ גערופנ דאָס פאָלק צו גרייטנ זיכ צו באגעגענענ מאָשיִעכנ, וואָס דארפ באשטראָפנ די גוירימ, כאָרעוו מאכנ די רוימישע מעלוכע, מיט פײַער אָפּרייניקנ די וועלט אונ שאפנ „גאָטס קיניגרײַכ” אפ דער ערד.

דאנ נעמלעכ איז אופגעקומענ דער מיפ וועגנ י ע ז ו ס ק ר י ס ט ו ס נ, דעמ גאָט—מענטש, וואָס האָט געלערנט, אז מע דארפ אונטערטעניק איבערטראָגנ די צאָרעס, ווײַל אלע לײַדנדיקע אונ אונטערדריקטע וועלנ באלוינט ווערנ נאָכנ טויט. די רעשאָיִמ (זינדיקע) אָבער וועלנ פארמישפעט ווערנ צו אייביקע ליידנ. אָט דער מיפ איז געשאפנ געוואָרנ אונטערנ שטארקנ אײַנפלוס פונ די מיזרעכ־דיקע מיפנ. די ערשטע צײַט פלעגט ער איבערגעגעבנ ווערנ פונ איינעמ צומ אנ־דערנ מינדלעכ אונ ערשט שפעטער איז ער פארשריבנ געוואָרנ.

אינ קיינ איינעמ פונ די היסטאָרישע ווערק פונ יענער עפּאָכע ווערט קיינ וואָרט ניט דערמאָנט וועגנ דעמ לעבנ פונ יעזוס קריסטוסנ.

די אויסבילדונג פונ קירכ.

די, וואָס האָבנ געגלייבט אינ קריסטוסנ, דה. די קריסטנ, פלעגנ אָרגאניזירנ אינ די שטעט קליינע גע־מיינדעס. זיי פלעגנ זיכ צונויפקומענ צוזאמענ צו פריי־דיקנ אונ טפילע טאָנ, זיי פלעגנ אײַנאָרדענענ געמיינזאמע סודעס, העלפנ איינער דעמ אנדערנ צו קריגנ ארבעט. די געמיינדעס פונ איינ שטאָט פלעגנ זיכ פאר־בינדנ מיט אנדערע שטעט. אזא מינ אָרגאניזאציע האָט צוגעצויגנ א גרויסע צאָל שטאָטישע אָרעמשאפט אונ אינגיכנ איז די גאנצע אימפעריע באדעקט געוואָרנ מיט א נעצ קריסטלעכע געמיינדעס.

אינ II אונ III יאָרה. האָבנ אָבער אינ די קריסטלעכע געמיינדעס אלץ שטארקער גענומענ ארײַנדרינגענ פארמעגלעכע עלעמענטנ. דער דרוק פונ דער מעלוכע איז געוואָרנ אלץ אומדערטרעגלעכער. דעמ שווערנ דרוק האָט געשפּירט ניט נאָר די אָרעמשאפט, נאָר אויכ די מיטלשיכטנ פונ דער באפעלקערונג. דעריבער האָבנ זיכ די דאָזיקע שיכטנ א לאָז געטאָנ צומ קריסטנטומ.

אינ די קריסטלעכע געמיינדעס זײַנען אַרײַנגעדרונגענע רײַכע מענטשנ, הייבנ אָנ די געמיינדעס צו ווערנ רײַכ. עס האָבנ זיכ געגומענ ווײַזנ אינ די געמיינדעס געווייילטע אמט-פערזאָנענ, פארוואלטערס מיטנ געמיינדע-פארמעגנ: בישאָפנ, דיאַ-קאָנעס אא. די קריסטלעכע געמיינדעס פונ דער רוימישער אימפעריע פאראייניקנ זיכ; עס שאפט זיכ די קריסטלעכע קירכ.

דער צוזאמענשטויס צווישנ דער קירכ און דער מעלוכע.

אינ III יאָרה. קומענ אופ ערנסטע צוזאמענשטויסנ צווישנ דער קירכ אונ דער מעלוכע. פריִער האָט זיכ די מעלוכע-מאכט קנאפ אינטערעסירט מיט די קריסטנ, האַ-גאמ די ערשטע רעדיפעס קעגנ די קריסטנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ נאָכ אינ נעראָנס צײַטנ. אינ III-טנ יאָרה. אָבער האָט זיכ די לאגע געענדערט, די רוימישע רעגירונג האָט גענומענ קוקנ אפ די קריסטנ, ווי אפ בונטאָווששיקעס, וואָס פארשטארקנ די אומרויִקע שטימונג אינ לאנד. כוץ דעמ האָט די רעגירונג, וואָס האָט זיכ געניייטיקט אינ געלט, אויסגערעכנט צו באקו-מענ דאָס דורכ קאָנפיסקירנ דאָס פארמעגנ פונ די קריסטנ.

דערפאר נעמלעכ האָבנ זיכ אינמיטנ III יאָרה. גענומענ פארשטארקנ די רע-דיפעס קעגנ די קריסטנ: מע האָט אָנגעהויבנ פארמאכנ די קריסטלעכע געמיינ-דעס, פארבאָטנ זיי אָפצוריכטנ גאָטעסדינסט, קאָנפיסקירנ דאָס פארמעגנ, קעפנ די באזונדערס אײַנגעשפארטע קריסטנ.

דאָס קריסטנטומ ווערט אָנערקענט.

די רעדיפעס אינ דיאָקלעציִאנס צײַטנ זײַנענ שוינ אָבער געווענ די לעצטע. זײַנע טראָנפאָלגער האָבנ שאָ-לעמ געמאכט מיט דער קירכ אונ האָבנ אליינ אָנגענומענ דעמ קריסטלעכנ גלויבנ. אָנערקענענ דאָס קריסטנטומ האָט זיי געצווונגענ די נויטווענדיקײַט. פונ איינ זײַט, פלעגט מענ זיכ דורכ די רעדיפעס קימאט צו גאָרנישט דערשלאָגנ, אונ די צאָל קריסטנ האָט ניט אופגעהערט צו וואקסנ. א סאכ קריסטנ האָבנ זיכ באוויזנ אינ דער ארמיי, צווישנ די העכערע באאמטע אונ אפילע באמ אימפעראטאָרישנ הויפ. פונ דער צווייטער זײַט, האָט די קריסטלעכע קירכ, פונ זינט אינ איר זײַנענ ארײַנ די רײַכע לײַט, צוביסלעכווײַז געענדערט איר כאראקטער. דער מעלוכע האָט שוינ בעסער געלוינט צו אָנערקענענ זי אונ שטיצנ זיכ אפ איר אינעמ קאמפ קעגנ דער רעוואָליוציע. די אנטשטאנענע קירכ האָט דאָכ גענומענ אָפציִענ דאָס פאָלק פונ קלאסנקאמפ אונ רופנ איצט די קריסטנ צו פאָלגנ די הארנ.

„איר ווידער, קנעכט, זײַט געהאָרכזאמ צו אײַערע הארנ, ווי צו גאָטס גע-שטאלט", — לייענענ מיר אינ די קריסטלעכע ביכער.

די מעלוכע האָט אזויארומ אָנערקענט די קירכ. דאָס קריסטנטומ האָט זיכ גענומענ פארשפרייטנ ניט נאָר צווישנ די רוימער, נאָר אויכ צווישנ די בארבארנ, פארשפרייטנדיק צווישנ זיי די לאטײַנישע שפראכ, די רוימישע קולטור, טעכניק, ליטעראטור און פילאָסאָפיע. אינ אָט דער הינזיכט האָט דאנ דאָס קריסטנטומ אָפגעשפילט א גרויסע ראָליע.

93 §. קאָנסטאַנטין און זײַנע טראַנספּאָלגער. די צעפאַלונג פון דער אימפּעריע.

אין יאָר 305 האָט זיך דער קראַנקער דיאָקלעציאַן אָפּגעזאָגט פון דער מאַכט. דער רעגירונגס-רודער פון דער אימפּעריע איז אַריבער צו זײַנע מיטרעגירער. אינגיכן האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר דער מאַכט.

דער מילאַנער עדיקט.

אַלס זיגער אין קאַמף זײַנען אַרויס קאָנסטאַנטין און ליציני. אין יאָר 313 האָבן זיי זיך באַגעגנט אין מילאַן און געשלאָסן צווישן זיך אַ פאַרשטענדיקונג; קאָנסטאַנטין איז געוואָרן רעגירער אין מײַרעוו, ליציני — אין מיזרעך. דאָרט, אין מילאַן נעמלעך, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז די קריסטלעכע רעליגיע באַקומט גלײַכע רעכט מיט דער אַלטער רוימישער רעליגיע (מילאַנער עדיקט).

קאָנסטאַנטין.

די פאַרשטענדיקונג צווישן קאָנסטאַנטינען מיט ליציניַן האָט קיין לאַנגע צײַט ניט אָנגעהאַלטן. אינגיכן הייבט זיך אָן צווישן זיי אַ קאַמף און אין רעזולטאַט איז ליציני ענדגילטיק באַזיגט געוואָרן. קאָנסטאַנטין איז געוואָרן דער אַליינהערשנדיקער רעגירער פון דער אימפּעריע.

קאָנסטאַנטין.

אין קאָנסטאַנטינס צײַטן איז די זעלבסטהערשונג געוואָרן פעסטער. די צאָל באַאַמטע האָט זיך פאַרגרעסערט. זיי זײַנען אײַנגעטיילט געוואָרן אין קאַטעגאָריעס און באַקומען פאַרשיידענע טיטלען: „עקסעלענץ", „דורכלויכט" אאַזוו. די באַאַמטע זײַנען געווען קאָרומפּירט; כאַבאַר איז צווישן זיי געווען שטאַרק אין דער מאָדע.

די קאָלאָנס זײַנען אין קאָנסטאַנטינס צײַטן ענדגילטיק צוגעפעסטיקט געוואָרן צו דער ערד און זײַנען נאָך שטאַרקער פאַרקנעכטעט געוואָרן.

איינס פון קאָנסטאַנטינס וויכטיקסטע מאָסמיטלען איז געווען דאָס אַריבערפירן די הויפּט-שטאָט קיין מיזרעך, אָפּן אָרט פון דער אַלטער גריכישער קאָלאָניע ביזאַנץ (וויזאַנטיע) (330-טן יאָר פון דער נײַער ערע). די שטאָט איז אָנגערופן געוואָרן קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַריבערפירן די הויפּט-שטאָט איז נייטיק געווען דערפאַר, ווײַל די מיזרעך-העלפט פון דער אימפּעריע איז געווען עקאָנאָמיש שטאַר-

קער און קולטורעלער. דערצו איז די לאגע פון ביזאנץ געווען זייער א באק-וועמע אין געאָגראַפישער און מיליטערישער הינזיכטן.

האגאם קאָנסטאנטין אליין האָט ביז סאָף פון זיין לעבן ניט אָנגענומען דאָס קריסטנטום, אָבער זיינע קינדער האָט ער דערצויגן אין גייסט פון דער נייער רעליגיע. ער האָט ברייט געשטיצט די קריסטלעכע קירך: אין זיין צייט זיינען די קריסטלעכע גייסטלעכע באפרייט געוואָרן פון שטייערן און פליכט-ארבעטן, די קריסטלעכע געמיינדעס האָבן געהאט רעכט צו שליסן אָפּמאכן, זיי האָבן אויך באקומען יערושע-רעכט, די בישאָפן האָבן געקריגן די רעכט צו מישפּעטן.

קירכלעכע הערעסן. די באוועגונג פון די אגאָניסטיקער.

קאָנסטאנטין האָט ענערגיש געהאָלפן דער קירך צו פירן א קאמף קעגן הערעסן (סעקטעס), וועלכע האָבן אָפט געהאט א רעוואָליוציאָנערן כאראקטער. הערעס האָט געהייסן די שטרעמונג, וואָס האָט זיך באצויגן פיינטלעך צו די אָנשויונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין דער קירך. באזונדערס פיל הערעסן האָבן זיך באוויזן אין IV יאָרה. פון דער נייער ערע, אין צוזא-מענהאנג דערמיט, וואָס די קירך איז געוואָרן רייך און איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער מעלוכע. א סאך קריסטן, באזונדערס די אָרעמע, פלעגן באשולדיקן די בישאָפן פאר זייערע רייכטימער און פאר זייער לוקסוס-לעבן, זיי פלעגן אויך ארויסטרעטן קעגן דעם, אז די קירך זאָל שאָלעם מאכן מיט דער מעלוכע.

זייער שטארק איז געווען די באוועגונג פון די אגאָניסטיקער. „אגאָ-ניסטיק" באטייט א „קעמפער פאר דעם גלויבן". געווען זיינען דאָס צאָפן-אפרי-קאנישע שקלאפן און קאָלאָנס, וואָס פלעגן זיך באוואָפענען מיט דרענגלעך און



רוימישער אקוועדוק (דאָרעם-פראנקרייך).

רוימישע קאָמאַנדירנ רופנ זייערע סאָלדאַטנ צו גיינ קעגנ דעמ פיינט.

ארומגיין איבער די דערפער. זיי פלעגן כאַרעוו מאַכן גיטער און באַפרייען די באַלעכויוועס און שקלאַפן. האָבן די אַגאָניסטיקער אָנגעטראָפן אין וועג אַ גוויריש פערד-און-וועגעלע אין דער באַגלייטונג פון קנעכט שנעל-לויפער, פלעגן זיי אַריינזעצן די קנעכט אינעם וועגעלע און די האַרן צווינגען צו לויפן פאָרויס פאַר דעם וועגעלע.

אין אַ געוויסער צייט אַרום נאָכן קאָנסטאַנטינס טויט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ דויערנדיקער ברודער־קאַמף פאַר דער מאַכט.

יוליאַן.

איינער פון קאָנסטאַנטינס טראָנפאָלגער איז געווען דער פלימעניק זיינער יוליאַן (די יאָרן 361—363 פון דער נייער ערע). די קריסטן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „אַפּאָסטאַט" (אַפּטריניקער" דערפאַר, וואָס ער האָט צוריק געוואָלט אויפשטעלן די פריערדיקע לאַגע פון דער געצנדינערײַ.

אין יוליאַנס צייטן האָט די קריסטלעכע קירכע געמוזט צוריקערן דאָס פאַרמעגן, וואָס זי האָט קאָנפיסקירט בא די געצנדינערישע טעמפּלען, די בישאָפן האָבן פאַרלאָרן דאָס רעכט צו מישפּטן, די קריסטן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו אונטעריכטן.

יוליאַנס פּרווו אומצוקערן זיך צוריק צו דער געצנדינערײַ האָט אָבער קיין פּולע ניט געהאַט. געשטיצט האָט אים בלויז אַ הייפל פּריסטערס און גריכישע פילאָסאָפן, די גאַנצע מאַסע באַפעלקערונג האָט זיך באַצויגן פיינטלעך צו יוליאַנס רעפאָרמע. אין יאָר 363 איז יוליאַן אומגעקומען בײַס איינעם אַ קריגס-מאַרש. אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך זיין טויט איז די אימפּעריע צעפאַלן געוואָרן אויף צוויי טיילן — אויף אַ מיזרעכ-טייל און אַ מייַרעוו-טייל. אויפהיטן די איינהייט פון דער מעלוכע איז שוין געווען אוממעגלעך.

§ 94. די באַרבאַרישע באַצווינגונגען. דער אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע.

צום סאָף פון IV יאָרה. איז די רוימישע אימפּעריע, וואָס האָט זיך געהאַט צעטיילט אויף צוויי טיילן, אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט מער ניט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם אָנגריף פון די אַרומיקע שוואָטים.

די הונען און די וועסטגאָטן.

צו דער דאָזיקער צייט האָט זיך אויף די צאָפן-ברעגן פון שוואַרצן ים באַוויזן אַ נײַ נאָמאַדיש פאָלק — די הונען. אַ ריזיקע האָרדע ווילדע, רייטנדיק אויף פערד און פאָרנדיק אויף פורן, האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין מייַרעוו. אונטערוועגס האָבן זיי מיטגעצויגן מיט זיך די מיזרעכדיקע גאָטן — די אָסטגאָטן. די מייַרעוודיקע גאָטן (וועסטגאָטן), וואָס האָבן געוווינט אינעם ראַיאָן פון נידער-דונײַ, האָבן ניט געוואָלט אונטערוואַרפן זיך די הונען. זיי האָבן זיך געווענדט צום מיזרעכדיקן אימפּעראַטאָר וואַלענט מיט אַ ביטע צו דערלויבן זיי אַריבערצוגיין דעם דונײַ און באַזעצן זיך אויף דער טעריטאָריע פון דער אימפּעריע.

וואַלענט האָט מאַסקים געווען, און דער ריזיקער שייוועט איז אַריבער דעם דונײַ. עטלעכע הונדערט טויזנט וועסטגאָטן האָבן זיך באַזעצט אויף דער רוימישער גרענעץ.

דער אופשטאנד פון די וועסטגאָטן.

אין יאָר 376 האָבן די וועסטגאָטן אופגעהויבן אן אופשטאנד קעגן רוים. זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט אי־בער פראקיע און פארוויסטעט אלץ אפ זייער וועג. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן די שקלאפן, און אויך די קאָלאָנס און ארבעטער, וואָס זיינען געווען צוגעפעסטיקט צו די גאָלד־גרובנס. זיי האָבן געוויזן די גאָטן, ווו עס געפינען זיך די רייכע יישובים און די געהיימע ערטער, ווו די אָרטיקע באַ־פעלקערונג האָט אויסבאהאלטן איר פארמעגן.

דער אימפעראטאָר וואלענט איז מיט א גרויסער ארמיי ארויסגעטראָטן קעגן די וועסטגאָטן, אונטער דער שטאָט אדריאַנאָפּאָל האָט ער אָבער געליטן א שווערע מאפּאָלע און איז אליין אויך אומגעקומען אין דער שלאכט (378 יאָר).

דער מיזרעווודיקער אימפעראטאָר האָט געשיקט קיין מיזרעך זיין בעסטן קריגס־פירער **פעאָדאָסיי** און געגעבן אים דעם טיטל אווגוסט. פעאָדאָסי האָט אונטערדריקט די וועסטגאָטן און האָט זיי באזעצט אפן דונײַ אלס פארבינדעטע, וואָס זיינען פארפליכטעט צוצושטעלן מיליטערישע אָטריאדן אין רעשוס פונעם אימפעראטאָר. פעאָדאָסי איז געוואָרן אימפעראטאָר און האָט פארייניקט אין זיינע הענט די גאנצע אימפעריע.

נאָך פעאָדאָסיס טויט (אין יאָר 395) האָט זיך די אימפעריע ענדגילטיק צעטיילט אפ צוויי טיילן. פארן טויט האָט פעאָדאָסי איינעם זון זיינעם אָפּגעגעבן דעם מיזרעך, דעם צווייטן זון — דעם מייַרעוו. בייס דער הערשאפט פון פעאָדאָ־סיס זין האָבן די וועסטגאָטן אופגעהויבן א נייעם אופשטאנד אונטער דער אָנ־פירונג פונעם פירער **אלאריך**. דער אופשטאנד האָט פארייניקט די קרעפטן פון די בארבארן און פון די רוימער. אונטער זייערע געמיינזאמע קלעפּ האָט די רוימישע אימפעריע געהאלטן באם ענדגילטיקן צעפאלן ווערן. די רעוואָליוציע האָט איצט גענומען אָפּהאלטן א זיג.

אלאריך נעמט איין רוים.

ווען אלאריך האָט זיך ארייַנגעריסן קיין איטאליע און זיך געלאָזט צו רוים, האָבן די שטאָטישע שקלאפן, וואָס האָבן געקוקט אפ אים, ווי אפ זייער באפרייער, אין האלבער נאכט געעפנט אים די שטאָט־טויערן. די וועסטגאָטן האָבן פארכאפט די שטאָט (אין 410 יאָר) און צוזאמען מיט די שקלאפן זי שרעקלעך צערויבט. דערנאָך האָבן זיך די וועסטגאָטן געלאָזט קיין דאָרעם־איטאליע. אין אָט דער צייַט איז אלאריך געשטאָרבן, און זיין פּאָרזעצער האָט געשלאָסן א פארשטענדיקונג מיטן אימפעראטאָר און אוועקגעפירט די וועסטגאָטן קיין גאליע.

אטילא.

אינמיטן V יאָרה. פון דער נייער ערע זיינען אפ דער מיזרעכדיקער אימפעריע אָנגעפאלן הונישע כאיאָ־לעס. בעראָש פון זיי איז געשטאנען דער טאלאנטפולער פירער **אטילא**, ווע־מען די רוימישע שרייַבער פון יענער צייַט האָבן א נאָמען געגעבן „גאָטס בייַטש“. די הונען האָבן פארוויסטעט די מיזרעכדיקע אימפעריע, באקומען א גרויסן אויסקויף און זיינען אוועק קיין גאליע.

אין יאָר 451 האָט זיי אפן **קאטאלאונער פליין** אין מיזרעך־גאליע באגעגנט א גרויסע רוימישע ארמיי. באשטאנען איז זי דערהויפּט פון די אָטריאדן פון די פארבינדעטע — וועסטגאָטן, פראנקן און אנדערע בארבארישע שוואָטים. עס איז פּאָרגעקומען א פארביטערטע שלאכט. די לעגענדע דערציילט, אז די

טײַכלעך פונעם פליינ זײַנענ אופגעלאָפּנ געוואָרנ פונ די שטראָמענ בלוט. ביידע צדדימ האָבנ געליטנ גוואַלדיקע פאַרלוסטנ. די קראַפט פונ די הונענ איז אָרונטערגעריסנ געוואָרנ, אַטילאַ האָט זיכ צוריקגעקערט אפ יענער זײַט ריינ.

אינעמ פאָלגנדיקנ יאָר האָט ער פאַרוויסט צאָפנ-איטאַליע. אינ א קורצער צײַט אַרומ נאָכ זײַנ צוריקקערנ זיכ פונ איטאַליע איז אַטילאַ געשטאָרבנ.

די וואַנדאַלנ אינ אַפריקע.

אינמיטנ V יאָרה. זײַנענ די פּראָווינצנ פונ דער מײַרעוודיקער אימפּעריע פאַרנומענ געוואָרנ דורכ פאַרשיידענע שוואָטימ. די וועסטגאָטנ, וואָס זײַנענ אַרײַנגעדרונגענ קיינ שפּאַניע, האָבנ פונ דאָרט אַרויסגעשטויסנ דעמ שייוועט וואַנדאַלנ. די וואַנדאַלנ האָבנ זיכ אַריבערגעצויגנ קיינ צאָפנ-אַפריקע. פונ דאָרט זײַנענ זיי אינ יאָר 455 אָנגעפאַלנ אפ איטאַליע אונ אָנגעמאַכט שרעקלעכע כורבוינעס אינ רוימ. פונ דאַנ אָנ האָט דאָס וואָרט „וואַנדאַליזמ" גענומענ באַטײַטנ — כאָרעוו מאַכנ קולטור-דענקמעלער.

מיט דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט האָבנ זיכ דאַנ פאַרשאַפט די נאַטשאַלניקעס פונ די באַרבאַרישע אַרמייענ. זיי פלעגנ לויט זייער אייגענעמ ווילנ אַרופזעצנ אפנ טראָנ אימפּעראַטאָרנ אונ אַראָפּוואַרפנ זיי.

ראָמול אווגוסטול ווערט אַראָפּגעוואָרפנ.

אינ יאָר 476 האָט אײנער א פירער פונ אָט די אַרמייענ אַראָפּגעוואָרפנ דעמ לעצטנ רוימישנ אימפּעראַטאָר, דעמ יונגנ ראָמול אווגוסטול. דאָס יאָר 476 פונ דער נײַער ערע רעכנט זיכ אַלס לעצט יאָר פונ דער עקזיסטענצ פונ דער מײַרעוודיקער רוימישער אימפּעריע.

די מיזרעכדיקע העלפט פונ דער אימפּעריע איז געווענ שטאַנדהאַפטיקער. אויכ זי האָט אָבער ביסלעכווײַז געענדערט איר אויסזענ. אפ איר טעריטאָריע האָבנ זיכ אַרײַנגעריסנ די אַוואַרנ אונ די סלאַוונ. שפּעטער האָבנ זיי מיט זיכ פאַרגעשטעלט די גרונט-באַפעלקערונג פונ דער ביזאַנטישער מעלוכע, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט אפ די רויִנעס פונ דער מיזרעכדיקער רוימישער אימפּעריע.

די סיבעס, פאַרוואָס רויִמ איז אומגעקומענ.

די רוימישע שקלאַפנבאַזיצערישע געזעלשאַפט איז אומגעקומענ אונטער די געמיינזאַמע קלעפּ פונ דער רעוואָליוציע פונ די שקלאַפנ אונ פונ די באַרבאַרישע באַצווינגונגענ. „די רעוואָליוציע פונ די שקלאַפנ, — האָט געזאָגט כאַווער סטאַלינ, — האָט ליקווידירט די שקלאַפנבאַזיצער אונ האָט אָפּגעשאַפט די שקלאַפנבאַזיצערישע פאָרמ פונ עקספּלואַטירנ די אַרבעטנדיקע"[1].

די שקלאַפנבאַזיצערישע געזעלשאַפט האָט געשאַפנ א הויכע קולטור, וואָס האָט געהאַט א קאָלאָסאַלנ אײַנפלוס אפ דער גאַנצער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ דער מענטשהײַט. אָבער די שקלאַפנ-פאָרמ פונ עקספּלואַטאַציע איז שוינ בײַס דער אימפּעריע געוואָרנ א טאָרמאָז פאַר איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג. די שקלאַפערײַ האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פונ דער טעכניק, קולטור אונ וויסנשאַפט.

דער שקלאַפ איז ניט געווענ פאַרינטערעסירט אינ זײַנ אַרבעט, — געאַרבעט האָט ער, ווײַל מע האָט אימ געצוווּנגענ. דעריבער איז די אַרבעט זײַנע געווענ א ווייניק פּראָדוקטיווע. די שקלאַפנ-אַרבעט אינ דער לאַנדווירטשאַפט פלעגט

1 סטאַלינ, פראַגנ פונ לעניניזמ, 10-טע אופלאַגע, ז. 527 (רוס.).

ברענגענ דערצו, אז דער באָדנ פלעגט אויסגעצערט ווערנ אונ די גערעטעניש פלעגט פאלנ. אינ די באדינגונגענ פונ שקלאפנ-ארבעט האָבנ ניט געקאָנט אופ-קומענ קיינ קאָמפליצירטע ארבעטס-געצייג, קיינ איידעלע אינסטרומענטנ אונ מא-שינעס. די שקלאפנ-פאָרמ פונ עקספלואטאציע פלעגט שוידערלעכ אונטערדריקנ די ארבעטנדיקע אונ ניט געבנ זיי קיינ שומ מעגלעכקייט צו אנטוויקלענ זיכ. די ארבעט פונ די פרייע ווידער איז געווענ פאראכט. די שקלאפנבאזיצערישע ווירט-שאפט האָט זיכ געניייטיקט אינ א שטענדיקנ צופלוס פונ פרישע שקלאפנ. בא-קומענ זיי פלעגט מענ דעריקער דורכ מילכאָמעס אונ יאמ-רויבעריי. די קעסיי-דערדיקע מילכאָמעס אונ רויבערייענ פלעגנ פארוויסטנ גאנצע לענדער אונ אויס-צערנ די באפעלקערונג זייערע.

צומ סאָפ פונ דער אימפעריע האָט די שקלאפעריי אזויארומ געבראכט צו א יערידע פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ, אונ דאָס טאקע איז געווענ די סיבע, פאר-וואָס עס איז אומגעקומענ די שקלאפנבאזיצערישע געזעלשאפט.

אפנ אָרט פונ דער שקלאפעריי איז געקומענ די פעאָדאל-לייבייגנטימערישע אָרדענונג. דערמיט הייבט זיכ אָנ א נייַ בלעטל אינ דער אנטוויקלונג פונ דער קלאסנ-געזעלשאפט — די געשיכטע פונ מיטלאלטער.

כראָנאָלאָגישע טאבעלע
צו דער געשיכטע פון אלטערטום.

עגיפּעט.

	די יאָרן פאר דער נײַער ערע.	
אויסבילדונג פון מעלוכעס אין עגיפּעט . . . . בערך	3500	יאָר
אויסבילדונג פונעם איינהײַטלעכן עגיפּטישן קיניגרײַך . בערך	3200	יאָר
אָנהייב פון דער בויונג פון פּיראמידעס	2800	יאָר
אופשטאנד פון די פּויערים און שקלאפן	1750	יאָר
אָנהייב פון טוטמאָס דעם III-טנס דעראָבערונגס-מארשן	1500	יאָר
עגיפּעט ווערט דעראָבערט דורך פּערסיע	525	

מעסאָפּאָטאמיע.

	די יאָרן פאר דער נײַער ערע.	
אויסבילדונג פון די שומערישע שטעט	3500	יאָר
צונויפשטעלונג פון דעם קייסער האמוראפּיס געזעצן . בערך	2000	יאָר
טיגלאט-פּילעסער דער III	745—727	
צעשטערונג פון נינווע	612	
אומקום פון אסיריע (אשור)	605	
אומקום פון באָוול	538	

פּיניקיע.

	די יאָרן פאר דער נײַער ערע.	
דערהויבונג פון די פּיניקיישע שטעט מעלוכעס (טיר — צויר און סידאָן — צידוין)	1000	יאָר

די קיניגרײַכן פון יִשׂראָעל און יעהודע.

	די יאָרן פאר דער נײַער ערע.	
אויסבילדונג פונעם יִדישן קיניגרײַך אין פּאלעסטינע . בערך	1000	יאָר
אונטערגאנג פונעם קיניגרײַך יִשׂראָעל	722	
יעהודע ווערט דעראָבערט	586	

פּערסיע.

	די יאָרן פאר דער נײַער ערע.
דאריו דער I	521—486
אלעקסאנדער מוקדן דעראָבערט פּערסיע	330

אינדיע.	**די יאָרן פאר דער נייער ערע.**
די אויסבילדונג פון שטעט מעלוכעס אין אינדיע . .	3000 יאָר
הערשאפט פון בראמאנען	ארום די יאָרן 1000—500
טשאנדראגופטא	320—291
אשאָקא	263—226
כינע.	
צין-שי-כואנדי	די יאָרן 221—209 פאר דער נייער ערע
אופשטאנד פון די „רויטע ברעמען"	די יאָרן 18—23 פון דער נייער ערע
אופשטאנד פון די „געלע טיורבאנען"	184-טן יאָר פון דער נייער ערע.
גריכנלאנד	**די יאָרן פאר דער נייער ערע.**
ערשטע אָלימפּיאדע	776
סאָלאָנס רעפאָרמעס	594
קליספענס רעפאָרמעס	509
גריכיש-פערסישע מילכאָמעס	500—449
די שלאכט בא מאראפאָנע	490
די שלאכט בא סאלאמינ	480
אויסבילדונג פונעם אטענישן יאם-פארבאנד	478
פעריקלס הערשאפט	445—430
די פעלאָפּאָנעסער מילכאָמע	431—404
דער ניקי-שאָלעמ	421
דער סיצילישער קריגס-מארש	415—413
די שלאכט בא כעראָניע. דער סאָף פון דער גריכישער אומאָפּהענגיקייט.	338
אלעקסאנדער מוקדן	336—323
די שלאכט בא סעלאסיע און דאָס דערשטיקן די רע-וואָליוציע אין ספּארטע	221
גריכנלאנד ווערט דעראָבערט דורך רוימ	146
רוימ.	**די יאָרן פאר דער נייער ערע.**
די לעגענדארע דאטע פון דער גרינדונג פון רוימ . .	753
די געזעצן פון XII טאָוולען	ארום די יאָרן 451—450
די פלעבייער דעראָבערן די קאָנסול-מאכט	366
פארניכטונג פון דער כויוועס-שקלאפעריי	326
ערשטע פונישע מילכאָמע	264—241
צווייטע פונישע מילכאָמע	218—201
די שלאכט בא קאַנ	216

די שלאכט בא זאמע . . . 202
דריטע פונישע מילכאָמע . . . 146—149
וויריאַטס אופשטאנד אין שפאניע . . . ארום די יאָרן 150—139
ערשטער אופשטאנד פון די שקלאפן אין סיציליע . . . 132—137
אריסטאָניקס אופשטאנד אין פערגאם . . . 130—133
די באוועגונג פון די גראקכן . . . 121—133
צווייטער אופשטאנד פון די שקלאפן אין סיציליע . . . 100—104
אופשטאנד כונעם איטאלישן פויערטום (מילכאָמע פון די פארבינדעטע) . . . 88—90
כולעס דיקטאטור . . . 79—82
סערטאָריס אופשטאנד אין שפאניע . . . 71—80
כפארטאקס אופשטאנד . . . 71—74
קאטילינעס פארשווערונג קעגן דער רעפובליק . . . 63
ערשטער טריומוויראט . . . 60
צעזאר ווערט דערמאָרדעט . . . 44
צווייטער טריומוויראט . . . 43
די שלאכט בא אקציום . . . 31
אווגוסטס רעגירן . . . 30-טן יאָר פאר דער נייער ערע — 14-טן יאָר פון דער נייער ערע.

די יאָרן פון דער נייער ערע.

נעראָן . . . 54—68
טיטוס מאכט כאָרעוו יערושאָלאים . . . 70
טראיאן . . . 98—117
מארק אורעלי . . . 161—180
סעפטימי סעווער . . . 193—211
די פרייע באפעלקערונג פון דער אימפעריע באקומט בירגער־רעכט . . . 212
אָנהייב פון דער רעוואָליוציע פין די שקלאפן און די אינוואזיע פון די בארבארן . . . III יאָרה.
דיאָקלעציאן . . . 284—305
די הויפטשטאָט ווערט אריבערגעפירט קיין קאָנסטאנטינאָפאָל . . . 330
אופשטאנד פון די וועסטגאָטן . . . 376—379
ענדגילטיקע צעטיילונג פון דער אימפעריע אף צוויי טיילן 395
אלאריכ נעמט איין רוים . . . 410
קאטאלאונער שלאכט . . . 451
ראָמול אווגוסטול — דער לעצטער רוימישער אימפעראַטאָר — ווערט אראָפּגעוואָרפן . . . 476

א י נ ה א ל ט

אַרײַנפיר.

זײַט

§ 1. דאָס לעבנ פונ די אוראלטע מענטשנ 3
§ 2. וויאזוי זײַנענ אופגעקומענ די שקלאפנבאזיצערישע מעלוכעס. היסטאָרישע דענקמעלער . 6

אוראלטער מיזרעכ.

I. עגיפּעט.

§ 3. די נאטור אונ די באפעלקערונג פונ עגיפּעט 12
§ 4. די אנטוויקלונג פונ דער ערדארבעט. די אויסבילדונג פונ מעלוכע 15
§ 5. די רעליגיע פונ די אוראלטע עגיפּטער 17
§ 6. די מעלוכע־אָרדענונג אינ עגיפּעט 21
§ 7. דער אופשטאנד פונ די פּויערימ אונ שקלאפנ. די אינוואזיע פונ די היקסאָסנ 26
§ 8. די עגיפּטישע דעראָבערונגענ 28
§ 9. דער קאמפּ קעגנ די כעטנ. ראמסעס דער II 32
§ 10. דער סאָפּ פונ דער זעלבשטענדיקײַט פונ עגיפּעט 33
§ 11. די עגיפּטישע קולטור 35

II. די עלטסטע מעלוכעס פונ מעסאָפּאָטאמיע.

§ 12. דאָרעמ־מעסאָפּאָטאמיע, איר נאטור אונ באפעלקערונג 38
§ 13. דאָס קיניגרײַכ באָוול 39
§ 14. די אסירישע דעראָבערונגענ 42
§ 15. די אסירישע קריגס־מעלוכע אונ איר אונטערגאנג 46
§ 16. דאָס נײַ־באָוולשע (כאלדייִשע) קיניגרײַכ 48
§ 17. די אסיריש־באָוולשע קולטור 49

III. פיניקיע, יעהודע, פּערסיע.

§ 18. פיניקיע 55
§ 19. די קיניגרײַכנ פונ יִסראָעל אונ יעהודע 56
§ 20. פּערסיע 60

IV. אלט־אינדיע.

§ 21. אלט־אינדיע. דאָס לאנד אונ די באפעלקערונג 63
§ 22. די מעלוכע פונ די בראמאנענ. די קאסטע־אָרדענונג אינ אינדיע 66
§ 23. דער בודיזמ. די באצווינגונג פונ אינדיע 68

2694—18

V. אלט-כינע.

זייט

§ 24. דאָס לאַנד אונ די באפעלקערונג . . . 72

§ 25. די עלטסטע געשיכטע פונ כינע. די פעריאָדנ פונ טשזשאָו, צינ אונ כאנ . . . 75

§ 26. די אופשטאנדנ פונ די „רויטע ברעמענ” אונ „געלע טיורבאנענ” . . . 78

§ 27. די קולטור פונ אלט-כינע . . . 80

דאָס אנטיקע גריכנלאנד.

I. דער עלטסטער פעריאָד פונ גריכנלאנד.

§ 28. דאָס לאַנד אונ די באפעלקערונג . . . 83

§ 29. די קריט-מיקענער קולטור . . . 85

§ 30. די גריכישע רעליגיע . . . 88

§ 31. מיפנ וועגנ העלדנ . . . 92

§ 32. דער מיפ וועגנ די ארגאָנאווטנ . . . 96

§ 33. דער אלט-גריכישער עפאָס. „איליאדע” . . . 97

§ 34. „אָדיסייע” . . . 100

§ 35. די צעפאלונג פונ די שטאמענ אונ דער אופקום פונ מעלוכע . . . 104

§ 36. א מעלוכע א שטאָט (פאָליס) . . . 106

§ 37. דער גריכישער האנדל אונ קאָלאָניזאציע . . . 107

§ 38. דער מיליטערישער שטייגער אונ די געזעלשאפטלעכע שפילנ. די אָראקולנ . . . 110

II. ספארטע.

§ 39. די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג פונ ספארטע . . . 113

§ 40. דער ספארטאנישער שטייגער אונ די דערציִונג-סיסטעמ. דער פעלאָפאָנעסער פארבאנד . 116

III. די אויסבילדונג פונ דער אטענישער מעלוכע.

§ 41. דאָס לאַנד אונ די באפעלקערונג, די אורעלטסטע אטיקע . . . 119

§ 42. דער רעוואָליוציאָנערער קאמפ. סאָלאָנ . . . 121

§ 43. די טיראניע אינ אטענ. קליפענס רעפאָרמע . . . 124

IV. די גריכיש-פערסישע מילכאָמעס אונ דער אופבלי פונ אטענ.

§ 44. דער אָנהייב פונ דער מילכאָמע . . . 127

§ 45. קסערקס' קריגס-מארש . . . 129

§ 46. די אטענישע יאמ-מעלוכע . . . 132

§ 47. די שקלאפעריי . . . 133

§ 48. פעריקל. דער אופבלי פונ דער שקלאפנבאזיצערישער דעמאָקראטיע . . . 136

V. פעלאָפאָנעסער מילכאָמע.

§ 49. די סיבעס אונ דער אָנהייב פונ דער מילכאָמע . . . 140

§ 50. דער סיציליער קריגס-מארש אונ די מאפאָלע פונ אטענ . . . 143

§ 51. דער סאָפ פונ דער מילכאָמע אונ די „טיראניע פונ די דרייסיק” . . . 145

§ 52. די אופשטאנדנ פונ די שקלאפנ אונ פונ דער אָרעמשאפט . . . 147

VI. די גריכישע קולטור.

§ 53. טעאטער . . . 148

§ 54. די גריכישע ליטעראטור (די טראגעדיע אונ די קאָמעדיע) . . . 151

§ 55. די קונסט . . . 154

§ 56. דער אויפקום פון וויסנשאפט 157
§ 57. סאָקראַט און פּלאַטאָן. אַריסטאָטעל 158

VII. גריכנלאַנד אונטער דער מאַכט פון מאַקעדאָניע.

§ 58. די לאַגע פון גריכנלאַנד אין IV יאָרהונדערט פאַר דער נײַער ערע 161
§ 59. מאַקעדאָניע. פיליפּ דער מאַקעדאָנער 163
§ 60. אַלעקסאַנדער דער מאַקעדאָנער (אַלעקסאַנדער מוקדן) און זײַנע מילכאָמעס 166
§ 61. די העליניסטישע מעלוכעס און זייער קולטור 169
§ 62. דער קאַמף קעגן מאַקעדאָניע און קעגן דער מאַכט פון די שקלאַפּנבאַזיצער. גריכנלאַנד ווערט אונטערטעניק צו רוים 174

ר ו י ם.

I. דער פריִיִקער פּעריאָד פון דער רוימישער געשיכטע.

§ 63. די נאַטור און די באַפעלקערונג פון דער אוראַלטער איטאַליע 176
§ 64. די פּאַטריציער און די פּלעבייער. סערוויי טוליי 179
§ 65. דער קאַמף צווישן די פּאַטריציער און פּלעבייער 181
§ 66. די דעראָבערונג פון איטאַליע 184
§ 67. דאָס רוימישע מיליטער. איטאַליע אונטער דער מאַכט פון רוים 187
§ 68. די רעליגיע פון די רוימער 189

II. די רוימישע דעראָבערונגען אויסער איטאַליע.

§ 69. די ערשטע פּונישע מילכאָמע (די יאָרן 264—241 פאַר דער נײַער ערע) 191
§ 70. די צווייטע פּונישע מילכאָמע (די יאָרן 218—201 פאַר דער נײַער ערע) 195
§ 71. דאָס דעראָבערן מאַקעדאָניע און גריכנלאַנד. די דריטע פּונישע מילכאָמע (די יאָרן 149—146 פאַר דער נײַער ערע) 199

III. דער שקלאַפּנבאַזיצערישער רוים (III—II יאָרה. פאַר דער נײַער ערע).

§ 72. די אַנטוויקלונג פון דער שקלאַפּן־אַרבעט און די לאַגע פון די שקלאַפּן 201
§ 73. די באַרײַכערונג פון די רוימישע פאַכטערס און וווכערניקעס 204
§ 74. דער לעבנסשטייגער און די קולטור פון רוים אין III און II יאָרה. פאַר דער נײַער ערע 206

IV. די אויפשטאַנדן פון די שקלאַפּן און פון דער פרײַער אָרעמשאַפט. דער אונטערגאַנג פון דער רוימישער רעפּובליק (די יאָרן 137—30 פאַר דער נײַער ערע).

§ 75. דער ערשטער שקלאַפּן־אויפשטאַנד אין סיציליע. אַריסטאָניקס אויפשטאַנד אין קליין־אַזיע . 207
§ 76. די רעפאָרמעס פון די ברידער גראַקכן. טיבעריי גראַקכ (133־טן יאָר פאַר דער נײַער ערע) . 211
§ 77. גײַ גראַקכ (די יאָרן 123—121 פאַר דער נײַער ערע) 214
§ 78. מאַריי און די מיליטערישע רעפאָרמע. די מילכאָמע מיט די קימווורען און טעווטאָנען . 215
§ 79. דער צווייטער שקלאַפּן־אויפשטאַנד אין סיציליע (די יאָרן 104—100 פאַר דער נײַער ערע) . 217
§ 80. דער אויפשטאַנד פון די איטאַליקן. סולעס דיקטאַטור 218
§ 81. דער קאַמף פון שפּאַניע קעגן רוים. וויריאַט און סערטאָריי 221
§ 82. ספּאַרטאַקס אויפשטאַנד 224
§ 83. קאַטילינעס פאַרשווערונג. פּאָמפּיי און צעזאַר 228
§ 84. דער ערשטער טריומוויראַט. צעזאַרס דיקטאַטור 230
§ 85. דער אונטערגאַנג פון דער רעפּובליק 234

V. די רוימישע אימפעריע פונ I אונ II יאָרה.
פונ דער נײַער ערע (פּרינציפּאַט)

§ 86. דאָס רעגירנ פונ אָקטאַװיִאַנ אװגוסט (פונ 30־טנ יאָר פאַר דער נײַער ערע בּיזנ 14־טנ יאָר פונ דער נײַער ערע) 236

§ 87. דער לעבּנסשטײגער אונ די קולטור פונ רוים צומ סאָפ פונ דער רעפּובּליק אונ אינ I יאָרה. פונ דער נײַער ערע. 239

§ 88. די רוימישע אימפּעריע אינ I יאָרה. פונ דער נײַער ערע 246

§ 89. די לאַגע פונ דער אימפּעריע. אופשטאַנדנ אינ די פּראָװינצנ 250

§ 90. די רוימישע אימפּעריע אפ דער גרענעצ פונ II אונ III יאָרה. פונ דער נײַער ערע. דער קאַמפּ קעגנ די באַרבּאַרנ. 253

VI. די רעװאָליוציע פונ די שקלאַפנ. די באַרבּאַרישע דעראָבּערונגענ אונ דער אומקומ פונ דער אימפּעריע.

§ 91. דער אָנקומ פונ דער רעװאָליוציע 257

§ 92. דיִאָקלעציִאַנ. דאָס קריסטנטומ 259

§ 93. קאָנסטאַנטינ אונ זײַנע נאָכפאָלגער. די צעפאַלונג פונ דער אימפּעריע 263

§ 94. די באַרבּאַרישע באַצװינגונגענ. דער אונטערגאַנג פונ דער רוימישער אימפּעריע. . . 266

כראָנאָלאָגישע טאַבּעלע. 270

История древнего мира
На еврейском языке.
Редактор перевода *М. Бирман.*

Подписано к печати 6/II-1941 г. А-35013. Учетно-издательских листов 21,6 + карт-вклеек 0,57.
Печатных листов 17,25 + 1 п. л. карт-вклеек. Тираж 31.000.
Цена в перепл. 3 р. 50 к.

17-я фабрика нац. книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига", Москва, Шлюзовая наб., д. 10.
Заказ № 2694.